STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01058

VU BISTU HAVER SIDOROV?

Hersh Smolar

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Morris & Ruth Dolinko
in memory of
Pejsach Dolinko

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערש סמאָליאַר

ווו ביסטו
חבר סידאָראָוו?

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
תשל"ה - 1975

HERSZ SMOLIAR

Vu Bistu Haver Sidorov?

פֿאַרלאַג י. ל. פרץ
רח' אלנבי 31, תל־אביב, ישראל

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv, Israel

פּאָרטרעט פֿון מחבר (זייט 5): געצייכנט פֿון לאה גרונדיג

©
Printed in Israel 1975
נדפס בישראל תשל"ה

סידור: משה חמיאל
הדפסה: „חבצלת", הרצליה



אַ וואָרט ביים סאַמע אָנהייב

געזאָגט האָט עס עמעצער אַנדערש, אָבער צוגעאייגנט האָב איך עס, ווי אויף מײַנע ליפּן וואָלט דאָס צום ערשטן מאָל אַרויסגעקומען. און דער „עמעצער אַנדערש”, וועמענס נאָמען כ׳קען זיך בשום-אופן נישט דערמאָנען, האָט אַזוי געזאָגט:

„דאָס לעבן — דאָס איז נישט יענע טעג, וואָס זענען פאַרבײַ, נאָר יענע, וואָס האָבן זיך פאַרגעדענקט”.

בעט איך בײַ דיר, זכּרון מײַנער, דין מיר אין דער איצטיקער שעה, אַרויסצוברענגען מיט דער פולער אמתדיקייט יענע טעג, וועלכע האָבן זיך פאַרגעדענקט און זענען דעריבער געוואָרן פאַר מיר דער תּוך פון דעם, וואָס הייסט: ל ע ב ן.

א מתנה

די געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן
פון גאָמולקאַ-פּוילן —
נינע, אַלעקסאַנדער און גענעק סמאָליאַר.

דער מחבר

1

מיט וואָס שמעקט די ערד

דערשפּירט האָב איך קודם־כּל דעם געזאַלצענעם טעם פון טריפנדיקן בלוט, ערשט דערנאָך דעם ווייטיק פון דער פרישער וווּנד אין מויל, וואָס איז געווען פול מיט זאַמד. כ'האָב געפּרוּווט זיך אויפהייבן פון דער ערד און דערפילט, אַז די פיס דינען מיר נישט. בין איך אַזוי געבליבן ליגן אין מיטן שאָסיי און זיך צוגעהערט צו דעם אָפּקלאַנג פון די וואָגנרעדער, וואָס האָבן זיך אײַליק דערווײַטערט און אָפּגענומען בײַ מיר די רעשטלעך האָפענונג זיי אָנצויאָגן.

דער אָפּהילך פון אַ האַסטיקן פערדגעלויף האָט פּלוצלונג געגעבן מיר כּוח אָװעקצופויזען אין אַ זײַט. דער רײַטער — האַלב־זעלנער, האַלב־ציווילער — האָט אין זײַן גאַלאָפּ אַפילו נישט געוואָרפן קיין בליק אין מײַן זײַט. זײַן קאָפּ האָט בלויז אויף אַ רגע זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק, און דעמאָלט האָב איך דערזען זײַנע אויגן — אַזעלכע אָנגעשטרענגטע, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן בײַם אַרויסקריכן פון דער אַרביטע. אַקוראַט ווי בײַ סידאַראָוון, בעת ער האָט מיט צאָרן אויסגעשאָסן דעם באַפעל:

— קליינער, קריך אַראָפּ פון וואָגן!

סידאַראָוו... אויפן אָרט פונעם ווייטיק אין פאַרווונדיקטן מויל איז געקומען מוראדיקער פאַרדראָס: פאַר וואָס האָט ער מיך נישט מיטגענומען?! זײַנע לעצטע רייד האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט מײַן עקשנות־דיקן קלאַמערן זיך אין די ברעטער פון מאַגיסטראַט־וואָגן.

„מוזסט צוריקגיין... טאַטע־מאַמע וואַרטן... אַן דײַן עלטערן ברודער — ווי וועלן זיי זיך אַן עצה געבן...‟

אויך די רייד וועגן דעם גורל פון מײַן עלטערן ברודער נתן, וועלכן די אָפּטרעטנדיקע פּוילישע אַרמיי האָט צוזאַמען מיט אַנדערע סאָציאַליס־טישע טוערס פאַרכאַפּט און — לויט ידיעות — דערשאָסן, האָבן נישט געווירקט. כ׳האָב נישט געוואָלט צוריקגיין אין דער פוסטער, אויף טויט דערשראָקענער שטאָט.

„מוזסט שוין אַהיים גיין! — איז מיליטעריש שטרענג געווען סידאָראָווס באַפעל — ביסט נאָך צו יונג (פּלוצלונג בין איך אים, בײַ מײַנע 15 יאָר, צו יונג געוואָרן...) מירן דאָך באַלד צוריקקומען...”

דאָס זענען געווען די לעצטע רייד פון קאָמיסאַר סידאָראָוו, וועלכער איז סך־הכל מיט עטלעכע וואָכן צוריק געקומען אַהער, קיין זעמבראָווע, כדי דאָ צו שאַפן די נײַע מאַכט. און דער לעצטער אויפטו זײַנער איז געווען — מיט זײַן שווערער האַנט האָט ער מיך אַפּגעריסן פון דעם וואָגן, אין וועלכן כ׳האָב זיך געקלאַמערט, און מיט אַזאַ כּעס אַ שטויס געטאָן, אַז כ׳בין געבליבן ליגן אויפן שאָסיי, אַרײַנאָטעמענדיק דעם שטויב, וואָס די צעפּלאָשעטע פערד און אײַלנדיקע וואָגנרעדער האָבן אויפגעהויבן.

אויסגעשפּיגן איין מאָל, אַ צווייטן מאָל דעם מיט בלוט דורכגעזאַפּטן זאַמד, האָב איך גענומען גיין צוריק צום שטעטל. כ׳בין שוין אין שטוב נישט אַרײַן. צום דריטן מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געמוזט אַנקומען צו דער שוועל פון אַ קעלער. צום דריטן מאָל.

מיט 5 יאָר פריִער איז עס געווען. די צאַרישע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן אונטערן דרוק פון דעם אַנגרײַפנדיקן פּרײַסישן מיליטער. דעמאָלט זענען מיר געלעגן אויסבאַהאַלטן אינעם זעלביקן קעלער. מיט פּחד האָבן מיר זיך צוגעהערט צו דעם געלויף פון קאָזאַקישע פערד, צו דער געדיכטער זידלערײַ פון די אָפיצערן, וועלכע האָבן באַפוילן וואָס גיכער נעלם צו ווערן.

צום צווייטן מאָל האָט דער קעלער אונדז געדינט ווי אַ שוצגראָבן ערשט מיט אַ קנאַפּן חודש צוריק. דאָ האָבן מיר איבערגעלעבט לאַנגע שעהען אין שרעק, אַז עס זאָלן זיך נישט אַרײַנכאַפּן אַהער די אַנטלויפנדיקע פּוילישע זעלנער. דאָ איז שפּעטער, נאָך אַ קורצער, אָבער העפטיקער קעגנזײַטיקער שיסערײַ, ווען אַ טויטע שטילקייט האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן רוישן אין דעם אַנגעשטרענגטן מוח, אויפגעקומען די האָפענונג פאַר

אונדז, באַליידיקטע און פאַרפאַלגטע דורך דעם מיליטער פון דער נײַ־אַנטשטאַנענער פוילישער מלוכה.

ווי לאַנג האָבן מיר דערויף געוואַרט! — ווער האָט עס דען געקענט פאַרויסזען דעמאָלט, ווען די צײַט האָט פאַרלוירן איר נאָרמאַלן גאַנג, ווען נישט געוווּסט האָבן מיר, צי עס איז טאָג, צי עס איז נאַכט. אין דער טיפער קעלער־חשכות האָט בלויז אַ בלאַנק געטאָן דאָס פאַרבאַנדאַזשירטע פּנים פון אונדזער שכן, וועלכער איז נאָך אָפּגעקומען מיט רחמים — מען האָט אים נישט אַרויסגעוואָרפן פון צוג, אין פולן גאַנג, מען האָט אים בלויז אויסגעשמירט די באָרד מיט פעך און זי אונטערגעצונדן.

אין דער קעלער־שטילקייט האָט זיך געהערט בלויז דאָס שנעלע אָטע־מען פון אַ קינד, וואָס זויגט דער מאַמעס ברוסט. פון דער גאַס האָט זיך שוין מער נישט געהערט דער מאַרש־געזאַנג וועגן ייִדן־פּחדנים, וואָס באַ־האַלטן זיך אויס, נישט צו גיין אין מיליטער. מיר האָבן אויך נישט געהערט דאָס בילן פון די הינט, וועלכע מען פלעגט אָנרייצן אויף אונדז, ייִדישע קינדער, בעת מיר האָבן דורך דער פּאָשוויאַנטנע גאַס געפּרוּווט דורכגיין מיטן נאָענטסטן וועג צום „קעסל־גאַרדן" — צום איינציקן טיפן אָרט אינעם שטעטלדיקן טײַך, ווּ מען האָט זיך געקענט אויסבאָדן.

און מען האָט מער נישט געהערט דאָס גסיסהדיקע כאָרכלען פון דעם ייִדן, בײַ וועלכן מען האָט אין מיטן מאַרק אַראָפּגעצויגן די מלבושים און אָוועקגעלייגט אים מיטן פּנים צום פאַרבלאָטיקטן ברוק. דאָס האָבן פוילישע מיליטער־לײַט פאַרלאַנגט פון אים אַן ענטפער: „מיט וואָס שמעקט די פוילישע ערד?" און אַז ער האָט געענטפערט, אַז זי שמעקט מיט קויט, מיט בלאָטע, מיט פערדישער השתנה — האָט מען אים גענומען שמייסן איבערן נאַקעטן לײַב, איבערחזרנדיק דערבײַ מיט נאָך מער רציחה: „ענט־פער, זשידזשע, מיט וואָס שמעקט די פוילישע ערד?" האָט דער ייִד שטיל־שטילער געענטפערט, אַז מיט בלוט שמעקט זי, מיטן בלוט פון זײַן צע־קיילטן גוף... אַ שטעטל ייִדן האָט געהערט דעם ווײ־געשריי פונעם פאַר־פײַניקטן און דעם רציחה־אויסבראָך פון די, וועלכע האָבן דעם ייִדן אונ־טערגעזאָגט דעם „ריכטיקן" ענטפער: „מיט פוילן, זשידזשע, שמעקט די

ערד, מיט פוילן!״... דערהערט האָבן אָבער אַלע אין קעלער שטילע, ווייכע טריט פון איינעם, וואָס האָט דאָ, לעבן אונדז, זיך אָפּגעשטעלט און גערופן:

— הענריק, ווו ביסטו?!

בלויז איך איינער האָב געוווסט, אַז דאָס מיינט מען טאַקע מיך. אַזאַ מין פאַרשטעלטן נאָמען — אַ פּסעוודאָנים — האָט מען מיר געגעבן מיט אַ יאָר צוריק, ווען כ׳בין געשיקט געוואָרן קיין וואַרשע אויפן אומלעגאַלן סאָציאַליסטישן יוגנט־צוזאַמענפאָר, כּדי דאָרט צו באַשליסן, צי זענען מיר פאַר דעמאָקראַטיע, אָדער פאַר דיקטאַטור. וואָס אַן אמת, האָבן אייגענע יאָטן געחוזקט פון מיין „אינטעליגענטן״ צונאָמען, איבעררופנדיק מיך: „הענריק־שמענדריק״, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי געוווסט אַנצוזאָגן, אַז דער זעלביקער „הענריק״, דער סעקרעטאַר זייערער, באַקומט נישט אַנדערש, ווי אַן אימפּעראַטיוון מאַנדאַט צו שטימען בלויז פאַר דיקטאַטור.

— הענריק, ווו ביסטו?!

דאָס האָט מיך גערופן דער עלטערער, דערפאַרענער חבר, דער וואַר־שעווער מעטאַל־אַרבעטער אַלעקסאַנדער־זיסקינד זאַבלודאָווסקי, וועלכער האָט באַצייטנס זיך אויסבאַהאַלטן און אַזוי אַרום אויסגעמיטן אַריינצופאַלן אין די הענט פון די זשאַנדאַרן. כ׳האָב מיך גענומען פאַמעלעכל, שטיל אַרויסגליטשן פון קעלער, ווייזט אויס אָבער — נישט גענוג שטיל, כּדי מיין מאַמע זאָל דאָס נישט דערהערן. האָט זי מיך אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל און... איז געבליבן מיט מיין רעקל אין דער האַנט.

פון אַלעקסאַנדערן האָב איך זיך דערוווסט, וואָס זענען עס פאַר אַ מענטשן־מאַסן, וואָס איילן מיטן שאָסיי פון ביאַליסטאָק אויף וואַרשע. אין שטאָט איז שוין די רויטע אַרמיי. אין מאַגיסטראַט וואַרט מען אויף סאָציאַ־ליסטן פון אַלע ריכטונגען. מען וויל דאָרט שאַפן אַ נייע מאַכט. מיר זענען אַוועק אַהין.

צום ערשטן מאָל האָב איך זיי געזען, די געקומענע פון רויטן מיזרח. מענטשן אין פאַרשידענע מלבושים — האַלב־מיליטערישע, האַלב־ציווילע, אַלע אָבער מיט פּיסטאָלעטן, אַראָפּהענגענדיקע ביי דער זייט, און מיט אַ העליש פייער אין די אויגן. מענטשן אָפּגעצערטע, נישט אויסגעשלאָפענע,

מיט הייזעריקע שטימען. דאָ זענען שוין געווען אויך עטלעכע היגע טוערס פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דער מיליטער־מאַן מיטן בלאָנדן צעשוי־בערטן קאָפּ האָט זיך געווענדט צו יעדן פון זיי באַזונדער, ער האָט גערעדט אַזוי שנעל, אַז כ׳האָב אַפילו נישט געקענט כאַפּן דעם אייגנאַרטיקן קלאַנג פון זײַנע ווערטער. ס׳האַרץ בײַ מיר האָט אָבער, ווי אין אוניסאָן צו זײַנע רעדן, געגומען קלאַפּן אַלץ האַסטיקער. אומגעריכט האָט ער זיך אַ קער געטאָן אין מײַן זײַט, דערלאַנגט מיר זײַן ביינערדיק שאַרפע האַנט און — דאָס האָב איך שוין גוט פאַרשטאַנען — געזאָגט, אַז ער הייסט סידאָראָוו „און דו, זאָגט ער, ביסט עס דער געגריך?״ (שפּעטער איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן די דאָזיקע אומוואַנדלונג פון הענריק אויף געגריך — עס לאָזט זיך דאָך שוין נישט גראַמען מיט שמענדריק...).

יאָ, דאָס בין איך. שוין אַ יאָר צווײ, אַז עלטערע, דערפאַרענע סאָציאַ־ליסטן רעדן מיט מיר ווי מיט זייערס גלײַכן. צום ערשטן מאָל אָבער האָט אַזוי גערעדט צו מיר אַ מענטש מיט אַ פּיסטאָלעט בײַ דער זײַט, וואָס איז געקומען שאַפן אַ נײַע מאַכט און לייגט פאָר, אַז אויך איך זאָל ווערן אַ שטיקל מאַכט — פאַרטרעטער פון דער אַרבעטער־יוגנט אינעם „רעווקאָם״ (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט). כ׳בין געשטאַנען פאַר אים מיט אַן אָנגע־שטרענגטן בליק, מורא געהאַט דורכצולאָזן אַ וואָרט פון זײַנע אומפאַר־שטענדלעכע רייד. נישט געהאָלפן האָט דער אײַנגעהאַלטענער שמייכל אין זאַבלודאָווסקיס אויגן, וועלכע האָבן דערמוטיקנדיק אַריבערגעקוקט איבער די דראָטענע ברילן, צוגעווונקען, אַז כ׳זאָל עפּעס וואָס זאָגן, ענטפערן. און איך האָב גאָרנישט געענטפערט.

אויף צו מאָרגנס, אַ שטיק נאָך האַלבן טאָג בין איך איינער אַליין אַוועק צו דער פּאָשוויאָנטנער גאַס, זי דורכגעשפּרײַזט הין און צוריק און צום ערשטן מאָל נישט געהערט, אַז אַ הונט זאָל אַ ביל טאָן. פון דאַנעט האָב איך דורכגעמאַכט דעם וועג ביזן מאַגיסטראַט, כּדי צו דערשפּירן, ממש אויף דער צונג, וואָס אַזוינס הייסט „מאַכט״.

צערעדט האָב איך זיך מיט סידאָראָוון, ווען כ׳בין מעשׂה באַלעבאָס אַרײַן אין זײַן צימער און דאָרט קיינעם, חוץ אים אַליין, נישט געטראָפן. מיט אַ מין קוידער־לשון פון פּוילישע, רוסישע און יִידישע ווערטער האָב

איך געקומען אַרײַנטענהן אין אים, אַז ס׳איז נישט פֿאַר מיר — װער װעט מיך דען הערן? נישט די אײגענע און אַװדאי נישט די פֿון פּאַשװיאַנטנע, אָדער די — װאָס קומען זונטיק אין קלױסטער אַרײַן פֿון אַלע נאָענטע דערפֿער. װי קום איך, אַ ייִדיש ייִנגל? אַװדאי, אַ סאָציאַליסט. זיכער װעט קומען אַ צײַט, װי ער, סידאָראָװ זאָגט, און אַלע װעלן זײַן גלײַך. אָבער דאָ, איצט...

כ׳האָב געזען, װי די אויגן בײַ סידאָראָװן האָבן פֿון כּעס געקומען זיך אויסצײַען, צונויפֿדריקן, קוקנדיק אַלץ אַנגעשטרענגטער, געדאַכט האָט זיך — אַפֿילו מיט אַ מין פֿאַראַכטונג אויף מיר. פֿון זײַנע שנעלע רייד האָב איך בלויז פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז אומצופֿרידן, שטאַרק אומצופֿרידן מיט מיר, אַז כ׳בין פּשוט אַן אומבאַװוסטזיניקער עלעמענט. װײַל ס׳איז צײַט, אַז איך זאָל װיסן: די רעװאָלוציע, װעלכע האָט אים און זײַנס גלײַכן געשיקט אַהער, האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע מינים אונטערשיידן — ייִדן — נישט־ייִדן, װעמען גייט עס אָן? דער עיקר: מען דאַרף שלאָגן די שׂונאים, אַלע, אָן אויסנאַם, אָבער צװישן פֿרײַנד — נישטאָ קיין חילוק אויף װאָס פֿאַר אַ לשון זיי רעדן און װי אַזוי זיי רעדן. אָט, זײַן חברס טאַטן האָבן די „װײַסע״ געכאַפּט און דערהרגעט, װײַל די „ריש״ פּלעגט בײַ אים אַרויס פֿונעם גאָרגל און נישט פֿון אונטער דער טאַנצנדיקער צונג. בײַ אונדז אָבער — רעד װי דו װילסט, אָבי זאָלסט שלאָגן די „װײַסע״, די „גרינע״ און אַנדערע שװאַרץ־יאָרן. האָסט פֿאַרשטאַנען?״

אַװדאי האָב איך פֿאַרשטאַנען, געװוּסט עס נאָך איידער סידאָראָװ האָט מיר דאָס אויף זײַן שטייגער דערקלערט. פֿאַרשטאַנען האָב איך, אַז אַזוי דאַרף זײַן, לויט די קליינע ביכלעך, װאָס מיר האָבן געהאַט געלייענט אין אונדזער סאָציאַליסטישן יוגנטקרײַז. אָבער דאָ, בײַ אונדז — װי אַזוי מאַכט מען עס? — דערויף האָבן מיר שוין אויסגעפּעלט װערטער.

פֿאַר װאָס זשע, אויב אַזוי, האָט ער, סידאָראָװ, גראָד מיך אַראָפּגעזעצט פֿונעם װאָגן?

ענטפֿער, סידאָראָװ!

פֿונעם פֿאַרביטערטן האַרץ האָט זיך געריסן די טענה בעת צום דריטן מאָל בין איך געבליבן פֿאַרשטעקט אינעם זעלבן קעלער — דאָס מאָל שוין

איינער אַליין, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון די אַרײַנמאַרשירנדיקע פּוילישע מיליטער־טיילן, פון די „קאָנאַרקעס" (זשאַנדאַרמען), וועלכע האָבן תּיכּף גענומען נישטערן, זוכן, קודם־כּל די טוערס פון רעווקאָם און פון דער רויטער מיליץ.

בײַ נאַכט האָט די שוועסטער געבראַכט מיר עסן און אָנגעזאָגט, אַז דער טאַטע וועט מיך אַריבערפירן אין אַ צווייטן, מער זיכערן אָרט, ווײַל...

אויפן לאָמזשער שאָסיי, נישט ווײַט פונעם בית־עולם, האָט מען געפונען דעם קערפּער פון זלמן שקלאָווין. די הענט און פיס אָפּגעהאַקט, קוים צו דערקענען דאָס פּנים פון דעם שטענדיק גוטמוטיקן מענטשן, וועלכער האָט אַלע יאָרן, צוזאַמען מיט דער זאָרג פאַר פּרנסה, געזאָרגט פאַר דער ביבליאָטעק, פאַר אויפפירן אויף דער סצענע פון דער פײַערלעשער־שאָפּע יעקב גאָרדינס פּיעסעס, פאַר אײַנלאַדן אַ רעדנער פון דער גרויסער שטאָט. און אַז ס'איז אײַנגעשטעלט געוואָרן די מאַכט פונעם רעווקאָם, האָט ער זיך אין דינסט געשטעלט מיט אַלע זײַנע פעיִקייטן. געזאָרגט האָט ער, אַז עס זאָל קיין ברויט נישט פעלן און אַז אַלע זאָלן באמת דערפילן, אַז מ'קאָן לעבן אַ ווערדיק מענטשלעך לעבן.

ווען סידאָראָוו מיט די רעווקאָם־מיטגלידער האָבן שנעל פאַרלאָזט די שטאָט, איז זלמן שקלאָווין צווישן זיי נישט געווען. דער פּוילישער אַפּטייקער האָט זיך אונטערגענומען אים אויסצובאַהאַלטן בײַ זיך. מען האָט אים אַרויסגענומען פון דער באַהעלטעניש און אויף דעם סאַמע אכזריותדיקן אופן דערמאָרדעט.

באַלד האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זשאַנדאַרמעריע גייט מיט אַ צעטל פון שטוב צו שטוב, זוכט די רעווקאָמניקעס. מען זוכט אויך איינעם אַ „גענריך".

וואָכן לאַנג בין איך אָפּגעלעגן בײַם שכן, דעם פּוילישן וורשטןמאַכער, אין שטאַל אויף היי, כּדי איבערצוּוואַרטן ביז די טעראָר־כוואַליע וועט פאַרבײַ און זיך דורכשלײַכן צו דער אַרבעט.

פון אַמאָליקן פריילעכן טומל אין וואַרשטאַט, בעת דער אַרבעט, פון די שמועסן און דיסקוסיעס וועגן אַלע שטאָטישע און מדינה־נײַעס, איז

קיין זכר נישט געבליבן. געאַרבעט האָט מען שווייַגנדיק, אַקוראַט ווי יעדער פון אונדז וואָלט אַן אָבל געווען.

אין יענע טרויעריק שטילע טעג, בייַ דער מאַשין, איז געבוירן געוואָרן דער עקשנותדיקער פאַרלאַנג און נאָך דעם — באַשלוס, זיך צו לאָזן „אויף יענער זייַט״, כדי אויפצוזוכן סידאָראָוון.

2

תחית־המתים צום צווייטן מאָל

דעם טעם פון אַ ביסל שבתדיקן צימעס אין אַ פּראָסטן מיטוואָך האָב איך דעמאָלט געהאַט דערפילט צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן. זאַלבע דריט האָבן מיר פאַרנומען אַ טישל אינעם רעסטאָראַן פון דער „אַרבעטער־היים" אין וואַרשע אויף קאַרמעליצקע־גאַס 23. אין אויבנאָן — דער אַלטער רעוואָלוציאָנער, געוועזענער טוער פון דער לינקער פּוילישער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.־לעוויצע), משה מעזריטשער (קויפמאַן); מיטן פּלייצע צום „עולם" איז געזעסן אַ פולשטענדיק אומבאַקאַנטער הויכער דאַרער יונגער־מאַן מיט אַ פאַרשפּיצטער יִדישער נאָז און נאָך אַנאַנד דיס־קרעט זיך אַרומגעקוקט. צווישן זייביידע — איך, וואָס האָב שוין עטלעכע וואָכן זיך געהאַט אַרומגעוואַלגערט אין דער גרויסער שטאָט אָן „אומלע־גאַלער", אין ערגעץ נישט קיין געמאָלדענער. גאַנצע טעג בין איך געווען פאַרנומען מיט זוכן „אַ טאָג אַרבעט".

געזען האָב איך, ווי מײַנע צוויי מיטעסערס ווינקען זיך דורך מיט אַ שמייכל, פאַרחידושטע פון מײַן נישט־געשטילטן אַפּעטיט. ווען כ'האָב אָבער דערהערט דאָס פליסטערן פון מײַן אַפּוטרופּוס, משה מעזריטשער, וועלכער האָט נישט געקוקט אין מײַן זײַט, נאָר ווי גערעדט צום טעלער, בין איך געבליבן מיט אַ נישט־דערעסענעם ביסן אין מויל.

— פאַרגעדענק גוט, וואָס דער דאָזיקער חבר וועט דיר דאָ זאָגן. זאָלסט וויסן זײַן, אַז קיינער וועט דיך פאַר דער האַנט נישט פירן, וועסט אַליין דאַרפן דורכמאַכן דעם וועג...

דער וועג, אין אַן איבערגעפולטן, פולשטענדיק פינצטערן וואַגאָן האָט געפירט פון וואַרשע ביז בריסק, און פון דאָרט — קיין באַראַנאָוויטש. פון דעם הויכן לאַנגנאָזיקן חבר האָב איך באַקומען אַן אַדרעס, אויף וועלכן כ׳האָב באַדאַרפט קומען, נישט נאָכפרעגנדיק ביי קיינעם דעם וועג. דער באַלעבאָסטע דאַרף מען זאָגן, אַז געשיקט האָט מיך צו איר באָריס, כ׳זאָל דאָ איבערנעכטיקן.

אַ ביסל האָב איך פאַרט געבלאָנדזשעט, זוכנדיק די גאַס, וואָס איז גראָד נישט ווייט געווען פון וואָקזאַל. די באַלעבאָסטע האָט מיך אָנגעקוקט גיכער מיט רחמנות, איידער מיט כּעס, אונטערבורטשענדיק דערביי: „זעט נאָר דעם פאַרשוין — אַזאַ קומט אויך אַהער!" וואָס דער „אַהער" האָט באַטייט, האָב איך דעמאָלט נישט געוווּסט. ביי נאַכט האָט זיך לעבן מיין בעט באַוויזן דער לאַנגנאָזיקער (מסתּמא איז ער עס דער „באָריס"). ער האָט באַפוילן כ׳זאָל שנעל זיך אָנטאָן און אַרויס אין הויף. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ בויד מיט אַ באַלעגאָלע, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אַרום די פערד און נאָענט לעבן אים זענען געשטאַנען דריי מאַנצבילן, צוויי פון זיי אין ווייסע סטודענטישע היטעלעך. באַלד איז אָנגעקומען באָריס און מיט אים אַ יונגע פרוי. „אַלע זענען אויפן אָרט" — האָט ער מיליטעריש ראַ־פּאָרטירט און אונטערגעיאָגט דעם באַלעגאָלע, אַז ס׳איז צייט צו רירן זיך אין וועג אַריין. דערזעענדיק מיך, ווי כ׳שטיי אין מיינע קורצע הייזלעך און ס׳טרייסלט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן, האָט ער שטרענג אַ פרעג געטאָן: „און וווּ איז דיין באַגאַזש?" יאָ, כ׳האָב טאַקע פאַרגעסן. הינטער דעם קישן האָב איך געלאָזט דאָס זעקעלע מיט 2 העמדער, וואָס מיין מאַמע האָט מיר געַ־האַט מיטגעגעבן, און עטלעכע בייגל — אַ מתּנה פון משה מעזריטשערן.

דער וואָגן האָט גערירט. איך האָב מיך איינגעוויקלט אין דעם היי, וואָס האָט אונדז געדינט אַלס געזעס און בין אַנטשלאָפן געוואָרן. פאַר טאָג זענען מיר אָנגעקומען אין בייגרענעץ־שטעטל קלעצק. נאָך איידער מיר זענען פאַרפאָרן צו אַ ייִדן אין אַן אַכסניה, האָט באָריס באַוויזן אָנצוזאָגן די סטודענטן, אַז אויב מען וועט פרעגן נאָך וואָס זיי זענען אַהער געקומען, זאָלן זיי זאָגן, אַז כּדי צו פאַרשן די היגע נאַטור; די פרוי ווידער איז גע־קומען זיך זען מיט אַ חתן. „און איך?" — „גיי שוין, גיי — האָט ער מיט

ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ביי דיר וועט קיינער גאָרנישט פרעגן״.

געשען איז אָבער פונקט פאַרקערט. בלויז ביי מיר האָט מען געפרעגט, און נאָך ווי געפרעגט...

עטלעכע טעג זענען מיר אָפּגעזעסן אין דעם דאָזיקן שטעטל. פון מײַנע מיטפּאַסאַזשירן האָט קיינער זיך נישט באַוויזן אין מיטן העלן טאָג. אָבער איך פלעג זיך אַרומדרייען מיט אָרטיקע יאַטלעך, וועלכע זענען שטאַרק נײַגעריק געווען צו וויסן, נאָך וואָס בין איך אַהער געקומען, און צי אַלע אין דער גרויסער שטאָט טראָגן קורצע הייזלעך און אַזעלכע פרענטשן מיט פיר קעשענעס?

די קורצע הייזלעך — דאָס איז געווען מײַן מאַמעס אײַנפאַל, כּדי כ׳זאָל אויסזען קינדעריש און מ׳זאָל מיך נישט חושד זײַן, אַז כ׳האָב געהאַט עפּעס אַ שייכות צום רעוואָקאָם; דעם פרענטש ווידער האָט מען מיר געמאַכט לויט מײַן אייגענער באַשטעלונג. אַזאַ האָט געטראָגן סידאָראָוו...

געוואַרט האָבן מיר אויף אַ נאַכט, ווען עס וועט זיך מער נישט באַווײַזן די לבנה. שטאַק־פינצטער איז געווען ווען מיר האָבן ווידער — שוין אין אַן אַנדער וואָגן מיט אַן אַנדער באַלעגאָלע — זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. באָריס האָט שטרענג אָנגעזאָגט: קיין פּיפּס פון מויל דעם גאַנצן וועג! טאָן בלויז דאָס וואָס ער וועט הייסן. רעדן, — ווען און ווו מ׳וועט דאַרפן — וועט בלויז ער. מיר האָבן געהערט אַ וויינכן, שטילן סקריפּען פון רעדער נישט ווײַט פאַר אונדזער וואָגן. ווער עס זענען געווען יענע פאָרערס, האָב איך זיך ערשט נאָכדעם דערוווּסט.

אַן אײַנגעקאָרטשעטער און האַלב־דרימלענדיקער האָב איך אויפגעציטערט פונעם שאַרפן שײַן, וואָס האָט פּלוצלונג באַלויכטן אונדזערע פּנימער און פון האַרטן באַפעל צום באַלעגאָלע, אַז ער זאָל אָפּשטעלן די פערד. באַלד זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן דורך פּוילישע פעלד־זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן אונדז באַפוילן אַראָפּצוקריכן פונעם וואָגן. זיי האָבן אונדז געפירט איינעם הינטערן אַנדערן מיט אַ שמאָלן פעלדוועג ביז מיר זענען אָנגעקומען צום גרענעץ־פּאָסטן פון דער זשאַנדאַרמעריע. איניקע

פון די וועכטערס האָבן געגומען שפּאָטן פון אונדז: „מיט וואָגן ,נא שפּיץ' האָט איר זיך אויסגעקליבן אין באָלשעוויסטישן גן־עדן". אַנדערע האָבן געמאַכט קאָמפּלימענטן אונדזער מיטפּאַסאַזשירקע. (ערשט דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל, אין דער ליכטיק, דערזען די פּנימער פון מײַנע מיטפּאַסאַזשירן — פון די דרײַ פּוילישע סטודענטן און פון דער יונגער ייִדישער פרוי).

אינעם פּאָדערהויז, ווו מען האָט אונדז געלאָזט שטיין, איז אַרײַן אַן עלטערער אָפיציר. ער האָט געהאַלטן מײַן זעקעלע אין דער האַנט, אויפגעהויבן אין דער הייך און געפרעגט: „וועמענס איז עס?" כ'האָב אַ רגע אים אָנגעקוקט פאַרחידושט און שטיל געענטפערט, אַז דאָס זעקעלע איז מײַנס. אָן אַ וואָרט צו זאָגן האָט דער אָפיציר מיך אַ שלעפּ געטאָן פאַרן קאָלנער און אַרײַנגעשטויסן צו זיך אין דער קאַנצעלאַריע, ווו עס זענען געזעסן נאָך צוויי זשאַנדאַרמען.

— אַזוי יונג און שוין אַ באָלשעוויק? — האָט ער אַרויסגערעוועט, אָנשטעלנדיק אויף מיר אַ פּאָר שפּיציקע אויגן, פול מיט צאָרן.

— אַ וואָס? — פרעג איך בײַ אים תּמעוואַטע — כ'בין אַ קאָמאַשןשטעפּער און האָב נישט קיין אַרבעט, פאַר איך זוכן אַרבעט...

— ווער האָט דיר דאָס זעקל געגעבן?

— מײַן מאַמע. זי האָט מיר מיטגעגעבן די וועש.

— נו, און דאָס האָט דיר אויך מיטגעגעבן דײַן מאַמע? — און בעת־מעשה האָט ער אַרויסגעשאָטן פונעם זעקל אַ סך פּאַפּירלעך, ביכלעך אין ווײַסע טאָוועלעך און בויגנס, צונויפגעוויקלט און פאַרשנורעוועט. וואָס דאָס איז אַזוינס האָב איך נישט אָנגעהויבן צו וויסן. פון וואַנעט קומט דאָס אַלץ צו מיר אין זעקל? וואָס ווילן זיי פון מיר? איך קלויב זיך שוין צו זאָגן, אַז כ'ווייס נישט, אַז ס'איז נישט מײַנס, כ'פאַרליר אָבער באַלד דאָס לשון. אַ קרעכץ בלויז רײַסט זיך אַרויס פון מיר. אין די אויגן איז מיר פינצטער געוואָרן. כ'פיל ווי דאָס גאַנצע פּנים פלאַמט פונעם זעץ, וואָס כ'האָב געכאַפּט פון זשאַנדאַר, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו שרײַען — כ'האָב נישט געוווסט צו וועמען: „גיב אים, דעם זשידעק, פּולווער, גיב אים!"...

— ווּעסט רעדן, אָדער מיר פּטרן דיר דאָ באַלד אויפן אָרט ?! — האָט אַ צעיושעטער געשריִען דער אָפיציר. און ווידער האָט איינער פון די צוויי שלעגערס זיך געוואָרפן אויף מיר.

מיט די לעצטע כּוחות האָב איך אָנגעהויבן שרייַען : „ראַטעוועט מיך !" מען האָט מיך אָבער באַלד אַרייַנגעשטופּט אין מויל אַ נאַסע שמאַטע. איינער פון די זשאַנדאַרן האָט בעת־מעשׂה אָפּגעשפּיליעט זייַן פּאַטראָנען־טאַש, אָפּגעציילט 4 קוילן און זיי אַרייַנגעלייגט צווישן די פינגער פון מייַן רעכ־טער האַנט, אַרויסגעכאַפּט דעם פּיסטאָלעט און אים אָנגעשטעלט אויף מיר.

— צום לעצטן מאָל זאָג איך דיר — האָט אַרויסגעצישעט דער אָפּי־ציר — ענטפער, ווער און ווו האָט דיר געגעבן דעם שפּיאָנען־מאַטעריאַל ?

ער האָט אַרויסגעצויגן די שמאַטע פון מייַן מויל און איך האָב גענו־מען שנעל, שנעל אָפּעטעמען. כ'האָב קוים באַוויזן אויסצושרייַען, אַז איך ווייס גאָרנישט, ווי שפּילקעס האָבן גענומען דורכדרינגען אַלע מייַנע אבֿרים, דערגייענדיק צום האַרץ, וואָס האָט האַסטיק גענומען צאַפּלען און באַלד אַזוי ווי זיך אָפּשטעלן. איך האָב מער נישט געפילט דעם ווייטיק פון די צונויפגעדריקטע פינגער, צווישן וועלכע עס האָבן געשטעקט די ביקס־קוילן.

...ווען כ'האָב געעפנט די אויגן, האָב איך קודם־כּל דערזען איבער זיך אַ צעוויינטן פרויען־פּנים. אַקוראַט ווי דעמאָלט, מיט העכער צען יאָר צו־ריק, ווען כ'בין צום ערשטן מאָל תּחית־המתים אויפגעשטאַנען. דעמאָלט איז עס געווען מייַן מאַמע. און ווער איז די פרוי, וואָס קוקט איצט אויף מיר מיט אַזוי פיל רחמנות ? פּונקט ווי דעמאָלט האָב איך אויך דאָס מאָל דערפילט, אַז כ'ליג אין אַ קאַלוזשע און אַלץ אויף מיר איז נאַס, און פון די האָר און פון פּנים רינט וואַסער. מיר איז קאַלט געוואָרן און נאָכדעם וואַרעם. פּונקט ווי דעמאָלט — —

נישט אַזוי פונעם אייגענעם זכּרון, ווי פון דעם, וואָס די מאַמע האָט דערציילט, האָב איך געוווּסט, אַז צום ערשטן מאָל בין איך פון טויט לע־בעדיק געוואָרן, ווען כ'בין אַלט געווען פינפטהאַלבן יאָר. געשען איז אַזוי :

געוויינטלעך, פאַרן אייַנשלאָפן, פלעגט מייַן מאַמע צוגיין צו מייַן גע־לעגער, פאַרריכטן אויף מיר די קאָלדרע. אין יענעם אָוונט איז זי פלוצלונג

זיך פֿאַרגאַנגען אין אַזאַ מין ספּאַזמישן געשריי, אַז נישט בלויז דער טאַטע — דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן, און דערנאָך די נאָענט־סטע שכנים, כּדי זיך דערוויסן וואָס פֿאַר אַן אומגליק עס איז ביי אונדז געשען. און דער אומגליק איז געווען גרויס, זייער גרויס. עס ליגט אין בעט אַ ייִנגל מיט ברייט צעעפֿנטע, טויט־דערשראָקענע אויגן און נישט מען הערט זײַן קול און נישט מען פֿילט זײַן אָטעם. מען לויפֿט נאָך אַ דאָק־טער, אָבער ביז וואָס־ווען פּאַטשט מען מיר איבער די באַקן, קוועטשט מען מיר די שלייפֿן, עמעצער עצהט צו גיסן אויף מיר וואַסער. און איך הער דאָס יאָמערן פֿון מײַן מאַמען, דאָס געוויין פֿון מײַנע שוועסטער און קען זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּרופֿן. דערציילט האָט מען, אַז די ערשטע האָט עס אַ שכנה באַמערקט. פּלוצלונג זענען מיר די אויגן־לעפּלעך אַראָפּגעפֿאַלן און באַלד האָט עמעצער דערהערט, אַז כ׳האָב אַ שטילן קרעכץ געטאָן. כ׳האָב גענומען אויפֿרײַסן די אויגן און זיך אַרומקוקן. שטיל, מוראדיק שטיל איז געוואָרן אַרום מיר און איך האָב בלויז באַוויזן צו פֿרעגן: „אַלע פֿאַרברענט?" און ווידער צוגעקוועטשט די אויגן־לעפּלעך. די מאַמע האָט מיר אַ לעפֿעלע טיי אַרײַנגעגעבן און כ׳האָב זיך גענומען אויפֿזעצן. דערשפּירט די נעץ, אין וועלכער איך בין געלעגן, האָט עס מיך אָנגעהויבן טרייסלען. באַלד האָב איך זיך געפֿונען בײַ דער מאַמען אויף די הענט. מענטשן אַרום האָבן איר, דעם טאַטן, אָפּגעגעבן מזל־טוב. „אָפּגעשריגן די גזרה" — האָט ווער גע־זאָגט. „עמעצער האָט זיך געמיט פֿאַר אים" — האָט אַ צווייטע געזאָגט. און איך האָב נאָך אַלץ געהאַלטן צוגעקוועטשט די אויגן און פֿאַרשטשעמעט דאָס מויל, אָבער דער שרעקלעכער חלום איז מער נישט צוריקגעקומען.

געשען איז עס, ווי כ׳האָב גוט פֿאַרגעדענקט, בעתן חלום: איך האָב געזען ווי די גאַנצע שטוב איז אין פֿײַער און די שׂרפֿה האָט אַרומגענומען אַלעמען — דעם טאַטן, דער מאַמען און דער פֿלאַם האָט דערגרייכט צו מיר. געוואָלט שרײַען, רופֿן הילף און נישט געקענט. דער געשריי איז מיר געבליבן אין קעל. אַזוי ווי מיט העכער 10 יאָר שפּעטער, בעת די זשאַנדאַרן האָבן מיר פֿאַרבראָכן אויף הינטן די הענט מיט די קוילן צווישן די פֿינגער און איך האָב דערפֿילט, ווי שפּילקעס האָבן זיך אַלץ טיפֿער און טיפֿער אַרײַנבאַקומען אין אַלע מײַנע גלידער און זענען דערגאַנגען צום האַרצן.

...איך האָב דערקענט די פרוי, וואָס האָט אונטערגעלייגט איר האַנט אונטער מײַן קאָפּ און מיט דער צווייטער אָפּגעווישט מיר דעם פּנים, גע־גלעט אים און מיך באַוויגן אַ שמייכל צו טאָן. אַקוראַט ווי דעמאָלט מײַן מאַמע. לעבן מיר איז געשטאַנען „באָריס", וועלכער האָט שטיל באַפוילן די סטודענטן, זיי זאָלן פּאַמעלעך מיך אויפהייבן און אַרויסטראָגן פונעם צימער. קיינער פון די זשאַנדאַרן איז דאָ מער נישט געווען. בײַם הויז פון דער גרענעצוואַך איז געשטאַנען געשפּאַנט אונדזער פערד־און־וואָגן און לעבן באַלעגאָלע, וועלכער איז גרייט געווען תּיכף אָפּצופאָרן, איז געזעסן אַן אומ־באַקאַנטער, שוואַרצבערדיקער ייִד. מען האָט מיך אַוועקגעלייגט אויפן היי. כ׳האָב מיט פאַרוווּנדערונג אָנגעקוקט די פרוי, וואָס איז לעבן מיר געזעסן, „באָריסן", וועלכער האָט שנעל אַרײַנגעטאַנצט אין וואָגן. כ׳האָב געוואָלט פון זייערע פּנימער אַרויסלייענען דעם ענטפער: וווּהין פירט מען אונדז? צי וועט מען דאָרט ווידער מיך פּײַניקן, אפשר טאַקע שיסן? כ׳האָב אָבער קיין שום אומרו בײַ זיי נישט באַמערקט. פאַרקערט, איינער פון די סטו־דענטן, דערזעענדיק די שרעק אויף מײַן פּנים, בעת דער אָנגעקומענער זשאַנדאַרן־אָפיציר האָט זיך אויך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן — האָט פריי־לעך אַ פּינטל געטאָן מיטן אויג און אַזוי אַרום מיר געגעבן צו וויסן, אַז כ׳זאָל זיך נישט איבערנעמען, אַלץ וועט זײַן גוט...

איך האָב דער לעצטער דערזען די זעלנער מיט די רויטע שטערנדלעך אויף די היטלען. דער פּוילישער זשאַנדאַרן־אָפיציר איז אַזוי ווי אויסגערו־נען. דערפילט האָב איך אַזוי ווי דעמאָלט, נאָכן שרעקלעכן חלום, אַז מיר איז באַשערט צו בלײַבן לעבן.

*

בײַם געזעגענען זיך האָט באָריס געבעטן בײַ מיר מחילה. „וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? ווען מ׳געפינט דאָס אַלץ בײַ מיר, באַקום איך תּיכף דרײַ גראַם בלײַ און אַ סוף. דיך אָבער, אַ מינדער־יעריקן, וואָס ווייס טאַקע גאָרנישט, וואָלטן זיי סוף־כל־סוף געמוזט אָפּלאָזן. האָב איך אָפּגעשטעקט דעם גאַנצן פאַרמעגן אין דײַן זעקעלע".

ער האָט מיר אויך אויסגעזאָגט דעם סוד פון אונדזער אַלעמענס תּחית־המתים:

אויפֿן גאַנצן גרענעצפּאַס זענען געווען פיר פּוילישע וואַכפּונקטן. אַלע זענען געווען אונטערגעקויפט דורך דעם שוואַרצבערדיקן פאַרשויך, וועל־כער איז געזעסן לעבן באַלעגאָלע. זייַן חוב איז געווען צו ברענגען אונדז אַלע זעקס גאַנצע און לעבעדיקע אויף יענער זייַט גרענעץ. דערפֿאַר האָט ער „פון יענער זייַט" באַקומען דאָס רעכט אַרייַנצופירן 2 וועגענער קאָנ־טראַבאַנדע. דאָס זענען עס טאַקע געווען יענע וועגענער, וועלכע זענען געפאָרן פּ אַ ר אונדז. ווען זיי זענען אָנגעקומען אויף יענער זייַט און מיר, די זעקס פּאַסאַזשירן, האָבן לאַנגע שעהען זיך נישט באַוויזן, האָט מען דעם הויפּט־קאָנטראַבאַנדיסט גענומען דאָרט אין דער אַרבעט. „וועסט באַצאָלן מיטן קאָפּ". האָט ער געכאַפּט אַ פערד און זיך געלאָזט אויף צוריק, כּדי זען, וואָס עס איז מיט אונדז געשען. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אויפֿן דריטן גרענעץ־פּאָסטן האָט זיך פלוצלונג געביטן די וואַך און עס זענען געקומען גאָר אַנדערע זשאַנדאַרן, נישט קיין אונטערגעקויפטע. זיי האָבן עס אונדז פאַרהאַלטן און זיי האָבן עס מיר אַזוי צו רעכט געמאַכט. ווען דער הויפּט־קאָנטראַבאַנדיסט איז אָנגעקומען, איז אַלץ „אויפגעקלערט" געוואָרן. אין מיטן העלן טאָג זענען מיר, אין באַגלייטונג פון פּוילישן זשאַנדאַרן־אָפיציר, אַריבער די גרענעץ.

אַלס אָנדענק פון יענער נאַכט איז מיר געבליבן דער אָפטער ציטער אין דער האַנט, וואָס פאַרצייכנט די דאָזיקע שורות.

3

אַ יידיש בריוול צו לענינען

בעתן גיין פון דער אַרבעט פלעגן מיר פּאַמעלעך זיך לאָזן קריכן באַרג־אַרויף פון דעם קיִעווער פּאָדאָל צום קרעשטשאַטיק. דאָס מאָל האָט עס מיר אַזאַ טראַג געטאָן, אַז אַ פּאַרסאַפּעטער בין איך שטיין געבליבן לעבן „קייזערלעכן גאָרטן", זוכנדיק אַן אָרט, ווו כ'זאָל קענען צו זיך קומען. דער ווייטיק פון דער צוויייִקער עוולה, וואָס איז מיר געשען אין איין טאָג, די פּיַין, וואָס האָט בעת דער באַרג־אַרויף־איַילעניש ממש אַרויסגעשריגן פון מיר, האָט גענומען איבערגיין אין אַ שטילער נאָגעניש, אין פאַרצווייפ־לונג: וואָס אייגנטלעך הייבט מען דאָ אָן צו טאָן?! אויף אַ רגע האָט אין מיַין געדעכעניש אויפגעטויכט סידאָראָוו, וועלכן כ'האָב אין די אַזוי ביַיע פּאַר מיר טעג, אינעם צעוויגטן און רעוואָלוציאָנער־אימפּעטדיקן קיִעוו אין גאַנצן פאַרגעסן. אַלץ האָט דאָ ביז איצט אויסגעזען טאַקע אַזוי — און נאָך מער ווי אין זיַין דערציילן דעמאָלט, אין רעווקאָמישן צימער. איצט אָבער — וווהין זאָל איך זיך אַהינטאָן מיט דער אַזוי באַשיַימפּערלעכער, טאָפּעלער פאַרלייקענונג פון זיַינע רייד?!

און אפשר — ווער ווייס? — אפשר האָט עס טאַקע ער, סידאָראָוו, אומבאַמערקטערהייט אונטערגעזאָגט מיר אין דער דאָזיקער רגע, וואָס איך דאַרף טאָן? עס בליַיבט נאָר די פראַגע: ווי אַזוי, ווי באַלד רוסיש שריַיבן קען איך נישט און גיין צו מיַינע אַרבעטס־חברים בעטן, אַז זיי זאָלן מיר אָנשריַיבן, וויל איך נישט. זיי קענען מיך גאָר האַלטן פאַר אַ מסור, און אַפילו אויב בלויז פאַר אַ נאַיִון סמאַרק — איז אויך גליַיכער נישט צו פּרוּוון...

האָב איך בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז כ׳וועל אַליין שרײַבן, אַזוי ווי איך קען, אויף מאַמע־לשון. און אַז כ׳האָב דעם בריוו צו לענינען (טיטולירט האָב איך אים „צום פירער פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע״) געענדיקט שרײַבן, האָב איך דערפילט אַזאַ לײַכטקייט, ווי דער גאַנצער פאַרדראָס וואָלט פאַרבײַ.

און געשריבן האָב איך אַזוי און אַזוי, באשר איך, אַ יונגער ייִדישער אַרבעטער פון פוילן, וועלכער האָט אין וואַרשע חדשים לאַנג געזוכט אַ טאָג אַרבעט און זעלטן אים געפונען, איז געקומען אין אַרבעטער־לאַנד און דאָ, אין דער מלוכהשער לעדער־פאַבריק, איז מיט מיר געשען דאָס זעלבע, ווי דאָרט, ווו גאַנץ אָפט האָט מען מיר געענטפערט: „נישטאָ קיין אַרבעט פאַר דיר!״

גראָד הײַנט האָט מען מיר פון דעם פאַבריק־קאָמיטעט געמאָלדן, אַז כ׳וועל ווײַטער דאָרט נישט קענען אַרבעטן. ס׳איז פאַרבאָטן מיך צו באַשעפטיקן. ווײַל עס איז דאָ אַזאַ נײַע פאַראָרדענונג פון דער ראָטנמאַכט, אַז ייִנגערע פון 16 יאָר טאָרן נישט אַרבעטן אין פאַבריק. זיי דאַרפן אַלע גיין לערנען אין פראָפעסיאָנעל־טעכנישע שולן. פרעג איך בײַ אים, בײַ לענינען, וועלכער האָט דאָך מסתמא אַליין אונטערגעשריבן די פאַראָרדענונג — וואָס הייסט עפּעס גיין זיך לערנען אַ פאַך, ווי באַלד איך בין שוין נישט דעם ערשטן יאָר אַ פאָלנער אַרבעטער און האָב שוין אין פוילן פאַרדינט אַלס געזעלן? און וואָס וועל איך דאָרט עסן, אין דער פראָפעסיאָנעל־טעכנישער שול, ווו איין מאָל אין טאָג גיט מען אַ טעלער הירזשענע זופּ אָן ברויט, אין דער צײַט וועגן אין דער פאַבריק באַקום איך, ווי אַלע אַרבעטערס, אַ גאַנצן „פּאַיאָק״ און האָב וואָס צו עסן צוויי מאָל אַ טאָג. און אַז מיר פעלט אַ קלייניקייט צו גאַנצע 16 יאָר, דאַרף איך דעריבער הונגערן? בעט איך בײַ לענינען מען זאָל מיר די עוולה נישט טאָן.

און נאָך איין עוולה איז מיר געשען. מצד מײַן אַרבעטס־חבר (וועלכן מען שיקט, אַגב, אויך אַריבער אין דער פראָפעסיאָנאַל־טעכנישער שול פון שוסטערפאַך), וועלכער הייסט כראַקאָווסקי. ער איז אַזאַ ייִד ווי איך, אָבער אַ געבוירענער אויף פּאָדאָל. זײַן שוועסטער איז עס די סעקרעטאַרין פון פּאָדאָלער ראַיאָן־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל. האָב איך צו אים נאָך דער

אַרבעט געזאָגט, אַז עס וואָלט כּדאַי געווען איצט צו גיין זיך אויסבאָדן אין דניעפּר. האָט ער מיט כּעס זיך אויף מיר צעשריגן, אַז „דאָ רעדט מען נישט אויף זשאַרגאָן", דאָ דאַרף מען רעדן אויף דער אַלגעמיין פאַרשטענד־לעכער שפּראַך. אויף זשאַרגאָן קענסטו גיין רעדן צו די „פּוילע ציבעלעס" (אַזוי האָט ער גערופן די פּועלי־ציון, אין וועמענס קלוב, אויף ליוטעראַנסקע גאַס נומער 1, איך האָב אַ שטיק צײַט גענעכטיקט, נישט האָבנדיק קיין דירה). פרעג איך אין מײַן בריוו, צי האָט מײַן אַרבעטס־חבר כראַקאָווסקי געהאַט אַ רעכט אַזוי צו זאָגן? פאַר וואָס איז מײַן לשון ערגער ווי אַנדערע און צי מוז איך טאַקע רעדן, אַפילו ווען כ׳קען נישט, נאָר אויף דער „אַל־געמיין פאַרשטענדלעכער שפּראַך"?

בײַם סוף האָב איך צוגעשריבן, אַז כ׳ווייס ווי שטאַרק פאַרנומען עס איז דער פירער פונעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט, אָבער איך בין איינער אַליין, אָן טאַטע־מאַמע, אָן ברידער־שוועסטער, אַ געקומענער פון פּוילן, און כ׳האָב נישט צו וועמען זיך צו ווענדן...

וויפל צײַט ס׳איז אַדורך — געדענק איך נישט. קיין סך — זיכער נישט, אָבער גענוג, כּדי סוף־כּל־סוף שלום מאַכן מיט דער לאַגע, אַז כ׳בין צוריק געוואָרן, אַזוי ווי מיט 4 יאָר צוריק, אַ לערן־ייִנגל. זיצנדיק אַזוי בײַם נידעריקן שוסטער־וואַרשטאַטל און „שנײַדנדיק" אַ דאַמען־קנאַפּל, דערהער איך, ווי דער פאַרוואַלטער פון דער שול רופט מיך צו זיך. ער שטעלט מיך פאַר פאַר אַ יונגן, הויכוווקסיקן מענטשן אין אַ בלויען סטודענ־טן־היטל, פון אונטער וועלכן עס זעען זיך אַרויס לאַנגע, גלאַנציק־שוואַרצע האָר. יענער רופט מיך אָן בײַם נאָמען, ווי ער וואָלט געווען מײַנער אַן אַלטער באַקאַנטער און רעדט צו מיר אַזאַ היימישן ייִדיש, אַז כ׳הייב אָן טראַכטן, צי שטאַמט ער נישט אַ מאָל פון מײַנע מקומות. בעתן רעדן צע־שמייכלען זיך זײַנע ליכטיק־שוואַרצע אויגן און מאָדנע באַוועגלעך ווערט דערבײַ זײַן אָדלערנאָז.

— יאָשע הייס איך — שטעלט ער זיך פאָר פאַר מיר — און כ׳בין גע־קומען דיך תּיכּף מיטנעמען מיט זיך. אַזאַ באַפעל האָב איך באַקומען פון שטאָטישן בילדונגס־אָפּטייל, פונעם חבר האָלמשטאָק.

איך קוק אָ פֿאַרלוירענער אויפֿן פּאַרוואַלטער, וואָס הגם ער, אַן אוקראַי־נער, פֿאַרשטייט נישט יאַשעס רייד — ווייס ער אָבער זיכער וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. איך קוק זיך אײַן אין פּנים פֿון דעם סטודענט, וואָס איז געקומען נישט אַנדערש ווי מיך אָוועקנעמען, כאַטש כ׳היב נישט אָן צו וויסן וווהין ? — און עס ווערט מיר אַזוי לײַכט אויפֿן האַרצן. כ׳פֿרעג שטיל בײַם פּאַרוואַלטער, צי מעג איך גיין, און ער צעשפּרייט פֿילזאָגנדיק די הענט און ווינטשט מיר, אַז אַלץ זאָל זײַן ווי צום בעסטן. ער זאָגט מיר אויך אָן, אַז אויף צו מאָרגנס אין דער פֿרי זאָל איך נישט פֿאַרשפּעטיקן אין דער שול.

אויפֿן וועג דערציילט מיר יאַשע, אַז ער איז דער פּאַרוואַלטער פֿון אַ הויז פֿאַר יונגע יידישע אַרבעטערס און אַז פֿון הײַנט אָן וועל איך שוין האָבן אַ היים, ווי אַלע דאָרטן. אַוודאי איז שווער, קיין סך עסן איז נישטאָ, עס פֿעלט אויך אויס בעטגעוואַנט, אָבער „וואָס אַלע האָבן — וועסטו אויך האָבן. בײַ אונדז איז אַ קאָמונע״. און אין מיטן די רייד כאַפּט ער אַ זײַטיקן בליק אויף מיר און פֿרעגט אַזוי כיטרע:

— דו ביסט דאָך מסתּמא אַן אייגענער יאַט און קיין קלאַפּאַטן וועסטו מיר זיכער נישט פֿאַרשאַפֿן... דאַרפֿסט וויסן, אַז קיין איבעריקע צײַט פֿאַר אַלעמען האָב איך נישט. כ׳בין דאָך חוץ דעם אַ סטודענט און מוז לערנען.

פֿון זײַנע ווײַטערדיקע רייד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז שטאַמען שטאַמט ער טאַקע פֿון מײַן געגנט, פֿון ביעלסק־פּאַדלאַסקי, און איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה מגולגל געוואָרן אין טיף רוסלאַנד. ווי אַלט ער איז, אונדזער פּאַרוואַלטער, האָב איך זיך דערוווּסט טאַקע דעם זעלביקן אָוונט, ווען ער האָט מיר פֿאַרגעשטעלט פֿאַרן יונגן עולם קאָמונאַרן און האָט נאָכדעם רעציטירט זײַנס אַ ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזאַ שורה:

„דרײַ און צוואַנציק יונגע טויבן
טראָג איך אין מײַן ברוסט״.

קיין מבֿין אויף יאַשעס פּאָעזיע בין איך נישט געווען, אָבער אַז דער עולם האָט צום סוף אויפֿגעזונגען דעם הימען פֿון דער קאָמונע — האָב איך

דעם רעפֿרען תּיכּף זיך אויסגעלערנט און מיט אַלעמען צוזאַמען מיטגעזונגען :

„אויף מיכאַילאָווער זיבעצן
שטייט אַן אינטערנאַט,
דאָרט וווינען אינטערנאַטשיקעס —
חברה יאַט צו יאַט״.

„חברה יאַט צו יאַט״
קאָמסאָמאָלצעס פֿון דער יידישער יוגנט-קאָמונע אין קיעוו. פֿון רעכטס : ראָזע באַנדראַס, באַסיע גוטהאַרץ און הערשל סמאָליאַר

יאָ, כ׳האָב פֿאַרגעסן צוצוגעבן : יאַשעס פֿאַמיליע-נאָמען איז געווען בראָנשטיין. דאָס איז ער טאַקע, דער שפּעטער גוט באַקאַנטער יידישער ליטעראַטור-פֿאָרשער און קריגערישער ליטעראַטור-קריטיקער, פּראָפֿעסאָר פֿון מינסקער אוניווערסיטעט יאַשע בראָנשטיין.

וויפל טויבן זענען דערשטיקט געוואָרן אין יאַשעס ברוסט בעתן אַרעס־טירן אים, אין 1937, צוזאַמען מיט איזי כאַריקן, און נאָכדעם, ווען ער איז דערמאָרדעט געוואָרן?

און נאָך איין מאָל האָט מען מיך אַרויסגערופן צום פאַרוואַלטער פון דער פּראָפעסיאָנעל־טעכנישער שוסטערשול. דאָס מאָל האָט מען מיר איבערגעלייענט אַ טעלעפאָנאָגראַם, וואָס איז אָנגעקומען פונעם זעלבן פאַבריק־קאָמיטעט, וועלכער האָט מיר געהאַט משלח געווען פון דער אַרבעט. איך ווער איינגעלאַדן צו קומען צו זיי גלייך נאָכן פאַרענדיקן די לעקציעס אין דער שול. „צי ווילן זיי נישט אַ מאָל מיך צוריק אָננעמען צו דער אַרבעט" — איז געווען דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז בעת־מעשׂה מיר געקומען אויפן זינען.

דער פאָרזיצער פון פאַבריק־קאָמיטעט האָט מיך זייער פריינדלעך אויפגענומען, זיך נאָכגעפרעגט ווי עס גייט מיר אין דער שול, צי האָב איך נאָך אַלץ פאַרדראָס אויף זיי? דער ענין האָט אָנגעהויבן צו ווערן קלאָר פאַר מיר ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט אַזוי זיך — נישט מיר, נישט דיר — אַריינגעוואָרפן אין מיטן אַ וואָרט, וואָס האָט אַ ביסל געקלונגען ווי אַ טענה: צי האָב איך מיט מיין עוולה נישט געקענט קומען גלייך צו זיי? ער האָט מיך איינגעלאַדן אָפּצועסן אַ טעלער זופּ און נאָכדעם...

דער גרעסטער צעך איז פול געוואָרן מיט אַרבעטערס. דער זעלבער פאָרזיצער פון פאַבריק־קאָמיטעט האָט, אָננעמענדיק מיך פאַר דער האַנט, זיך געשטעלט ביי אַ טישל און האָט געמאָלדן, אַז לויטן אויפטראָג פון אונ־דזער פירער לענין האָט זיין סעקרעטאַרין, די חברטע פאָטיִעוואַ, צוגע־שיקט צו אונדז אַ בריוו, וועלכן ער וועט דאָ פאַר אַלעמען דורכלייענען. אין דעם בריוו ווערט דער פאַבריק־קאָמיטעט געבעטן זיך צו פאַראינטע־רעסירן מיטן גורל פונעם יונגן אַרבעטער, וועלכער איז געקומען פון פוילן... ווען כ'האָב דערהערט מיין נאָמען, האָב איך מורא געקראָגן אויפ־צוהייבן די אויגן. כ'האָב פּשוט געציטערט, אַז מיין בריוו זאָל דורך די פאַרזאַמלטע אַרבעטערס נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אָנקלאָג קעגן זיי אַלעמען.

ווען דער פּאָרזיצער פון פּאַבריק־קאָמיטעט האָט געמאָלדן, אַז דער שטאָטישער בילדונגס־אָפּטייל האָט מיך שוין איינגעאָרדנט אין אַ קאָמונע פאַר יונגע ייִדישע אַרבעטערס, איז געוואָרן אַ גרויסע בראַוואָ־פּאַטשערײַ. ס׳האָט מיך אַזש בײַם האַרצן פאַרקלעמט. איך האָב אויפגעהויבן די אויגן צום עולם און שוין אַזוי געבליבן אַ פאַרשטאַרטער.

— אָבער אין דעם בריוו — האָט געמאָלדן דער פּאָרזיצער — איז פאַראַן נאָך עפּעס, וואָס פאַרשאַפט אונדז נישט קיין כבוד. עמעצער האָט באַליידיקט די נאַציאָנאַלע געפילן פון דעם יונגן אַרבעטער („עמעצער" — גוט, וואָס ס׳איז נישט געווען אָנגעגעבן כראַקאָווסקיס נאָמען; כ׳האָב מיך שטאַרק געשראָקן, אַז ער זאָל חלילה צוליב מיר נישט האָבן קיין אומאַנגענעמלעכקייט). בײַ אונדז זענען אַלע פעלקער און אַלע שפּראַכן גלײַך — האָט געזאָגט דער פּאָרזיצער (און געדאַכט האָט זיך מיר בעת־מעשׂה, אַז דאָס רעדט ווידער סידאָראָוו). אינעם בריוו שטייט אַזוי געשריבן: „די ייִדישע שפּראַך איז די שפּראַך פון די ייִדישע אַרבעטערס און פאָלקסמאַסן. די רײַכע האָבן מיט דער שפּראַך זיך געשעמט. אָבער בײַ אונדז, בײַ דער ראַטנמאַכט, איז די ייִדישע שפּראַך גלײַך מיט אַלע שפּראַכן". און דער בריוו ענדיקט זיך מיט דער ביטע, צו זאָגן עס אַלע אַרבעטערס פון דער לעדער־פּאַבריק.

און ווידער זענען געקומען אַפּלאָדיסמענטן. און איך האָב מיך שטיל אַרויסגערוקט, שנעל געלאָפן מיטן פּאָדאָלער באַרג־אַרויף צו זיך, אויף מיכאַילאָווער 17, כּדי איבערצוגעבן די יאָטן וועגן דעם ערשטן גרויסן ניצחון, וואָס איך האָב אָפּגעהאַלטן אין מײַן לעבן.

4

תחית־המתים צום דריטן מאָל

דעם ווינטער פון סוף 1921 האָבן מיר, „חברה יאָט צו יאָט“ פון דער יוגנט־קאָמונע אויף מיכאַילאָווער 17, באַזונדערס שווער דורכגעטראָגן. בישט ווײַל די פרעסט זענען געווען אַזעלכע שטאַרקע, נאָר ווײַל ס'איז לחלוטין נישט געווען מיט וואָס צו דערוואַרעמען דעם גוף. שפּעטער מיט יאָרן, אין געטאָ, איז אַ שפּרוך אַזאַ געווען: „צרות ווי האָלץ — און נישטאָ מיט וואָס צו הייצן“.

צום עסן איז געווען ווייניק. דער הונגער בײַ דער וואָלגע האָט זיך אַלץ מער געלאָזט שפּירן אויף בײַ אונדז און גראָד זענען מיר אַלע געווען אין אַזאַ עלטער, ווען יעדער פון אונדז האָט געקאָנט אויפעסן אַן אָקס מיט די קאָפּיטעס אין איינעם. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו הייצן. פלעגן מיר, יאָטן, זיך כלל נישט אויסטאָן בײַ נאַכט צום שלאָפן. אָבער פון די מיידלשע צימערן האָבן זיך געטראָגן היס־טערישע געשרייען בעת אונדזערע „העלדינעס“ פלעגן זיך לייגן אין די אַנגעפרוירענע בעטן.

זענען מיר זיך צונויפגעקומען, צוזאַמען מיט יאַשען און מיט קושנירן, דעם פאָרשטייער פון שטאָטישן בילדונגס־אָפּטייל, אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג און האָבן באַשלאָסן: קיינער פון אונדז וועט אין דעם טאָג, ווען מיר וועלן קריגן אַ ספּעציעלן טראַמוויַי־וואַגאָן, נישט גיין צו דער אַרבעט אָדער צו דער לערע. אַלע לאָזן מיר זיך מיט האַק און זעג אין דער פּושטשע וואָדיצע, כדי אַראָפּלאָזן גאַנצע ביימער און ברענגען פאַר זיך האָלץ.

אַזוי איז געשען. דער פראָסט האָט געברענט און פון אונדז אַלעמען איז אַ פּאַרע געגאַנגען. חברה האָט פּלײַסיק געאַרבעט. אַרטיקע פּויערים האָבן אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ ביימער מיר זאָלן לייגן, ווי אַזוי און פון וועלכער זײַט איז בעסער אונטערצוזעגן. עטלעכע מאָל האָט דער ספּעציעלער טראַמווײַ, באַגלייט דורך דער הונגעריקער, אָבער צעזונגענער חברה־אינטערנאַטשיקעס, געפירט די צעזעגטע קלעצער, און חברה האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פאַר די טירן פון אונדזער אינטערנאַט.

אויף בײַ נאַכט האָבן מיר אײַנגעשטעלט אַ וואַך מיט דער איינציקער ביקס, וואָס איז געווען אין אונדזער רשות. געגוג בעלנים זענען געווען אויף אַ קלעצל, פונאַנדערצופלאַקערן אַ פײַער אין דער „בורזשויקע"[1]. אַ שטיק פאַר האַלבער נאַכט איז געקומען מײַן ריי צו פאַרבײַטן דעם וועכטער. צוזאַמען מיט דער ביקס האָב איך אויך איבערגענומען די אויסגעבאַרגטע וואַרעמע מלבושים.

מײַן כסדרדיקן טופּען מיט די פיס, כּדי צו פאַרטרײַבן דעם פראָסט, האָט מיט אַ מאָל פאַרטויבט דאָס פּלוצעמדיקע צעהודשען זיך פון די נאָענטע פאַבריק־קוימענס. אין דער ערשטער רגע בין איך געווען זיכער, אַז דאָס איז דער געוויינלעכער סיגנאַל פאַר דער נאַכטשיכט, אַז ס׳איז צײַט צוצוטרעטן צו דער אַרבעט. ווען דאָס הודשען האָט אָבער נישט אויפגעהערט, פאַרקערט — איז געוואָרן אַלץ עקשנותדיקער, איבערגייענדיק אין אַן אומרויִקן געוויי, האָב איך נערוועז געגומען קלאַפּן אין דער טיר פון אונדזער קאָמונע, שרײַענדיק מיט אַלע כּוחות:

— טשאָנאָווצעס, אַליאַרם!

טשאָנאָווצעס... דער דאָזיקער נאָמען, וואָס פלעגט בײַ אונדז, קאָמסאָמאָלצעס, וועקן דאָס געפיל פון גרויסער, דערוואַקסענער אַחריות, האָט באַטײַט, אַז מען געהערט צו דער ספּעציעלער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע (טש.אָ.נ. — דאָס זענען די ראשי־תּיבות פון דעם רוסישן נאָמען: „טשאַסט אָסאָבאָוואָ נאַזנאַטשעניאַ" — „מיליטער־טייל פאַר ספּעציעלע אויפגאַבעס"),

---

[1] אַזוי האָט מען אין דער צײַט פון קריגס־קאָמוניזם גערופן די פּרימיטיווע בלעכענע אײַוועלער.

וועלכע האָט געדאַרפט זײַן אין שטענדיקער רעוואָלוציאָנערער קאַמפּס־גרייטקייט. בדרך־כּלל פלעגן מיר אין פאַרשידענע צײַטן פון מעת־לעת, דער עיקר אין די אָוונט־שעהען, אַליאַרמירט ווערן דורכן הודזשען פון פאַבריק־קוימענס, כּדי תּיכּף זיך שטעלן אויף די באַשטימטע מאָביליזאַציע־פּונקטן. אין מערסטע פאַלן פלעגט מען אַזוי אַרום אויספּרווון, ווי שנעל עס ווערט דורכגעפירט די זעלבסט־מאָביליזאַציע. פאַרשפּעטיקטע, אָדער אַזעלכע וואָס האָבן נישט באַוויזן זיך רעכט אָנצוטאָן, פלעגן באַקומען פאַר־וורפן, אַפילו שטראָפן (צוגאָבלעכע נאַכטדיזשורן בײַ די געווער־מאַגאַזינען). איז עס אויך אין דעם פאַל בלויז אַ פּרווו־מאָביליזאַציע?

אָנקומענדיק אויפן זאַמלפּונקט האָבן מיר פון דער ערשטער מינוט אָן באַמערקט, אַז עפּעס איז דאָס מאָל אַנדערש. די עלטערע קאָמאַנדירן צוזאַמען מיט די קאָמיסאַרן האָבן זיך באַראַטן אין דעם שטאַבצימער און די יינגערע קאָמאַנדירן האָבן שנעל פונאַנדערגעטיילט צווישן אונדז דאָס געווער, געגעבן יעדן אַ באַשטימטע צאָל אַמוניציע, שטרענג אָנגעזאָגט, מיר זאָלן בלײַבן אויף די ערטער און וואַרטן אויף ווײַטערדיקע באַפעלן.

די לאַגע האָט אונדז פולשטענדיק אויפגעקלערט, הגם מיט שנעלע, אָפּגעהאַקטע פראַזן, דער קאָמאַנדיר פון אונדזער טייל נאָך זײַן אַרויסקומען פונעם שטאַבצימער: ערגעץ אויפן וועג צווישן קיִעוו און זשיטאָמיר האָט זיך באַוויזן אַ באַנדע. זי מוז ליקווידירט ווערן! שטרענגע דיסציפּלין. נישט רעדן אין וועג. נישט רייכערן. נישט אָנצינדן קיין פײַער. פּינקטלעך און שנעל אויספירן די באַפעלן...

לאַנג האָט זיך געצויגן דער באַנוועג און חברה האָט, נישט געקוקט אויפן אומרו און נײַגער, גענומען צו ביסלעך אײַנדרימלען. דאָס פּלוצעמדיקע שאַרפע האַמעווען פון לאָקאָמאָטיוו האָט אונדז אַלעמען געשטעלט אויף די פיס. באַלד האָבן מיר דערהערט געשרייען פון דרויסן. דער קאָמאַנדיר, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט אונדז אין וואַגאָן האָט תּיכּף באַפוילן: צום געווער! מיר האָבן גענומען עפענען די שווערע טיר פונעם פראַכטוואַגאָן, אַרויסשטעלנדיק פאָרויס די ביקסן. און דאָ האָבן מיר פון גאָר נאָענט דערהערט דעם ווילדן געשריי: „זשידעס, קאָמיסאַרן, קאָמוניסטן — גייט אַרויס!” די לאַגע איז מאָמענטאַל קלאָר געוואָרן. אונדז איז

פאַרלאָפן דעם וועג טאָקע יענע באַנדע, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט פאַר־ניכטן. וואַרטן אויף אַן אַלגעמיינעם באַפעל איז שוין קיין צײַט נישט גע־ווען. מיר לאָזן זיך אַראָפּ אויפן דיל פון וואַגאָן און — פײַער! באַלד קומט דער באַפעל אַרויסצוקריכן אין דרויסן, דעקן זיך מיט די וואַגאָנען, גוט זיך צוהערן פון וואַנען עס קומט דער פערדגאַלאָפּ און שיסן אַהין. אָבער נישט סתּם אַזוי. קוילן דאַרף מען שפּאָרן! אין אַנדערע וואַגאָנען האָט מען, ווײַזט אויס, אַן ענלעכן באַפעל באַקומען. מיר האָבן צוגעלאָזן די באַנדיטן נאָענט צו זיך און געעפנט פון אַלע זײַטן — פריִער אַ ביסל כאַאָטיש, נאָך דעם אַן אַלץ מער אָרגאַניזירטן פײַער, ביז מיר האָבן באַקומען דעם באַפעל: „אין אַנגריף! אַטאַקירן פון ביידע פליגלען!"

...ווי אַזוי איך בין נישט פאַרפרוירן געוואָרן, ליגנדיק, ווער ווייס ווי לאַנג, אונטער די וואַגאָנרעדער — איז שווער צו זאָגן. זיכער איז, אַז כ'בין בעת דער שיסערײַ קאָנטוזירט געוואָרן און אין דער נאַכט־פינצטערניש, ווען אונדזערע זענען נאָכן פאַרטרײַבן די באַנדע אַוועק צו דער נאָענט־סטער סטאַנציע, האָבן זיי נישט באַמערקט ווי כ'בין געבליבן ליגן אַ פאַר־חלשטער. דורך און דורך אַ געפרוירענער, האָב איך זיך געלאָזט גיין מיט די אײַזנבאַן־רעלסן. דאָ און דאָרט זענען נאָך געווען סימנים פון דער בײַ־נאַכטיקער שלאַכט. עמעצנס אַ ווינטער־היטל, אַ פּאַטראָנטאַש, אַ שטיוול און אַן אַ שיעור אויסגעשאָסענע פּאַטראָנעס. כ'האָב גענומען זוכן מײַן שינעל, וועלכן כ'האָב געהאַט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, און נישט געפונען. כ'האָב זיך דערשלעפּט ביז דער קנופּסטאַנציע כריסטינאָווקע און פון דאָרט, שפּעט נאָך האַלבן טאָג, אַנגעקומען קיין קיִעוו.

ווען כ'בין דערגאַנגען צום קרעשטשאַטיק, ביז יענעם אָרט ווו מען פלעגט געווײנטלעך אַרויסהענגען די נײַעס פון טאָג, האָב איך באַמערקט אַ גרויסן געזעמל פון מענטשן, וועלכע האָבן מיט פאַרריסענע קעפּ געלייענט אַ פרישן, ווײַזט אויס, קאָמוניקאַט. האָב איך זיך אויך אַוועקגעשטעלט לייענען און... ס'איז מיר אַזש פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דער קאָמו־ניקאַט פון דער טעלעגראַפן־אַגענטור האָט איבערגעגעבן, אַז די אָפּטיילן פון „טשאָן" פון פעטשערער ראַיאָן האָבן צעגראָמירט אַ גרויסע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע באַנדע. אין דער שלאַכט מיט דער באַנדע זענען געפאַלן

מיט אַ העלדנטויט אָדער זענען פאַרפאַלן געוואָרן די פאָלגנדיקע טשאַנאַוו־צעס... דאָרט האָב איך טאַקע שוואַרץ אויף ווײַס איבערגעלייענט מײַן נאָמען און פאַמיליע.

כ׳האָב מיך גענומען שנעל אַרויסרוקן פון צווישן עולם און אומגע־ריכט אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון עטלעכע אונדזערע קאַמונאַרן, וועלכע האָבן אויפגעהויבן אַזאַ מין הוראַ־געשריי, אַז די אַלע וואָס האָבן געלייענט דעם קאָמוניקאַט האָבן אויסגעדרייט די קעפּ אין אונדזער זײַט.

העכער פון אַלע האָט געשריִען הערשל טראַפּיי, אונדזער קאָמסאָמאָ־לישער סעקרעטאַר: „דער פּאַלישער יאַט״ (אַזוי האָבן זיי מיך גערופן) איז תּחית־המתים אויפגעשטאַנען!״ עמעצער פון דער חברה האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר איין הענט, אַ צווייטער — פאַר די פיס, מען האָט מיך אויסגעצויגן און גענומען טראָגן, אַזוי ווי מען טראָגט אַ מת. גייענדיק אין דער ריכטונג צו דער קאָמונע האָט מען דעם גאַנצן וועג געזונגען, שוין גאָרנישט מיטן ריטעם פון דעם טרויערמאַרש:

„אַ קרבן געפאַלן ביסטו אין שלאַכט״.

שוין אין שטוב האָט צאַליע, פון עפּשטיינס קינסטלער־סטודיע, וועלכער איז בײַ אונדז אָנגעגאַנגען אַלס אַזאַ וואָס קען באַשיידן חלומות, מיך אָפּגע־רופן אין אַ זײַט און פאַרטרויט דעם סוד: „וועסט שוין, ברודערקע, לאַנג לעבן, ווי באַלד איין מאָל ביסטו שוין געשטאָרבן״...

איין מאָל בלויז? דאָס איז דאָך שוין געווען דער דריטער תּחית־המתים אין מײַן לעבן.

5

און קיינעם האָט מען דעמאָלט נישט איינגעזעצט

געגרייט האָט מען זיך צו דעם דאָזיקן טאָג מיט אַ סך וואָכן פריִער. קודם־כּל האָט מען זיך גענומען אָפּוואַשן די פריִערדיקע לאָזונגען פון די רויטע לײַוונטן, אָנצושרײַבן אויף זיי נײַע. געשריבן האָט מען דעמאָלט נישט לויט אַ באַפעל פון „אויבן" און נישט לויט שאַבלאָנען און אינסטרוקציעס, באַשטימטע פון פאָרויס. געשריבן האָט מען שיין־קלינגענדיקע לאָזונגען, צוגעטראַכטע דורך אייגענע דיכטערס און „פּאָליטיקערס". פאַרגעדענקט האָט זיך די גרופּע פונעם יִדישן קינדערהיים, מיט וועלכן עס האָט דעמאָלט אָנגעפירט דער דיכטער מאָטל שאַפּירא. געטראָגן האָט די דאָזיקע גרופּע אַ טראַנספּאַראַנט געשריבן מיט „גאָלדענע" יִדישע אותיות: „אָקטאָבער, גיי קיין אויסלאַנד!"

מיר האָבן געהאַט אונדזערע אייגענע פּאָעטן (גיכער — פּאָעטעסעס, ראָזע כאַנדראָס, למשל), און עס זענען אַוועק לאַנגע דיסקוסיעס וועגן דעם, מיט וואָס וועלן מיר קומען צום גרויסן צוג אינעם אינטערנאַציאָנאַלן יוגנטטאָג, דעם 1טן סעפּטעמבער 1921סטן יאָר.

חוץ דעם האָט מען זיך פאַרנומען מיט איבערניצעווען אַלטע מלבושים, פאַרלאַטען לעכער אין די הויזן, און ווער עס האָט באַוויזן צו באַקומען אַ שטיקל מאַטעריאַל — האָט גענייט פאַר זיך אַבי־וואָס, ס׳זאָל נאָר זײַן עפּעס יום־טובדיקס.

אונדזער זאַמלפּונקט איז געווען בײַם פּעטשערער ראַיאָן־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל, צו וועלכן עס האָבן פון אין דער פרי געצויגן פּילצאָליקע רייען דעמאָנסטראַנטן. פריילעך, רוישיק איז געווען דער צוג פון די יונגע מעטאַליסטן פונעם קיִעווער „אַרסענאַל". אומעטום זענען זיי געווען אויפן

ערשטן אָרט מיט זייער צאָל און יִיחוס. אין דער אָרטיקער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע האָט זייער פאַבריק פאַרנומען דעם זעלבן אָרט, ווי דער פּוטילאָווער זאַוואָד אין דער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע פון פּעטראָגראַד. די אַרסענאַלצעס זענען אויך דאָס מאָל געווען באַשטימט צו גיין בראָש פון צוג, און אין די ערשטע רייען — יאַטן אין לעדערנע קורטקעס, מיט ביקסן אויף די אַקסלען.

איידער וואָס־ווען, האָט מען זיך צונויפגענומען אין רעדלעך און עס איז אַוועק אַ געזאַנג, וואָס האָט אַלעמען אַזוי מיטגעריסן, אַז כאָטש נעם און לאָז זיך גלײַך אין דער שלאַכט קעגן דעם אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַל און אַלע מעגלעכע שלעק... און העכער פאַר אַלע האָט געזונגען דאָס יִידישע מיידל פון ראַדאָמישלע, מאַדיליעווסקאַיאַ, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט אַלץ און מיט אַלעמען — די סעקרעטאַרין פון קאָמסאָמאָלישן ראַיאָן־קאָמיטעט. אַ סך פון אונדז האָבן זיך געקלעפּט צום עלטערן, שטענדיק צעשמייכלטן, גוטמוטיקן ליכטיעראָוו, וועלכער איז שוין לאַנג, לאַנג געווען אין דער פּאַרטיי, האָט אָבער בשום־אופן נישט געקאָנט זיך שיידן מיט דער יוגנט.

און ווען מאַדיליעווסקאַיאַ האָט געגעבן דעם באַפעל, און דער צוג האָט גערירט פון אָרט, האָט זיך פון אַלעמענס מײַלער אַרויסגעריסן דאָס ליד, וואָס האָט ביז גאָר צעפלאַקערט די געמיטער:

הער זיך צו, אַרבעטער!
די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן,
וואַרף אַוועק די אַרבעט,
אין וועג איז צײַט זיך קלויבן.

און דאַן דער רעפריין:

דרײַסט אין שלאַכט גייען מיר
פאַר דער מאַכט פון די ראַטן,
און ווי איינער, שטאַרבן מיר
אינעם קאַמף פאַר די ראַטן.

קיעווער יידישע קאָמסאָמאָל-טוערס

פון רעכטס: אהרון יערוזאַלימסקי (ירושלמי), נחום ברומער און הערש סמאָליאַר

געזונגען האָבן אַלע — נישט געווען קיין סאָליסטן און נישט קיין כאָרן. עס איז געווען איין קאָלעקטיווער צונטער־געזאַנג, וואָס האָט זיך געריסן הויך און העכער איבער אונדזערע אַלעמענס קעפּ. און געזונגען האָט מען דאָס ליד:

„לעניו און טראָצקי,
זינאָוויעוו, לונאַטשאַרסקי —
זיי האָבן געשאַפן דעם סאָוועט,
דעם „סאָוועט פּראָלעטאַרסקי".

ביי דער קרייצונג פון אַ גאַס זענען מיר שטיין געבליבן. אַן אַנדער ראַיאָן האָט זיך געפּעדערט, איז אַרויס צום מיטן שטאָט און אונדז דעם וועג פאַרשטעלט. זענען מיר שטיין געבליבן אויף איין אָרט. קען מען אָבער נישט איינשטיין. שיט מען מיט חכמות, מיט גליַיכווערטלעך, און

ערגעץ ווו הייבט מען אָן גאָר אַן אַנדער געזאַנג — אַ פריילעכס, אַ שטיפע־רישס, אַפילו אַ ביסל אַ געזאַלצנס. מען מאַכט חוזק, מען לאַכט אויס — אַפילו זיך אַליין. אַ שטייגער, אינעם לידל:

„אַ טומל, אַ גערודער,
קיין אָרדענונג איז נישטאָ,
איז דאָך קלאָר, ליבער ברודער,
דאָס גייט דער קאָמסאָמאָל".

אַ גרופּע פון אונדזער יוגנט־קאָמונע האָט אָנגעהויבן זינגען אַזאַ מין ליד, אַז לכתחילה איז מיר סײַ פון די ווערטער, סײַ פון די צוגעזשמור־רעטע אויגן, אַ ביסל נישט גוט געוואָרן. אָבער ווען יעדע סטראָפע איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ הילכיקן געלעכטער, אַפילו מצד אַזעלכע וואָס האָבן קיין ייִדיש נישט פאַרשטאַנען — האָב איך אויך גענומען מיטזינגען דאָס חוזק־לידל:

מאַרש ווּפעריאָד,
מען פירט אין באָד,
טאָ קראַץ זיך אויס די פּלייצע.
ניין, ניין, ניין,
איך וועל נישט גיין,
אַ דאַנק דיר פאַר דער עצה.

דאַיאָש נאָם וולאַסט,
אוי, עס בײַסט,
עס בײַסט די לינקע פּאה.
טאָ קראַץ זיך אויס,
און קראַץ זיך אויס,
אין באָד האָסטו די דעה.

סמיעלאָ וו׳באַי,
געכאַפּט אַ פּלוי,
צעקוועטשט זי מיט די פינגער.
קראַץ זיך אויס און קראַץ זיך אויס,
עס וועט דיר ווערן גרינגער...

געדאַכט האָט זיך, אַז צום געלעכטער וועט קיין סוף נישט נעמען. חברה האָט זיך געהאַלטן פאַר די בייַכער. הייַנט ווען צו אונדז זענען צוגעקומען די יאַטן פונעם ייִדישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד (לינקע פּועלי־ציון), האָט עמעץ פון אונדזערע זיי באַגעגנט מיט אַ ספּעציעלן זמרל:

און דאָרטן, אויפן הר־הזתים,
רים־צים־צאַם!
וועלן מיר בויען אַ פאַבריק פון טליתים,
רים־צים־צים, צים־צאַם,
וועלן מיר בויען אַ פאַבריק פון טליתים,
רים־צים — צאַם!..

דער צוג האָט האַסטיק גערירט פון אָרט און מיט געמאָסטענע טריט זענען מיר אַרויף אויפן קרעשטשאַטיק, אַקוראַט אַנטקעגן דער שטאָטישער דומע (ווו ס׳האָט זיך געפונען דער שטאָטישער סאָוועט און אַלע גובער־ניאַלע און אַלשטאָטישע פּאַרטייִשע און קאָמסאָמאָלישע אינסטאַנצן), ווו עס איז געשטאַנען דער זייער אָריגינעלער, — אַגב, קוביסטישער — דענק־מאָל פון קאַרל מאַרקס, געשאַפן פון דעם באַוווסטן ייִדישן קינסטלער טשייַקאָוו (שפּעטער איז דער דענקמאָל, אַלס... פאָרמאַליסטישער, אַראָפּגע־נומען געוואָרן).

אין לאַנגע שינעלן, מיט פּיסטאָלעטן בייַ דער זייַט האָבן זיך באַוויזן די אָנפירערס פון קאָמסאָמאָל — איוואַנאָוו, סאָדין, ריקלין און נאָך אַ סך אַנדערע — אַלע גוט באַקאַנטע, אַלע מיט צעשמייכלטע פּנימער. זיי האָבן זיך געלאָזט בראש פון דער צעזונגענער מחנה. געווען זענען העכער 80

טויזנט מיידלעך און יינגלעך. אַנשטאָט צו שפּאַנען ווײַטער, ווי געוויינטלעך, אין דער ריכטונג פון דימיִיעווקע, איז דער גאַנצער צוג פּלוצלונג פֿאַרהאַלטן געוואָרן. איבער די רייען איז אַוועק אַ קלאַנג: דער מיטינג וועט זײַן דאָ, אין דער נאָענט. גייט מען דעריבער נישט ווײַטער. כ'האָב זיך שטיל אַרויסגעגליטשט פון מײַן ריי און זיך געלאָזט נענטער צום מיטן פון צוג. און דאָ האָב איך דערזען, אַז אַלע גובקאָמאָוצעס (אָנפירערס פון גובערניאַלן קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל) זענען אַרײַן אין דעם נאָר וואָס געעפנטן ערשטן פּריוואַטן גרויסן רעסטאָראַן, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען (באַקאַנט פון מנחם־מענדלס בריוו צו שיינע־שיינדלען) „סעמאַדעני". וואָס וועט דאָ זײַן? כ'זע ווי די ווײַסע טישטעכער ווערן אַראָפּגעשלעפּט פון די טישלעך. עמעצער צעפּראַלט די גרויסע פענצטער. שטייענדיק אויף די פּאַראַפּעטן האָבן די ביוראָ־מיטגלידער פון גובקאָם אָנגעהויבן צו רעדן אין פֿאַרשידענע זײַטן, צו פֿאַרשידענע טיילן פון דער דעמאָנסטראַציע (קיין הויכרײדערס זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען). כ'בין געלאָפן פון איינעם צום צווייטן — און פון יעדן רעדנער האָב איך געהערט — אַחוץ די רייד פון צאָרן קעגן דעם וועלט־קאַפּיטאַל און דער אינערלעכער קאָנטר־רעוואָלוציע, אויך ביטערע רייד וועגן... נעפּ, וועגן דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס לענין האָט געהאָט נאָר וואָס פּראָקלאָמירט.

עפּעס וואָס האָב איך שוין בײַ אונדז אין דער יוגנט־קאָמונע געהערט וועגן דער נײַער ווירטשאַפֿט־פּראָגראַם. חברה האָט זיך געבונטעוועט, נישט געקענט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי גייט מען עס צוריק, ווי אַזוי וועט מען עס קענען צוזען, ווי עס באַווײַזן זיך ווידער די גראָב־בײַכיקע בורזשויען, און ווידער וועלן זיך עפענען פּריוואַטע פֿאַבריקן, קראָמען. אַלץ אָפּטער און אָפּטער האָט מען געהערט איבערחזרן דעם פֿאַרצווייפלטן אויסגעשריי מצד ברידערלעך מאַטראָסן: „פֿאַר וואָס האָבן מיר געקעמפט? צוליב וואָס האָבן מיר אונדזער בלוט פֿאַרגאָסן?!" עס האָבן זיך אַפילו פֿאַרשפּרייט ידיעות, אַז קאָמוניסטן זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אונדז האָט מען דווקא זיך באַמיט אויפצוקלערן דעם זין פון לענינס פּלאַן: דער נעפּ דאַרף העלפן אויפשטעלן די חרובע ווירטשאַפֿט; סאָציאַליזם קען מען נישט בויען מיט פּוסטע הענט. און דאָ זענען אין סאַמע גרעסטן יום־טוב פון דער יוגנט

געקומען די אַרטיקע פּירערס פון קאָמסאָמאָל (געהערט האָבן מיר שפּעטער, אַז אַזוי איז אויך געווען אין כאַרקאָוו) און דורך אַלע פענצטער פון „סעמאַ־דעני״־רעסטאָראַן געוואָרפן די לאָזונג:

„נעפּ — מיר האָבן דיך געבוירן,
מיר ווילן דיך אָבער דערמאָרדן!״

טיף באַוווירקט, אינערלעך צעבונטעוועט, האָבן מיר געריכט פון אָרט. אין דער ערשטער ריי האָבן מאַרשירט די מיטגלידער פון גובקאָם. נאָך העכער, דרייַסטער האָבן געקלונגען די לידער וועגן דער גרויסער שלאַכט, וואָס דויערט ווייַטער.

קיינעם פון אונדז איז דעמאָלט אָפילו נישט איינגעפאַלן, אַז פּאָר אַזעלכע רייד צו אַ צעשטורעמטן יוגנט־עולם, פּאָר רייד, וואָס האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן „נעפּ״, וועלכער האָט לויט לענינען געזאָלט קומען אויף „ערנסט און לאַנג״, דאַרף מען עמעצן באַשטראָפן, מאַכן „אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע אויספירן״, אָדער — וואָס איז אָפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען — עמעצן פון די אייגענע רייען אַרעסטירן! נישט איין מאָל איז מיר שפּעטער אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט דעם אינטעליגענטן, טיפיש יידישן למדן סאָדין, מיט דעם גוטן אָרגאַניזאַטאָר, דעם פאַרבונדענעם מיט דער ביאַליק־משפּחה — ריקלין, מיט דעם סעקרעטאַר פון גובקאָם פון קאָמסאָמאָל איוואַנאָוו, גאָר באַזונדערס ווען כ׳בין אַליין, אַלס סעקרעטאַר פון עקאָנאָמישן אָפּטייל, געווען אַ צייַט אַ טוער פון גובערניאַלן קאָמסאָ־מאָל־קאָמיטעט. די קעגנערשאַפט צום נעפּ האָבן זיי בייַ פאַרשידענע גע־לעגנהייטן געבראַכט אָפן צום אויסדרוק.

קיינעם האָט מען נישט איינגעזעצט בעת דער פריערדיקער גרויסער דיסקוסיע אין קאָמסאָמאָל וועגן אַזוי גערופענעם „אַוואַנגאַרדיזם״. געווען איז דעמאָלט אַ גרופּע יוגנט־טוערס, בראָש מיטן יידישן בחור מישע פּאָלאָנסקי, וואָס איז געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז אויפן צווייטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע, נאָכן בירגערקריג, דאַרף די עיקרדיקע ראָל געהערן נישט דעם עלטערן דור, נאָר דער יוגנט. — דער אויספיר: שוין שאַפן

יוגנט־סאָוועטן, יוגנטלעכע אויספיר־קאָמיטעטן, שיִער נישט פּאַראַלעלע פּאָלקס־קאָמיסאַריאַטן (מיניסטעריומס), מיט איין וואָרט — אַ גאַנצע אייגע־נע יוגנט־מלוכה מיט אַ יוגנט־רעגירונג.

בעת דער דאָזיקער דיסקוסיע האָבן די טעמפּעראַמענטן זיך אַזוי צע־פּלאַקערט, אַז איין צד האָט פאַרגעוואָרפן דעם צווייטן די סאַמע שרעק־לעכסטע אַפּיקורסות. מען האָט געשטרײַט — און דערבײַ איז עס געבליבן. און אין יענע צײַטן, ווען אַרויסזאָגן אַ מיינונג, וואָס איז קעגן דער אָפיציע־לער, איז קיין שום חטא נישט געווען, האָט מען בלויז אויף די בלעטלעך פון דער געשיכטע פון דער יוגנט־באַוועגונג פאַרשריבן דעם דאָזיקן זייער כאַראַקטעריסטישן קאַפּיטל.

געווען איז אָבער אין יענער צײַט אַ פאַל, וואָס האָט אויפגעטרייסלט און פאַרלאַנגט אַן אויפקלערונג. דעם ענטפער האָב איך געוואָלט באַקומען בײַ מײַן גוטן פרײַנד — דעם שעף־רעדאַקטאָר פון דער ייִדישער צײַ־טונג „קאָמוניסטישע פאָן" הענעך קאַזאַקעוויטש.

אַרויסגייענדיק מיט די גרויסע, ברייטע טרעפּ פון דעם שטאָטישן סאָוועט צום גובערניאַלן קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל האָב איך פּלוצלונג דער־זען, ווי עס לויפט מיט איין אָטעם, מיט אַ ברייט צעעפנטן מויל און צע־שראָקענע אויגן אונדזער באַליבטער אין יענער צײַט דיכטער דוד האָפּ־שטיין. איך האָב אים געקענט פון די פּילצאַליקע ליטעראַרישע אָוונטן, כ׳האָב זיך פערזענלעך מיט אים באַקענט דורך זײַן ייִנגסטער שוועסטער, מײַן גוטער חברטע שיפעלע (די באַקאַנטע ייִדישע דיכטערין שפרה כאַלאַדענקאָ). בין איך שנעל צוגעלאָפן צו אים מיט דער פראַגע: „חבר האָפּשטיין, וואָס איז געשען?" ער האָט זיך אַ רגע פאַרהאַלטן, אַנגעשטעלט אויף מיר זײַנע שטאַרק אומרויִקע אויגן און מיט איין האַנט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן אַקסל, ווי ער וואָלט זיך אָנהאַלטן אין מיר, נישט אומצופאַלן. „זיי האָבן אים... אים האָבן זיי אַרעסטירט!..." כ׳פרעג אַ דערשראָקענער: „ווע־מען?" און קען נישט אַרויסבאַקומען מער קיין וואָרט. כ׳הער בלויז זײַן שאַרף אָפּגעהאַקטן אָטעם (אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך אים געזען מיט 7 יאָר שפּעטער, ווען מיר האָבן ביידע צוזאַמען איבערגעלעבט אין קרים אַן ערד־ציטערניש). כ׳פרוּוו אים נאָך אַ רגע פאַרהאַלטן. עס פאַלן אים פּלוצעם

אַראָפּ, פון גרויס מידקייט, די אויגן־לעפּלעך און כ׳הער זײַן שטיל, פײַנ־פול וואָרט: „אים, ביאַליקן האָבן זיי פאַרהאַלטן״. באַלד האָט ער זיך אַ ריס געטאָן: „כ׳גיי צום שוואָגער״...

ווער עס איז דער שוואָגער האָב איך נישט געוווּסט, אָבער הענעך קאַזאַקעוויטש, וועלכער האָט אויסגעהערט מײַנע רייד — כ׳האָב אים דער־ציילט אַלץ, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט פון דוד האָפשטיינען — האָט זיך שנעל אויפגעהויבן פון אָרט זאָגנדיק: „כ׳גיי אויך צו אים... צו יאַן גאַמאַרניקן״.

ווען דער שטענדיק מילדער, גוטער הענעך קאַזאַקעוויטש איז צוריק־געקומען אַן אויפגערעגטער, האָב איך געהערט זײַנע צאָרנדיקע רייד:

„וואָס ווייסן זיי?! וואָס ווייסן זיי?! ס׳איז דאָך חיים נחמן ביאַליק!״

— און וואָס ווײַטער? וואָס וועט זײַן מיט אים?

— באַלד וועט ער צוריקפאָרן קיין אָדעס. דאָס פּאַפּיר האָט מען פאַר־האַלטן... גאַמאַרניק האָט שוין אַלץ צו רעכט געמאַכט...

דאָס איז דער זעלבער יאַן גאַמאַרניק, וועלכער האָט שפּעטער אָנגע־פירט מיט דער פּאָליטישער פאַרוואַלטונג פון דער גאַנצער רויטער אַרמיי, דער מענטש, וועלכער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם סטאַלינישן מאָרדצוג. זײַן לעבן האָט ער פאַרענדיקט אַזוי, ווי עס טוען קעמפּערס אין אָנבליק פון אַ שטאַרקערן שׂונא — די לעצטע קויל האָט ער זיך אין שלייף געגעבן.

6

די שבועה ביים ברונעם

בעלנים זענען געווען זייער אַ סך און הגם די שיף איז געווען נישט פון די קליינע, איז אָבער אויף אונדזער חלק, פאַר די קאָמסאָמאָלצעס פון דער ייִדישער יוגנט־קאָמונע, אויסגעפאַלן סך־הכּל עטלעכע פּלעצער. צווישן די באַשטימטע מיטצופאָרן בין איך אויך געווען.

בכלל האָב איך געהאַט באַמערקט, אַז סיי יאַשע, דער פּאַרוואַלטער, סיי הערשל, דער סעקרעטאַר פון אונדזער קעמערל, פלעגן אויף אַ גאַנץ דיסקרעטן אופן מיך כּסדר צוזען. מען פלעגט צײַטנווײַז, כּמעט אומבאַמערקטערהייט, מיר אונטעררוקן אין דער פרי אַן איבעריקע פּאַרציע ברויט מיטצונעמען צו דער אַרבעט; אַנומלט האָט מען פון בילדונגס־אָפּטייל באַקומען אַ שטיק סיטץ אויף מיידלשע קליידלעך — האָבן מרים מיט כאַסיען אויסגעקאָמבינירט פאַר מיר אַ געבלימלט אייבערהעמד. קיינעם האָט עס נישט שאַקירט, כאָטש אַזעלכע ווי איך, וועלכע האָבן קיין משפּחה נישט געהאַט, זענען נישט ווינציק געווען צווישן אונדז. אַלע ייִדישע קינדער־און יוגנטהיימען זענען דעמאָלט פול געווען מיט יתומים — אָפּגעראַטעוועטע פון די פּאָגראָמען אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך.

פאַר טאָג זענען מיר אַוועק צום זאַמלפּונקט בײַם דניעפּר, וווהין עס האָבן געמומען אָנקומען יוגנטלעכע פון דער גאַנצער שטאָט. איינע אַ גרעסערע גרופּע איז געקומען מיט אַן אייגענער האַרמאָניע, גיטאַרע, באַלאַלײַקע און מיט עטלעכע אַנדערע אינסטרומענטן. אונדז האָט עס אויסגעזען זייער מאָדנע. מיר קלויבן זיך דאָך נישט אויף קיין עקסקורסיע, אַוודאי נישט אויף קיין פּאַרווײַלונג. מיר פאָרן דאָך אויף קבר־אָבות, דאָרט ווו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָס באַוווּסטע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון קאָמסאָמאָל, וואָס ווערט אָנגערופן „טריפּאָליער טראַגעדיע״. פּונקט צום יאָרצײַט פאָרן מיר אַהין.

ביי דער שיף האָבן מיר באַמערקט ווי צוזאַמען מיט אונדז, די יונגע, שטייגן אויך איין עלטערע, גרייז־גרויע, באַקאַנטע מענטשן, וועלכע מען האָט געוויינטלעך באַצייכנט אַלס וועטעראַנען. זיי פלעגן אָפט קומען אין אונדזערע יוגנטקלובן, כּדי צו דערציילן זייער „אַ מאָל איז געווען"... מיט זיי האָט מען עס לאַנגע, לאַנגע אָוונטן דיסקוטירט, צי איז די פּראָבלעם פון טאַטעס און קינדער פאַראַן אויך היינט, אין אונדזער שטורמישער רעוואָלו־ציע־צייט? סוף־כּל־סוף האָט מען געפּסקנט, אַז קיין שום ווידערשפּרוכן צווישן דורות זענען מער נישטאָ און וועלן נישט זיין, ווי באַלד עס בינדט אַלעמען איין אידעע — דער סאָציאַליזם.

כ'ווייס נישט ווי ביי אַנדערע, אָבער ביי מיר איז שוין דעמאָלט געווען דאָס געפיל פון שולד לגבי אָט די מענטשן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען, ווי מ'זאָגט עס אין רוסיש, „דורך פייער און דורך וואַסער און קופּערנע טרויבן". געטראַכט האָט זיך אַזוי, אַז קיין שום גלייכקייט קען שוין נישט זיין צווישן יונג און אַלט, ווי באַלד זיי, די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָ־נערן, האָבן הינטער זיך קיין ברעקל אייגן לעבן נישט געהאַט, חדשים און יאָרן אָפּגעפינצטערט אין די צאַרישע תפיסות, אויף פאַרשיקונג, אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר דער גרויסער זאַך — און מיר, וואָס זענען מיר דען, אויב נישט די, וואָס זענען געקומען צום גרייטן טיש?

שטיל, נישט אַרויסצוברענגען פאַרן מויל, זענען ביי מיר, נאָך די רייד פון די וועטעראַנען, אויפגעקומען אַזעלכע געדאַנקען. אַן אַנטלאָפענער פון פּוילן, בין איך דאָך זיכער געקומען צום גרייטן. גיי דערצייל וועמען די געשיכטע מיט סידאַראָוון...

צי האָב איך דען נישט געדאַרפט, אַזוי ווי ער האָט מיר באַפּוילן, בלייבן אין דער היים, דאָרט ווו נישט בלויז אַלטע, אויסגעפּרוווטע וועטע־ראַנען, נאָר יונגע, אַזעלכע ווי איך, מאַכן דורך דעם זעלבן קאַמפּסוועג?!

ווען איינער פון די אַלטע האָט אויפן שיף אָנגעהויבן דערציילן די אַזוי באַוואוסטע געשיכטע פון יונגן דור, די „טריפּאָליער טראַגעדיע", האָבן די ספקות גענומען אָפּטרעטן. אַלץ פולער האָט דעם מוח באַהערשט דער גע־דאַנק, אַז בסך־הכּל זענען מיר דאָ אַלע — פון פעטשערער ראַיאָן און פון

שוליאַווקע, פֿון פֿאַדאָלער ראַיאָן און פֿון דימיִיעווקע — גאַר נישט צו שפּעט געקומען אויף דער וועלט. מען קען נאָך באַווײַזן... און אפשר איז עס אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פּונקט אַזוי ווי אין דער ביאָלאָגיע? אַנומלט האָט אַ לעקטאָר פֿון ייִדישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אונדז דערקלערט, אַז דער מענטשלעכער אָרגאַניזם מאַכט דורך אין דער מאַמעס אינגעווייד אַלע עטאַפּן פֿון אויספֿאָרמירן זיך פֿון דעם מענטשלעכן מין.

הייסט עס, אַז כּדי צו ווערן אַ ווירקלעכער רעוואָלוציאָנער דאַרף מען אומבאַדינגט אַליין דורכמאַכן דאָס אַלץ, וואָס פֿאָרמירט דעם ווילן, דעם כאַראַקטער, שטאַרקט די אויסדויער־קראַפֿט און קודם־כּל — די אַבסאָלוט נייטיקע אידעיִשע פֿעסטקייט.

...אונדזערע מוזיקאַנטן האָבן אָנגעהויבן שפּילן און דאָס מאָל האָט קיינער פֿון אָרט זיך נישט אויפֿגעהויבן, כּדי, ווי געוויינטלעך, בעת שיף־עקסקורסיעס איבער דעם דניעפּער, זיך לאָזן אין אַ טענצל. פּונקט אַזוי שטיל פֿאַרטרוימט, ווי בעתן אויסהערן די געשיכטע פֿון אונדזער אייגענעם דור, אַזוי האָט אויך געקלונגען דאָס ליד וועגן דעם פֿאַרפֿײַניקטן אין שווערער געפֿאַנגענשאַפֿט („זאַמוטשען טיאַזשאָלאָי ניעוואָלאָי”), וועגן דעם רומפֿולן ים און הייליקן בײַקאַל („סלאַווונאָיע מאָריע, סוויאַשטשעני בײַקאַל”).

ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַם הויכן ברעג, האָבן מיר אַלע פֿאַרריסן די קעפּ: נישקשה פֿון אַ וועג צו פֿוס שטייט אונדז פֿאָר, כּדי צו דערגרייכן דעם דאָרף טריפּאָליע! ערשט נאָך דעם האָט מען אונדז אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז פֿון דער דאָזיקער הייך זעגען עס טאַקע געשפּרונגען אין דניעפּער די איינציקע, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט, הגם דער שׂונא האָט נאָכגעשיקט נאָך זיי אַ האָגל פֿון קוילן. זיי האָבן זיך געראַטעוועט ווי אמתע פֿאַדאָלער יאַטן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן בײַם דניעפּער און דאָס וואַסער איז געווען זייער סטיכיִע. זיי האָבן באַוויזן זיך אַראָפּצולאָזן אין דער טיף, כּדי אויף אַ רגע אַרויפֿשווימען, אַרײַנאָטעמען פֿולע לונגען מיט לופֿט און ווידער נעלם ווערן אונטערן וואַסער, כּדי דערנאָך אונדז אַלעמען איבערגעבן יענע געשיכטע, אויף די שפּורן פֿון וועלכער מיר האָבן זיך איצט געלאָזט.

...קרוב הונדערט יונגע יאַטן זענען זיי געווען — אַלע פון פּאָדאָלער ראַיאָן. די אַבסאָלוטע מערהייט פון זיי — ייִדישע חברה (און דאָס דער־ציילט נישט די געשריבענע געשיכטע). אין דעם דאָזיקן ראַיאָן האָבן אין די צאַרישע צײַטן זיך אויפגעהאַלטן דער עיקר יענע ייִדן, וועלכע האָבן קיין ווינרעכט נישט געהאַט, זיי איז פאַרבאָטן געווען זיך צו געפינען אין דעם אויבערשטן, דעם ייִחוסדיקן טייל פון קיִעוו. אין פּאָדאָל האָט געוווינט די ייִדישע אָרעמקייט, דער ייִדישער האָרעפּאַשנער המון. דאָס האָבן זייערע זין און טעכטער מיט לײַב און לעבן זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער רעוואָ־לוציע. דאָס האָבן זיי, מיט זייער מסירת־נפשדיקייט אויסגעדריקט דעם דורותדיקן ייִדישן טרוים צו זײַן פרײַ, מיט אַלעמען גלײַך. ווּ האָט מען דען נישט אָנגעטראָפן אין יענע צײַטן די דרײַסטע ייִדישע ייִנגלעך און מיידלעך פונעם קיִעווער פּאָדאָל? אויף אַלע פראָנטן פון בירגערקריג, אומעטום, ווּ עס האָט זיך געפאָדערט טרײַשאַפט און מוט.

אַזוי איז עס אויך דאָס מאָל געשען. כ׳ווייס נישט צי זיי, פּונקט ווי מיר, בעת דעם רוף צום קאַמף קעגן דער באַנדע אויפן וועג קיין זשיטאָ־מיר, זענען אויפגעוועקט געוואָרן דורך דעם סירענע־אַליאַרעם, אָדער זייער אָפּעראַציע איז געווען פון פאָרויס פּלאַנירט. די פּאָדאָלער קאָמסאָמאָלצעס זענען אַוועק מיט דער אויפגאַבע צו פאַרניכטן די באַנדע פון אַטאַמאַן זיעלעני, וועלכע האָט געווילדעוועט אויף דער צווייטער זײַט פונעם דניעפּער־ברעג. אָנגעפירט מיט דער קאָמפּסגרופּע האָט דער יונגער ייִדישער אַרבעטער מישע ראָטמאַנסקי.

מיר זענען געגאַנגען אין די שפּורן פון די יונגע שלאַכטלײַט, וואָס האָבן געפירט צו דעם הויז פון אַ רײַכן פּויער. דאָרט האָט זיך דעמאָלט געפונען דער שטאַב פון אַטאַמאַן זיעלעני. מיר זענען אַוועק צו דעם ברו־נעם. שטיל, גאָר שטיל האָט דערציילט דער געראַטעוועטער ייִדישער בחור פּאַסטאָווסקי, וועלכער איז דעמאָלט געשפּרונגען אין וואַסער און איז פאַר־וווּנדיקט געוואָרן בעתן אַרויסשטעקן דעם קאָפּ. פון זײַן דערציילן איז בולט אויפגעקומען די קאַטאַסטראָפע — פּלוצלונג אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זײַטן דורך זיעלעניס באַנדיטן ; די ווילדע געשרייען פון די באַנ־דיטן בעתן טרײַבן די געפאַנגענע צו דעם הויז פון שטאַב, ווּ דער אַטאַמאַן

האָט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל: אַלעמען וואַרפן אין ברונעם אַרײַן און זאָל דאָס בלוט פון די זשידעס־קאָמוניסטן פאַרפלייצן די אוקראַיִנישע ערד...

אַלעמען, חוץ די געציילטע, וועלכע ס'האָט זיך אײַנגעגעבן נעלם צו ווערן און שפּרינגען פונעם הויכן דיעגפּער־ברעג אין וואַסער אַרײַן, האָבן די באַנדיטן געוואָרפן מיט ווילדער רציחה אין ברונעם אַרײַן. מיט פּיקעס, באַגנעטן, מיט העק און גראַבאײַזנס האָבן זיי געהאַקט איבער די קעפּ, איבער די קערפּערס פון דער ענג צונויפגעדרענגטער מאַסע יוגנטלעכע, אַזוי לאַנג, ביז דאָס בלוט, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן וואַסער, האָט גענומען אַריבערגיין איבער דעם ברונעמראַנד און ביז פון דער טיף האָט זיך מער קיין קרעכץ נישט געהערט.

מיר זענען געשטאַנען בײַם ברונעם, אַרײַנגעקוקט אין דער טיף און געדאַכט האָט זיך, אַז נישט די אָפּשפּיגלונג פון אונדזערע אייגענע פּנימער האָבן מיר דאָרט דערזען, נאָר די געזיכטער פון אונדזערע ברידער, פאַר וועלכע דער ברונעם מיטן אָפּפרישנדיקן וואַסער איז געוואָרן אַ קבר.

שטיל זענען מיר געשטאַנען בײַם ברונעם און יעדער איז פאַרנומען געווען מיט זײַן אייגענעם טראַכטן. דאָרט טאַקע איז פון דער גאָרער טיף אויפגעקומען די שבועה אָן ווערטער: גיין אין די פוסטריט פון די עלטערע און פון זייערע געטרײַע יונגע נאָכפאָלגערס, די מענטשן פון אונדזער דור. די שעפערס פונעם קאַפּיטל, וואָס איז אַרײַן אין דער געשיכטע א״ב די טריפּאָליער טראַגעדיע.

פון דעמאָלט אָן, ווו נאָר עס איז געקומען צו אַ שטרײַט וועגן אייביקן ווידעראַנאַנד צווישן דורות, צווישן טאַטעס און קינדער, פלעג איך דער־ציילן די געשיכטע פון אונדזער גאַנג אויף קבר־אָבות, צום טריפּאָליע־דאָרף, עטלעכע און צוואַנציק קילאָמעטער פון קיִעווער פּאָדאָל, פונעם הויז אויף ספּאַסקי־גאַס נומ. 12, ווו עס האָט זיך געפונען דער ראַיאָן־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל. פון דאַנעט זענען עס אַוועק אין שלאַכט און מער נישט צוריקגעקומען ביידע ברידער מאַרגוליס, ביידע ברידער טווערסקי, ביידע ברידער פּאָליאַנסקי, און דער 16יאָריקער אָרטנבערג, און דער 16־יאָריקער ראַדינסקי, און די 17־יאָריקע ליובע אָראַנאָווע, און אַלטשול, באַרבאַרוד, ברוק, ביילים, בורשטיין, בראַזינסקי, גאַנאָפּאָלסקי, גרעבען, גראַווער,

דוואָרקין, ווינאָקור, גערשטיין, וועקסלער, העכטמאַן, זאַק, האַרצמאַן, זילבערבערג, קופּערשטיין, לעווין, לעטיטשעווסקי, מייעראָוויטש, לעוונ־שטיין, מיראַנסקי, נאָוואַק, מאַניעוויטש, בעטיע פּאַליי, פּינסקער, שייניז, שאַפּירא, שיינקמאַן און נאָך און נאָך. וועגן זיי זינגט זיך עס אין דעם ליד פון דעם דעמלט זייער באַליבטן ייִדיש־רוסישן דיכטער פון יונגן דור, מיכאַיִל גאָלאָדני:

„אָוועק זענען סך־הכּל נײַנציק,
זיך אומגעקערט צוריק — זעקס"

נישט געווען איז צווישן די זעקס דער קאָמאַנדיר פונעם אָפּטייל, מישע ראָטמאַנסקי. ער האָט אַלע קוילן אויסגעשאָסן אין די שׂונאים. אַלע — חוץ איינע, די לעצטע. מיט איר האָט ער אָ סוף געמאַכט צו זײַן יונג, העלדיש לעבן, כּדי נישט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די מערדערס, וועל־כע האָבן, בעתן אַרומרינגלען דעם אָפּטייל אין יענעם טראַגישן 30סטן יוני 1919 באַפּוילן: „זשידעס, קאַצאַפּעס, קאָמוניסטן — פינף טריט פאָרויס!"

אַוודאי גייט מען אויך הײַנט אויף קבר־אָבות אינעם טריפּאָליע־דאָרף, אָבער כּדי צו הערן אַ געשיכטע, וועלכע דערציילט נישט, אַז כּמעט אַלע פאַרפּײַניקטע, אויך מיט דער הילף פון די טריפּאָליער פּויערים, זענען געווען ייִדישע קינדער פון קיִעווער פּאָדאָל. און וואָס שייך זייער גרענעצ־לאָז העלדישן קאָמאַנדיר מישע ראָטמאַנסקי (אויף זײַן נאָמען האָבן מיר בשעתו אָנגערופן די ייִדישע פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע מעטאַליסטן־שול אין קיִעוו), איז זײַן פּאָרטרעט באַזײַטיקט געוואָרן פון קיִעווער מוזיי *.

* אַזוי גיט איבער די נייע עולה פון קיעוו מרים ווילשאַנסקאַיאַ-זעווין, מיין חברטע פון דער יידישער יוגנט-קאָמונע אויף מיכאַילאָווער 17.

7

יעווסעקעס

הײַנט וואָלט מען אַוודאי געזאָגט: אַ צעלאָזענע חברה! שיִער נישט: כוליגאַנעס, וואָס פעלט זיי דען?! בלויז דאָס טעלערל פון הימל...

אונדז האָט אָבער שטאַרק געפעלט אַ געוויינלעך שטיקל ברויט. מ׳איז געווען זייער הונגעריק. געדאַכט האָט זיך, אַז עס קאָן גאָר נישט געמאָלט זײַן מיר זאָלן ווען עס איז זיך אָנעסן צו דער זאַט. אין גובערניאַלן קאָמי־טעט פון קאָמסאָמאָל פלעגן מיר אָפּוואַרטן געקומענע טוערס פון דער פּראָ־ווינץ, וועלכע פלעגן געוויינטלעך מיטברענגען „עפּעס וואָס" מיט זיך. טאָ־מער נישט — האָט מען בײַ זיי אויסגעבאָרגט אויף אַ רגע זייער דעלעגאַ־ציע־דאָקומענט („קאָמאַנדיראָווקע"), אויף וועלכער מען פלעגט אין דער רויטאַרמייִשער טייהאַלע באַקומען אַ הייס, באַפּאַרבט טעפּל וואַסער מיט אַ קליין שטיקעלע צוקער. יאָטן האָבן זיך אויסגעלערנט די קונץ, ווי אַזוי צו האַלטן גאָר לאַנג דאָס ברעקל צוקער אונטער דער צונג, עס זאָל סטײַען אויף עטלעכע טעפּלעך טיי.

אין שכנות פון אונדזער קאָמונע האָט אַ יידישע פרוי, אַן אַלמנה, געהאַט אַ „געשעפט", זי האָט פאַרקויפט קליינע שײַטלעך האָלץ צו מאַכן פײַער. פלעגן מיר אָפּט מאָל זיך אַרײַנכאַפּן צו איר, צעזעגן און צעהאַקן עטלעכע סוקעוואַטע קלעצלעך און דערפאַר באַקומען אַ מחיהדיקן היימישן טעלער זופּ. און אַז דער הונגער האָט שוין גאָר שטאַרק אַ נעם געטאָן בײַ די געדערעם, פלעג איך צוזאַמען מיט מײַן חבר נחום ברומער, אויך אַ רעווקאָמניק, אָבער אַ גרויסשטאָטישער, אַ ביאַליסטאָקער, זיך אַרויסלאָזן „אויף שפּאַציר". געוויינטלעך פלעגן מיר זיך אַוועקלאָזן אין דער געגנט פונעם דאָרף סירעץ און דאָרט פלעגן מיר זיך אַרײַנבאַקומען אין גערטנער, כדי זיך אָנעסן אויפן אָרט און אָנפילן פולע קעשענעס מיט פּאָמידאָרן.

אַזאַ מין „אָפּעראַציע" האָט געשמעקט מיט גאָר שרעקלעכע רעזולטאַטן. מיר האָבן געקענט געשטעמפּלט ווערן אַלס גנבים און ווי אַ צולאָג כאַפּן קלעפּ פון די גאָרטן־אייגנטימערס. דער הונגער איז אָבער געווען שטאַרקער פון אַלע מאָראַלישע העמונגען.

און דאָך, אַפילו שטאַרק הונגעריקע, ווען מיר פלעגן אין אַ גרויסער קאָמפּאַניע זיך אַרויסלאָזן איבער צענטראַלע גאַסן, איז דער גאַנצער אַרום פול געוואָרן מיט אונדזערע קולות, מיט אונדזערע פריילעכע שטימען, און מיר פלעגן צווינגען די פאַרבײַגייערס זיך אָפּצושטעלן און אָפּט לאַכן צוזאַמען מיט אונדז.

אָט, אַ שטייגער, גייט פאַר אונדז אַ מענטש, לויטן אויסזען קענטיק אַן אַרבעטער. לאָזן מיר זיך לויפן, אָנצויאָגן, און האַרט לעבן זײַן אויער שרײַען מיר פלוצלונג אויס אַלע צוזאַמען: „סלושאַי!" („הער נאָר!"). ער קוקט אונדז אָן אַ פאַרחידושטער — און באַווײַזט נישט אַ וואָרט אויסצורעדן און מיר אַלע צוזאַמען זינגען אים אויף:

„סלושאַי ראַבאָטשי, וואָינאַ נאַטשאַלאַסיאַ"

(הער נאָר, אַרבעטער, די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן).

אָדער מיר דערזעען פון דער ווײַטנס עמעצן, וואָס סיי לויט זײַן קליידונג און סײַ לויטן זאַטן אויסזען דאַרף ער אַוודאי זײַן פון דער נײַ־אויפגעקומענער נעפּ־בורזשואַזיע. לויפן מיר שנעל צו אים צו הינטן אַרום און גיבן אַזאַ געשריי: „סטאָי!" — אַז יענער צאַפּלט אויף, בלײַבט שטיין ווי צוגעשמידט צום אָרט. און מיר זינגען אים אויף דאָס דעמאָלט פּאָפּולער לידל:

„סטאָי, בורזשוי, סטאָי, ניע סיִיאַי,
נעפּ נאַם ניע סטראַשען, נאַס ניע זאַדיראַי!"
(שטיי, בורזשוי, שײַן נישט אַזוי,
דער נעפּ איז אונדז נישט שרעקלעך,
פאַררײַס נאָר נישט די נאָז!).

דער עולם אַרום האָט הנאה געהאַט פון אונדזערע חכמות, און דער „באַפאַלענער" פּרוּווט אויך אַרויסרופן אַ שמייכל אויף זײַן פּנים, הגם צײַטנווײַז איז עס אַ גרימאַסע, וואָס דריקט אויס צוגעדושעטן צאָרן.

אין יענעם אָוונט זענען מיר אַלע, די גאַנצע קאָמונע אונדזערע, גע־גאַנגען צוזאַמען אַהיים. קיינער אָבער האָט דאָס מאָל נישט געפּרוּווט אין וועג אָנהייבן צו זינגען עפּעס וואָס פון אונדזער רייַכן רעפּערטואַר, אָפּ־געריידט שוין פון פּראַווען שטיק. בייַ דער גאַנצער פאַרשיידנקייט פון אונדזערע כאַראַקטערן און געמיטער האָבן די געהערטע רייד אויף דעם גרויסן פּלאַץ, צווישן טויזנטער און טויזנטער מענטשן — יונגע און אַלטע, ייִדן, אוקראַיִנער, פּאָליאַקן — געמאַכט דעם זעלבן רושם. איז מען געגאַנ־גען שטיל, פאַרקלערט, ווי אויף אַלעמען וואָלט מיט אַ מאָל זיך אויסגע־לייגט אַ טיפע, דערוואַקסענע ערנסטקייט.

צום ערשטן מאָל האָבן מיר געהערט רעדן דער חברטע אסתר. די אַ מאָל באַרימטע פירערין פון „בונד" און שפּעטער די צענטראַלע טוערין פון די ייִדישע קאָמוניסטן, פון די יעווסעקעס, איז אַראָפּגעקומען צו אונדז, כּדי זיך צו באַטייליקן אין דער אַלשטאַטישער ייִדישער אומפּאַרטייִשער קאָנפערענץ און נאָך דעם, אַלס באַקאַנטע פּעדאַגאָגין — אין דער אַלאוּ־קראַיִנישער קאָנפערענץ פון ייִדישע לערערס און דערציִערס. פּונקט דעמאָלט איז אויסגעפאַלן דער 20סטער יאָרטאָג נאָך דעם העלדנטאַט פונעם ווילנער שוסטער הירשקע לעקערט, וועלכער האָט אַלס נקמה־אַקט פאַר שמייַסן אַרעסטירטע ייִדישע אַרבעטערס — אַנטייל־נעמערס אין דער 1טער מייַ־דעמאָנסטראַציע — געשאָסן אין גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָן וואַל און איז דערפאַר פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט.

אויף דעם אַלשטאַטישן אָנדענק־מיטינג זענען געקומען די קאָלעקטיוון פון די גרעסטע פאַבריקן, און צווישן זיי — מייַנע אַלטע באַקאַנטע, די לעדער־אַרבעטערס פון פאָדאָל, די פאַד־קאָלעגן פונעם אומפאַרגעסלעכן העלד הירשקע.

גערעדט האָט די חברטע אסתר פון אָנהייב שטיל, גאָר שטיל, און דאָך איז יעדעס וואָרט דערגאַנגען צום גרויסן עולם, פאַר וועלכן זי האָט אויפ־געלעבט דאָס בילד פונעם דערנידעריקטן, באַוואָלטן ייִדישן אַרבעטער אין די ווילנער געסלעך פון נויט און פּייַן. באַלד האָט זיך איר שטימע אַלץ העכער און העכער געהערט, און געוואָרן איז דאָס געפיל, ווי צוזאַמען מיט אסתרן וואָלטן מיר אַלע געגומען שטייַגן פון טרעפּ צו טרעפּ, ווי אַן אַדע־

קוואַט־בילדערישער אויסדרוק פונעם שטײַגנדיקן קלאַסן־באַוווּסטזײַן בײַ די „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט". און אַז ס'איז דערגאַנגען צום מאָמענט, ווען מיט צעשטורעמטע געמיטער זענען ווילנער יידישע אַרבעטערס אַרויס אין גאַס, האָט מען בפירוש געקענט זען — נאָך 20 יאָר, אויפן קיִעווער פלאַץ — ווי אסתרס רייד האָבן געבראַכט אין באַוועגונג טויזנטער קעפּ, וועלכע האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער, אויסדריקנדיק אין די צעפלאַמטע בליקן דעם שטאָלץ מיט די אָנהייבערס פון גרויסן קאַמף. און ווידער איז אסתרס שטים שטיל געוואָרן. די טראַגעדיע פון געשמיסענע לײַבער, פון דערנידעריקטער ווערדע, האָט מען אָפּגעפילט אַזוי, ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געשען מיט די סאַמע נאָענטסטע. און דאַן הירשקעס העלדנטויט, זײַן מוטיקע האַלטונג אין אָנבליק פון שונא, זײַן פאַראַכטונג צו די פּײַניקערס, זײַנע נביאישע רייד וועגן דער נקמה, וואָס וועט קומען...

אַפילו בײַ מענער, פאַרהאַרטעוועטע, אויסגעפּרוּווטע אין קאַמף, זענען טרערן אין די אויגן געשטאַנען. און אָט האָבן אסתרס רייד געצוווּנגען, אַז פּויסטן זאָלן זיך נעמען בײַלן, הייבן איבער קעפּ, באַגלייט מיט ספּאָנטאַנע אויסגעשרייען. געדאַכט האָט זיך, אַז אַ דונער האָט זיך דורכגעקייקלט. אסתר האָט איבערגעריסן אירע רייד. מיט אירע גרויסע, צעפלאַמטע אויגן האָט זי טיף דורכגעדרונגען דעם עולם, וועלכער איז פּלוצעם שטיל געוואָרן, און איר שטים האָט זיך ווידער צעקלונגען, אָבער דאָס מאָל אין אַ געזאַנג, וואָס האָט גערופן, אַז אַלע „ווער ווי שקלאַפן", זאָלן אויפשטיין...

אין אָוונט, אַרײַנגעכאַפּט שנעל די שיטערע הירזשן־זופּ, האָבן מיר, די דעלעגאַטן פון דער יוגנט־קאָמונע צו דער אַלשטאָטישער יידישער אומפּאַרטייִשער קאָנפערענץ, שנעל זיך געלאָזט צום יידישן אַרבעטער־קלוב אויף קרעשטשאַטיק־גאַס. פון מינוט צו מינוט איז דער גרויסער, העל באַלויכטענער זאַל געוואָרן אַלץ פולער, רוישיקער. אַלטע באַקאַנטע פון פאַבריקן און אונטערנעמונגען, פון מלוכה־אינסטיטוציעס און קולטור־קרײַזן האָבן זיך דאָ געטראָפן, געשמועסט צווישן זיך און פון אַלעמענס רייד האָט ביז דער הויכער, אַ מאָל גבירישער סטעליע, געגרייכט אַזאַ מין

געפּילדער, וואָס האָט געצווונגען זיך נענטער צורוקן איינער צום צווייטנס אויער.

מיט אַ מאָל זענען די רייד אָפּגעהאַקט געוואָרן. אַ צעשמייכלטע, באַ־גריסנדיק אַלעמען מיט ברייט צעשפּרייטע הענט, איז צום פּרעזידיום־טיש געגאַנגען די הויכע, שלאַנקע אסתר, צוזאַמען מיט איר — די אָרטיקע יידישע טוערס לייב אַבראַם, הענעך קאַזאַקעוויטש, בראָווואַרניק, האָלמ־שטאָק, ראַביטשעוו, אסתר ראַבינאָוויטש, דער יוגנט־טוער מיטיע מאָנין. געווען איז עס זייער אַלעמענס יום־הדין. היינט דאַרפן זיי פאַר די יידישע דעלעגאַטן פון דער גאַנצער שטאָט, פאַר די אומפּאַרטייאישע און פאַר די פּאַרטייאישע, אָפּגעבן אַ באַריכט, „וואָס און ווי אַזוי" און וואָס האָבן זיי בדעה ווײַטער צו טאָן. נישט צוגעפגערעדטערהייט פאַרנעמען מיר, די יונגע, די ערטער אויף די לעצטע בענק, איבערלאָזנדיק דעם אויבנאָן פאַר די עלטערע דעלעגאַטן. נישט ווײַט פון אונדז זיצט די דעלעגאַציע פון דער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (פּועלי־ציון) — דער סעקרעטאַר פון דעם רעכטברעגיקן ביוראָ ליבערמאַן, די קאָמיטעט־מיטגלידער גאַנאָפּאָלסקי און יאַשקאָ. אין דער דאָזיקער דעלעגאַציע איז אויך פאַראַן אונדזער יאַשע בראָנשטיין און מײַן געוועזענער מײַסטער פון דער פאָדאָלער לעדער־פאַבריק. באַזונדער זיצט אַ גרעסערע גרופּע עלטערע און מיטל־יעריקע יידן — באַלמעלאָכעס (קוסטאַרן), וועלכע געהערן צום „פאַרבאַנד פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן" (אויף רוסיש — „סעטמאַס", „סאָיוז יעווריים־קיך טרודיאַשטשיכסיאַ מאַס"), בראש מיטן רב זשיטניצקי.

איידער וואָס ווען האָבן מיר, די יונגע, אָנגעהויבן צו זינגען דאָס פריילעכע לידל וועגן יאָסל שוטה, וואָס וויל רק דינען בײַ די רויטע — און אסתר, אַ צעשמייכלטע, לאָזט זיך, באַגלייט דורך אַלעמענס פרײַנד־לעכע בליקן, צו אונדזערע ערטער. צוזאַמען זינגען מיר די לידער פון באָושאָווערן און פון ווינטשעווסקין. און ווען די מענטשן בײַם פּרעזידיום־טיש הייבן אָן צו געבן סימנים, אַז ס'איז צײַט צו ענדיקן — זינגען מיר אויף לכבוד אסתרן דאָס ליד וועגן די אַרבעטער־פרויען, וועגן די לײַדנ־דיקע פרויען, „וואָס שמאַכטן אין הויז און פאַבריק".

יידישער הויפּט-ביוראָ בײַם צענטראַל-קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל אין אוקראַינע
זיצן (אונטן) הערש סמאָליאַר און פּ. פּוטילאָוו (רעזניק); (אין מיטן) אפרים
פּאַרטנאָי, יוסף ליוביטש און דימיטרי מאָנין (סעקרעטאַר פון דעם הויפּט-ביוראָ)
און אויבן — בראָדעצקי

גערעדט האָט דער סעקרעטאַר פון דער ייִדישער סעקציע בײַם גובערניאַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אוקראַיִנע לייב אַבראַם. אַ באַריכט האָט אָפּגעגעבן דער פאַרוואַלטער פון דעם ייִדישן אָפּטייל בײַם גובערניאַלן אויספיר־קאָמיטעט פון די ראַטן בראָוואַרניק. דער לעצטער דין־וחשבון איז געווען פון דעם פאַרוואַלטער פונעם ייִדישן בילדונגס־אָפּטייל, דעם צוריקגעקומענעם פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האַלמשטאָק. זיי אַלע האָבן פאַרגעשטעלט דעם סך־הכל פון אַן אַרבעט, וואָס האָט געצילט אַרײַנצוציִען וואָס מער פון די אַ מאָל פולשטענדיק רעכט־לאָזע ייִדן אין דער מלוכהשער בויונג, אינעם פּאָליטישן לעבן, אין דער פאַרשטייענדיקער עקאָנאָמישער איבערשיכטונג, אין דער אַנטוויקלונג פון

דער ייִדישער קולטור און בילדונג. געווען זענען עס רייד פון מענטשן, וואָס זענען געווען אַרײַנגעטאָן אין אַנטוויקלען די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט און שעפערישקייט, אין געפינען פּראַקטישן אויסדרוק פאַר דער נאַציאָנאַלער גלײַכבאַרעכטיקונג.

פון דער ברייטער, דויערנדיקער ביז האַלבער נאַכט דיסקוסיע האָט זיך פאַרגעדענקט דער אַלגעמיינער טאָן: קריטיק, אָפט מאָל גאָר שאַרפע, לגבי אַלע באַריכט־אָפּגעבערס און לגבי די אינסטיטוציעס, וואָס זיי האָבן רעפּרעזענטירט. קריטיקירט די חסרונות, הגם אַ סך איז אויפגעטאָן געוואָרן, אָבער עס פאָדערט זיך פיל מער... אַ שטייגער — פאַר וואָס באַגרענעצט מען זיך אין דער קולטור־אַרבעט בלויז צו איין ייִדישן אַרבעטער־קלוב, פאַר וואָס נישט טאָן די אַרבעט אין אַלע ראַיאָן־קלובן, אויך פון קאָמסאָמאָל, וווהין עס קומען ייִדן, ייִדישע יוגנט? עס האָט זיך פאַרגעדענקט די רעדע פון דעם פאַרשטייער פון דער ליטעראַרישער גרופּע „ווידערוווקס" — איציק פעפער, וועלכער האָט אויסגעדריקט די גרייטקייט פון אַלע ייִדישע שרײַבערס צו קומען און איינאָרדענען ליטעראַרישע אָוונטן אומעטום, ווו נאָר מ׳וועט זיי אײַנלאָדן. געענדיקט האָט ער מיט לייענען זײַנס אַ נײַ ליד, געווידמעט „אײַך, די יונגע, די קאָמסאָמאָלצעס" — און דער דיכטער, נאָך אין מיליטערישער קליידונג, געקומען פון פראָנט, פון בירגערקריג, האָט אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון די בענק, וועלכע מיר האָבן פאַרנומען.

פאַרגעדענקט האָבן זיך די רייד פון אַ ייִדישן באַלמעלאָכע, וועלכער האָט אָנגעהויבן מיט דער פאָדערונג, אין נאָמען פון דעם „פאַרבאַנד פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן", צו זײַן אַ גלײַכבאַרעכטיקטער שותף צו אַלץ, וואָס ווערט געטאָן. „מיר האָבן דאָס רעכט צו זײַן די באַלעבאַטים, ווי באַלד מלאכה איז הײַנט אַ בכבודיקע זאַך און נישט ווי אַ מאָל, ווען אונדז האָט מען גערופן „סמאַלעקעפּ" און געהאַלטן פאַר פאַרשטאָפּטע מוחות".

געטראַכט האָט זיך בעת־מעשה: ווי קומט עס? יאָרן לאַנג האָט לעניך באַקעמפט דעם „בונד" פאַר זײַן סעפּאַראַטיזם, פאַר זײַן אָפּגעזונדערטקייט און דאָ איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעל ייִדישע אָרגאַניזאַציע פון ייִדישע אַרבעטסמענטשן. אמת, אַ ראַטן־פרײַנדלעכע, אָבער פאַרט בלויז

פון ייִדן, שוין אָפּגערעדט פון דער „יעקאָפּע" (אַזוי האָבן זיך גערופן די לינקע פּועלי־ציון). זייער פּאַרשטייער ליבערמאַן האָט געהאַלטן אַ גרויסע פּאָליטישע רעדע, פול מיט שאַרפער קריטיק קעגן דעם אינהאַלט פון דער אַרבעט פון די ייִדישע סעקציעס צווישן די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן, קעגן זעלבסט־באַגרענעצונג, קעגן אַסימילאַציע. און הגם די פּועלי־ציון־פּאַרטיי שטיצט די ייִדישע קולטור־אַרבעט און פירט אַליין אַ ברייטע טעטיקייט, דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז בלויז מיטן וועג פון בער באָראָכאָוו, מיטן שאַפן אַ ייִדישע טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע אין פּאַלעסטינע, מיטן שאַפן דאָרט אַ ראַטנמאַכט, וועט געלייזט ווערן ענדגילטיק די ייִדישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם.

די רעדע פונעם „יעקאָפּע"־פּאַרשטייער איז עטלעכע מאָל איבערגעריסן געוואָרן מיט שאַרפע רעפּליקעס, אָפּט מאָל מיט סאַטירישע אויסרופן פון איין זײַט, און שאַרפע ענטפערס מצד די פּועלי־ציון־דעלעגאַטן — פון דער צווייטער זײַט. דער זייער באַהערשטער ליבערמאַן (וועלכער האָט דעמאָלט, אַגב, אָנגעפירט מיט דער גאַנצער קיִעווער קאָמונאַלער ווירטשאַפט) פלעגט אין אַזאַ פאַל אָפּוואַרטן ביז אין זאַל איז שטיל געוואָרן און ווײַטער פאָרזעצן זײַן רעדע. ער האָט דערציילט וועגן דעם גרויסן צוזאַמענפאָר פון די מיזרח־פעלקער אונטערן פאָרזיץ פון דעם פירער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל גריגאָרי זינאָוויעוו, בעת וועלכן סעקרעטאַר איז געווען דער פאַרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון, דער נאָענטער חבר פון בער באָראָכאָוו — זיאַמע אָסטראָווסקי. טאַקע אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט עס זיאַמע אָסטראָווסקי פאַרגעלייגט צו שאַפן ייִדישע רויטאַרמייִישע אָפּטיילונגען (אין ווײַסרוסלאַנד זענען בעתן בירגערקריג אַזעלכע געשאַפן געוואָרן דורך דעם דעמאָלטיקן פּועלי־ציון־טוער און שפּעטער באַוווסטן סאָוועטישן היסטאָריקער, דעם קרבן פון סטאַלין־מאָרד, פּראָפעסאָר צבי פרידלאַנד), כּדי דורך קאַווקאַז זיך לאָזן קיין פּאַלעסטינע, באַפרײַען דאָס לאַנד פון ענגלישן אימפּעריאַליסטישן יאָך און דאָרט שאַפן אַ סאָציאַליסטישע ייִדישע מלוכה.

און ווידער האָט עס בײַ אונדז ממש דעם אָטעם פאַרהאַלטן, ווען גערעדט האָט די חברטע אסתר. גערעדט האָט זי פון אָנהייב אַזוי ווי אַ

לערערין, וואָס קלערט אויף אירע שילער, אין דעם פאַל — וועגן דער ראָל פון די ייִדישע אומפּאַרטייִשע קאָנפערענצן, אַלס דיווירקלעכע, פּולבאַ־רעכטיקטע דעה־זאָגערס אינעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן־ און קולטור־לעבן פון די ייִדישע אַרבעטסמענטשן. „נישט קיין טשינאָווניקעס זענען די אַלע, וועלכע האָבן אײַך באַריכטעט וועגן אַזאַ פאַרצווײַגטער, פאַרשיידנאַרטי־קער טעטיקייט, וואָס הייבט זיך אָן אינעם ייִדישן קינדער־גאָרטן, אין די פּילצאָליקע ייִדישע קינדער־ און יוגנט־היימען און גרייכט דורך די ייִדישע אָנפאַנג־ און מיטלשולן, דורך די ייִדישע פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע שולן און טעכניקומס, ביז"... און דאָ האָט אסתר נישט גערעדט — נאָר ווי רע־ציטירט אַ גרויסע פּאָעמע — די פּאָעמע וועגן ייִדיש לשון, וואָס וועט קלינגען שטאָלץ פון אוניווערסיטעט־קאַטעדרעס, פון וויסנשאַפטלעכע אינ־סטיטוטן. און ווען אסתר האָט דערבײַ איבערגעגעבן, אַז לויט אַ דעקרעט, וואָס לענין האָט אונטערגעשריבן, איז דער באַוווסטער פּיאָנער פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג, דער אויטאָר פונעם ווערק קעגן אַנטי־סעמיטיזם, ד"ר יוליאַן מאַרכלעווסקי, באַשטימט געוואָרן אַלס רעקטאָר, און זי, אסתר, אַלס פּראָרעקטאָר פונעם נײַ־געשאַפענעם אין מאָסקווע מערב־אוניווערסיטעט, ווו עס וועט זײַן אַ ספּעציעל ייִדישער סעקטאָר, מיט ייִדישע פּראָפעסאָרן און סטודענטן — האָט דער גאַנצער זאַל זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און געזומען האָט מען זינגען — אַלע אין איינעם — דאָס ליד פון האָפענונג און גלויבן, פון פרײַנדשאַפט און ניצחון.

ממש ווי אַ לונאַטיקער האָב איך אָנגעהויבן נאָכצוגיין אסתרן, ווו נאָר זי האָט זיך באַוויזן. נישט וואָרענענדיק פאַרויס דעם שול־פאַרוואַלטער בין איך אויף צו מאָרגנס נישט געקומען צו דער אַרבעט, און ווען יאַשע בראָנשטיין האָט מיך דערזען אין דער פרי אין דעם קאָנפערענץ־זאַל, וווהין עס זענען זיך צונויפגעקומען ייִדישע לערערס, פאַרוואַלטערס און דער־ציִערס פון ייִדישע יוגנט־ און קינדער־היימען, פאַרוואַלטערס פון ייִדישע בילדונגס־אָפּטיילן פון גאַנץ אוקראַיִנע, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר זײַנע גרויסע אויגן, פול מיט טענות: ווי קום איך דאָ? וואָס, אייגנטלעך, טו איך אויף אַזאַ קאָנפערענץ? באַלד האָט ער, ווי זײַן שטייגער איז גע־

ווען, זיך צעשמייכלט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „קיין גרויסער תּכלית וועט שוין פון דיר סײַ ווי נישט זײַן".

גערעדט האָבן ייִדישע פּעדאַגאָגן וועגן פאַרשיידענע ענינים, וועלכע זענען מיר קיין סך נישט אָנגעגאַנגען. נישט אַלץ פון זייערע רייד וועגן ענגע פאַכפּראָגעס, וועגן דידאַקטישע און דערציִערישע פּראָבלעמען, האָב איך פאַרשטאַנען. כ'האָב אָבער אַ גאַנצע צײַט נישט אָפּגעריסן די אויגן פון אסתרן און צוגעזען, ווי אַזוי זי רעאַגירט אויף יעדנס רייד. כ'האָב געזוכט געוווּסט, מיט וואָס זי איז מסכּים און מיט וואָס נישט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך איר בליק געכאַפּט אויף זיך. איך האָב זי באַגריסט מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג און זי האָט מיר, אַ ביסל אַ פאַרחידושטע, געענטפערט.

פאַרשטאַנען האָב איך אַלץ פון די רייד פון די צוויי הויפּט־רעדנערס, וועלכע האָבן מיט זייערע אַרויסטרעטונגען געבראַכט צו אַ טיפער שפּאַלטונג צווישן די דעלעגאַטן — דער שפּעטער באַרימטער געלערנטער, מאַטעמאַטיקער און פּעדאַגאָג פּראָפעסאָר יאַשע רעזניק (דער ברודער פונעם באַקאַנטן ייִדישן דיכטער ליפע רעזניק) און דער קעמפערישער פּעדאַגאָג פון אָדעס, ריוועס.

יאַשע רעזניק, וועלכער איז דעמאָלט געווען סײַ דער פאַרוואַלטער פונעם ייִדישן קינדערהיים אויף פּאָדאָל (אויף יאַראָסלאַווסקע גאַס 42) און סײַ פונעם נאָר וואָס געשאַפענעם ייִדישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, האָט פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז די נײַע סאָציאַליסטישע דערציִונג דאַרף זיך קאָנצענטרירן אויף דער אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקייט פונעם קינד, באַגינסטיקן די אינדיווידועלע פעיִקייטן און טאַלאַנטן, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין יעדן יחיד. דעריבער דאַרף דער דערציִונג־פּראָצעס פאָרקומען בלויז אין קליינע קאָלעקטיוון.

דער אָדעסער פּעדאַגאָג, דער אָנפירער פון אַ גרויסער ייִדישער קינדער־קאָמונע, ריוועס, איז געשטאַנען אויף אַ פאַרקערטן שטאַנדפּונקט. מיר לעבן אין אַ רעוואָלוציאָנערער צײַט, וועלכע פאַרשנעלערט דעם פּראָצעס פון רײַף ווערן פונעם קינד. די רעוואָלוציע פאַרלאַנגט פון פּעדאַגאָג, אַז ער זאָל די קינדער און יוגנטלעכע צוגרייטן צום נײַעם לעבן אַלס פולשטענדיק באַוווּסטזיניקע בירגערס, גרייטע צו נעמען אויף זיך די פליכטן

און פונקציעס, וואָס די נײַע געזעלשאַפט לייגט אויף זיי אַרויף. כּדי זיי דאָס צו דערמעגלעכן דאַרף מען שוין אין די פּריִעסטע יאָרן שאַפן פאַר זיי אַזאַ מין סביבה, וואָס זאָל פאָרשטעלן מיט זיך אין מיניאַטור די קומענ־דיקע דערוואַקסענע געזעלשאַפט. נישט קיין קליינצאַליקע קינדערהיימען, נאָר גרויסצאָליקע יוגנט־רעפּובליקן וועלן דערמעגלעכן צו דערציִען דעם נײַעם דור, אים צוגרייטן איבערצונעמען די פונקציעס פון די עלטערע. אין די דאָזיקע יוגנט־רעפּובליקן דאַרף הערשן די סיסטעם פון פולשטענ־דיקער זעלבסט־באַדינונג, פון אַרבעט, און נישט פון צעפּיעשטשעטע פּרימאַ־באַלערינעס (אַן אָנצוהערעניש אויף יאַשע רעזניקס קינדערהיים, ווו מען האָט געשטרעבט צו אַנטפּלעקן אין יעדן קינד באַשטימטע קינסט־לערישע אָדער אינטעלעקטועל־וויסנשאַפטלעכע נייגונגען), נאָר בויערס פון דער סאָציאַליסטישערווירטשאַפט און מלוכה.

די אָרגאַניזאַציע־סכעמע פון אַזעלכע רעפּובליקן האָט שטאַרק דער־מאָנט אין די אידעען פון די קאָמסאָמאָלישע „אַוואַנגאַרדיסטן". ריוועס האָט דערציילט, אַז אין זײַן אָדעסער יוגנט־רעפּובליק זענען פאַראַן פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן (מיניסטעריומס) וואָס דינען דער גוטער אָרגאַניזאַציע פונעם קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן פון אַלע „בירגער".

אין דער דיסקוסיע זענען איבערגעלאָזט געוואָרן אין אַ זײַט אַלע אַנדערע וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געשטאַמט פון דער קאָנקרעטער פּעדאַגאָגישער פּראַקטיק. די געמיטער האָבן זיך אַזוי צעשפּילט, אַז מען האָט נישט געקאַרגט קיין באַליידיקנדיקע עפּיטעטן. אַ צעטומלטער האָב איך פון מאָל צו מאָל געוואָרפן אַ בליק אויף אסתרן — וואָס זאָגט זי צו דעם אַלעמען? און אסתר האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו אַלעמענס רייד, די גאַנצע צײַט עפּעס נאָטירט און בלויז פון מאָל צו מאָל האָט זי געווענדט אירע גרויסע, דורכבויערנדיקע אויגן אין דער זײַט פונעם רעדנער, שאַק־לענדיק מיטן קאָפּ ווי אַ באַגיטיקונג, אָדער מיט חידוש — ווי קומט מען עס אַזוינס גאָר צו זאָגן?! באַלד אָבער, ווי זי וואָלט זיך געכאַפּט, אַז ס'איז נאָך פרי זיך אַרײַנצומישן, אַפילו אויף אַזאַ מין אומדירעקטן אופן, האָט זי ווײַטער גענומען פאַרצייכענען אין איר נאָטיצביכל. די דערפאַרענע פּעדאַגאָגן — אסתר ראַבינאָוויטש, הענעך קאַזאַקעוויטש, גרשון גאָראָכאָוו,

פּינגעראָוו, אַדאַלני פון אומאַן און אייניקע אַנדערע האָבן געפּרוּווט האַמע־ווען די שאַרפע דיסקוסיע. אַ נעכטיקער טאָג! אין אַ געוויסן מאָמענט האָט איינער פון די ריוועסיסטן געכאַפּט אַ בענקל און געוואָלט זיך וואַרפן אויף דעם רעדנער — אַ יאַשע רעזניק־אַנהענגער, וועלכער זאָל האָבן זיך אויס־געדריקט וועגן דעם אַדעסער עקספּערימענט, אַז ער וועט דערציִען אַ דור פון טשינאָווניקעס און נישט פון קיין סאָציאַליסטישע בויערס. אין זאַל איז געוואָרן אַ טומל. די צדדים האָבן זיך באַמיט איבערשרײַען איינער דעם אַנדערן, נישט שוינענדיק דערבײַ קיינעם. די קאָנפערענץ — די פּעדאַגאָ־גישע קאָנפערענץ! — האָט געמוזט איבערגעריסן ווערן.

אין די אָוונט־שעהען, ווען זי איז באַנײַט געוואָרן, האָט אסתר אָנגעהויבן איר רעדע. אין זאַל איז געווען שטיל, ווי עס וואָלט גאָר פריִער נישט דערגאַנגען צו קיין שום סקאַנדאַלן. עס האָט גערעדט אסתר — די פּעדאַ־גאָגין נאָך פון די אַלטע, פאַר־רעוואָלוציאָנערע צײַטן, די אַנטייל־נעמערין אין דער טשערנאָוויצער יִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ, די קעמפערין פאַר אַ ברייט פונאַנדערגעבויטער יִדישער שולסיסטעם, די גרענעצלאָז פאַר־ליבטע אינעם יִדישן קינד, וועלכן עס קומט פון דער רעוואָלוציע אַלץ, ווײַל זי איז קודם־כל פאַר אים. אסתר שטרעבט בפירוש צו אַ פּשרה צווישן די „קעמפנדיקע" צדדים. אַוודאי איז די אידעע פון סאָציאַליזם צו דער־הייבן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, אַרויסצובאַקומען פון אים אַלע פאַר־באָרגענע פּאָטענצן — און אין דער הינזיכט איז יאַשע רעזניק מיט זײַן סיסטעם פולשטענדיק געטרײַ דער אידעע פון דערציִען גאַנצע פּערזענ־לעכקייטן, אָן שום אינערלעכע ווידעראַנאַנדן — אָבער מיר לעבן דאָך נאָך נישט בײַם סאָציאַליזם, מיר לעבן נאָך אין אַן איבערגאַנגס־צײַט, זייער אַ שווערע צײַט, פול מיט ווידערשפּרוכן, מיט פאַרשידענע קאָנפליקטן — און בעת־מעשׂה דערציילט זי, אָט אַזוי, ווי פאַרבײַגייענדיק, אַז לענין האָט איר פאָרגעלייגט זי זאָל פאַר דער רויטער אַרמיי אָנשרײַבן אַ בראָשור קעגן אַנטיסעמיטיזם. „מיר וועלן עס אַרויסגעבן אין אַ טיראַזש פון הונ־דערט טויזנט עקזעמפּלאַרן!". אויף אסתרס פראַגע: ווו וועט מען נעמען פּאַפּיר, ווי באַלד צײַטונגען קלעפּט מען שוין אויס אויף די ווענט, גע־דרוקטע אויף טונקעלן פּאַקפּאַפּיר? האָט לענין פאַרזיכערט, אַז פאַר אַזאַ בראָשור מוז סטײַען פּאַפּיר.

דערמאָנט האָט עס אסתר אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָנקרעטער נעפּ־ווירקלעכקייט, ווען אויף דער אויבערפלאַך זענען אַרויסגעקראָכן אַלע פאַרשטעקטע כּוחות פונעם נעכטיקן טאָג, וואָס ברענגען מיט זיך פאַרשיי־דענע אַלטע חולאתן, צווישן זיי, די אַנשטעקנדיקע קרענק פון אַנטיסעמי־טיזם. צי איז דען נישט דער חוב פונעם דערציִער צוצוגרייטן דעם יונגן דור, אַז ער זאָל בכּוח זײַן צו באַקעמפן אַל דאָס בייז, און טאָן עס מיטן כּוח פון אידעיִש־געפורעמטן קאָלעקטיוו, אין גײַסט פון סאָציאַליסטישן קאָלעקטיוויזם! דערנענטערן דעם יוגנט־קאָלעקטיוו, אַ באַגײַסטערטן פון דער סאָציאַליסטישער אידעע, צו דער רעאַלער און נישט אויסגעטרוימטער ווירקלעכקייט — אַזוי זעט אסתר די אויפגאַבעס פונעם נײַעם פעדאַגאָג, פונעם דערציִער און לערער.

אין אָט דעם גײַסט האָט די קאָנפערענץ, דורך אַ ספּעציעלער קאָמי־סיע, אויסגעאַרבעט די ריכטליניעס פאַר דעם ייִדישן דערציִונגס־וועזן — ריכטליניעס פאַר די ייִדישע אָפּטיילן בײַ די בילדונגס־אָרגאַנען פון דער ראַטנמאַכט.

איך האָב אָפּגעוואַרט בײַם אַרויסגאַנג, ביז עס האָבן זיך באַוויזן אַלע „גרויסע לײַט” און צווישן זיי — אסתר. כ׳בין צוגעגאַנגען צו איר און פון אַלע פריִער צוגעגרייטע רייד באַוויזן איר צו זאָגן בלויז איין וואָרט: אַ דאַנק!

ווידער האָט אסתר פאַרחידושט מיך אָנגעקוקט, באַלד אָפּגעקערט דעם קאָפּ צו אַבראַמען און עפּעס צו אים געזאָגט אין דער שטיל. גיי ווייס, אַז דער דאָזיקער „עפּעס” האָט עס געבראַכט צו ווײַטערדיקע, פילמאָליקע באַגעגענישן מיט אסתרן, צו לערנען פון איר, צו צוזאַמענאַרבעט און צו... קאָנפליקטן.

8

דאָס ביסעלע מזל

ווען דער ביוראָ־מיטגליד פון קיִעווער גובערניאַלן קאָמיטעט פון קאָמ־סאָמאָל, סאַדין, האָט מיך גערופן צו זיך און דערקלערט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ באַשלוס כ׳זאָל פאָרן קיין מאָסקווע לערנען, איז עס שוין פאַר מיר נישט געווען אומדערוואַרט. פריִער יאַשע בראָנשטיין, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז כ׳וואַקס אויס אומעטום, ווו מען פאַרזייט מיך נישט, און דעריבער וועט מסתמא קיין שום תכלית פון מיר נישט זײַן, סײַדן... סײַדן כ׳וועל זיך נעמען ערנסט צום לערנען; נאָך דעם לייב אַבראַם און הענעך קאַזאַקע־וויטש, וועלכע האָבן מיר אויסגעזאָגט דעם „סוד״, וואָס אַזוינס אסתר האָט זיי געעצהט — דאָס זעלבע: כ׳זאָל זיך נעמען צום לערנען! — האָב איך זיי אַלעמען געהערט און גענומען באַזוכן די לעקציעס אין ייִדישן פעדאַגאָ־גישן אינסטיטוט. נישט דורכגעלאָזן קיין איין רעפעראַט פון פראָפעסאָר ליבערבערג וועגן דער געשיכטע פון מערב־אייראָפּע פון 17טן ביזן 20סטן יאָרהונדערט. אויך אשר מרגוליתעס לעקציעס פון ייִדישער געשיכטע זע־נען מיר געווען צום האַרצן. ליפע רעזניקס שמועסן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור פלעגן מיר אַלע אויפנעמען ווי אַן אַנטפּלעקונג. ער האָט באַ־וויזן אונדז אַזוי צו באַווירקן, אַז אין דער זומערדיקער אורלויבצײַט האָבן מיר זיך געלאָזט איבער די שטעטלעך פון פּאָדאָליע און וואָלין זאַמלען ייִדישן פאָלקלאָר, איבערהויפּט די מעשׂהלעך פון רב נחמן בראַסלאַווער [1]. ערגער איז געווען מיט די עקזאַקטע וויסנשאַפטן. וויפל עס האָבן זיך נישט

---

[1] מיט יאָרן שפּעטער, ווען כ׳האָב געאַרבעט אין אומאַן אַלס מיטגליד פון ביוראָ פון קרייז-קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן די „טויטע חסידים״, וועלכע שטעלן איין דאָס לעבן, גנבענען די גרענעץ און קומען אַזש פון פוילן, כדי אין דער שמחת-תורה-נאַכט צו טאַנצן אויפן קבר פון רב נחמן בראַסלאַווער.

באַמיט מײַנע חברטעס — די גוטע מאַטעמאַטיקערינס שיפעלע האַפּשטײן און ראָזע כאַנדראָס, מיך אויפקלערן די סודות, וואָס שטעקן אין די עלע־מענטן פון העכערער מאַטעמאַטיק, וועלכע יאַשע רעזניק האָט אונדז אונ־טערגעטראָגן, טענהנדיק, אַז זיי דאַרפן זײַן צוטריטלעך נישט בלויז פאַר סטודענטן פון מאַטעמאַטישן פאַקולטעט — האָט עס קנאַפּ וואָס געהאָלפן. כ׳האָב געקנייטשט דעם שטערן, געפּרוּווט באַנעמען און... דערבײַ איז עס געבליבן.

סאָדינעץ איז געגאַנגען גאָר אין עפּעס אַנדערש. לויטן אַנגענומענעם באַשלוס דאַרף איך אין עטלעכע חדשים אַרום אָפּגעבן עקזאַמענס אין מאָסקווער נאָר וואָס געשאַפענעם מערב־אוניווערסיטעט. די געבליבענע צײַט דאַרף מיר דינען אויף צוגרייטן זיך. דערבײַ האָט ער מיר געגעבן צו לייענען דעם צוגעשיקטן צירקולאַר וועגן די אויפנעם־באַדינגונגען. נאָכן איבערלייענען דעם צירקולאַר, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז פון דעם אַלעמען וועט גאָרנישט אַרויסקומען. ערשטנס בין איך נאָך נישט אַלט קיין 18 יאָר — און דאָס איז אַ גרונטבאַדינג אין אַלע הויכשולן, וועלכן מען קאָן נישט ברעכן. און צווייטנס, ווען כ׳זאָל אַפילו האָבן צוויי מאָל אַזוי פיל צײַט, ווי די עטלעכע חדשים ביז צו די עקזאַמענס, וואָלט איך אויך נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען דאָס אַלץ, וואָס עס פאָדערט זיך פון יעדן קאַנדידאַט. אָבער אַ באַשלוס פון גובערניאַלן קאָמיטעט איז אַ געזעץ. האָב איך אָן שום גלייבן אין דערפאָלג זיך גענומען צו דער אַר־בעט, געגאַנגען אויף קאָנסולטאַציעס צו עלטערע, צו חברים. יעדער איז מיר אַנטקעגנגעקומען און אַלע האָבן מיך געטרייסט, — איבערהויפּט דער גובערניאַלער „יעווסעק” אַבראַם, וועלכער האָט מיר צוגעגעבן מוט דער־מיט, אַז כ׳האָב דאָרט, אין מאָסקווע, אַ צד... געמיינט האָט ער דעם פּראָ־רעקטאָר פון אוניווערסיטעט מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ פרומקינאַ (אַזוי האָט מען אין די אָפיציעלע קרײַזן גערופן אסתרן).

און ווידער, אַזוי ווי בעתן פאַרלאָזן מײַן היימשטעטל און שפּעטער — וואַרשע, האָב איך מײַן גאַנצן פאַרמעגן אײַנגעפּאַקט אין דעם זעלבן זעקע־לע, וועלכן מײַן מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן, און בין אַוועק אין דער הויפּטשטאָט מאָסקווע.

אין דער גרויסער אוניווערסיטעט־געבײַדע אויף פּעטראָווערינער געסל (בײַ מאַראָסייקע) האָט נאָך געהערשט אַ פולע סוף־זומערדיקע שטילקייט. מײַנע דעלעגיר־דאָקומענטן האָט אָפּגענומען דער סעקרעטאַר פון רעקטאָ־ראַט אָסטראָוו (שפּעטער — מיניסטער פון דער לעטישער סאָוועטן־רע־פּובליק) און מיך געהייסן קומען געוויר ווערן אין עטלעכע טעג אַרום. געווינט האָב איך צוזאַמען מיט מײַן חבר, דעם סעקרעטאַר פון דער רע־דאַקציע פון דער „קאָמוניסטישער פאָן" אפרים פּאַרטנאָי, וועלכער איז אויך געשיקט געוואָרן לערנען אין מערב־אוניווערסיטעט. ער האָט אַזעלכע דאגות, ווי איך, נישט געהאַט. קודם איז ער שוין אַלט געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר, צווייטנס האָט ער פאַרמאָגט אַ סך מער וויסן און האָט פאַר די עקזאַמענס נישט געציטערט. האָט ער אַנשטאָט מיר עצהנען, אַז כ'זאָל די געבליבענע צײַט אויסנוצן צו לערנען, צו גרייטן זיך צו די עקזאַמענס — מיך כסדר געשלעפּט איבער דער גרויסער שטאָט, אויף קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען, דער עיקר אָבער — אויף דער ערשטער אַלפאַרבאַנדי־שער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג, וועלכע איז אין יענער צײַט גע־ווען אין צענטער פון דער געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט.

שעהען לאַנג פלעגן מיר פאַרברענגען אויף דעם גרויסן שטח פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג פון דער דעמאָלט נאָך שטאַרק פרימיטיווער רוס־לענדישער לאַנדווירטשאַפט. אַ באַזונדערן אינטערעס האָט אַרויסגערופן דער לעבעדיקער „עקספּאָנאַט" — אַ גאַנצע משפּחה אײַנוווינערס פון ווײַטן צפון מיט זייער כמעט נאַטורעלער ווירטשאַפט. עטלעכע מאָל האָב איך זיך אומגעקערט צו דעם ייִדישן פּאַוויליאָן פון דער דעמאָלטיקער פּאַלעסטינע. בעת דער דערעפענונג פון פּאַוויליאָן האָבן מיר געהערט די רעדע פון דעם דעלעגאַט דוד בן־גוריון, וועלכער האָט צוזאַמען מיט נאָך איין שליח רעפּרעזענטירט די ייִדישע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג פון פּאַ־לעסטינע. אין זכרון איז אָבער קודם־כּל געבליבן די רעדע פונעם אָנפירער פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג פון דער רעדאַקציע „פּראַוודאַ" אברהם בראַגין, אין וועלכער עס זענען געווען שטאַרקע ייִדישע נאַציאָנאַלע אַקצענטן. זײַנע פּאַטעטישע שלוסווערטער, אַז „אויב איר וועט דאַרפן הילף — איז אָט איז דער נומער פון מײַן טעלעפאָן" — האָבן מיר פאַרשטאַנען ווי אַ פילזאָגנדיקע פּאָליטישע דעקלאַראַציע.

אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָבן מיר אויך געזען אייניקע באַ־וווסטע פּערזענלעכקייטן פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון אויסלאַנד. געוואָלט האָט זיך דאָרט זײַן אַלע טאָג, עס האָט אָבער נישט געסטײַעט קיין געלט אויף אַ טראַמווײַ. דערויף איז געקומען די עצה פון מײַן חבר און איך בין דערבײַ... מיאוס דורכגעפאַלן. מײַן חבר איז געווען אַן אינוואַליד, אַ שטײַפע פוס געהאַט און איז דעריבער געווען פּריווילעגירט — ער האָט געהאַט דאָס רעכט אײַנצושטײַגן אין טראַמווײַ פון פאָרנט. אַזוי ווי דער קאָנדוק־טאָר איז שטענדיק געשטאַנען בײַם הינטערשטן אַרײַנגאַנג — ממילא האָט מײַן חבר קיין מאָל קיין בילעטן נישט געקויפט. לויט זײַן עצה האָב איך זיך אויך געמאַכט פאַר אַ הינקעדיקן און בין אַרײַן אין טראַמווײַ דורך דער פאָדערטיר. צו שפּעט האָב איך לעבן זיך דערזען דעם קאָנדוקטאָר. אַרויסשפּרינגען האָב איך שוין נישט באַוויזן. צום גליק האָט זיך עס גוט פאַרענדיקט. ווען ער מאַכט מיר אַ פּראָטאָקאָל, וואָלט עס זיכער דערגאַנ־גען צו דער אוניווערסיטעט־אַדמיניסטראַציע. „און נאָך אַ קאָמסאָמאָלעץ דערצו!" — האָט מיך געמוסרט דער קאָנדוקטאָר, אָנווײַזנדיק אויפן צייכנדל, וואָס כ'האָב געטראָגן אין מײַן לאַץ.

צו אסתרן בין איך אָנגעקומען דורך דעם זעלבן אַסטראָווןן. זי האָט זיך מיט מיר באַגריסט ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן. מיט מײַנע ספקות וואָס שײַך די באַגרענעצטע קענטענישן, האָט זי זיך קיין סך נישט איבערגענו־מען. ערגער איז אָבער דערמיט וואָס כ'בין נאָך נישט קיין פּוליעריקער. זי האָט זיך פאַרטראַכט און באַלד מיר געעצהט: „גיי צום רעקטאָר, דער־צייל אים דעם אמת. אפשר וועט ער באַשליסן. ביסט דאָך זײַנער אַ לאַנדס־מאַן, אַ פּוילישער"...

צו יוליאַן מאַרכלעווסקין אין ברייטן האַלב־טונקעלן קאַבינעט בין איך אַרײַן מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש. איך האָב גוט געוווּסט וואָס פאַר אַ ראָל דער דאָזיקער מענטש מיט דער ווייכער, סאַמעטענער שטימע, מיט די טרויעריקלעך גוטע אויגן און גרויסע שליאַכטע־וואָנסן האָט געשפּילט אין דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג — איך האָב דאָך אים אין 1920 אַליין געזען אין ביאַליסטאָק, ווען ער איז דאָרט געווען אַלס פאָרזיצער פון דעם אַלפּוילישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. געווען איז עס דעמאָלט, ווען צוזאַ־

מען מיט סידאָראָוון, אַלעקסאַנדערן און נאָך אייניקע מיטגלידער פון רעוו־קאָם בין איך געקומען קיין ביאַליסטאָק אויף אַן אינסטרוקטיווער באַראַטונג וועגן דער טעטיקייט פון די רעווקאָמען. אין מאַרכלעווסקיס רעדע זענען אויך געווען אָנווײַזונגען, וואָס מען דאַרף טאָן מיט דער שוליוגנט, מיט דער אַרבעטער־יוגנט. געדאַכט האָט זיך בעת־מעשׂה, אַז ער קוקט אויף מיר, הגם אין אַלע דעלעגאַציעס פון די אַרומיקע שטעט זענען געווען יוגנטלעכע.

כ׳האָב זיך אַליין קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן, אָבער נאָך איידער יוליאַן מאַרכלעווסקי האָט מיך וואָס געפרעגט, האָב איך אָנגעהויבן טאַקע פון דער דערמאָנונג וועגן זײַן דעמאָלטיקער רעדע. זײַנע גוטע, העלע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט און עס האָט זיך אין זיי אַ פּאָטערלעך גוטער שמייכל באַוויזן.

— אַ יאַק זשע, אַ יאַק זשע, פּאַמיענטאַם! (ווי דען זשע, ווי דען זשע, כ׳געדענק!), און ער האָט מיך געקרוינט מיטן נאָמען — „זשאָמעק״ (לאַנדס־מאַן) און אַזוי איז עס שוין געבליבן בעת יעדער ווײַטערדיקער באַגע־געניש.

וואָס שײַך דעם עיקר־ענין, מײַן עלטער, האָט ער גאַנץ לײַכט זיך „אַריבערגעגליטשט״ איבער דעם, צוזאָגנדיק אַז פּאַר אַ „רעווקאָמאָוויעץ״ וועט זיך מסתמא לאָזן עפּעס וואָס מאַכן. ער וועט שוין רעדן מיט דער מאַנדאַט־קאָמיסיע...

בײַגעקומען די גרעסטע מניעה, איז איצט געבליבן די זאָרג פּאַר די עקזאַמענס. דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געוווּסט, אַז אסתר האָט שוין געהאַט צונויפגערעדט זיך מיט פּראָפ׳ ט. הייליקמאַן, פּראָפ׳ י. נוסינאָוו, מיטן לעקטאָר משה אַלטשולער און דעם פּאַרוואַלטער פון יידישן סעקטאָר אַז מען זאָל זיך צו מיר באַציִען מיט רחמים. אין דער ערשטער מינוט, שטייענדיק פּאַר דער עקזאַמיניר־קאָמיסיע, האָב איך פּלוצלונג דער־פילט ווי עס באַפאַלט מיך אַ פּחד, אַז כ׳וועל מסתמא נישט קענען אַרויס־ברענגען אַ וואָרט פון מויל. ווען כ׳האָב אָבער דערהערט די ערשטע פראַגע, וואָס איז מיר געשטעלט געוואָרן, האָב איך אינסטינקטיוו זיך גענומען אַרומקוקן, ווי וועלנדיק דאָ געפינען עמעצן פון מײַנע פריִעסטע יוגנט־

חברים. וואָרעם ווער אַנדערש האָט עס געקענט עצהן די עקזאַמינירערס, אַז זיי זאָלן מיר גראָד די דאָזיקע פראַגע שטעלן...

...געווען איז עס אין די סאַמע ערשטע חדשים פון יאָר 1918, ווען מיר האָבן נאָר וואָס געהאַט פאַרלייגט אונדזער סאָציאַליסטישן יוגנטקרײַז. פאַרנומען האָבן מיר זיך דער עיקר מיט לייענען און געבן איינער דעם אַנדערן צו פאַרשטיין, וואָס עס שטייט געשריבן אין פאַרשיידענע בראָשורן, וועלכע זענען צו אונדז דערגאַנגען פון וואַרשע און פון ביאַליסטאָק. חברים פון נאָענטע, שכנותדיקע שטעטלעך, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז בײַ אונדז זענען פאַראַן אָרגאַניזירטע יונגע סאָציאַליסטן, האָבן גענומען בעטן, אַז ווער עס איז זאָל קומען צו זיי מיט אַ „רעפעראַט". מיך האָט מען געשיקט אינעם שטעטעלע רוטקי, אַ 10 קילאָמעטער ווײַט פון אונדז. וואָס אָבער קען איך זיי דאָרט זאָגן? כ'וועל זיי העכסטנס איבערלייענען און פאַרטײַטשן אַ בראָשור. האָב איך זיך גענומען צום „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" — כ'האָב אים פאַר זיך געלייענט איין מאָל, אַ צווייטן מאָל, און אַזוי ביסלעכווײַז זיך אויסגעלערנט דעם גאַנצן טעקסט, פון אָנהייב ביזן סוף, אויף אויסנווייניק. קיין רוטקי בין איך שוין געקומען אָן דער בראָשור. אין דעם רימער־וואַרשטאַט, ווו עס זענען זיך צונויפגעקומען אַלע אַרבעטס־מענטשן פון שטעטל, האָט מען אין מיטן אַוועקגעשטעלט אַ טאַבורעט און איך בין אַרויף אויף אים און פאַרן עולם דערוואַקסענע און יונגע אויס־רעציטירט דעם גאַנצן „מאַניפעסט", צוזאַמען מיט דער פאָררעדע.

דער עולם האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ בייז ווונדער. פון וואַנעט נעמט זיך עס צו אַזאַ יאַטל אַזוי פיל רייד און דערצו נאָך אַזעלכע, וואָס ס'איז אָפט מאָל שווער געווען צו פאַרשטיין?

...אויף דער פראַגע פון פראָפ' הייליקמאַן, צי קען איך זאָגן מיט וואָס עס הייבט זיך אָן און מיט וואָס עס ענדיקט זיך דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", האָב איך, פונקט ווי אינעם שטעטעלע רוטקי, אָנגעהויבן צו רע־ציטירן דעם גאַנצן טעקסט, און דאָס מיט אַזאַ פּאַטאָס, אַז די עקזאַמינירערס האָבן מיט גרויס שטוינונג גענומען זיך איבערקוקן איינער מיטן צווייטן, ביז דער האַרציק גוטער הייליקמאַן האָט מיך איבערגעריסן אין מיטן, לויבנדיק, אַז ס'איז וווּיל און גוט און — איך בין פרײַ. דאָס איבע־

ריקע איז שוין אַוועק... מיט אַ סך הנחות. בלויז דער פּרעכטיקער לעקטאָר פון ביאָלאָגיע, פּרוי רייַן (די שוועסטער פון דעם באַוווּסטן בונדישן פירער ר. אַבראַמאָוויטש) האָט פון מיר קיין נחת נישט געהאַט...

„איך בין געוואָרן אַ סטודענט"

וועגן דעם, אַז איך בין געוואָרן אַ סטודענט, האָבן זיך גאָר גיך דערוווּסט מייַנע יוגנט־חברים, סייַ אין פּוילן און סייַ אין אַמעריקע, וווּהין פיל פון זיי האָבן אין צווישנצייַט אויסגעוואַנדערט. אַ באַשטעטיקונג דערויף איז געווען די מתנה, וואָס איז מיר צוגעשיקט געוואָרן פון ניו־יאָרק און האָט מיר פאַרשאַפט גאָר אַ סך... קלאָפּאָטן.

אין מיטן אַ לעקציע האָט דער סעקרעטאַר פון יידישן סעקטאָר פּערלמאַן מיך אַרויסגערופן און געמאָלדן, אַז אין קאַנצעלאַריע וואַרט דער בריוטרעגער, וועלכער מוז האָבן מייַן אונטערשריפט אויף אַ מעלדונג פון

אויסלאַנד. געווען איז עס אַן אָנזאָג, אַז פֿאַר מיר איז אָנגעקומען אַ פּעקל פֿון אַמעריקע און כּדי אים אָפּצונעמען דאַרף איך באַצאָלן גאַנצע 80 רובל. ווי גרויס די דאָזיקע סומע איז דעמאָלט געווען (נאָך דער געלט־רעפֿאָרעם און איינפֿירן די טשערוואָנצעס־וואַלוטע) קען מען זיך לײַכט פֿאָרשטעלן, ווי באַלד מײַן חודש־סטיפּענדיע האָט באַטראָפֿן 10 רובל. מער דערפֿאַרענע האָבן מיר געראָטן, איך זאָל זיך ווענדן צום רעקטאָר, ווײַל לויט דעם דעמאָלטיקן סאָוועטישן געזעץ האָט בלויז דער פּאָרזיצער פֿון צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט געהאַט דאָס רעכט צו באַפֿרײַען פֿון צאָל. אַזוי ווי ד״ר מאַרכלעווסקי איז געווען אַ נאָענטער חבר פֿון מיכאַיִל קאַלינין — אפשר וועט אים געלינגען דורכן טעלעפֿאָן צו דערליידיקן, אַז כ׳זאָל קענען אָפּ־נעמען דאָס פּעקל אָן צאָל. ווי גרויס איז נאָך דעם געווען מײַן פֿאַרוווּנ־דערונג, ווען ד״ר מאַרכלעווסקי האָט מיר צו וויסן געגעבן, אַז דער „אַל־פֿאַרבאַנדישער סטאַראָסטע״ (ווי מען האָט גערופֿן קאַלינינען) וועט מיך אויפֿנעמען און האָט אָנגעגעבן די גענויע שעה — ווען און ווו.

דער אַדרעס איז געווען נישט אין קרעמל, ווו עס איז די רעזידענץ פֿון דער רעגירונג, נאָר אין אַ נידעריקער געביידע, נישט ווייט פֿונעם קרעמל, ווו קאַלינין פֿלעגט אויפֿנעמען דעלעגאַציעס און איינצלנע פּערזאָ־נען. פֿאַר מיר איז עס געווען נישט קיין קליינע איבערלעבונג, ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל פֿון אַזוי נאָענט געזען דעם מענטשן, וועלכער איז דע־מאָלט שטאַרק באַליבט געווען ביי דער יוגנט צוליב זיין אייגנאַרטיקן דענ־קען און רעדן, אין וועלכן עס איז כּמעט קיין סימן נישט געווען פֿונעם געוויינטלעכן פּאָליטישן זשאַרגאָן.

קאַלינין האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ נײַגעריק־פֿאַרשערישן בליק און איידער כ׳האָב באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, ווי אַזוי טרעט מען דאָ צו צום ענין, האָט ער געגומען אויספֿרעגן בײַ מיר, וואָס עס מאַכט זיין אַלטער פֿרײַנד יוליאַן מאַרכלעווסקי, די שטענדיק יונגע מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ (אסתר). ער לייגט מיר אויך פֿאַר אַ גלעזל טיי פֿונעם זודיקן סאַמאָוואַר און... לאָזט מיך נישט קומען צום וואָרט. כ׳הייב אָן צו ווערן פֿאַרצווייפֿלט. אויב ס׳וועט אַזוי ווײַטער גיין, וועט דאָך דער גאַנצער ענין מיטן באַפֿרײַען פֿון צאָל דעם אַמעריקאַנער פּעקל גיין פֿאַרלוירן. און ווירקלעך, קאַלינין

שמועסט זיך אַזוי פֿאַמעלעך, אַזוי געמיטלעך וועגן ווײַטע, דאַכט זיך, ענינים, וועגן דער אַלגעמײַנער ווירטשאַפֿטלעכער לאַגע פֿון לאַנד, וועגן דער צײַט, ווען אַלץ מער נײַ־אויפֿגעקומענע פֿאַבריקן וועלן געבן פּראָדוקטן פֿאַרן מענטשן. אַוודאי וואָלטן די גרויסע, רײַכע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות געקאָנט פֿאַרוואַרפֿן אונדז מיט סחורות און עס וואָלט אפֿשר אויך ביליק אויסגעמאַכט, וואָס זשע דען... און דאָ האָט ער פּלוצלונג איבערגעריסן און צוגעבנדיק מיר מוט, אַ פֿרעג געטאָן: וואָס זשע דען? פֿאַר וואָס טאָקע נישט קויפֿן אַלץ בײַ זיי און געבן דעם עולם זיך אָנצווזעטיקן?

כ׳בין אַרײַן אין טראַנס און גענומען אַוועקלייגן אַ „לעקציע" וועגן דעם, אַז מען מוז זײַן אומאָפּהענגיק פֿון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען, וועלכע וואָלטן, אויפֿן אַלטן שטייגער, געוואָלט דאָ האָבן אַ רוישטאָף־באַזע, אַ קאָלאָניע און נישט מער...

דער אַלטער „סטאַראָסטע" האָט פֿאַרקווועטשט אין אַ געוויסן מאָמענט די אויגן אונטער די דראָטענע ברילן־רעמלעך, ווי ער וואָלט זיך געקליבן עפּעס גאָר וויכטיקס צו באַטראַכטן, און פֿאַמעלעך, כּמעט אומבאַמערקט, זיך גענומען צו דער פֿעדער.

— הייסט עס, אַז דו פֿאַרשטייסט, פֿאַר וואָס מיר מוזן מיט הויכע צאָלן זיך באַשיצן פֿון די אויסלענדישע בעלי־טובֿות. נאַ, נעם דיר דעם צעטל און האָב הנאה פֿון דער מתּנה!

דעם זעלבן טאָג האָב איך נאָך באַוויזן צו זײַן אין צאָלאַמט און שנעל לויפֿן צוריק אין אוניווערסיטעט־הויז, כּדי זיך דערוויסן ווער און וואָס האָט מיר פּלוצלונג צוגעשיקט פֿון דער ווײַטער אַמעריקע. אין צימער האָבן זיך שטיל אַרײַנגעגליטשט באַקאַנטע סטודענטן און יעדער איז נײַגעריק געווען צו זען, ווי עס זעט אויס אַן אַמעריקאַנער פּעקל, און אַלע צוזאַמען זענען מיר געבליבן ממש געפּלעפֿט, ווען כ׳האָב פֿון די אַרויסגעוויקלטע פּאַפּירן אַרויסגענומען... דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל" פֿון קאַרל מאַרקס אין אַ ייִדישער איבערזעצונג, מיט אַ דעדיקאַציע לכּבֿוד מײַן געבוירן־טאָג. געווען איז עס די מתּנה פֿון מײַנער אַ גוטער יוגנט־חברטע. אויפֿן דעק פֿון פּעקל זענען אויך געלעגן דרײַ זײַדענע העמדלעך — אַ רויטע, אַ זוניק־געלע און אַ ווײַסע. און דאָס האָט מען מיר שוין גראָד מקנא

געווען. דאָס האָט איינער פון מײַנע חברים דעמאָלט געלאָזט אין גאַנג דאָס ווערטל, אַז „נישט אין איינער, נאָר אין דרײַ זײַדענע העמדלעך" בין איך געבוירן געוואָרן. און דאָס איז געווען אַ פולע פאַרלייקענונג פון מײַן מאַמעס מיינונג וועגן מיר, אַז לאָזנדיק זיך אין וועג, דאַרף איך אויסקויפן 2 בילעטן — איינעם פאַר זיך און דעם צווייטן פאַר מײַן שלימזל...

9

דער אומגעריכטער סוף

אין סאַמע גאַנג פֿון דער לערע, נאָך דעם ווי איך האָב שוין דערפֿילט דעם טעם פֿון סיסטעמאַטישן, טאָג־טעגלעכן איַינזאַפּן אַלץ מער וויסן, איז צו אַלץ און אַלעמען פּלוצלונג געקומען אַ סוף. אַזוי, אַלנפֿאַלס, האָט עס אויסגעזען אין יענע טעג, ווען ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל איז זיך צונויפֿגעקומען מיט דער ערד, אַזוי גרויס איז געווען די פֿאַרצווייפֿלונג.

טאָג־איַין, טאָג־אויס פֿלעגן מיר מיט אומגעדולד אָפּוואַרטן די בולע־טינען, און ווען זיי פֿלעגן זיך באַוויַיזן האָט מען גענומען זיי טיַיטשן, וויַיל געשריבן זענען זיי געווען אינעם דאָקטערישן פּאַר־לשון. און טיַיטשן פֿלעגט מען רק צום גוטן, הגם דער געזונט־צושטאַנד פֿון קראַנקן לעניִן איז געווען אַ שווערער. און דאָך איז די ידיעה וועגן לעניִנס טויט, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פֿון מויל צו מויל, געקומען ווי אַ לחלוטין אומ־דערוואַרטע. געוואָלט האָט זיך גלייבן, אַז עס וועלן דאָך געפֿונען ווערן מיט־לען צו דערהאַלטן ביַים לעבן דעם מענטשן, אויף וועלכן מיליאָנען און מיליאָנען האָבן זיך פֿאַרלאָזט, פֿאַרשטאַנען זיַין וואָרט, זיַין געדאַנק. אין גאָר שווערע סיטואַציעס — און אַזעלכע זענען דאָך געווען כּסדר — האָט מען געגלייבט, אַז ער וועט זיכער געפֿינען דעם ריכטיקן אויסגאַנג.

מיר, סטודענטן, האָבן, דאַכט זיך, לעניִנען גוט פֿאַרשטאַנען. מיר האָבן געזען זיַין אומברחמנותדיקייט בעתן פֿאָלעמיזירן מיט יענע, וועלכע זענען מיט אים נישט איינשטימיק געווען, שוין אָפּגערעדט — לגבי אידעיִשע קעגנערס. און מיר האָבן דערביַי באַוווּנדערט, ווי אַזוי ער מיַידט אויס אָנצוּוואַרפֿן מיט גוואַלד זיַין מיינונג. זיַין כּוח איז באַשטאַנען אין אַרגו־מענטירן, אין איבערציַיגן, אין אויפֿקלערן, אָבער נישט אין אָפּפּסקענען, אין דעקרעטירן און באַפֿוילן.

ער האָט אין דער קריטישער פֿאַר דער ראַטנמאַכט צײַט (בעתן קראַנ־שטאַטער אויפשטאַנד) פֿאַראורטיילט (אויפֿן 10טן צוזאַמענפֿאָר) די טיילונג אויף פֿראַקציעס אין דער פּאַרטיי. גלײַכצײַטיק האָט ער אָבער אויפגעג־שטורעמט קעגן יענע, וועלכע האָבן דעם אָנפֿירער פֿון דער אַרבעטער־אָפּאָ־זיציע, שליאַפּניקאָוו, נישט געוואָלט אויסוויילן אינעם צענטראַל־קאָמיטעט. מיר האָבן עס געוווסט און אים באַווונדערט, אַלע מאָל געגלייבט. אין דער צײַט פֿון זײַן קרענק זענען אָנגעוואַקסן נײַע חלוקי־דעות און מיט ציטער אין האַרצן האָבן מיר געטראַכט — ווער וועט איצט באַרויִקן די געמיטער, ווער וועט איצט אָנווײַזן אויף דעם סאַמע ראַציאָנאַלסטן אויסוועג?

„וואָס וועט איצטער זײַן?" — האָט אויפֿן מאָסקווער פּאַרטיי־אַקטיוו געפֿרעגט דער „אַלפֿאַרבאַנדישער סטאַראָסטע" מיכאַיִל קאַלינין — און האָט זיך צעוויינט.

— וואָס וועט איצטער זײַן? — האָט געפֿרעגט דער צעוויטיקטער נאָענטער חבר לענינס — יוליאַן מאַרכלעווסקי אויף אַ באַגעגעניש מיט סטודענטן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע סעקטאָרן. מיט יאָרן שפּעטער האָט וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי אָפּגעפּסקנט אין זײַן פּאָעמע, אַז אַ וויינענדיקן קאָמוניסט קען מען געפֿינען סײַדן אין אַ מוזיי. דער אַלטער פֿאַרהאַרטע־װעטער רעוואָלוציאָנער מאַרכלעווסקי האָט געוויינט און מיר אַלע זענען געשטאַנען, ווי דאָס בלוט וואָלט אין אונדז פֿאַרגליווערט געוואָרן. בלויז די אויגן האָבן אויסגעדריקט גרענעצלאָזן אומרו — „וואָס וועט זײַן?"

מיר זענען אַוועק — אַ טויזנט־פּערזאָניקער סטודענטן־צוג, בראָש מיט מאַרכלעווסקין, מיט אסתרן, מיט מאַלעצקין און אַנדערע אָנפֿירערס פֿון אונדזער אוניווערסיטעט — אין דער ריכטונג פֿונעם הויז פֿון די פּראָ־פֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. אַהין האָט מען געבראַכט לענינס קערפּער. מיר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן קילאָמעטערס ווײַט פֿון דעם דאָזיקן הויז, ווײַל לאַנג, אומגעהײַער לאַנג זענען געווען די רייען מענטשן. מיר זענען געדולדיק גע־שטאַנען אין דעם עטלעכע־און־דרײַסיק־גראַדיקן פֿראָסט און געוואַרט אויף דער מעגלעכקייט דורכצוגיין פֿאַרבײַ דעם אָרון, אין וועלכן לענין איז געלעגן.

געווען איז אָנהייב אָווגסט און ס'האָט זיך מיר אײַנגעגעבן מיט דער הילף פון אַ חבר פון אַ פרײַעדיקער ריי דורכצוגיין דעם קאָלאָנען־זאַל פון פאַראייגען־הויז, כּדי גוט אײַנצוהיטן יענע רגע אין זכּרון און כּדי אַרויס פון דאָרט מיטן גלויבן, אַז די אַלע, וואָס זענען אַרום אים געשטאַנען אין אַן ערנוואַך וועלן פאַרזיכערן דעם ווײַטערדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציע. געווען זענען דאָרט: זינאָוויעוו און סטאַלין, קאַמעניעוו און בוכאַרין, דזשערזשינסקי און ריקאָוו, קאַלינין און טאָמסקי, אַלע די, וועלכע ס'איז אויסגעקומען צו באַגעגענען בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן, טיילן זייערע מיינונגען, אָדער דיסקוטירן און זיך אַרויסזאָגן קעגן זיי. געפעלט האָט טראָצקי, וועלכער איז אין יענער צײַט געווען ווײַט פון מאָסקווע, אויף היילונג. קוקנדיק אויף זיי אַלעמען — אויף די קאָנסאָלידירטע אַרום לענינען, האָט זיך געוואָלט האָפן, אַז „דער קאַראַוואַן" וועט ווײַטער גיין פאָרויס.

דעלעגאַטן אויף דעם לאַנד-צוזאַמענפֿאָר פון קאָמסאָמאָל, 1925
ערשטע ריי, פון רעכטס — דער אויטאָר

פאַר מיר האָט לעגינס טויט געבראַכט אַן איבעררייַס אין דער אוני־ווערסיטעט־לערע. כ׳בין געווען צווישן די מאָביליזירטע דורכן צ.ק. פון קאָמסאָמאָל אויף אַרבעט מיט די ייִנגסטע, וועלכע זענען געקומען אין יענע טעג מאַסנווייַז אין קאָמסאָמאָל. גערופן האָט מען זיי „דער לעגינישער פּריזיוו״.

געקומען איז אויך אין יענע טעג דער סוף צו מייַן „אַוואַנגאַרדיס־טישער״ איינגעגלייבטקייט, אַז אויף שטענדיק וועל איך בלייַבן אין די יוגנטרייען. געקומען איז די צייַט פון דערוואַקסענער באַזאַכטקייט. אַזוי ווייַט, אַז דאָס באַשטימען מיך אַרבעטן אין דער רעדאַקציע פון דער נאָר וואָס געשאַפענער אין כאַרקאָוו ייִדישער יוגנט־צייַטונג „די יונגע גוואַר־דיע״ האָט מיר אויסגעזען צו זייַן אַ מין צוריקגאַנג צו אַ שוין דורכגע־מאַכטן עטאַפּ. אין אומאַן, אויף אוקראַיִנע, וווהין מ׳האָט מיך שפּעטער געשיקט און דאָרטן אויסגעוויילט אַלס ביוראָ־מיטגליד פון קרייַז־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל, בין איך אָנגענומען געוואָרן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

10

ווער זענען מיר?

גערופן האָט מען זיי, מעשה חוזק, „אָבטשי ראַבאָטניקי״[1], חברה־לײַט, אָפּשטאַמיקע פון ייִדישע שטעטלעך, וועלכע האָבן גאַנץ אָפּט גערעדט אַ שלעכטן רוסיש, אָדער אוקראַיִניש, אָבער כאָטש האָקט זיי און בראָקט — קיין ייִדיש וואָרט האָבן זיי נישט געוואָלט אַרויסרעדן. זיי האָבן מיט גרינגשעצונג זיך באַצויגן צו דער ייִדישער סביבה און מערסטנס געשטערט די יעניקע, וועלכע האָבן געטאָן מיט געטרײַשאַפּט די אַרבעט צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. דער אויסרייד פאַר זיי איז געווען — „מען טאָר נישט שטערן דעם נאַטירלעכן אַסימילאַציע־פּראָצעס״. ייִדן זענען דאָך נישט קיין נאַציע און בײַ דער ראַטנמאַכט זענען פאַראַן אַלע מעגלעכקייטן זיך אויסצולעבן אין דער גרויסער, ווי זיי האָבן עס אָנגערופן, „אַלגעמיינער״ קולטור, טאָ צוליב וואָס, אויב אַזוי, אַנטקעגנשטעלן זיך דער געזונטער שטרעבונג צו גיין מיטן אַלגעמיינעם שטראָם פון דער רעוואָלוציע און נישט גיין אויף צוריק, צו דער שטעטלדיקער באַגרענעצטקייט, צו אַ מין קולטור־געטאָ, וואָס האָט עפּעס אין זיך... פון בונדישן סעפּאַראַטיזם אאַז״וו. און הגם צווישן די „אָבטשי״־אַסימילאַטאָרן און דעם אַבסאָלוט גרעסטן טייל יעווסעקעס האָט אַלע מאָל געהערשט אַ שטילער אַנטאַגאָניזם, האָט זיך אָבער געפילט, אַז די קעגנערס פון דער ברייט פאַרצווײַגטער פּאָליטישער, קולטורעלער, סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אַרבעט אין דער ייִדישער סביבה ווירקן אויף די געטרײַע טוערס, וועלכע קוקן זיך

[1] פּאַרגרייזט פון „אָבשטשיע ראַבאָטניקי״, ס׳הייסט „אַלגעמיינע טוערס״ און נישט קיין ספּעציעל־יידישע.

אַלץ מער און מער אַרום, צי ס'האָט ווירקלעך זיך ערגעץ ווו נישט אַרײַנ־געכאַפּט די נאַציאָנאַליסטישע טומאה.

אין מוח האָט געעקבערט די פראַגע: ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט דעם בפירושן ווידערשפּרוך! די גאַנצע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור גע־ווידמעט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, זאָגט אונדז אָפּ דאָס לעבן. פאַראַן דאָרט בלויז נעגאַציע פון אונדזערע פּאָלקסשטרעבונגען און די איינציקע פּער־ספּעקטיוו — ענדגילטיקע אַסימילאַציע. אין דער זעלבער צײַט ווערט אַנטוויקלט אַזאַ מין ברייטע, אַלץ אַרומנעמענדיקע אַרבעט, וואָס וועקט און אַנטוויקלט די נאַציאָנאַלע שעפערישע כּוחות, באַקרעפטיקט די ייִדישע ווערדע און דעם שטאָלץ מיט דער אייגענער קאַמפּס־פאַרגאַנגענהייט, מיט דעם גרויסן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין דער פאַר־מערונג פון די אַלמענטשלעכע קולטור־דעראָבערונגען.

מיר האָבן צווישן זיך גערעדט, געזוכט אַן ענטפער און זיך געווענדט צו די עלטערע, זיי זאָלן אונדז אויפקלערן. אויף אַ פּלענאַרער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אוקראַיִנע האָב איך זיך געווענדט צום מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ, דעם רעפערענט וועגן דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, דעם אוקראַיִנישן געלערנטן פּראָפ' זאַטאָנסקי, מיט דער פראַגע: די ייִדן — צי זענען זיי אַ נאַציע, אָדער עפּעס אַ מינ־דערוועַרטיקע דערשײַנונג, לגבי וועלכער מען קאָן אין אַלע פאַלן אָפּקומען מיטן צוגעטשעפּעטן פּסוק: „יעוורעי טאָזשע" (די ייִדן — אויך), ווי מיר וואָלטן געווען עפּעס אַן „אומזיסטע בײַלאַגע". געמיינט האָב איך, אַז מײַן צעטעלע, וואָס איז קודם־כּל אָנגעקומען אין די הענט פונעם פּאָרזיצער פון פּלענום, צום דעמאָלטיקן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי אין אוקראַיִנע, לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, וועט טיילן דעם גורל פון פיל אַנדערע, אויף וועלכע עס קומט נישט קיין ענטפער. געשען איז אָבער אַזוי, אַז זאַטאָנסקי האָט יאָ געענטפערט, אָבער אויף אַזאַ פּראָפעסאָריש־דיאַלעק־טישן אופן, אַז געבליבן איז דאָס געפיל פון נישט־דערזאָגטקייט. זײַן ענט־פער איז געווען בוכשטעבלעך אַזאַ: „לויט אַלע וויסנשאַפטלעכע סימנים (און דאָס האָט געהייסן — לויט די סימנים פון סטאַלינס סכעמע), זענען

ייִדן נישט קיין נאַציע, אָבער ייִדן זענען אַ היסטאָרישער פאַקט". און דאָס איז אַלץ.

שפּעטער, ווען כ'בין צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, כּדי פאָרצוזעצן די לערע אין מערב־אוניווערסיטעט, האָט דאָס זוכן אַן ענטפער, וואָס האָט געזאָלט געבן פּערספּעקטיוו, כּדי נישט צו לעבן „פון קעשענע אין מויל", מיך אָפּגעריסן פון די נאָרמאַלע לעקציעס. די אָנפירונג פון ייִדישן סעקטאָר האָט גענומען חושד זײַן, אַז בײַ מיר האָט זיך באַוויזן אַ רעצידיוו פון דער „רעפלעקסן־חולאת"...

יאָ, כ'האָב געהאַט אַ מאָל געקרענקט אויף אַזאַ מין חולאת.

געווען איז עס אינעם ערשטן אוניווערסיטעט־יאָר. די לעקציעס געווידמעט דער לערע פון גרויסן פיזיאָלאָג פּאַוולאָוו וועגן אומבאַדינגטע און באַדינגטע רעפלעקסן האָבן מיך אַזוי פאַרכאַפּט, אַז כ'האָב אַלץ מיט אַלעמען פאַרוואָרפן און גענומען נאָכגיין דעם לעקטאָר, אַ יונגן דײַטשן געלערנטן, אים געהאָלפן צוגרייטן, דורכפירן און פיקסירן זײַנע אַלע עקספּערימענטן איבער הינט, און דערבײַ געשאַפן זיך אַן אייגענע „טעאָריע", ווי אַזוי צואײַלן... די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע. ווי באַלד מען קען אַרויסרופן און „אײַנבירגערן" בײַ חיות באַדינגטע רעפלעקסן — פאַר וואָס קאָן מען עס נישט טאָן אויך מיט מענטשן, מיט מענטשן־מאַסן, און אַזוי אַרום זיי קערעווען צום קאַמף, אויף באַריקאַדן, כּדי צו דעראָבערן די מאַכט ?!..

מײַן שעף, וועלכער האָט קיין גרויסע אַנונג אין פּאָליטיק נישט געהאַט, האָט אַ פאַרוווּנדערטער מיך אָנגעקוקט, מייענדיק זיכער, אַז דער געהילף זײַנער איז נישט מיט אַלעמען, אָבער געענטפערט האָט ער, ווי שטענדיק, זייער ערנסט : „אפשר, ווער ווייס ?" די אָנפירונג פון ייִדישן סעקטאָר האָט גענומען פאָרשן, וואָס אַזוינס איז פּלוצלונג מיט מיר געשען — כ'קום נישט הערן די לעקציעס, מײַד אויס סעמינאַרן, קאָנסולטאַציעס. מ'האָט מיך גענומען עקזאַמינירן און די בראָך האָט זיך תּיכף אַנטפּלעקט. כ'בין ממש געשטאַנען פאַר אַן אָפּגרונט. געראַטעוועט האָט מיך ווידער אסתּר, וועלכע האָט כּלומרשט ערנסט גענומען מײַנע „רעפלעקסן" און מיך צוריקגעקערעוועט אויף דער געוויינלעכער לערנבאַנק.

דאָס פּלוצלונגדיקע פאַרנאַכלעסיקן אַלע אַנדערע לימודים האָט נישט לאַנג געדויערט. די עיקרדיקע פראַגע, וואָס האָט אַ סך פון אונדז רוען נישט געלאָזט, איז גיך אויפגעקומען אין דער גאַנצער ברייט בעת אַ לאַנד־באַראַטונג פון יידישע טוערס, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען אין דער געביידע פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס געפינט זיך אין שכנות מיטן נאַגין־פּלאַץ (דאַן — „וואַרוואַרסקאַיאַ פּלאָשטשאַד״), ביי די ווענט פון קיטאַיגאָראָד.

אין יענער צייט בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דעם צענטראַלן יידישן ביוראָ ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון אַלפאַרבאַנדישן לענינישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. מיין מעת־לעת האָב איך געמוזט טיילן צווישן דער לערע אין אוניווערסיטעט, דער אַרבעט אין צענטראַל־ביוראָ און 3 מאָל אין דער וואָך — אָוונטן, ביז פיר אַ זייגער פאַר טאָג — אַלס נאַכט־רעדאַקטאָר (צוזאַמען מיטן דיכטער אהרון קושניראָוו) פון דער טאָגצייטונג „דער עמעס״. און כוחות האָט אויף אַלץ געסטייעט.

געווען איז דאָס יאָר 1926. אינעם גרויסן קאָנפערענץ־זאַל פון צענטראַל־קאָמיטעט איז זיך צונויפגעקומען די לאַנד־באַראַטונג פון די יידישע פאַרטיי־טוערס פון גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד. אַלס מיטגליד פון דעם צענטראַלן יוגנט־ביוראָ, האָב איך זיך אויך באַטייליקט אין דער דאָזיקער באַראַטונג. ביי דער גאַנצער קאָנקרעטקייט פון די פּראָבלעמען, וועלכע עס האָט פאַר דער באַראַטונג געשטעלט דער סעקרעטאַר פון דעם צענטראַלן יידישן ביוראָ ביים צ״ק אלק״פּ (ב) אַלעקסאַנדער טשעמעריסקי („דער שוואַרצער סאַשע״), איז די דיסקוסיע אָבער אַוועק אויף גאָר אַנדערע רעלסן. זי האָט זיך טאַקע קאָנצענטרירט אויף יענע פּראָבלעמען וואָס האָבן אונדז, די יונגע, קיין רו נישט געגעבן: צו וואָס שטרעבן מיר מיט דער „יידישער אַרבעט״? צי האָבן מיר פאַר זיך בלויז דעם ריין אוטיליטאַרן, אַקטועל פּאָליטישן ציל צו באַווירקן די יידישע מאַסן, אָדער מיר האָבן פאַר זיך דאָ אַ ברייטערע פּערספּעקטיוו און שטרעבונג, אין הסכם מיט די מעגלעכקייטן, וואָס עס האָט דעמאָלט, צום ערשטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע, געגעבן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע?

אינערלעך האָט זיך אַלץ געבונטעוועט קעגן די אַרויסטרעטונגען פון די עקסטרעמע אַסימילאַנטן — די „ביידע משהס", ווי מען האָט זיי גערופן — משה ראַפּעס און משה אַלטשולער. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די גאַנצע אַרבעט פון די יידישע סעקציעס דאַרף געטאָן ווערן מיט דער אויסרע־כענונג אויף צואײַלן דעם פּראָצעס פון פולער אַסימילאַציע. צענדליקער ראיות זענען דערבײַ געבראַכט געוואָרן, מיט ציטאַטן פון אַלע קלאַסיקערס פון מאַרקסיזם, אַז יעדער אַנדער אײַנשטעלונג איז... בונדיזם, איז ציוניזם אין אַ סאָוועטישער אויפלאַגע, אין בעסטן פאַל — אַ מין דאָן־קיכאָטיזם, ווײַל מען פאַרשטעלט פון זיך דעם אַנבליק פונעם ווירקלעכן לעבנסגאַנג, כּדי צו לעבן מיט אַן אויסגעחלומטער ווירקלעכקייט.

די רעדע פון דער חברטע אסתּר — ווי שטענדיק, אַ פּרעכטיק גע־בויטע, אַ טיף עמאָציאָנעלע, אין אַ וווּנדערבאַר שיינעם, ציכטיקן יידיש — איז געווען מײַן ערשטע, גרויסע אַנטוישונג בעת דער דאָזיקער, ווי מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַנטשיידנדיקער פּאַר דער יידן־פּראָבלעם אין ראַטן־פאַרבאַנד באַראַטונג. מיר האָט זיך פּשוט נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס האָט דווקא אסתּר אויסגעדריקט אַזאַ אומפאַרשטענדלעכע גלײַכ־גילטיקייט לגבי דעם עיקר: צוליב וואָס איז די גאַנצע אַרבעט, וואָס פאַר אַ צילן — חוץ דער אַלגעמיינער שטרעבונג צו גיין אין פּוסטריט פון דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג — שטעלן פאַר זיך די מענטשן, וועלכע פאַרקערפּערן דאָך אין זיך די פּיליאַריקע דערפאַרונג פון דורות יידישע רעוואָלוציאָנערן. בײַ אַזאַ מין נייטראַליזם לגבי דער צוקונפט — וואָס קאָן באַוועגן די אַלע טוערס זיך אָפּצוגעבן מיט לײַב און לעבן דער אַרבעט, וועלכע איז גאָרנישט קיין לײַכטע, אָפּט מאָל זייער אַן אומדאַנקבאַרע, וואָס באַגעגנט שטערונגען קודם־כּל מצד פּירנדיקע טוערס פון יידישן אָפּשטאַם ?

זייער שווער איז געוואָרן אויפן האַרצן — שוין נישט אַזוי צוליב דער נישט־פאַרשטענדלעכער גלײַכגילטיקייט, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון אסתּרס שטעלונג, נאָר צוליב דעם אופן, ווי אַזוי זי האָט עס באַגרינדעט. געווען איז עס דער משל מיט... קאַלאָשן. (דער בונדישער פירער אין פּוילן, ביניש מיכאַלעוויטש, האָט עס דעמאָלט, אין אַן אַרטיקל אין דער

בונדישער „פֿאָלקסצײַטונג", באַצייכנט אַלס „קאַלאַשן־אידעאָלאָגיע"...).
אסתר האָט פּאָלעמיזירנדיק מיט די אַסימילאַטאָרן פֿון ראַפּעס־שניט „באַ־גרינדעט" איר נייטראַלע שטעלונג לגבי דער ייִדישער צוקונפֿט אויף אַזאַ מין בילדערישן אופֿן: „איר ווילט באַהויפּטן, אַז יעדער אַרבעטער פֿון אַ קאַלאַשן־פֿאַבריק האָט דעם פּאַטאָס פֿון בויען נאָר דערפֿאַר, ווײַל ער איז איבערצייגט, אַז מענטשן וועלן אייביק באַדאַרפֿן קאַלאַשן, און אויב איר וועט אים דערציילן, אַז אין דער צוקונפֿט וועט מען מסתמא קיין קאַלאַשן נישט דאַרפֿן, וועט אים אָפּפֿאַלן די גאַנצע התפּעלות?"

חוץ דעם באַליידיקנדיקן קאַלאַשן־פֿאַרגלײַך האָט מען פֿון דעם דאָ־זיקן משל געקאָנט דרינגען, אַז אסתר איז, אין גרונט גענומען, אײַנשטימיק מיט דער אַסימילאַטאָרישער פּערספּעקטיוו. און דאָס איז פֿאַר אונדז, אירע שילערס און מיטאַרבעטערס, געווען אומדערטרעגלעך. און נישט אַזוי צו־ליבן נישט מסכּים זײַן מיט איר, נאָר צוליב דעם חשד, אַז אסתר איז מיט דער דאָזיקער שטעלונג נישט אויפֿריכטיק, אַז דאָס איז אין ווידער־שפּרוך צו אַלע אירע ביז־איצטיקע רייד, צו אירע אַלע אַרגומענטן און מיטלען אויף צו באַווירקן אונדז, די יונגע, אַז מיר זאָלן געטרײַ בלײַבן די גרויסע היסטאָרישע אויפֿגאַבן, וואָס שטייען פֿאַר אונדז אין דער ייִדישער סביבה.

אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט האָט צו זיך צוגעצויגן דער מענטש מיט דעם מילדן, בלאַסן פּנים, מיט די לענגלעכע בלאָנדע און פּריצישע וואָנסן — שמעון דימאַנשטיין. בײַ זײַן גאַנצער מערקווערדיקער באַשיידנקייט — און ווען ער האָט גערעדט, האָט זיך געדאַכט, אַז אים קומט אָן נישט גרינג בײַצוקומען די שעמעוודיקייט — איז ער דורך דער גאַנצער באַראַטונג באַטראַכט געוואָרן אַלס דער אָפֿיציעלער פֿאַרשטייער פֿון צענטראַל־קאָמי־טעט. דאָס איז ער דאָך בשעתו געווען דער פֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָלקס־קאָמיסאַר פֿאַר נאַציאָנאַלע ענינים און דער אָנפֿירער פֿונעם ייִדישן קאָמי־סאַריאַט גלײַך נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע; דאָס איז ער דאָך דעמאָלט געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿונעם סובאָפּטייל פֿון צ.ק. פֿאַר אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. זײַן וואָרט בעת דער דאָזיקער קאָנפֿע־

רענץ האָט געזאָלט זײַן דער אַנטשיידנדיקער, דאָס שליסל צום לייזן די שטרײַטפּראָגעס.

אַזוי איז עס ווירקלעך געווען. שמעון דימאַנשטיין איז באַלד אין אָנהייב פון זײַן וואָרט צוגעטראָטן צום סאַמע עיקר — צו ענטפערן אויף דער פראַגע: ווער זענען מיר און צו וואָס שטרעבן מיר אַלס ייִדן? און זײַן ענטפער האָט אונדז קודם־כּל פאַרוווּנדערט. מיט איין שטאָק העכער איבער אונדז איז דעמאָלט געווען דער קאַבינעט פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר יאָסיף סטאַלין — דער אויטאָר פון דער טעאָריע, וואָס האָט אונדז, ייִדן, אָפּגעזאָגט דאָס נאַציאָנאַלע לעבן, פּסקנענדיק, אַז מיר זענען קיין נאַציע נישט. און דאָ טרעט אַרויס זײַן אַמאָליקער פאַרטרעטער און איצטיקער אָנפירער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און דערקלערט קליפּ און קלאָר: נישט אמת! די אָנווענדונג פון די אַלע סימנים לגבי דעם ייִדישן פאָלק גיט נישט קיין היסטאָריש ריכטיקן און דורך דער פּראַקטיק באַשטעטיקטן ענטפער. „איז וואָס — האָט געטענהט שמעון דימאַנשטיין — אַז אונדז, ייִדן, פעלט אַ שטיקעלע"... ער האָט נישט באַוויזן ווײַטער אַ וואָרט אויסצורעדן, ווי דער גאַנצער עולם האָט זיך הילכיק צעלאַכט. דימאַנשטיין האָט אַ רגע אָנגעקוקט אַלעמען מיט פאַרוווּנדערונג און באַלד זיך געכאַפּט, וואָס איז די סיבה פונעם אַלגעמיינעם געלעכטער. אויף זײַן שיינעם, איידעלן פּנים האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ גוטער, האַרציקער שמייכל. ער האָט געפּרוּווט עפּעס זאָגן, אָבער דער עולם איז נאָך אַלץ נישט גרייט געווען אויפצונעמען זײַנע ווײַטערדיקע ערנסטע אויספירן. און אַז עס איז עטוואָס שטילער געוואָרן, האָט מען ערשט דערהערט זײַן שעמעוודיקן, כּלל נישט נייטיקן פּירוש, אַז געמיינט האָט ער „עפּעס אַנדערש" — געמיינט האָט ער, אַז ס'פעלט אונדז אַ שטיקעלע טעריטאָריע.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו דערוויסן וועגן דער פאַרגעשיכטע פון שמעון דימאַנשטיינס „אַפּיקורסות" לגבי סטאַלינס דאָגמע מכּוח דער ייִדן־פּראַגע. וואָס שייך דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער טעאָרעטישער דיסקוסיע אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ, איז ער פולשטענדיק באַווירקט געוואָרן דורך דער אויטאָריטעטער אַרויסטרעטונג פון „אַלפאַרבאַנדישן סטאַראָסטע" מיכאַיִל קאַלינין אויף דער לאַנד־קאָנ-

פערענץ פון „געזערד״, וועלכע איז מיט אַ חודש פריִער פאָרגעקומען אין מאָסקווע. דער מיטגליד פון פּאָליטביוראָ און פאָרזיצער פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון די ראַטן האָט אין דער איַינאָרדענונג און קאָנצענטרירונג פון ייִדן אין דער לאַנדווירטשאַפט פון קרים געזען דעם וועג צו קאָנסאָלידירן אַ פולווערטיקע ייִדישע נאַציע, אין קעגנזאַץ צו דער אינדוסטריאַליזירונג און גרויסשטעטישער צעשטויבטקייט, וועלכע פירט דערצו, אַז גרויסע מאַסן זאָלן פאַרלוירן גיין פאַרן ייִדישן פאָלק. די אַבסאָלוטע מערהייט דעלעגאַטן אויף יענער באַראַטונג פון די ייִדישע פאַרטייטוערס האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט שמעון דימאַנשטיינס אַנטי־אַסימילאַטאָרישער און אַנטי־נייטראַליסטישער שטעלונג און האָט פיל האָפענונג געלייגט אויף די פּרינציפּיעלע און פּראַקטישע אויספירן, וואָס דאַרפן געבן דער גאַנצער פּילזיַיטיקער אַרבעט צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג אַ נײַעם סטימול און אַ פיל גרעסערן פאַרנעם.

11

צוריק אַהיים

ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אויף איינער אַ צענטראַלער באַראַטונג, וואָס איז גערופֿן געוואָרן דורכן אָרגאַניזאַציאָנעלן ביוראָ פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער אַלפּאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז מיר אויסגעקומען צוזאַמען מיט אַנדערע קאָמסאָמאָל־טוערס פֿאַרטרעטן דאָס צענטראַלע יידישע ביוראָ ביים צ"ק פֿון אַלפּאַרבאַנדישן קאָמסאָמאָל. דער סעקרעטאַר פֿון צ"ק סטאַניסלאַוו קאָסיאָר האָט געהאַלטן דעם גרונט־רעפֿעראַט. אַ קליינוווקסיקער, מיט אַ געלבלעך־פֿאַרמעטענעם, איינגעשרומפּענעם פּנים, בלויז זיינע העלע אויגן האָבן זיך שטאַרק אָנגעזען, ווען ער האָט גענומען רעדן. ער האָט גערעדט וועגן דער קאַדער־פּאָליטיק און פֿון זיין מויל האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט די פֿאָרמל, וואָס האָט שפּעטער, אין די דרייסיקער יאָרן, געדינט אַלס „באַרעכטיקונג" פֿאַר דיסקרימינירן די יידישע קאַדערס. גערעדט האָט סטאַניסלאַוו קאָסיאָר וועגן דער נייטיקייט צו „רעגולירן דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פֿון די קאַדערס". וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָבן אונדזערע בליקן, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, געפֿרעגט איינער ביים אַנדערן. און באַלד איז געקומען די אויפֿקלערונג — אַ פּאָלשטענדיק קעגנזעצלעכע צו דעם פּירוש, וועלכער ווערט ביז היינט געגעבן. סטאַניסלאַוו קאָסיאָר האָט די רעגולירונג פֿונעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פֿון די קאַדערס פֿאַרטייטשט אויף אַזאַ מין אופֿן: אין די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן דאַרף מען זען צו דערציִען און אַרויסשטעלן אין אויבנאָן די אָרטיקע מענטשן מיט זייער שפּראַך און זייער פֿאַרגעשריטענער טראַדיציע, אַנטקעגנשטעלנדיק זיך דעם וועג פֿון לייכטסטן ווידערשטאַנד — דאָס באַזעצן אומעטום גרויסרוסישע קאַדערס, וועלכע וועלן, — ווילנדיק, נישט־ווילנדיק, — רוסיפֿיצירן דאָס גאַנצע אָרטיקע לעבן.

פון האַרצן איז אַראָפּ אַ שטיין. אין דער ערשטער מינוט איז פאַרשווונדן דער פאַרדאַכט, אַז הינטער דעם נײַעם נוסח שטעקט אַ באַגרענעצונג פון דער גלײַכבאַרעכטיקונג, וועלכע מיר האָבן געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אין אוקראַיִנע האָט זיך באַלד אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון אוקראַיִניזאַציע און ער איז טייל מאָל, טאָקע שוין דעמאָלט, באַגלייט געוואָרן מיט געוויסע באַגרענעצונגען לגבי אַלגעמיינע טוערס־ייִדן, וועלכע האָבן נישט באַהערשט די אוקראַיִנישע שפּראַך. צו קיין גענעראַלער ליניע לגבי ייִדן, אַזוי ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן, איז אָבער דעמאָלט נישט דערגאַנגען. אין ווײַסרוסלאַנד, — די צווייטע לויט דער גרייס רעפּובליק פון ייִדישער מאַסן־קאָנצענטראַציע, — האָט מען די אײַנשטעלונג וואָס שייך נאַציאָנאַלע קאַדערס, חוץ „ווײַסרוסיזאַציע” אויך אָנגערופן: „די קאַדערס־פּאָליטיק לגבי דער אײַנגעוואָרצלטער באַפעלקערונג” („קאָרעניזאַציִאַ”), רעכענענ־דיק זיך מיט דעם גרויסן ייִדישן אָנטייל אין דער אָנפירונג פון דער רעפּובליק און האָבנדיק אין זינען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס אין די ערטער פון אַמאָליקן תחום־המושב („טשערטאַ אָסיעדלאָסטי”) איז אין דער מערהייט אַ ייִדישער. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן געבוירן געוואָרן בײַ איינעם אַ פירנדיקן טוער דער פּראָיעקט אַ נאָמען צו געבן די ווײַסרוסישע רעפּובליק „ווײַסרוסיש־ייִדישע סאָציאַ־ליסטישע ראַטן־רעפּובליק”. דער ענין איז שוין דעמאָלט אַזוי ווײַט אַוועק אין דער דאָזיקער ריכטונג, אַז מען האָט גערעדט ווי וועגן אַ זיכערע זאַך וועגן קומענדיקן ווײַסרוסיש־ייִדישן באַשטאַנד פון מיניסטאָרן־ראַט (ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן) מיטן געוועזענעם פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמי־טעט פון „בונד”, „רחמיאל” (ווײַנשטיין), אַלס וויצע פּרעמיער־מיניסטער (וויצע־פאָרזיצער פונעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן) און מאַריאַ פרומ־קין (חברטע אסתר) אַלס בילדונגס־מיניסטער. דעמאָלט האָבן זיך עס באַ־וויזן די ייִדישע אויפשריפטן אויף אַלע מלוכה־אַקטן, אויף עפנטלעכע גע־בײַדעס (צוו”אַנד אויפן מינסקער וואָקזאַל) — און דאָס אַלץ האָט נאַטירלעך אַנטשפּראָכן די גלײַכבאַרעכטיקונג־שטרעבונגען פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן.

ווי אַ נאַטירלעכע פאָרזעצונג, אַנטוויקלונג און קרוינונג פון דער דאָ־

זיקער גלײַכבאַרעכטיקונג איז אויפֿגעקומען אויף דער פֿריִער דערמאָנטער לאַנד־באַראַטונג פֿון די ייִדישע פּאַרטיי־טוערס די פֿראַגע וועגן טעריטאָ־ריאַלער קאָנצענטראַציע אין פּראָצעס פֿון ייִדישער ערד־באַזעצונג. מיר, די יוגנט־טוערס, האָבן געוווּסט, אַז אַרום דעם דאָזיקן ענין טוען זיך וויכטיקע זאַכן, אָבער ווײַטער ווי פֿון אַלעקסאַנדער טשעמעריסקיס קאַבי־נעט זענען זיי נאָך נישט אַוועק. געווען זענען פֿאַרשידענע קאָמיסיעס און געאַרבעט האָבן עקספּערטן. וועגן איינעם אַזאַ עקספּערט, אַ נאָענטן משפּחה־גליד פֿון דעם דעמאָלטיקן פּאָרזיצער פֿון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע ד״ר חיים ווייצמאַן, האָט מען דערציילט, אַז ער האָט רײַטנדיק אויף אַ פֿערד דורכגעמאַכט הונדערטער און טויזנטער קילאָ־מעטערס אין דער טײַגע אויפֿן ווײַטן מיזרח, בײַם טײַך אַמור, און איז צוריקגעקומען אַ באַגײַסטערטער פֿון די אומאויסשעפּלעכע מעגלעכקייטן און אוצרות, וואָס יענע געגנט פֿאַרמאָגט. שפּעטער איז פֿון אַ שליחות אין יענע מקומות צוריקגעקומען דער באַקאַנטער געזעלשאַפֿטלעכער טוער ראַשקעס און האָט אין פּריוואַטע שמועסן זיך ממש פֿאַרכליניעט בײַם מאָלן די פּערספּעקטיוון פֿון יענער געגנט, וואָס האָט אַלץ כּדי צו שאַפֿן אַן אײַנ־געפֿונדעוועטן ייִדישן מאַסן־ייִשוב. קיין ענטפֿער אויף אונדזער פֿראַגע, פֿאַר וואָס עפּעס פֿלוצלונג דער ווײַטער מיזרח און נישט קרים — האָבן מיר דעמאָלט נישט באַקומען.

גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז דעם סעקרעטאַר פֿון צענטראַלן ייִדישן יוגנט־ביוראָ מיטיע מאָנין האָט מען אין יענער צײַט גערופֿן אויף עטלעכע חדשים אין דער אַרמיי. זענען מיר אויף דער ספּעציעלער זיצונג פֿון צענטראַלן ייִדישן ביוראָ בײַם צ״ק פֿון דער פּאַרטיי געווען אײַנגעלאַדן אין צווייען, אַלס פֿאָרשטייערס פֿון יוגנט־ביוראָ — הערשל בריל (שפּע־טערדיקער רעדאַקטאָר פֿון ייִדישן פֿאַרלאַג אין ביראָבידזשאַן, דערמאָרדעט אין יאָר 1937) און איך. חוץ די גוט באַקאַנטע צענטראַלע טוערס האָבן מיר צום ערשטן מאָל אין דער דאָזיקער סביבה געזען קאַלינינס געהילף אינעם צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון די ראַטן יורי לאַרין. פּראָפֿעסאָר ברוק האָט דאָן רעפֿערירט וועגן די מעגלעכקייטן פֿון אַ ייִדישער מאַסן־איבערוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן, מיט דער אויסזיכט צו שאַפֿן דאָרט

גלייַך אַ ייִדישן אויטאָנאָמען ראַיאָן און אין דער פּערספּעקטיוו — אַ ייִדי־שע אויטאָנאָמע געגנט, אַ ייִדישע אויטאָנאָמע רעפּובליק... וועגן די עקאָ־נאָמישע פּראָבלעמען האָט רעפערירט אברהם מערעזשין, געבנדיק אַ גרינט־לעכע מאָטיווירונג וואָס שייך דער איבערשיכטונג און פּראָדוקטיוויזירונג פון דער ייִדישער שטעטלשער באַפעלקערונג פון אוקראַיִנע, ווייַסרוסלאַנד, סמאָלענסקער און אַנדערע געגנטן פון לאַנד. ליטוואַקאָוו האָט גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט, אַז די איבערוואַנדערערס זאָלן באַגלייט ווערן דורך באַ־דייַטנדיקע קאַדערס ייִדישע קולטור־ און בילדונג־טוערס.

יורי לאַרין האָט גערעדט וועגן דער שטעלונג פונעם צענטראַלן אויס־פיר־קאָמיטעט, און פּערזענלעך פון דעם פּאָרזיצער, מיכאַיִל איוואַנאָוויטש קאַלינין, לגבי די נייַע אויפגאַבעס פון „קאָמזעט", בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען דער וויצע־פּאָרזיצער פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון די ראַטן סמידאָוויטש. דער „קאָמזעט" האָט געהאַט אַלס ציל צו קאָאָרדי־נירן די אַרבעט פון פאַרשיידענע רעגירונגס־אינסטאַנצן לטובת דער ייִדי־שער איבערוואַנדערונג.

כּדי אונטערצושטרייַכן די דרינגענדיקייט פונעם גאַנצן ענין, האָט אַלעקסאַנדער טשעמעריסקי פּאָרגעלייגט צו רעקאָמענדירן דעם מיטגליד פון צענטראַלן ייִדישן ביוראָ יאַנקל לעווין (געוועזענער מיטגליד פון צענ־טראַל־קאָמיטעט פון „בונד", אַ סטאָליאַר־אַרבעטער) אַלס סעקרעטאַר פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין בירעבידזשאַן און זיך ווענדן צום צ"ק פון קאָמסאָמאָל וועגן באַשטימען דעם מיטגליד פון דעם צענטראַלן ייִדישן יוגנט־ביוראָ הערשל סמאָליאַר אַלס סעקרעטאַר פון קאָמסאָמאָל אין בירעבידזשאַן.

כ'האָב דערפילט אויף זיך די צעשמייכלטע, גרויסע אויגן פון דער חברטע אסתר און פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז איר „שטיקל אַרבעט". איז ווי וועט עס זייַן? וועט מען מיך ווידער נישט לאָזן ענדיקן דעם אוניווערסי־טעט? — הגם דער פאָרשלאָג גופא איז מיר שטאַרק געווען צום האַרצן.

אַלץ האָט זיך פולשטענדיק געענדערט נאָך דעם ווי איך האָב אין מייַן וואָרט הויך געזאָגט, וואָס איך האָב געטראַכט. גראָד בין איך געקו־מען פון אַ שליחות איבער פּאָדאָליער שטעטלעך און אָנגעטראָפן דאָרט

צווישן דער יידישער יוגנט ממש אַ פאַרצווייפלטע לאַגע. מען גייט אַרום פוסט־און־פּאַס, נישטאָ זיך צו וואָס צו נעמען און בעת די פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע איך בין אַרויסגעטראָטן, האָט מען פּשוט געדראָט, אַז מען וועט נישט שווייַגן, אַז מען איז אויך נישט קיין מפיל־קינדער... דערבייַ האָט מען אָנגעטייַט אויף געוויסע שאַרפע אינצידענטן, וואָס האָבן דעמאָלט געהאַט אָן אָרט אין דער אַרומיקער געגנט.

— צי וועט די דאָזיקע יוגנט פאָרן אַזש קיין בירָאָבידזשאַן? — האָב איך געפרעגט.

און געזען האָב איך, ווי אַלע האָבן מיך אָנגעקוקט, אַזוי ווי די פראַגע וואָלט גאָר קיין שום פראַגע נישט געווען. דאָרט איז פאַראַן פאַר דער יוגנט אַ וועלט מיט אַרבעט. פאַר אַלעמען וועט סטייַען. נאָך וואָס זיך אַרומדרייען אָן שום אויסזיכטן אין די וואָלינער און פּאָדאָליער שטעטלעך...

— יאָ, זיי וועלן אַוודאי פאָרן — האָב איך דערקלערט — אָבער בלויז דעמאָלט, ווען אַחוץ די צוזאָגן צו באַקומען אַרבעט (און דאָס וואָלטן זיי גערנער געוואָלט האָבן נאָענט פון זייערע היימען, אין אוקראַיִנע גופא), וועט קומען דער מאָביליזירנדיקער און באַגייַסטערנדיקער נאַציאָנאַלער לאָזונג, אַזאַ, וואָס וואָלט בייַ דער דאָזיקער פאַרצווייפלטער יידישער יוגנט געשטאַרקט דאָס געפיל פון גלייַכווערטיקייט, פון פולער נאַציאָנאַלער גלייַכבאַרעכטיקונג.

איך האָב געוואָלט ברענגען עטלעכע בייַשפּילן, אויפן סמך פון שמועסן מיט יידישע יוגנטלעכע אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. כ׳בין אָבער געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער אין מיטן די רייד, נישט זייַענדיק בכוח אַרויסצוזאָגן אפילו איין וואָרט. דאָס האָט אַזוי געווירקט אויף מיר די שאַרפע רעפּליק, וואָס איז געקומען פונעם פּרעזידיום־טיש: „צי שלו־קעכצט זיך אייַך אַ מאָל נישט אָפּ מיט אַ נישט־פאַרדייַעטן נאַציאָנאַליס־טישן געקעכטס?” — האָט אסתר גיכער קאָנסטאַטירט, איידער געפרעגט — און שוין עטוואָס שטילער צוגעגעבן: „איר ווילט דאָך מסתמא אונדז נישט פאַרלייגן צו אָרגאַניזירן חלוצים פאַר בירָאָבידזשאַן?”...

בעסער וואָלט איך שוין, פון דרך־ארץ וועגן, פאַרשוויגן אסתרס ממש פאַרניכטנדיקע רייד, וועלכע זענען דורך אייניקע גלייַך אויפגענומען גע־

וואָרן מיט באַגיטיקונג. האָט אָבער דער פּאַרדראָס אויף דער גרינגשעצנ־דיקער באַציִונג צו מײַנע רייד גענומען אין יענער רגע די אויבערהאַנט איבער דעם געפיל פון טאַקט און כ׳האָב איר געענטפערט, אַז אָפּשלוקעכצן הערט מען פון עמעצן אַן אַנדערן... מײַן מאַגן איז אַ יונגער און געזונטער און פאַרדײַעט אויסגעצייכנט...

אין צימער איז געוואָרן אַ טומל, אײַנגעשטילט האָט זיך ערשט דע־מאָלט, ווען עס האָט אָנגעהויבן רעדן משה ליטוואַקאָוו. מענטשן האָבן אים געהאַלטן פאַרן בייזן גײַסט, וואָס האָט הנאה פון שטעכן מיט זײַנע רייד, פון שפּריצן מיט גאַל און אומברחמנותדיקן פאַרניכטן זײַן אָפּאָנענט. אָבער מיר, יוגנטלעכע, האָבן געקאָנט אַן אַנדער ליטוואַקאָוו. אין דער סביבה פון די יונגע פלעגט אַן אומגעוויינטלעכע מילדקייט זיך אויסלייגן אויף זײַן קליינעם פּנים. פאַר אונדז האָט ער גאָר אַנדערע רייד געהאַט — רייד פון אַ דערפאַרענעם, קלוגן דערציִער. איך האָב עס אָפט דירעקט אָפּגעפילט, בעת ליטוואַקאָוו פלעגט רעדאַגירן מײַנעם אַן אַרטיקל אָדער רעפּאָרטאַזש. דאָ אָבער, נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָב איך געפילט אַז דער בראָך וועט זײַן גאָר גרויס. אַ סימן — ליטוואַקאָוו האָט גענומען נערוועז אַראָפּשלעפן און צוריק אַרויפזעצן די פּענסנע אויף זײַן קליין נעזל. און ליטוואַקאָוו האָט אָוועקגעלייגט אַ מוסר־רעדע וועגן דעם אונטערשייד צווישן קאָמסאָמאָלישער דרײַסטקייט און גראָב־יונגערישער עזות־פּנימדי־קייט. אַנשטאָט זיך פאַרטראַכטן אויף אסתרס אַזוי נייטיקער וואָרענונג, קומט אַן ענטפער, וואָס שטעלט אונטער אַ ספק, צי דער יוגנט־טוער, וועלכער האָט געפרוּווט דאָ אונדז שטעלן מאָדנע באַדינגונגען, האָט בכלל פאַר־שטאַנען וועגן וואָס אייגנטלעך עס גייט, בעתן באַהאַנדלען די פראַגע בנוגע דער קאָמאָפּקטער יידישער ערד־אײַנאָרדענונג אויף די גרויסע שטחים פון ביראָבידזשאַן. און אויפן ליטוואַקאָווישן שטייגער איז געקומען אַ משל וועגן צוויי, וואָס רעדן וועגן איין און דער זעלבער זאַך, אָבער פאַרשטייען נישט איינער דעם אַנדערן. געענדיקט האָט ער אָבער מיט אַ רודף־שלומ־דיקן אַקצענט, באשר דער יונגער חבר איז נאָך אַ סטודענט און גראָד לערנט ער בײַ אסתרן, איז לאָמיר האָפן, אַז אַלץ וועט גוט זײַן...

געווען איז אָבער אַנדערש. פון דעמאָלט אָן איז פאַרשווּנדן אַסתרס פריי־נדלעכע באַציִונג צו מיר. בעת זיצונגען פון דער יוגנט־רעדאַקציע, אָדער פון דעם צענטראַל־ביוראָ, פלעגט זי אויף מיי־נע פראַגעס אָדער אַרויס־זאָגונגען ענטפערן נערוועז, שאַרף, צײַטנווײַז אַפילו באַליידיקן מיך. ווען באַשטימען מיך אַלס ערשטן סעקרעטאַר פון ביראָבידזשאַנער ראַיאָן־קאָמי־טעט פון קאָמסאָמאָל איז שוין מער קיין רייד נישט געווען. ביי מיר ווידער זענען אויפגעקומען שטאַרקע ספקות, צי וועט דער גאַנצער ענין ביראָ־בידזשאַן זיך „אָננעמען", צי וועט עס זיך אַ מאָל נישט פאַרוואַנדלען אין אַ קאָנצעלאַריש־אָרגאַניזירטער „קאָמפּאַניע" מיט גאַנץ קליינע רעזולטאַטן?

ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז אַלעקסאַנדער טשעמעריסקי האָט אָנגע־שריבן אַן אַרטיקל, וואָס האָט געטראָגן אַזאַ פּיל־זאָגעוודיקן קאָפּ: „צו אַ יִידיש לאַנד", האָט זיך געשטאַרקט די האָפענונג, אַז די זאַך וועט דאָך באַ־קומען אַן אידעיִש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אין אַ ברייטן פאַרנעם. גרויס איז אָבער געווען די אַנטוישונג, ווען דער דאָזיקער אַרטיקל איז אין יענער צייַט באַשטימט געוואָרן פאַרן „אויסערלעכן געברויך" און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן בלויז אין אַן אויסגאַבע פונעם אויסערן־מיניסטעריום *.

מיטן דערנענטערן זיך פון די אַרויסלאָז־עקזאַמענס אין אוניווערסי־טעט, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן מייַן אַקטיווקייט אין דער אַרבעט פון דעם צענטראַלן יִידישן יוגנט־ביוראָ. אויף אַ פּריוואַטן אופן האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט וועט מען מיך שיקן אַרבעטן אין דער יִדישער טאָגצייַטונג „דער שטערן", וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין כאַרקאָוו. אַזאַ פּערספּעקטיוו איז מיר לחלוטין נישט געווען צום האַרצן. איך האָב נאָך פון די צייַטן פון דער באַגעגעניש אין טריפּאָליע זיך געזען אויף אַן אַרבעט, וואָס זאָל אַלע מאָל האָבן דעם אינהאַלט און טעמפּ פון אַ רעוואָלוציאָנערער, פּיאָנערישער טאַט. ביראָבידזשאַן, אַזוי ווי איך האָב

---

* ערשט מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער, ווען אין אויסלאַנד איז ברייט באַקאַנט גע־וואָרן דער דאָזיקער אַרטיקל, האָט ער זיך באַוויזן אויף די שפּאַלטן פון „עמעס".

זיך עס פאָרגעשטעלט, האָט געלאָקט. קיינער אָבער, אַפילו מײַנע חברים פון צענטראַל־ביוראָ, האָט מער נישט גערעדט וועגן מײַן פאָרן אַהין.

אין יענעם מאָמענט איז די דערמאָנונג מצד דער פוילישער סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אַז ס׳איז געקומען די צײַט כ׳זאָל זיך אומקערן צוריק אַהיים, געווען פאַר מיר ווי אַ ווירקלעכע דערלייזונג.

12

אונטער דער ערד און אויף דער ערד

אין אַ האַלב־פינצטער צימערל, ביי אַ ייִדישן בעל־מלאכה אין וואַרשע, האָט דער מיטגליד פון אונטערערדישן לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל־קאָמיטעט חבר „מאַקסים״ שטיל, אין אָפּגעהאַקטע זאַצן, ווי ער וואָלט דיקטירט דעם טעקסט פון אַ טעלעגראַמע, מיר איבערגעגעבן די פּאַרקאָנספּירירטע „באַלעבאַטישקייט״ פון דער גרויסער שטאָט ווילנע מיט איר ברייט צעשפּרייטער לאַנדווירטשאַפטלעכער און פיל־נאַציאָנאַלער אומגעגנט.

אויף איין רגע בלויז איז אין מיין געדעכעניש אויפגעקומען... סידאָראָוו, — בעת ער האָט איבערגענומען דאָס „פּאַרמעגן״ פון אונדזער שטעטלשן מאַגיסטראַט. אָבער בלויז אויף איין רגע. די אַבסאָלוטע אַנדערשקייט פון דער סיטואַציע און פון די אומשטענדן האָט שנעל אָפּגעווישט די דערמאָנונג און אין האַרצן איז אַלץ מער אָנגעוואַקסן די מורא, טאָמער וועל איך נישט באַוויזן, נישט קענען זיך אַן עצה געבן, ווייל פון דער ביזאיצטיקער דערפאַרונג וועט מיר דאָ גאָרנישט צו ניץ קומען.

— וועסט זיך אַן עצה געבן — האָט אַנטשלאָסן געזאָגט „מאַקסים״, ווי ער וואָלט אַראָפּגעלייענט פון מיין פּנים די ספקות — דו מוזסט זיך אַן עצה געבן!

שוין ביים שטעלן די ערשטע טריט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די עיקר־שוועריקייט איז פאַר מיר באַשטאַנען נישט אין געבן קלאָרע, איינדייטיקע דירעקטיוון, וואָס קלינגען ווי שלאַכטבאַפעלן פאַר די טוערס אויף פאַרשידענע אַרבעט־געביטן און קאַמף־פּאָזיציעס; אַפילו נישט אינעם אַנטשיידן אַליין וועגן וויכטיקע פּאָליטישע פראַגעס (ווייל צוניפרופן אָפּט און סיסטעמאַטיש דעם דריי־פּערזאָניקן ביוראָ פונעם קריייז־קאָמיטעט איז נישט געווען מעגלעך, מחמת דעם מאַנגל אין אַ גענוגנדיקער צאָל גוט

פאַרקאָנספּירירטע דירות). ביי נאַכט, אויפן געלעגער (וועלכן כ׳האָב אַ געוויסע צייט געטיילט מיט אַ סטודענט) איז לאַנג דער שלאָף נישט גע־קומען צוליב די ספקות, צי באַלעבאַטעווען מיר נישט אַ מאָל צו לייכט מיטן גורל פון מענטשן, מיטן גורל פון זייערע משפחות, מיטן גרעסטן אוצר — מיט דעם לעבן פון די געטרייע, דיסציפּלינירטע, וועלכע פירן אויס, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, אַלץ וואָס דרינגט אַרויס פון די געגעבענע — דורך אַזוינע ווי איך — אינסטרוקציעס, באַשלוסן. צי געדענקט זיך בעת דער אונטערערדישער אַרבעט וועגן דעם? און אפשר איז דאָס בלויז טראַכטן אויף אַזאַ אופן אין ווידערשפּרוך צו דער אַרבעט, וואָס זעט פאָרויס קרבנות און יעדער איינער, וואָס באַשליסט צו טאָן, איז דאָך גרייט דערצו?!

מיט די דאָזיקע ספקות האָב איך, בעת אַן אינסטרוקטאַזש־שמועס, זיך פאַרטרויט פאַר מיין נאָענטן חבר „בראָנעק״, אויך אַ מיטגליד פון לאַנד־סעקרעטאַריאַט. אויף מיינע שטילע רייד האָט ער פון אָנהייב זיך שטאַרק פאַרטראַכט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, און אים אַזוי באַוועגט צום טאַקט פון מיינע ווערטער, אַז כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט מסכים געווען מיט מיינע נישט־אַנטשלאָסענע, מסופּקדיקע אויספירן. דערפאַר איז אַזוי אומגעריכט געווען זיין פּלוצלונגדיקער אויפשטיין, ממש אָפּרייסן זיך פון בענקל, און דער שאַרפער, אָנגעשטעלטער אויף מיר בליק פון זיינע העל־גרינע אויגן. זיין איבערחזרן „יאָ, יאָ״ האָט אין דעם פאַל כלל נישט געקלונגען ווי אַ באַשטעטיקונג צו מיינע רייד, אָדער ווי אַן אָנזאָג אַנטקעגנצוקומען מיר מיט אַן ענטפער פון אַ מער דערפאַרענעם אין דער אונטערערדישער אַרבעט. גיכער האָב איך געקאָנט דערוואַרטן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל ענלעך זיין אויף אַן אורטייל. און זיין „אורטייל״ איז געווען אַ קורצער, אָן שום מאָטיווירונג און אָן רעכט אויף „אַפּעלאַציע״: „ניין, ברודערקע — האָט ער געזאָגט — דו וועסט זיך לאַנג נישט האַלטן!״

זיכער האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם דאָזיקן „אורטייל״ און אים איבערגעחזרט פאַר חברים פון לאַנד־סעקרעטאַריאַט, ווען צו זיי איז דער־גאַנגען די ידיעה, אַז כ׳האָב געבראָכן די עלעמענטאַרסטע כללים פון קאָנ־ספּיראַציע. כ׳האָב זיך אונטערגעגעבן דעם „דרוק״ פון יענע, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל, צוליב דער וויכטיקייט פון דער זאַך, מסכים זיין

זיך אויסצובאַהאַלטן אין דער געבײַדע פון דער ווילנער ווײַסרוסישער גימנאַזיע, בעת דאָרט וועט פאָרקומען דער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער ווײַסרוסישער שול־אָרגאַניזאַציע. די רעאַקציאָנערע גרופע פון ראַמואַלד אָסטראָווסקי, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט די פוילישע רעגירונגס־קרײַזן וועט זיכער פרווון אויף דעם צוזאַמענפאָר איבערכאַפּן די אָנפירונג. די לינקע טוערס פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג וועלן אַלץ טאָן, כּדי צו איזאָלירן די נאַציאָנאַל־פאַשיסטישע עלעמענטן (ווי מען האָט זיי דעמאָלט באַצייכנט). זיי, די לינקע, ווילן זײַן בעתן צוזאַמענפאָר אין כּסדרדיקן קאָנטאַקט מיטן קרײַז־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. מוז איך דערבײַ זײַן נאָענט „אונטער דער האַנט”, כּדי צו באַראַטן זיך און תּיכף באַשליסן אין באַזונדערס וויכטיקע פאַלן, און ווען נייטיק — העלפן רעדאַגירן רעזאָלוציע־פּראָיעקטן און באַשלוסן. כ׳האָב תּיכף געגעבן מײַן הסכּמה, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך, אַז דאָס איז פולשטענדיק אין ווידערשפּרוך צו מײַנע אייגענע ספקות וועגן באַלעבאַטעווען מיטן לעבעדיקן כּוח פון דער באַוועגונג.

אַלץ האָט גוט געקלאַפּט. אַלס פאַרבינדלערס זענען צוגעגרייט געוואָרן עטלעכע שילערס פון די יִינגסטע גימנאַזיע־קלאַסן, וועלכע האָבן אין די קלאָזעטן אויף פאַרשיידענע עטאַזשן אָפּגעוואַרט איינער דעם צווייטן, איבערגעבנדיק זיך די צעטעלעך וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר מיר, ביז דעם לעצטן רינג — אַ גימנאַזיע־לערער, וועלכער האָט געוווּסט פון מײַן באַהעלטעניש.

מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פולן ניצחון. מען האָט מיך, אַ גוט באַוואַכטן, אַרויסגעפירט פון דער גימנאַזיע־געבײַדע דורך אַ הינטערטיר. ערשט אין לעצטן מאָמענט, ממש בײַ דער טיר, האָב איך אויף זיך דערפילט דעם שפּיציק־דורכשטעכנדיקן בליק פונעם „שעף” אָסטראָווסקי, וועלכער איז אומדערוואַרט אונדז אַנטקעגנגעקומען. איך האָב אים קיין מאָל פריִער נישט געזען, אָבער דאָס פלוצלונגדיק־האַסטיקע אָפּשלעפּן מיך אין אַ זײַטיקן קאָרידאָר האָט סיגנאַליזירט די דראָענדיקע געפאַר.

געמיינט האָב איך, אַז מען וועט אין סעקרעטאַריאַט פון צ״ק זיך נישט דערוויסן וועגן מײַן „קריכן אינעם פּיסק פונעם וואָלף”. מען האָט זיך יאָ

דערוווּסט. געווען אַפילו אַ באַשלוס מיך תיכף צוצונעמען פון דאָרט. האָט אָבער די פּאָליציי זיך געפעדערט און מיך פריִער צוגענומען...

וועגן וואָס טראַכט אַזאַ מין אומדערפאַרענער „פּראָפעסיאָנעלער רע־וואָלוציאָנער" אין די ערשטע שעהען נאָכן אַרײַנפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי (דעפענסיווע)? ער טראַכט קודם־כל וועגן אַזעל־כע ענטפערס בעת דער אויספאָרשונג, וואָס זאָלן כאָטש האָבן אַ שײַן פון וואַרשײַנלעכקייט. בײַם אָנרופן מײַן נאָמען און פאַמיליע לויטן פאַלשן פּאַספּאָרט, וועל איך קיין טעות זיכער נישט האָבן. איך האָב עס געהאַט אין זינען, ווען בײַם אויסאַרבעטן פאַר מיר די דאָקומענטן, האָט מען פאַר־געלייגט איך זאָל אַליין זיך אויסקלײַבן אַ נאָמען און פאַמיליע. האָב איך זיך אויסגעקליבן אַזעלכע, וואָס הייבן זיך אָן מיט אַן „אַ": „אברהם אשכנזי". פאַרגעסן איז שוין אין אַזאַ פאַל נישט מעגלעך געווען. (נאָך יעדן ווײַטער־דיקן דורכפאַל, בעתן מאַכן נײַע „ליפּעס", פלעג איך זיך באַניצן מיט ווײַטערדיקע אותיות פונעם אלף־בית...) ערגער איז מיט דער פיקטיווער געבוירן־שטאָט, ווו איך בין קיין מאָל נישט געווען און ווייס נישט ווי עס זעט אויס די גאַס, ווו כ'וווין כלומרשט.

נאָך דעם האָט דער פיבערדיקער געדאַנק, בעתן זיצן אין אויספאָרש־אַרעסט, זיך איבערגעטראָגן אויף די פאַרשטייענדיקע פּײַניקונגען. מ'וועט מיך שלאָגן. דאָס איז זיכער. כ'מוז אויסהאַלטן. אַזוי ווי דעמאָלט, ווען מ'האָט מיר אַרײַנגעלייגט קוילן צווישן די פינגער. מ'וועט מיך גיסן אורין אין די נאָזלעכער... כ'בין צוגעלאָפן צום בלעכענעם עמער, וואָס האָט פאַר־עיפּושט די גאַנצע קאַמער, און נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וחשבון — גענומען אויסגיסן אונטער די נאָרעס דאָס געדיכט־אײַנגעשטאַנענע פלי־סיקייט... מ'וועט מיר דורכלאָזן עלעקטרישן שטראָם דורכן קערפּער... בײַ דעם געדאַנק האָב איך פּלוצלונג דערהערט מײַן אייגענעם פאַרשטיקטן קרעכץ. אַ קאַלטער שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף מײַן שטערן. נאָך דעם האָב איך דערפילט, אַז מיר איז לײַכטער געוואָרן. עס האָט זיך מיר פאַר־וואָלט שלאָפן. כ'בין שוין זיכער געווען, אַז איך וועל אויסהאַלטן.

כ'האָב אויסגעהאַלטן. מיר האָט דערבײַ אַ סך געהאָלפן דער „עקזאַ־מען", וועלכן כ'האָב אויף זיך אַליין דורכגעפירט נאָך פאַר דער אויספאָר־

שונג, אינעם פאַראַרעסט (אַזעלכע אויטאָ־עקזאַמענס האָב איך דורכגע־פירט אַלע מאָל, בעת שווערע סיטואַציעס, אויך שפּעטער, אין דער צײַט פון דער היטלערישער אָקופּאַציע).

דער ערשטער אַרעסט

פאָטאָגראַפיע פון ווילנער אויספאָרשונגס־אַמט (פּאָליטישע פּאָליציי) אין יאָר 1928

נישט לאַנג האָט געדויערט די אָנטשפּאַנונג אין די ערשטע תפיסה־טעג אין דער איינצל־קאַמער. דער געדאַנק, אַז כ׳בין אָן שום פּגם אַדורך דעם דעפענסיווע־גיהנום האָט מיר געגעבן רו, נאָך חדשים און טעג פון גרויסן אָנשטרענג, פון טראָגן די אומגעהײַער שווערע אחריות פאַרן אָנפירן מיט דעם אָנוואַקסנדיקן סאָציאַלן און נאַציאָנאַל־באַפרײַערישן קאַמף.

...דער וואַנט־טעלעגראַף האָט מיר פאַרגעלייגט, אַז בעתן קורצן תפיסה־שפּאַציר זאָל איך זיך באַמיִען צו גיין פאַר דעם קליינוווקסיקן חבר, וואָס טראָגט אַ שוואַרצן מאַנטל מיט אַ פּאַקענעם קאָלנער און אַ שוואַרצן קאַפּעליוש. מיר איז עס לײַכט אָנגעקומען. כ׳האָב דערהערט פון אים פיר שורות פון אַ באַקאַנט ליד, וואָס האָט געדאַרפט דינען אַלס שיפער צום איבערלייענען דעם „גריפּס״, וועלכן ער וועט מיר איבערגעבן בײַם אַרײַנ־

גיין אין דער איינצל־קאַמער. אָן שום דערפאַרונג, האָב איך מיך שטאַרק אָנגעמאַטערט און נאָך איידער כ׳האָב איבערגעלייענט דעם גאַנצן טעקסט האָב איך דערפילט, אַז צו דער רו אין דער תפיסה־קאַמער איז געקומען אַ סוף. עס שטייט מיר פאַר נישט בלויז זיך צו באַטייליקן אין אַן אַנטערמי־ניקן הונגערשטרייק, וואָס וועט אין די נאָענטסטע טעג פּראָקלאַמירט ווערן — איך ווער באַשטימט דורך דער קאָמונע־פאַרוואַלטונג פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אַלס אָנפירער פון איינעם פון די הונגער־קאָמיטעטן, וועלכער וועט אָנהייבן פונקציאָנירן ערשט אויפן 6טן טאָג פון קאַמף. וואָס דאָס באַטייַט — וועט מיר אויפקלערן דער זעלביקער פאַרבינדלער, וועלכער האָט מיר דעם „גריפס" איבערגעגעבן און צו וועלכן כ׳מעג האָבן פולן צוטרוי. פון אים טאַקע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די נײַע אָנפירונג פון קרײַז־קאָמיטעט האָט צו וויסן געגעבן פון דער פרײַ דעם תפיסה־קאָמיטעט, אַז כ׳בין גוט אַדורך די אויספאָרשונג און רעקאָמענדירט צו שטיין מיט מיר אין כסדרדיקער פאַרבינדונג. וואָס שייך מײַנע אויפגאַבעס בעתן הונגער־שטרײַק זעען זיי אויס אַזוי: מען דאַרף זײַן גרייט אויף שטאַרקע רעפּרע־סיעס לגבי די דעקאָנספּירירטע אָנפירערס פון דער קאָמונע פון די פּאָלי־טישע אַרעסטירטע. די תפיסה־אַדמיניסטראַציע וועט זיי בײַם אָנהייב פון שטרײַק זיכער איזאָלירן, מעגלעך אַפילו — אַרויספירן אין אַן אַנדער תפיסה. דעריבער ווערט פאַר יעדן טאָג פון שטרײַק באַשטימט אַן אַנדער קאָמיטעט בראש מיט איינעם, וועלכער דאַרף דורך אַלעמען אָנגעגעבן ווערן אַלס דער פאָרשטייער פון דער גאַנצער קאָמונע. אויפן זעקסטן טאָג וועל איך עס זײַן, — אַלס אַזאַ וואָס איז נאָך דער תפיסה־מאַכט נישט באַקאַנט. פאָרלויפיק וועלן וועגן דעם וויסן בלויז די סעקרעטאַרן פון די „שפּאַציר־דריטלעך", וועלכע וועלן יעדן טאָג אָנזאָגן דורכן „טעלעגראַף" צו וועמען מען דאַרף אָפּשיקן די פאָרשטייערס פון דער תפיסה־אַדמיניס־טראַציע, פון דער פּראָקוראַטור אָדער מיניסטעריום, אין פאַל ווען זיי וועלן קומען מיט פאָרשלאָגן איבערצורײַסן דעם שטרײַק.

שוואַך אָריענטירט אין דעם גאַנצן פּילפּאַכיק פאַרקאָנספּירירטן „מע־כאַניזם" פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, האָב איך בעת יעדן האַלב־שעהיקן שפּאַציר זיך באַמיט וואָס מער צו לערנען.

רעדן האָט מען נישט געטאָרט. האָט מען זיך געמוזט אויסלערנען אַזוי צו פֿאַרשטענדיקן זיך, אַז דער שומר זאָל נישט באַמערקן ווי די ליפּן באַוועגן זיך. נישט לײַכט איז עס אָנגעקומען, אָבער דער אינטערעס בײַ אַלעמען צו דערוויסן זיך פֿון נײַ־אַרעסטירטע וואָס עס הערט זיך אויף דער פֿרײַ איז געווען אַזוי גרויס, אַז כ׳האָב שנעל זיך אויסגעלערנט די קונץ פֿון אַ ספּעציעלן מין בויכרעדערײַ.

יענער שפּאַציר, בעת פֿון איינעם צום צווייטן איז איבערגעגעבן געוואָרן די דירעקטיוו, אַז מאָרגן הייבן מיר אָן דעם אָנטערמיניקן הונגערשטרײַק, איז אַדורך אַ פֿולשטענדיק שווײַגנדיקער. דער באַשלוס איז פֿאַרן עולם, מערסטנס אַלטע אַרעסטאַנטן, קיין נײַס נישט געווען. מען האָט געוואַרט אויף אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד קעגן דער כּסדרדיקער באַגרענעצונג פֿון די רעכט פֿון די פּאָליטישע אַרעסטירטע, קעגן דעם אָפּט אָנגעווענדטן טעראָר מצד דער תּפֿיסה־מאַכט, וועלכע פֿלעגט אָפּנעמען פֿאַר אַ ליאַדע־וואָס דאָס רעכט צו באַקומען פּעקלעך עסנוואַרג פֿון דער פֿרײַ, צו האָבן זעונגען, שרײַבן בריוו, לייענען צײַטונגען. קודם־כּל אָבער איז דער קאַמף געגאַנגען קעגן דער אַנטיסעמיטישער נאַציאָנאַלער סעגרעגאַציע, וואָס די תּפֿיסה־מאַכט האָט דורכגעפֿירט צווישן די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

דער גרעסטער טייל פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אין „אונדזער" תּפֿיסה האָט געשטאַמט פֿון דאָרף. דאָס זענען געווען אָרעמע ווײַסרוסישע פּויערים. דעם סאָציאַלן קאַמף קעגן דער נויט, קעגן צורויבן פֿון זיי דאָס לעצטע שטיקל ברויט (געווען אין תּפֿיסה אַזעלכע וואָס פֿלעגן אָפּשפּאָרן פֿון דער תּפֿיסה־„פּײַקע", אויסטריקענען, כּדי בעתן אַרויסגיין אויף דער פֿרײַ מיטנעמען אין דאָרף פֿאַר די קינדער. געווען אויך אַזעלכע צווישן אונדז, וועלכע האָבן אין דער תּפֿיסה־קאַמער צום ערשטן מאָל פֿאַרזוכט אַ שטיקל צוקער...) האָבן זיי פֿאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. די צווייטע, לויט דער גרייס, גרופּע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָט געשטאַמט פֿון שטעט און שטעטלעך — מערסטן טייל זענען זיי געווען אַרבעטערס, בעלי־מלאכות, סתּם אָרעמע מענטשן, און צווישן זיי ייִדישע סטודענטן. די דריטע גרופּע — דאָס זענען געווען פּוילישע און ליטווישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטערס און עטלעכע אינטעליגענטן.

די תפיסה־אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט געשטרעבט מיט אַלע מיטלען צו צעברעכן די קאָמונע פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, פלעגט פאַרפאַלגן און שטרענג באַשטראָפן פאַרן טיילן זיך מיט עסן. בעתן אַרויסגיין אויף שפּאַציר פלעגן די וועכטערס מאַכן אָפטע רעוויזיעס, אָפּנעמען די געפונענע שפּייַזפּראָדוקטן, וואָס האָבן לויט אַ פאַראָרדענונג פונעם „באַלעבאָס״ פון דער שפּאַציר־גרופּע געזאָלט איבערגעגעבן ווערן יענע קאָמערן, וואָס האָבן געהאַט וויניקער פון דער נאָרמע. צום וויניקסטן האָבן געהאַט די דאָר־פישע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. זיי פלעגן פון דער היים באַקומען אַ בידנעם פּעקל עסנוואַרג איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָר — אויף די קריסטלעכע יום־טובים. די נאַציאָנאַלע פונאַנדערטיילונג פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָט געהאַט דעם ציל אויסצוהונגערן די דאָרפישע רעוואָלוציאָנערן און זיי אָנשטעלן קעגן די שטאָטישע, צום מערסטן יידן, וועלכע פלעגן באַקומען רעגולער שפּייַזפּעקלעך און האָבן נאָך דערצו געהאַט אַ ביסל געלט, כּדי איינצוקויפן 2 מאָל אין חודש אין דער תפיסה־קאַנטינע.

אין הסכּם מיטן שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער הונגערשטרייַק, מיט דער גרונטיקער פאָדערונג: אַ סוף צום פונאַנ־דערטיילן די פּאָליטישע אַרעסטירטע לויט דער נאַציאָנאַלער אָנגעהערי־קייט!

הגם מיר האָבן זיך געגרייט צום שווערן קאַמף, האָט אָבער דער באַ־שלוס אָנצוהייבן דעם הונגערשטרייַק אַרויסגערופן ביי אַלעמען טיפע זאָרג. וואָס עס באַטייַט אַ שטרייַק אָן אַ פאָרויס־באַשטימטן טערמין — און דאָס נאָך אַ „שוואַרצער שטרייַק״, דאָס הייסט, אויך אָן וואַסער אָפּצונעצן דעם גומען, — האָבן אַ סך צווישן אונדז מער געאַנט, איידער געוווּסט. כּדי בישט אַרויסצורופן קיין חשד ביים שומר בעת דעם לעצטן שפּאַציר, האָט דער „פאַרבינדלער״ עפּעס הויך אַ זאָג געטאָן, איז תיכּף געקומען די דראָונג מצד דעם היטער, אַז דער שפּאַציר וועט איבערגעריסן ווערן פאַר דער צייַט. אַ סך האָבן זיך עס איצט געוווּנטשן. מען האָט געוואָלט וואָס שנעלער זייַן אין קאָמער, כּדי זיך „צוגרייטן״ צום מאָרגנדיקן טאָג.

די צוגרייטונג איז באַשטאַנען אין אויפעסן דאָס ביסל פעטס, די עטלע־כע שטיקלעך צוקער און אַלץ וואָס וועט זיך לאָזן פאַרברויכן אין משך

פון די געבליבענע שעהען. דאָס רעשט דאַרף גלײַך בעת דער פּרימאָרגן־ציילונג אַרויסגעלייגט ווערן בײַ דער טיר. טאָמער גיט זיך נישט אײַן אַרויסצולייגן פאַר דער טיר, בעתן עפענען זי, דאַרף מען אַלץ אַרויסוואַרפן דורך די פענצטער.

אַ בית־עולם־שטילקייט האָט פון פרימאָרגן אָן געהערשט אין דעם גאַנצן 2טן פּאַוויליאָן, ווו עס זענען געזעסן בלויז פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. נישט־דערפאַרענע האָבן נערוועז גענומען שפּאַצירן הין און צוריק איבער דער קאַמער. אַלטע „קאַטאָרזשניקעס" האָבן אָבער געוווּסט, אַז פון דער ערשטער מינוט אָן דאַרף מען שוינען די כּוחות, וואָס ווייניקער זיך באַוועגן, נישט אָנשטרענגען זיך צו פיל.

אויף צו מאָרגנס איז די טויטע שטילקייט פּלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ פילדערדיקן אָנגעלויף אין די קאָרידאָרן פון פּאַוויליאָן. עס האָט זיך דערהערט דער באַפעל: „אַכטונג!" באַלד האָט מען געעפנט געעפענט עפּעטן ...

אַ

נען קאַמער נאָך קאַמער — דער פאַרטרעטער פון תּפיסה־שעף איז געקומען. איידער מען האָט נאָך מײַן קאַמער געעפנט האָב איך דערהערט דעם ענטפער פון די שכנים, — פּונקט אַזוי ווי מען האָט זיך געהאַט צונויפגערעדט: אויף דער פראַגע „פאַר וואָס נעמט איר נישט קיין עסן?" איז אויף אַלע עטאַזשן, פון אַלע קאַמערן געקומען דער ענטפער: „אונדזערע פאָדערונגען וועט איבערגעבן דער סטאַראָסטע". „נישטאָ דאָ קיין שום סטאַראָסטע!" — האָט זיך פאַרקײַכט אין געשריי דער פאַרשטייער פון דער תּפיסה־מאַכט. דערמיט האָט זיך געענדיקט דער צווייטער טאָג פונעם הונגערשטרײַק.

דעם דריטן טאָג, פון אין דער פרי, האָבן זיך אַלץ אָפטער גענומען הערן געשרייען פון פאַרשיידענע קאַמערן: „שלאָגט נישט!" „מיר פּראָטעסטירן!" אַלע האָבן געוווּסט וועגן אָנזאָג, אַז מען זאָל זיך נישט לאָזן פראַוואָצירן פון די וועכטערס. מען האָט פאַרשטשעמעט די ציין און אומגעדולדיק געוואַרט אויף ידיעות פון תּפיסה־טעלעגראַף. (סײַ מיט מאָרזע־צייכנס און סײַ מיט דעם יידישן אלף־בית, וועלכער האָט אַ קלענערע צאָל אותיות ווי דער לאַטייניש ער און איז דערפאַר לײַכטער אָנצווענדן). שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אונטער אַ האָגל פון קלעפּ אַרויסגעשלעפּט פון די קאַמערן דעם אַלגעמיינעם קאָמונע־פאַרשטייער, דעם „סטאַראָסטע",

און אַנדערע אָנפירנדיקע אַרעסטאַנטן. מען האָט זיי אָפּגעפירט אויפן 1טן פּאַוויליאָן און פון דאָרט — וווּהין?

דער דריטער טאָג האָט אויך געבראַכט אַ סענסאַציע: קראַנקע פּרויען — פּאָליטישע אַרעסטאַנטינס, האָבן געבראָכן דעם באַשלוס פון דער קאָמו־נע־אָנפירונג, וואָס האָט זיי פאַרבאָטן צוצוטרעטן צום שטרײַק מיט אַלעמען גלײַך. זיי האָבן געזאָלט אָנהייבן הונגערן ערשט אויפן פערטן טאָג. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי הונגערן שוין פון ערשטן טאָג אָן...

דער דריטער טאָג האָט זיך גערעכנט, לויט דער דערפאַרונג פון אַלטע אַרעסטאַנטן, אַלס דער סאַמע קריטישסטער. דער הונגער האָט דעמאָלט מאָראַליש געפּײַניקט. מען האָט געפילט ווי עס גייען ממש אויס די כּוחות. די אברים זענען שלאַבעריק געוואָרן. מען האָט שוין נישט שפּאַצירט איבער דער קאַמער. קיין שפּײַעכץ אין מויל אויף אָפּצונעצן די ליפּן האָט שוין מער נישט געסטײַעט. מען איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, אין דעם ראַנד פון דער אײַזערנער בעט און זיך צוגעהערט צו דער מינדסטער באַוועגונג אין תּפֿיסה.

ווידער האָט אַ האַסטיקער אָנגעלויף פון באַטשוועקעטע שטיוול און אַן אויסגעשריי פון שטרענגע באַפעלן, אויסגערעכנט אויף אָנצוואַרפן אַ פּחד אויף די אַרעסטאַנטן, אָנגעזאָגט, אַז באַלד וועט מען זיך אַ נעם טאָן צו אונדז אַלעמען. דער תּפֿיסה־טעלעגראַף האָט שנעל געגעבן צו וויסן: „ס'איז געקומען דער פּראָקוראָר, אָפּשיקן אים צום חבר „איקס" (דעם אָנ־פירער פון דריטן הונגער־קאָמיטעט). מיר האָבן געהערט ווי עס עפנט זיך איין טיר נאָך דער צווייטער. דאָס געהער איז אָנגעשטרענגט ביז צום פּלאַצן, אָבער קיין רייד האָבן מיר נישט געהערט. אַ ביסל שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש איבער די אײַזערנע טרעפּ, באַגלייט מיט גע־שרייען פון די אַרעסטאַנטן. מײַן טיר האָט זיך געעפנט און איידער כ'האָב באַוויזן אַ וואָרט צו זאָגן, ענטפערן אויף דעם פּראָקוראָרס פראַגע: „איר וועט פאַרענדיקן דעם הונגערשטרײַק?! — איז שוין געקומען דער באַפעל: „נעמט אים!" צוויי פּאָר לאַפּעס האָבן אויסגעדרייט מײַנע הענט אויף הינטן און גענומען מיך שלעפּן איבער די אײַזערנע טרעפּ ביז צום פּאַרטער. גלײַך נאָך מיר האָט מען שנעל דורכגעפירט (נישט געשלעפּט), דעם גע־

ווען זיי אים סיים־דעפּוטאַט סאָבאָלעווסקי. מיר האָבן אים, דעם אַמאָליקן טוער פון דער ווײַיסרוסישער נאַציאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג, באַטראַכט פאַר אַ רענעגאַט. ער, ווי דער פּוילישער פּויערים־דעפּוטאַט שאַפּיעל, האָבן נישט געהערט צו אונדזער קאָמונע. זיי האָבן זיך נישט אונטערגעוואָרפן אירע באַשלוסן און נישט געפירט זיך אין הסכם מיט אונדזערע עטישע קאָמפּסנאָרמעס. און פּלוצלונג, אין דער נאַכט פאַרן אָנהייבן דעם הונגער־שטרײַק באַקום איך, אַלס פאַרשטייער פון דער תּפיסה־קאָמונע, אַ ידיעה: דער דעפּוטאַט סאָבאָלעווסקי סאָלידאַריזירט זיך מיט אונדז. ער וועט אויך הונגערן.

ווען פון דער סאַמע עקסטער אונטערשטער קאַמער האָט מען אַרויס־געפירט איינעם פון אונדזערע חברים, איז אַלץ שוין געווען קלאָר. זײַן טויט־בלאַסער פּנים, די פאַרגאָסענע מלבושים האָבן עדות געזאָגט: מען האָט זיך גענומען צו קינסטלעכער באַשפּײַזונג. איך קוק אָן סאָבאָלעווסקין. ער אָריענטירט זיך וואָס דאָ קומט פאַר. ער פרעגט מיטן בליק: וואָס טאָן? איך ווײַז אים מיטן פינגער אויפן מויל. ער האָט מיך פאַרשטאַנען. מען דאַרף צוריק אויסברעכן...

שנעל האָט מען מיך געכאַפּט פאַר די הענט און פיס און אַוועקגעלייגט אויף אַן אײַזערנער בעט, אָן אַ שטרויזאַק. צווישן די ציין האָט מען מיר אַרײַנגעפּאַקט אַ קײַלעכדיק שטיקל אײַזן, כ'זאָל נישט קענען צומאַכן דאָס מויל. באַלד האָט מען מיר אַרײַנגעשטופּט אין גאָרגל אַ קישקע. כ'האָב זיך אָנגעהויבן צו ווערגן, פאַרהאַלטן דעם אָטעם און די פליסיקייט, וואָס מען האָט געגאָסן דורך דער רער, האָט זיך פאַרהאַלטן. כ'האָב געכאַפּט אַ זעץ אין בויך און די גאַנצע וואַרעמע פליסיקייט איז מיר אַרײַן אין מאָגן. מ'האָט מיר שנעל אויפגעהויבן, איך האָב אָבער נאָך שנעלער באַוויזן אַרײַנצושטעקן אַ פינגער אין מויל און פאַרגאָסן דעם מונדיר בײַ איינעם פון די וועכטערס. ער האָט זיך געוואָרפן אויף מיר מיט זײַנע געבײַלטע פויסטן. דער פּראָקוראָר האָט אים אָפּגעהאַלטן, געהייסן אַרײַנברענגען סאָבאָלעווסקין און גענומען אים „פאַרמסרן" פאַר מיר: „דו הונגערסט, אָבער דער פאַן דעפּוטאַט האָט אין שטרויזאַק באַהאַלטן שאָקאָלאַד, צוקער... נאַ, זע". איך האָב אויסגעשריגן: „ס'אַ ליגן!" און סאָבאָלעווסקי, אַ טויט־

דערשראָקענער, מיט טרייסלענדיקע באַקן, האָט געקוקט — דאָ אויף מיר, דאָ אויפן פּראָקוראָר, ווי ער וואָלט ביי איינעם פון אונדז געזוכט שוץ. גיי ווייס דעמאָלט, אַז דער זעלבער סאַבאַלעווסקי, וועלכער האָט נאָכן הונגערשטרייק מיר צוגעשיקט אַ פאַרשיפרירטן „גריפּס" מיט דער ביטע איבערצושיקן אויף דער פריי זיין פאַרזיכערונג, אַז קיין מאָל איז ער קיין רענעגאַט נישט געווען, אַז ער בלייבט טריי דער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג — וועט מיט 12 ־ 13 יאָר שפּעטער זיין דער היטלעריסטישער וויצע־פּרעזידענט פון דעם אָקופּירטן ווייסרוסלאַנד...

ווען מ'האָט מיך צוריקגעבראַכט אין דער קאַמער, האָב איך דאָרט געטראָפן אַ חורבן. אַלץ פונאַנדערגעוואָרפן און די אייזערנע בעט — אויפגעהויבן אין דער הייך און פאַרשלאָסן. איצט איז שוין נישט געווען אין וואָס זיך אָנצושפּאַרן. אויך אויף ביי נאַכט האָט מען די בעט נישט געעפנט. פון דעם מאָמענט אָן בין איך שוין געבליבן ליגן אויף דער ערד, נישט רעאַגירט אויף קיין קולות און נישט אויפגעשטאַנען בעת דער „טעלעגראַף" האָט מיך גערופן. ליגנדיק האָב איך אויפגענומען די ידיעות און אָנפּראַגעס, צושאַרנדיק זיך „אויף אַלע פיר" צו דער אָנטקעגנדיקער וואַנט, ווען פון דאָרט האָט מען געקלאַפּט. אַלץ זעלטענער אָבער און שטילער איז געוואָרן דאָס קלאַפּן. ערשט אויפן זעקסטן טאָג פונעם הונגערשטרייק האָט איבער די קאַמערן געגומען גיין אַ פאַרשטייער שוין דירעקט אין נאָמען פון מיניס־טעריום. פּלוצעם האָב איך באַקומען כּוחות. כ'האָב זיך אויפגעשטעלט, צודריקנדיק דעם קערפּער צו דער וואַנט, און באַמערקט דאָס שטילע פּליס־טערן פונעם תּפיסה־שעף, זיין אָנווייזן מיט די אויגן אויף מיר. הייסט עס, אַז אַלץ קלאַפּט, אַז אין דעם טאָג האָבן אַלע אַרעסטאַנטן אָפּגעשיקט צו מיר. כ'וואָרט שוין נישט אויף דער געוויינטלעכער פראַגע און הייב אָן אַרויס־צושטעלן די פאָדערונג: קודם־כּל אַ סוף מאַכן צום טיילן די אַרעסטאַנטן לויט דער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט. מיר זיצן אַלע לויט איין און דעם זעלבן פּאַראַגראַף פונעם שטראָפקאָדעקס. מיר ווילן נישט קיין שום געטאָ פאַר קיינעם.

דער מיניסטעריעלער אינספּעקטאָר הערט מיך אויס מיט אַ פּאַרניכ־טנדיקן חוזק־שמייכל און פרעגט שטיל (אין דער דריטער פּערזאָן): וואָס נאָך פאַרלאַנגט דער אַרעסטאַנט? איך רעד און פיל ווי גרויסע, העלע און טונקעלע רעדער הייבן זיך מיר אָן צו דרייען אַרום די אויגן און קום צו זיך בלויז הערנדיק דעם ווילדן, רציחהדיקן געשריי פונעם זעלבן איי־דעלן מיניסטעריעלן פאַרשטייער: „נעמט אים!" געשריגן האָט ער אַזוי הויך, אַז די גאַנצע תפיסה זאָל וויסן וואָס עס געשעט מיט זייער פאַר־שטייער, כדי צו דערפירן די שוואַכמוטיקע זיי זאָלן זיך איינברעכן. און איך האָב געמיינט, אַז איצט וועט מיט מיר געשען דאָס זעלבע, ווי מיט די פאַרשטייערס פון די פריערדיקע הונגער־קאָמיטעטן — מען וועט מיך איזאָלירן אין 1טן פּאַוויליאָן, אָדער אַרויסשיקן אין אַ צווייטער תפיסה. געבראַכט האָט מען מיך אָבער אין דער זעלבער אונטערשטער קאַמער, ווידער מיך אויסגעצויגן אויף דער אייזערנער בעט און אַריינגעשטופּט מיר אין מויל אַ רער. דאָס מאָל האָב איך שוין דעם אָטעם נישט פאַרהאַלטן. אויסברעכן האָב איך אויך נישט געקענט, ווייל צוויי וועכטערס האָבן מיך געכאַפּט אונטער די אָרעמס און גענומען אין אַ גאַלאָפּ־טעמפּ לויפן מיט מיר איבערן תפיסה־הויף, כדי איך זאָל פאַרדייען די פליסיקייט, וואָס איז אין מיר אַריינגעגאָסן געוואָרן.

אין דער קאַמער בין איך אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד אַ פולשטענ־דיק אויסגעשעפּטער. דאָס עסן האָט מיך נישט בלויז נישט געשטאַרקט, נאָר האָט מיך פאַרשאַפּט גרויס ווייטיק אין די אינגעווייידן. דאָס לויפן אַרום תפיסה־הויף האָט אַרויסגערופן אַ ציטער אין די פיס און אין גאַנצן קער־פּער. עס האָט מיך געוואָרפן אין היץ און קעלט. כ׳בין אַ צייט אָפּגעלעגן ווי אין הינערפּלעט, נישט געענטפערט אויפן קלאַפּן פון מיין שכן, וועל־כער האָט זיך עקשנותדיק נאָכגעפרעגט, וואָס איז מיט מיר געשען. ווייזט אויס, אַז מיין שווייגן האָט אַרויסגערופן אַן אומרו ביי די אַרעסטאַנטן, ווייל אויך מיין צווייטער שכן האָט גענומען קלאַפּן און פון אויבן האָט אַ יונגער אַרעסטאַנט מיר געמאָלדן, אַז עס גייט אים אויסגעצייכנט. „און דיר?" — האָט ער געפרעגט.

און מיר איז געווען שלעכט, זייער שלעכט. כ׳בין אין יענעם מאָמענט געווען כמעט זיכער, אַז עס דערנענטערט זיך מײַן סוף. כ׳בין געלעגן אַ פולשטענדיק גלײַכגילטיקער. אויף אַ רגע איז אויפגעקומען דער געדאַנק אַרויסצונעמען פון באַהעלטעניש דאָס שטיקל בלײַערל און אויף אַ שטיקל לײַוונט פון העמד אָנשרײַבן אַ געזעגענונגס־בריוול „אויף דער פרײַ״. אינעם קאָפּ איז אָבער קיין איין געדאַנק נישט געקומען. וואָס אַזעלכעס זאָל איך שרײַבן, און צי וועט עס דען דערגיין?

פונעם אומרויִקן, נאַכטיקן דרימל האָט מיך אויפגעוועקט אַן אָפּגעריסענער געשריי. עמעץ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, גערופן הילף און איז ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער דער דאָזיקער געשריי אין דער נאַכט האָט אין מיר אויפגעוועקט דעם באַוווסטזײַן, אַז כ׳בין אין דעם מאָמענט דער באַלעבאָס נישט בלויז איבער דעם אייגענעם צאַנקענדיקן גוף, אַז כ׳טראָג די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע וואָס זיצן אין די קאַמערן אויף ביידע פליגלען פון 2טן פּאַוויליאָן, און פאַר די אָפּגעזונדערטע פון אונדז, אין דעם פליגל וועלכן מען האָט גערופן „קאַמטשאַטקע״, ווו עס זיצן עטלעכע צענדליק פרויען — פּאָליטישע אַרעסטאַנטקעס, פון וועלכע עס קומען אָן כסדר ידיעות (דורך די קרימינאַליסטקעס), אַז אַלע ווי איינע האַלטן זיך פעסט־מויער.

איך בין אויפגעשטאַנען אין מיטן דער נאַכט, געמאַכט עטלעכע טריט איבער דער קאַמער און דערפילט, אַז כ׳בין צוריק לעבעדיק געוואָרן, אַז כ׳בין גרייט אויסצודויערן. שטיל האָב איך מײַן פריִען „גוט־מאָרגן״ אויסגעקלאַפּט צו מײַן שכן, וועלכער האָט נערוועז מיך אויסגעפרעגט, וואָס איך מאַך און וואָס איז מיט מיר געשען? גיי דערצייל אים, אַז כ׳בין אויפגעשטאַנען תחית־המתים, אַז כ׳בין דורכגעגאַנגען אַ שווערן, גאָר שווערן קריזיס און איצט, גראָד איצט, פיל איך מיך אַן אָפּגעפרישטער.

טראָפּנווײַז האָבן אויסגעקאַפּעט די כוחות. עס האָבן גענומען אָנקומען ידיעות וועגן עטלעכע שטרײַקברעכערס, וועגן דער פאָדערונג זיי צוצונעמען פון די קאַמערן, ווו זיי זיצן צוזאַמען מיט די שטרײַקנדיקע. אַלץ העכער און רוישיקער איז פון קאָרידאָר דערגאַנגען דער געקלימפּער פון כלים,

וועלכע מען האָט אָנגעפּילט מיט אַ געדיכטער אַרבעסזופּ, כּדי צו רייצן די נאָזלעכער בײַ די הונגעריקע.

סוף פון צענטן טאָג פון הונגערשטרײַק האָט די תפיסה־אַדמיניסטראַציע גענומען איבערזעצן די אַרעסטאַנטן, אָנווּירנדיק די נאַציאָנאַלע סעגרעגאַציע. שומרים האָבן געהאַלפן די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס, אַריבערגיין אין אַנדערע קאַמערן. מען האָט זיך געדריקט די הענט, באַגריסנדיק איינער דעם צווייטן מיטן טייל־ווײַז ניצחון. וואָס שייך אַלע איבעריקע פאָדערונגען האָט די אַדמיניסטראַציע צוגעזאָגט צו באַטראַכטן יעדע פון זיי באַזונדער. די עטלעכע געבליבענע אָנפירנדיקע חברים האָבן דעמאָלט אָנגענומען דעם באַשלוס צו פאַרענדיקן דעם שטרײַק. איך האָב פון תפיסה־שעף באַקומען דאָס רעכט צו גיין פון קאַמער צו קאַמער און בעתן מעלדן וועגן פאַרענדיקן דעם שטרײַק וואָרענען, אַז מ׳זאָל פאָרזיכטיק זיך נעמען צום עסן. בלויז בעת מײַן וויזיט אין די פרויען־קאַמערן (אָן איינציקער פאַל אין מײַן טורמע־קאַריערע) איז אויסגעדריקט געוואָרן ספקות, צי מעג איך גלייבן די צוזאָגן פון דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע.

אַוודאי, גלייבן האָט מען זיכער נישט געטאָרט. הגם קיין פונאַנדער־טיילונג פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע לויט דער נאַציאָנאַליטעט, לויט דעם סאָציאַל־געאָגראַפישן סימן, פון שטאָט אָדער פון דאָרף, האָט מער קיין אָרט נישט געהאַט, זענען אָבער די רעפּרעסיעס, כּדי צו צעברעכן אונדזער קאָמונע, געוואָרן אַלץ שאַרפער און שאַרפער. מיר האָבן גענומען אָנווענדן פאַרשיידענע פאָרמען פון פּראָטעסט. אָפּגעזאָגט זיך אַרויסצוגיין אויף זעוּב־גען, אָנצונעמען פעקלעך, כּדי אַזוי אַרום געבן צו וויסן אויף דער פרײַ, אַז אונדזער לאַגע איז אַ שווערע און אַז מיר שטייען כּסדר אין קאַמף. אַזוי האָט עס געדויערט עטלעכע חדשים. צו יענער צײַט בין איך געוואָרן סעקרעטאַר פון תפיסה־קאָמיטעט פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. דורך שי־פּרירטע גריפן האָבן די קאָמיטעט־מיטגלידער זיך באַראַטן, וואָס מען טוט ווײַטער, דער קאַמף זאָל ברענגען ממשותדיקע רעזולטאַטן.

שווער זיך צו דערמאָנען וועמענס פאָרשלאָג דאָס איז געווען, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן דורכצופירן אַ מין „פּסיכישע אַטאַקע״ אויף דער

תפיסה־מאַכט: פון דעם צען־טאָגיקן הונגערשטרײַק האָבן מיר געוווּסט, אַז אַלע וועכטערס און זייערע עלטסטע האָבן קײַלעכדיקע מעת־לעתן, במשך פון דער גאַנצער צײַט, נישט געטאָרט פאַרלאָזן די תפיסה, געמוזט שלאָפן אין די קליידער און זענען דעריבער געוואָרן שטאַרק אויסגעמאַטערט. געדענקענדיק וועגן דעם, האָבן מיר באַשלאָסן דורכצופירן ערב דעם קאַטוילישן „גרינעם יום־טוב", ווען דער גרעסטער טייל וועכטערס ריכט זיך צו פאַרברענגען אין דער היים צוזאַמען מיט די משפחות, אַן איינטאָגיקן הונגערשטרײַק אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס די תפיסה־מאַכט האָט נישט געהאַלטן אירע צוזאָגן. וועגן דעם, אַז דאָס דאַרף זײַן בלויז אַן איינטאָגיקער פּראָטעסטשטרײַק האָבן געוווּסט איינציקע, באַזונדערס אָנפאַרטרויטע חברים. דורך אַ ספּעציעל קאָמפּליצירטן שיפר זענען זיי וועגן דעם איינפאַרמירט געוואָרן. די אַדמיניסטראַציע האָט נישט געטאָרט וויסן ווי לאַנג דער שטרײַק וועט דויערן.

אין אַ העלן זומער־פרימאָרגן, ערב דעם „גרינעם יום־טוב", ווען אַלע האָבן גענומען אַרויסלייגן פאַרן טיר, בעת דער ציילונג, פּעקלעך מיט עסנוואַרג, זענען די שומרים אַרײַנגעפאַלן אין אַ געוואַלדיקער פּאַניק. זיי האָבן גענומען רעדן מיט אונדז אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן: „פּאַנאָוויע, צו וואָס דאַרפט איר עס? צי ווילט איר ענדגילטיק פּטרן דאָס געזונט?!"

אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי, ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק, בעת דער הונגערשטרײַק האָט געדאַרפט דויערן ביזן ניצחון. וועגן אונדזער באַשלוס, אַז דער שטרײַק וועט דויערן בלויז 24 שעה, האָט די אַדמיניסטראַציע זיך נישט דערוווּסט. אין דער קאָמונע זענען קיין פאַררעטערס נישט געווען. 11 אַ זייגער פאַר מיטאָג האָט דער תפיסה־שעף, באַרטאָשעוויטש, אַן אַלטער סאַטראַפּ נאָך פון די צאַרישע צײַטן, מוחל געווען אויף זײַן כבוד און זיך באַוויזן אין דער קאַמער פון אונדזער אָפיציעלן סטאַראָסטע. נאָכן פאַרזיכערן מיט אָנטשפּרעכנדיקע גאַראַנטיעס, אַז אַלע אונדזערע פאָדערונגען וועלן תיכף נאָכגעגעבן ווערן, איז דער שטרײַק מיטאָגצײַט פאַרענדיקט געוואָרן.

געווען איז עס אַ לעקציע פון שטרײַק־סטראַטעגיע אין תפיסה, וואָס האָט באַוויזן, אַז מען קאָן אין משך פון 6 שעה געווינען דאָס, וואָס מען האָט נישט דערגרייכט דורך אַ 10־טאָגיקן פאַרשאַרפטן קאַמף.

13

אין שכנות מיט פאַרמישפּטע צום טויט

ווען די געקאָוועטע טיר פון דער איינצל־קאַמער האָט זיך פלוצלונג געעפנט און כ'האָב דערהערט דעם באַפעל פונעם תפיסה־וועכטער: „נעם צונויף דיינע זאכן!" — האָט עס געקאָנט באַטייטן, אַז אָדער מען שיקט מיך אָפּ „מיטן עטאַפּ" אין אַ צווייטער טורמע, ווו שוין פאַראורטיילטע אַרעסטאַנטן פלעגן „אָפּזיצן" זייערע יאָרן, אָדער מען זעצט מיך איבער אין אַן אַנדער קאַמער, אין אַ צווייטן פליגל פון דער זעלביקער לוקישקער תפיסה. מיט מיר האָט אין דעם פאַל געקענט געשען סיי דאָס ערשטע און סיי דאָס צווייטע. כ'בין שוין געווען אַן אָפּגעמישפּטער, איך האָב אָבער געקענט דערוואַרטן, אַז מען זאָל פאַרפירן קעגן מיר אַ נייעם פּראָצעס און צוליב דעם מיך פאַרהאַלטן אין דער אויספאָרשונג־תפיסה.

דעם עווענטועלן נייעם פּראָצעס האָב איך אַליין זיך „צוגעשאַנצט". געשען איז עס אַזוי: אין אַ דושנעם זומער־פאַרנאַכט האָט מען מיך צוריק־געבראַכט פון קרייזגעריכט מיטן אורטייל: 6 יאָר שווערע תפיסה פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט און 3 יאָר פאַר באַניצן זיך מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט. אויפן האַרצן איז געווען קאַלעמוטנע, באַזונדערס נאָך דער ברוטאַלער רעוויזיע, בעת וועלכער די וועכטערס האָבן געזוכט אין מיין מויל, אין די אויערן, אויף מיין גאַנצן קערפּער. אַ דענערווירטער האָב איך זיך געלאָזט אויף אַ „שפּאַציר" — זעקס טריט ביז צום פענצטערל און צוריק ביז דער טיר. אויף אַ רגע בלויז האָב איך זיך פאַרהאַלטן ביים צוגעקאָוועטן טישל, גענומען דאָס צינענע לעפל מיט דעם אָנגעשאַרפטן עק (ער האָט מיר געדינט אַלס מעסער) און אָנגעהויבן מיט אים שנעל שרייבן אויף דער וואַנט. געווען זענען עס ווערטער, וועלכע האָבן אַנטשפּראָכן מיין געמיט־צושטאַנד:

הערש סמאָליאַר

Kto myślał, że mnie więzieniem uciszył
i koił burze ducha,
ten się mylił...

(אין בוכשטעבלעכער איבערזעצונג וואָלט זיך עס אַזוי געלייענט: ווער עס האָט געטראַכט, אַז מיט תפיסה האָט ער געשטילט און געלינדערט מײַן נשמה־שטורעם, דער האָט אַ טעות געהאַט.)

כ׳האָב קוים פאַרענדיקט „קריצן" די לעצטע ווערטער, ווי אין מײַן קאַמער האָט זיך אַרײַנגעריסן דער יועכטער. זאָגן בעת־מעשׂה, אַז „איך בין נישט איך", איז דאָ נישט שייך געווען. די שפּורן פון מײַן פאַרברעכן זענען דאָ געווען פאַר די אויגן: כ׳האָב נישט באַוויזן אָפּצורייניקן די פּאַדלאָגע און דאָס לעפל פונעם קאַלך. באַלד איז אָנגעקומען דער פּאַוויליאָן־אויפזעער מיטן קאַנצעלאַריע־שרײַבער, וועלכער האָט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און אַרײַנגעשריבן אין אים די אויסגעקריצטע שורות. כ׳האָב זיך אָריענטירט, אַז אין דעם פאַל וועל איך שוין נישט אָפּקומען מיט אַ געוויינטלעכער שטראָף, אַ שטייגער — מיט עטלעכע טעג קאַרצער. ווי באַלד אַ פּראָטאָקאָל — שמעקט עס אַוודאי מיט אַ פּראָצעס. און אויב אַ פּראָצעס — וועל איך דאָך ווידער האָבן אַ מעגלעכקייט זיך „דורכצושפּאַצירן" אויף דער פרײַ, אויפן וועג צום געריכט.

אַזוי איז ווירקלעך געווען. פירנדיק מיך צום אויספאָרשונגס־ריכטער האָט מען אַפילו נישט געפּרוווט מיר אָנטאָן קייטלעך אויף די הענט. אַ סימן — די פּאָליציאַנטן האָבן געוווּסט, אַז מײַן איצטיקער פאַרברעכן איז נישט אַזאַ געוואַלדיקער.

נאָך די ערשטע פאָרמעלע פראַגן האָב איך זיך דערלויבט אויף עפּעס אַזוינס, וואָס האָט פולשטענדיק אַרויסגעפירט דעם ריכטער פון די כּלים. איך האָב אים געפרעגט, צי ער איז אַ ייִד? זײַן פאַמיליע־נאָמען איז געווען... אַבראַמאָוויטש. אַ שטאַרק אויפגערעגטער האָט ער הויך אויסגעשריגן, אַז פון דור־דורות שטאַמט ער פון קאַטאָליקן. שטיל, ווי פאַר זיך אַליין, האָב איך געמאַכט דעם אויספיר: „מסתמא פון די פראַנקיסטן?".

דעם ריכטערס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַזאַ מין פּיאָלעט־רויטקייט, אַז כ׳האָב געמיינט — אָט־אָט כאַפּט ער די אַפּאָפּלעקסיע. באַרויִקט האָט ער זיך ערשט דאַן, ווען ער האָט דערהערט, אַז איך בין זיך מודה צום „פאַרברעכן״, אַז דאָס האָב איך אייגנהענטיק אָנגעשריבן די בונטאַרע ווער־טער אויף דער וואַנט פון דער תּפיסה־קאַמער.

— הייסט עס, אַז נאָכן אורטייל פאַרן אָנטייל נעמען אין אַן אַנטי־מלוכהשער פאַרשווערונג האָט איר, מיט אײַער דערקלערונג, אָנגעזאָגט אַז איר וועט די פאַרברעכערישע אַרבעט ווײַטער פירן ?!״ — האָט מיט כיטרע־צוגעזשמורעטע אויגן אויסגערופן דער ריכטער.

— „ניין !״ — האָב איך אַנטשלאָסן אויסגערופן און געצווונגען דער־מיט דעם ריכטער ברייט צעעפענען די פאַרחידושטע אויגן — „די דאָזיקע דערקלערונג האָט אָפּגעגעבן אַן אַנדערער...״

אויף אַזאַ מין ענטפער האָט דער אויספאָרשער זיך זיכער נישט גע־ריכט. אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט, שוין נאָכן אורטייל, איז נישט בלויז זיך מודה צו אַ נײַעם פאַרברעכן, נאָר גיט אויך אַרויס אַ מיטשותּף — דאָס איז מסתּמא אַ זעלטענער פאַל אַפילו אין דער רײַכער פּראַקטיק פון דעם „ריכטער פאַר ענינים פון באַזונדערער וויכטיקייט״ (אַזאַ איז געווען דער אַמטלעכער טיטל פון מײַן אויספאָרשער). אויף זײַן פראַגע, ווער איז דער „אַנדערער״, האָב איך מיט געמאַכטער גלײַכגילטיקייט געענטפערט, אַז די דערקלערונג האָט אָפּגעגעבן איינער אַ הער מיטן נאָמען יוליוש סלאָוואַצקי. די ווערטער פון דעם גרויסן פּוילישן דיכטער אין זײַן פּאָעמע „דער קייסער — דער גײַסט״, אַנטשפּרעכן מיר...

ווידער האָט דאָס פּנים פונעם ריכטער זיך אָנגעצונדן און ממש ווערגנ־דיק זיך האָט ער אויסגעשריגן : „פּאָליציי ! נעמט אים אַוועק !״

קיין זכות צו זיצן מיט סלאָוואַצקין אויף איין באַשולדיקונגס־באַנק אין אַ פּויליש געריכט האָב איך נישט געהאַט. קיין נײַעם פּראָצעס קעגן מיר האָט מען נישט פאַרפירט, אָבער די נקמה פונעם ריכטער אַבראַמאָ־וויטש האָב איך אָנגעהויבן פילן גלײַך נאָכן אויסגעשריי פונעם וועכטער : „נעם צונויף דײַנע זאַכן !״

אַרײַנגעפירט האָט מען מיך אין אַ קאַמער, ווו מען האָט קיין אַרעס־טאַנטן נישט געהאַלטן. געוויינטלעך זענען דאָרט געלעגן שמאַטעס צו רייניקן די קאָרידאָרן, בעזעמער, רידלעס און ענלעכע מכשירים. צווי ווענט פון דער דאָזיקער קאַמער זענען אַרויס צום דרויסן און ווינטערצײַט פלעגט אויף זיי זיך באַווײַזן פאַרפרוירענע נאַסקייט. זומער ווידער איז דאָרט געווען מוראדיק דושנע פון די אָנגעגליטע ווענט. נישט דאָס איז אָבער געווען דאָס ערגסטע. גאָר נאָענט צום פענצטערל פון קאַמער איז געווען אַ צענטראַלער אָפּפיראָרט פאַר דעם שמוץ, פאַר די עקסקרעמענטן וואָס פלעגן אויסגעגאָסן ווערן פון די „פאַראַשעס". יעדן פאַרנאַכט פלעגט אַ גרופּע קרימינאַליסטן צאַפּן די אומריינקייטן...

מײַן ערשטע רעאַקציע איז געווען — פאַרמאַכן דעם פענצטער. דער עיפּוש איז געווען אַזאַ שאַרפער, אַז כ'האָב געמוזט פאַרהאַלטן דעם אָטעם. אין דעם דושנעם זומער־אָוונט האָב איך אָבער לאַנג נישט געקענט אויס־האַלטן בײַ אַ פאַרמאַכטן פענצטער. אַ גאַנצע נאַכט נישט צומאַכנדיק קיין אויג, האָב איך געהאַלטן אין איין עפענען און פאַרמאַכן דאָס פאַרקראַ־טעוועטע פענצטערל. כ'האָב נאָז און מויל פאַרשטעלט מיט אַ נאַסן האַנטעך, האָט עס נאָר אויף אַ רגע געגעבן אַ פאַרלײַכטערונג. אויף צו מאָרגנס האָב איך אין דער „פּײַקע" ברויט און אין דער זופּ געשפּירט דעם ריח פון עקסקרעמענטן.

וואָס טוט מען אין אַזאַ לאַגע? דער קאָנטאַקט מיט דער קאָמונע איז בײַ דער דאָזיקער איזאָלאַציע איבערגעריסן געוואָרן. אויף מײַן פּראָטעסט האָט דער פאַוויליאָן־אויפזעער געענטפערט, אַז אַלע קאַמערן זענען פאַר אַרעסטאַנטן. פאַרענדיקט האָט ער גראָב־יונגעריש: „שמעק אויס דײַן חלק, דאָס איבעריקע לאָז פאַר דײַנע חברים".

געדויערט האָט עס לאַנגע, לאַנגע טעג, וואָכן, ביז איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען די קאָמאַנדע איז געקומען שעפּן דאָס טינופת האָב איך דער־שפּירט, אַז... איך שפּיר מער גאָרנישט.

דווקא דעמאָלט איז ווידער אַ מאָל געקומען דער באַפעל: „נעם צונויף דײַנע זאַכן". דאָס מאָל האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין ערשטן פאַווי־ליאָן, ווו עס זענען געזעסן בלויז קרימינעלע. מען האָט מיך אַרײַנגעזעצט

אין אַ קאַמער, ווּ מען האַלט געוויינטלעך פאַרמישפּטע צום טויט אָדער אויף אייביקער תּפיסה, אונטער אַ שטענדיקער „אויפזיכט". אויפן קורצן שפּאַציר פלעגט מען אַרויספירן איינציקוויַיז. די מערסטע זענען געווען געשמידט אין שווערע קייטן. מיַין שכן פון לינקס, שאַלקאָווסקי האָט ער געהייסן, האָט מיטן געקלימפּער פון די קייטן מיך ממש פאַרטויבט. ער האָט נישט מורא געהאַט אַרויסצוקוקן דורך די קראַטעס, כאָטש ס'איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. ער האָט ביַי מיר געפרעגט הויך אויפן קול ווי איך הייס און פאַר וואָס איך זיץ. ווען כ'האָב געהערט, אַז מען פירט אים אַרויס אויף אַ שפּאַציר, האָב איך אויף אַ רגע געכאַפּט אַ קוק אויף אים דורכן פענצטער און האָב פאַרשטאַנען פאַר וואָס מען רופט אים „טיגער". פונעם פירקאַנטיקן פּנים, באַוואַקסן מיט אַ בלאָנדער באָרד, האָבן אַרויסגעשטאַרצט אַ פּאָר גרינע אויגן, וואָס האָבן אַנגעיאָגט אַ פּחד. כ'פלעג הערן אָפט זיַין ברומען און געמיינט, אַז דאָס זינגט ער אַזוי. געווען איז עס אָבער אַ ברו־מען פון אַ הונגעריקער חיה. ער אַליין האָט מיר דערציילט, אַז פון אַ פּאָדעם פון אַ שטרויזאַק האָט ער אויסגעשטריקט אַ נעץ צו כאַפּן פייגעלעך. איין מאָל האָט זיך אים אַפילו איַינגעגעבן צו פאַנגען אַ טויב. ער פלעגט זיי עסן רויערהייט, — אַזוי האָט אים דער הונגער געפּיַיניקט. דער „טיגער", וואָס האָט געהאַט אויף זיך פיר טויטאורטיילן פלעגט יעדן אינדערפרי ביַי מיר פרעגן, צי האָב איך נישט געהערט אַ מאָל מכּוח אַן אַמנעסטיע...

מיַין שכן פון רעכטס, ריש האָט ער געהייסן, איז געווען דער ראש פון אַ באַנדע פערד־גנבים. אויך ער האָט געהאַט אויף זיַין „חשבון" עטלעכע מאָרדן און איז געווען פאַרמישפּט צום טויט. ריש איז אָבער זיכער געווען, אַז אים וועט די תּליה אויסמיַידן, וויַיל געטאָן האָט ער נישט פאַרן איי־גענעם נוצן, „נאָר לטובֿת די אָרעמע". דעמאָלט זענען טאַקע אַרומגעגאַנ־גען קלאַנגען, אַז רישס באַנדע רויבט נאָר ביַי די ריַיכע און צעטיילט צווישן די אָרעמע. ער פלעגט אָפט מיך פרעגן, ווי האַלט עס מיט דער רעוואָלוציע, צי איז נאָך וויַיט...

אין דער דאָזיקער שכנות, אַ פולשטענדיק איזאָלירטער, בין איך אָפּ־געזעסן (נקמה־אַקט מצד אַבראַמאָוויטשן) לאַנגע חדשים. מיר איז פאַרווערט געווען צו באַקומען ביכער, ציַיטונגען, בריוו. אויף מיַין פּראָטעסט האָט

דער פּאַוויליאָן־אויפזעער געענטפערט, אַז ער האָט פאַר מיר נאָך אַ בעסער אָרט — אינעם „אַפּטייקל", ס׳הייסט אין קאַרצער. דאָ איז מיט פּראָטעסטן געענדיקט, קרימינאַליסטן זיצן רויִק! ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין אַז דאָ וועל איך אָפּזיצן מײַן „קרימינעלן" אורטייל (3 יאָר פאַרן באַניצן זיך מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט).

אין די אומענדלעך לאַנגע און פּוסטע טעג זענען אָבער אויך געווען אַנגענעמע מינוטן. ווען כ׳פלעג דערהערן דעם סקריפּ פון טירל אין דעם טויער פון דורכגאַנג־הויף, האָב איך אָנגעהויבן „מאַנעווּרירן" אַרום פאַר־קראָטעוועטן פענצטער, כּדי צו כאַפּן אַ „לינקן" בליק אויף אַ נײַ מענטש־לעך פּנים. דורך דעם דאָזיקן טויער פלעגט מען דורכפירן נײַ־געבראַכטע אַרעסטאַנטן צום תּפיסה־שפּיטאָל אויף אַ פאָרמעלער מעדיצינישער אונ־טערזוכונג. צײַטנווײַז פלעגט מען דורכפירן אַ באַקאַנטן חבר פון דער אונטערערדישער אַרבעט. דעמאָלט האָט דאָס טראַכטן וועגן די מעגלעכע סיבות פון דורכפאַל, וועגן דער האַלטונג פון חבר אין דער פּאָליטישער פּאָליציי, געסטײַעט אויף אַ גאַנצן טאָג.

געווען איז אַ פאַל, ווען אין קעגנזאַץ צו די עלעמענטאַרסטע פאָרזיכ־טיקייט־נאָרמעס האָב איך אַ דערשטוינטער זיך אָנגעכאַפּט אין די קראָטעס, זיך אײַנגעגעסן מיט די אויגן אין דעם מענטשן, וועלכן מען האָט געפירט אין שפּיטאָל און באַוויזן אָן ווערטער זיך „דורכשמועסן" מיט אים, און קעגנזײַטיק זיך פאַרזיכערן, אַז ער איז ער און איך בין איך... דער וועכטער האָט נישט באַמערקט נישט מײַן צי מיט די הענט, אַזוי ווי כ׳וואָלט גע־האַלטן אַ פּאָר לייצעס, און נישט זײַן אַרײַנשטעקן ביידע פינגער אין דער נאָז, ווי אויך אונדזער ביידנס פינטלען מיט די אויגן, אַז „אַזוי איז עס"...

אין איין צײַט זענען מיר ביידע געגאַנגען צום עקזאַמען אין מאָסקווער אוניווערסיטעט. ער איז געקומען פון פּעטראָגראַד, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס דאָקער. דער צונאָמען „באַלעגאָלע", וואָס מיר האָבן אים דעמאָלט געגעבן, איז צו אים צוגעשטאַנען אויף אַ גאַנצן לעבן. דערזען אים אויפן תּפיסה־הויף, — בין איך ממש געפּלעפּט געוואָרן: פון וואַנעט האָט ער זיך דאָ גענומען?! זײַן ענטפער אויף מײַן באַלעגאָלישן צי מיט די הענט האָט קיין ספק נישט איבערגעלאָזט, אַז דאָס איז ער טאַקע. מײַן „דערקענטע־

ניש־סימן" — דאָס אַרײַנשטעקן בײדע פֿינגער אין דער נאָז האָט אויך געשטאַמט פֿון די סטודענטישע יאָרן — אַ געשיכטע וואָס האָט זיך געקאָנט שלעכט ענדיקן פֿאַר מיר.

לכּבֿוד דעם „באַלעגאַלעס" אַ חבֿר, אַ געוועזענעם דרוקער פֿון ווי־לייקער געגנט, שוין האָט ער געהייסן, וועלכער איז געוואָרן אַ מיניסטער אין דער צײַטווײַליקער „ווײַטמיזרחדיקער רעפּובליק", און איז געקומען אין אַ שליחות קיין מאָסקווע, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ היימישע ליאַמע. דער גאַסט האָט געבראַכט מיט זיך כּל־טובֿ — שאַמפּאַניער, קאַוויאַר, וואָס מ'האָט דאָרט פֿאַרכאַפּט בײַ די יאַפּאַנער — אַלץ אַזוינס וואָס כ'האָב צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן פֿאַרזוכט. און נישט סתם פֿאַרזוכט, געטרונקען גאַנצע גלעזער שאַמפּאַניער, וואָס האָט מיר אויסגעזען צו זײַן בעסער, גע־שמאַקער פֿון געוויינלעכן לימאָנאַד... דערבײַ האָט נאָך שוין מיר צוגעגעבן חשק: „טרינק, יינגעלע, טרינק, ס'איז טעם גן־עדן..." ווי אַזוי דאָס איז געשען — האָב איך נישט געדענקט, ווײַזט אויס, ווען כ'בין שוין געווען טויט־שיכּור האָב איך אַרײַנגעשטעקט צוויי פֿינגער אין די נאָזלעכער און נישט געקענט זיי אַרויסשלעפּן... אין אַזאַ צושטאַנד האָט דער „באַלע־גאַלע" מיך געבראַכט אין דער סטודענטן־היים. בײַ דער דעמאָלטיקער פּוריטאַנישקייט האָט זיך עס געקענט ענדיקן מיטן אַרויסוואַרפֿן פֿון אוני־ווערסיטעט. גיי ווייס, אַז מיט יאָרן שפּעטער וועט עס העלפֿן צוויי חבֿרים זיך „אָפּצוגעפֿינען", אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, אין תּפֿיסה.

מיטן אָנקומען פֿון האַרבסט, ווען די קליינע פֿאַרקראַטעוועטע פֿענצ־טערלעך פֿלעגן פֿאַרקלאַפּט ווערן, איז דער קוואַל פֿון פֿרישע אײַנדרוקן כּמעט פֿאַרשטאָפּט געוואָרן. גראָד דעמאָלט איז צו מיר אין קאַמער גע־בראַכט געוואָרן אַ „מיטזיצער", וועלכער האָט אַ נײַעם זין געגעבן מײַנע טעג און נעכט אין שכנות מיט די פֿאַרמישפּטע צום טויט.

אין אַ פֿאַרכמאַרעטן פֿרימאָרגן האָט נישט־געוויינטלעך שטיל זיך געעפֿנט די טיר פֿון מײַן קאַמער און צו מיר איז מיט אַ פֿרײַנדלעכן שמייכל אַרײַנגעקומען אַ יונגער, שטאַלטנער קסיאָנדז. געמיינט האָב איך, אַז דאָ איז געשען אַ טעות — אַנשטאָט צו גיין צו אַ פֿאַרמישפּטן צום טויט, און ווי עס פֿירט זיך, פֿאַרן אויספֿירן דעם אורטייל, אים ברענגען

רעליגיעזע טרייסט, איז ער גאָר אַרײַן אין אַ קאַמער פון אַ ייִדן מיט אַ לפי־ערך קלײנעם אורטייל.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט, ער איז טאַקע געקומען צו מיר. ער האָט געהערט אַז איך, אַ מענטש וואָס איז געווינט צו לייענען, האָט נישט די מעגלעכקייט אַרײַנצוקוקן אין אַ בוך. האָט ער מיר געבראַכט דעם „ספר הספרים״, אַ מיסיאָנערישע אויסגאַבע פון תנך, ווו בײַ דער זײַט פון אָריגינאַל איז פאַראַן אַ פּוילישע איבער־זעצונג. ער האָט מיר אויך געגעבן דעם „נײַעם טעסטאַמענט״ — בלויז אין פּויליש. אין דער ערשטער מינוט בין איך געווען אין פאַרלעגנהייט, אָפילו געטראַכט, אַז הינטער דעם שטעקט אַ פּראָוואָקאַציע, — דיסקרעדיטירן מיך צוליב פאַרבינדונג מיט אַ פאַרשטייער פון קאַטוילישן קלער, וועלכער „אַר־בעט״ זיכער צוזאַמען מיט דער פּאָליטישער פּאָליציי. די מתנה האָב איך דאָך אָנגענומען און שטיל באַדאַנקט. די דאַנקבאַרקייט האָב איך אויך לאַנג אײַנגעהיט.

געלייענט האָב איך נאָך אַנאַנד, עטלעכע מאָל, אָבער אויף אויסנווייניק האָב איך גענומען אײַנחזרן נאָר אייניקע קאַפּיטלעך פון תהילים. דער „מה תשתוחחי נפשי״ (פון די קאַפּיטלעך מ״ב, מ״ג און מ״ד) האָט נישט נאָר אַנטשפּראָכן מײַן דעמאָלטיקער שטימונג, ער האָט מיר אַרויפגעבראַכט אויפן זכרון דאָס פּרעכטיק ליד פון דוד האָפשטיין, פאַר וועלכן די תהילים־שורה האָט געדינט אַלס מאָטאָ:

וואָס בייגסטו זיך מײַן זעל?
וואָס ברומסטו ברוסטיק טיף?
און ס׳ציטערן די ווענט,
די זײַלן פון מײַן זײַן.

ווידער האָב איך מיך געווענדט צו דער תהילים־שורה, וועלכע איך גיב דאָ איבער אין דער יהואש־איבערזעצונג:

„פאַר וואָס מוז איך פינצטער אומגיין
פון וועגן דער דריקונג פון שׂונא"

אַ מידער פון שפּאַנען הין און צוריק איבער דער קאַמער בין איך שטיין געבליבן בײַ די קראַטעס, פאַרקוקט אינעם פאַרכמאַרעטן הימל. דעמאָלט זענען מיר אויפן זכרון געקומען דעם דיכטערס ווערטער, וועלכע האָבן געבראַכט מיט זיך סײַ דערמוטיקונג, סײַ טרייסט:

„נו בייג זשע זיך מײַן זעל,
נו ברום זשע ברוסטיק טיף
און ווער פון אַשן קלאָר,
פון בלוטן ווער שוין ריין,
און ווער פון ציטער מילד,
ווער לויטער שוין פון וויינען
און זאָל צו ליכט דיר זײַן!
דײַן גרויסער בראַך, דײַן ריס!"

. . . .

אין דער טונקעלער תפיסה־קאַמער, אין שכנות מיטן טויט, וועלכער איז געלעגן אויף די שוועלן פון מײַנע מיטזיצערס פון רעכטס און פון לינקס, איז אין יענער שעה לויטערער, ליכטיקער געוואָרן.

14

„רעד צו אונדז וועגן דער רעוואָלוציע"

איך האָב שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז איינשטעלן די גרענעץ צווישן נייטיקער פּאַרזיכטיקייט און איבערגעטריבענער אָפּגעהיטקייט, וואָס גרע־נעצט ציַיטנווייַז מיט פּחדנות, איז זייער אַ קאָמפּליצירטער ענין. נישטאָ קיין צייַט און קיין מעגלעכקייטן, אין אומלעגאַלע באַדינגונגען, אַרייַנצו־קריכן אין יענעמס נשמה.

ווען אַ קורצע צייַט נאָך מייַן אַרויסגיין פון טורמע האָט דער לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל־קאָמיטעט באַשלאָסן מיך צו שיקן אַלס פּאַר־טיי־סעקרעטאַר פון דער באַזונדערס באַדראָטער געגנט, וואָס איז געלעגן האַרט בייַ דער סאָוועטישער גרענעץ, פון באַראַנאָוויטש־סלאָנימער קרייַז, האָב איך צוליב מורא, אַז מען זאָל מיך נישט חושד זייַן אין פּחדנות, גע־שוויגן. אין האַרצן האָב איך אָבער זיך געבונטעוועט. געוווּסט האָב איך, אַז זעלטן ווער עס קומט פון דאָרט צוריק. די פּאָליציייִשע נעץ איז דאָרט אַזאַ געדיכטע, אַז ס'איז אוממעגלעך אַרויסצובאַקומען זיך פון איר. און מיר האָט זיך שטאַרק, שטאַרק נישט געוואָלט צוריקגיין אין תּפיסה. האָב איך שווייַגנדיק אויפגענומען דעם באַשלוס און אַוועק קיין סלאָנים.

מיט אַ צופעליק באַקאַנטן יונגן־מאַן האָבן מיר צוזאַמען גענומען אַ דראָזשקע און געלאָזט זיך פון וואָקזאַל אין שטאָט אַרייַן. לשם קאָנספּיראַ־ציע האָב איך געזאָגט דעם באַלעגאָלע, אַז כ'וויל פאַרפאָרן אין אַן אַכסניה. האָט ער מיך צוגעפירט אין מיטן שטאָט און איך האָב תּיכף גענומען קרייַזן איבער געסלעך, כּדי צו דערגיין צו דער „יאַווקע". אַלץ איז גע־ווען וווּיל און גוט. דער ענטפער פון דער באַלעבאָסטע אויף מייַן פּאַראָל האָט געשטימט. די פאַרבינדלערין איז געקומען צו דער צייַט. מיר רעדן זיך אָפּ וועגן די ערשטע טרעפונגען. זי באַווייַזט נישט אַוועקצוגיין און אין

שטוב קומט אַרײַן... דער באַלעגאַלע, וואָס האָט מיך געפירט פון וואָקזאַל. מיר קוקן אָן איינער דעם אַנדערן, ער פאַרברעכט פלוצלונג די הענט און שרײַט אויס: „אַ בראָך צו מיר, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן!" ווײַזט זיך אַרויס, אַז נישט קיין אַנדערער, נאָר ער טאַקע, דער באַלעגאַלע (כ'האָב זײַן פאַמיליע־נאָמען ביז הײַנט פאַרגעדענקט, שעלובסקי האָט ער געהייסן) איז עס דער אייגנטימער פון דער דאָזיקער שטרענג פאַרקאָנספּירירטער דירה, וואָס איז באַשטימט בלויז פאַר מענטשן, וועלכע קומען פונעם צענ־טראַל־קאָמיטעט. ער האָט דערציילט, אַז גלײַך נאָכן אָפּפירן מיך צו דער אַכסניה איז צו אים צוגעלאָפן דער שעף פון דער סלאָנימער פאָליטישער פאָליציי שוואַרץ און געפאָדערט אָנצוווײַזן אים, וווהין ער האָט אָפּגעפירט איינעם פון די 2 פאַסאַזשירן, מײַנענדיק טאַקע מיך. דעם צווייטן, דעם אָרטיקן, האָט ער געקאַנט. דער באַלעגאַלע האָט אים אָנגעוויזן אויף דער אַכסניה, וועלכע איז תיכף אַרומגערינגלט געוואָרן דורך פאָליציי. מען האָט געגנבֿ רעווידירט אַלע צימערן, אַלעמען פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט און, פאַרשטייט זיך, מיך נישט געפונען.

מיר באַראַטן זיך מיט דער פאַרבינדלערין אויף שנעל, וואָס ווײַטער צו טאָן און עס בלײַבט, אַז איך מוז תיכף זיך אָפּטראָגן מחוץ דער שטאָט. וווהין? דערווײַל זיך פאַרשטעקן ערגעץ אין אַ דאָרף און נאָך דעם וועט מען זען...

געבראַכט האָט מען מיך צו אַ וואַלדוועכטער, אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע, און ער האָט מיר געמאַכט אַ געלעגער אין אַ סטויג היי. ער איז גלײַכצײַטיק געוואָרן מײַן פאַרבינדלער מיט אייניקע סעקרעטאַרן פון די אַרומיקע ראַיאָן־קאָמיטעטן. אַהער פלעגן דערגיין ידיעות וועגן דעם מאַרשרוט פון די פאָליציי־אָפּטיילן, וועלכע האָבן סיסטעמאַטיש, דורך אַ"ג פאַציפיקאַציעס, פאַגראָמירט גאַנצע דערפער.

פון אַ צײַטווײַליקער באַהעלטעניש איז דער פונקט בײַם וואַלדוועכ־טער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מײַן אַרבעטספּלאַץ. ערשט מיט יאָרן שפּע־טער, בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו איבערצײַגן וויפל נוצלעכע, פּראַקטישע ידיעות וועגן אופן פון

לעבן און אויסבאַהאַלטן זיך אין וואַלד, האָב איך באַקומען אין משך פון דער קורצער צײַט פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן אונטערערד.

נאָך אַ באַראַטונג מיט דעם דרײַלינג פון קרײַז־קאָמיטעט האָבן מיר באַשלאָסן רופן אַ דעלעגאַטן־קאָנפערענץ פון אַלע ראַיאָנען. טאָקע אין דעם זעלבן וואַלד. פון שטאַנדפונקט פון אײַנהיטן די וואַלד־פּאָזיציע אַלס זיצ־אָרט פאַר מיר, דעם סעקרעטאַר פונעם קרײַז־קאָמיטעט, איז עס זיכער געווען אַ לײַכטזיניקער באַשלוס. אָבער די פּערספּעקטיוו דורכצופירן גראָד אין דעם דאָזיקן, אַזוי שטאַרק פּאָליציייִש־באַוואַכטן קרײַז אַ ברייטע קאָנ־פערענץ האָט אַזוי געלאָקט, אַז ס׳האָט זיך איבערגעחזרט כמעט די זעלבע מעשׂה ווי מיט דער לאַנד־קאָנפערענץ פון דער ווײַסרוסישער שול־אָרגאַ־ניזאַציע, ווען כ׳האָב זיך געפונען אין בנין פון דער ווײַסרוסישער גימ־נאַזיע.

וואָס שייך קאָנספּיראַציע, האָבן די דאָרפישע טוערס געהאַט זייער אייגענע, פולשטענדיקע סיסטעם. די דעלעגאַטן האָבן געוואַנדערט פון איין פונקט צום צווייטן און מיט אַזעלכע פאַרשיידענע, געדרייטע וועגן, אַז מען האָט געדאַרפט זײַן אַ טאָפּאָגראַף, כּדי זיי צו פאַרגעדענקען. אַלץ איז געווען אַזוי גענוי אויסגערעכנט, אַז צום לעצטן טרעפפונקט, פון וואַ־נען דער וועג האָט דירעקט געפירט אין „מײַן" וואַלד, איז מען דערגאַנגען דעמאָלט, ווען עס איז שוין געווען גוט טונקל. אַרום דעם באַשטימטן אָרט זענען פון פאַרשיידענע זײַטן פונאַנדערגעשטעלט געוואָרן וואַכפּאָסטנס.

די קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן אין פולער טונקלקייט. ס׳איז שווער געווען צו זען די פּנימער פון די דעלעגאַטן. די צענטראַלע פּראָבלעם אויף דער טאָג־אָרדענונג איז געווען, ווי אַזוי צו באַווירקן יענע פּויערים, וועלכע געהערן צו אַנדערע, אָפט פײַנטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלן צוזאַמען מיט אונדז פירן דעם קאַמף קעגן דעם שטײַערן־יאָך, קעגן די פּאַציפיקאַציע־פּאָגראָמען און פאַר אַ שולסיסטעם אין דער מוטערשפּראַך. געדאַרפט האָט זײַן אַ רייד וועגן אַ געמיינזאַמען פראָנט.

שוין אין מיטן רעפערירן האָב איך געפילט, אַז צווישן די דעלעגאַטן קומט עפּעס פאָר. עמעץ פון די זיצנדיקע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. אַ צווייטער האָט גענומען זיך סודען מיט זײַן שכן. אַ הויכער הוסטן האָט

אָנגעזאָגט, אַז דער עולם האָט זיך גענומען דענערווירן. כ׳וועגד זיך צום שטייענדיקן לעבן מיר מיטגליד פונעם קרייַז־קאָמיטעט מיט דער פראַגע, צי איז עפּעס געשען? ער ענטפערט מיר אָבער גאַנץ גלייַכגילטיק: „גאָר־נישט, רעד ווייַטער״. אָבער רעדן ווייַטער האָט מען מיר נישט געלאָזט. עמעצער האָט מיך איבערגעריסן. עס איז געפאַלן די פראַגע: „ווער איז ער, דער רעדנער? פון וואַנעט קומט ער? ווער האָט אים אַהער געשיקט?״ אַ צווייטער איז אים אַרייַנגעפאַלן אין די רייד: „צי זעט איר דען נישט, אַז ער פאַרדרייט אונדז דעם מוח... קיין אַנדערע פרייַנד האָט ער שוין נישט, נאָר די אָקופּאַנטישע משרתים, די כאַדעקעס (קריסטלעכע דעמאָ־קראַטן). אפשר וועט ער שוין באַלד הייסן פאָלגן די פאַשיסטישע סאַנאַ־ציע־לייַט?..״ אַ דריטער האָט אויסגעשריִען, דראָענדיק מיט די הענט: „רעד צו אונדז וועגן דער רעוואָלוציע! ווי ווייַט איז נאָך צו איר?! ווען וועט קומען דער באַפעל זיך נעמען צום געווער. ענטפער!..״

כ׳האָב דערפילט ווי צווישן די דעלעגאַטן און מיר איז אויסגעוואַקסן אַ וואַנט פון אומצוטרוי. זיי הייבן נישט אָן צו פאַרשטיין די נייַע וויכ־טיקסטע סטראַטעגיע, די אויפגאַבן וואָס דרינגען פון איר אַרויס. קיינעם זענען דאָ נישט צום האַרצן די דאָזיקע אויפגאַבן. וואָס טוט מען? די לאַגע ווערט ערנסט. ווי אַזוי געווינט מען זייער צוטרוי?

אַרויסגעהאָלפן האָט מיר דער מיטגליד פון קרייַז־קאָמיטעט, וועלכער איז געשטאַנען לעבן מיר. ער האָט פאַרזיכערט דעם עולם, אַז ער קען מיך גוט שוין לאַנגע יאָרן, אַז צוזאַמען זענען מיר געזעסן אין תּפיסה (דאָס איז געשען ערשט שפּעטער, בעת מייַן צווייטן אַרעסט) און אַז בכלל האָט מען מיך שלעכט פאַרשטאַנען. טאַקע ווייַל כ׳בין דערפאַר, אַז די רעוואָלוציע זאָל וואָס שנעלער קומען, לייג איך פאָר, אַז מען זאָל געווינען די פרייַנדשאַפט פון אַלע אָרנטלעכע אַרבעטסמענטשן, און אָרנטלעכע, כאַטש פאַרבלענדטע, זענען פאַראַן אומעטום. דאַרף מען צו זיי רעדן, און דאָס איז שווערער ווי שרייַען: „זאָל לעבן די רעוואָלוציע!״

איך האָב אין דער וואַלד־פינצטערניש דערזען ווי די געשפּאַנטקייט, וועלכע האָט געדראָט אַרונטערצורייסן די קאָנפערענץ, טרעט אָפּ. מען האָט זיך גענומען צוריק אָוועקזעצן אויפן גראָז, אויף פּניאַקעס און רויִק אויס־

הערן, שוין ביזן סוף, וואָס און ווי אַזוי מען דאַרף טאָן. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, ווי גרויס די געפאַר איז געווען. טייל דעלעגאַטן זענען, נישט געקוקט אויף אַלע וואָרענונגען מצד די אָרטיקע אָנפירנדיקע טוערס, געקומען באַוואָפנטע. דאָס געווער, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז אין עטלעכע יאָר אַרום שטאַרק צו ניץ געקומען. עס האָט געדינט די זעלבע פויערים־קעמפערס בײַם שאָפן אין דער גאַנצער געגנט פּילצאַליקע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן קעגן די היטלעריסטן.

בעתן אָפּגעבן אין וואַרשע דעם באַריכט וועגן צושטאַנד פון דער אַרבעט אינעם באַראַנאָוויטש־סלאָנימער קאַנט, איז מצד איינעם פון די סעקרעטאַריאַט־מיטגלידער געקומען די פראַגע, אין אַ חבריש־וואָרעמען טאָן, ווען וועל איך שוין סוף־כּל־סוף זיך אָפּזאָגן פון דער פּאַרטיזאַנשטשינע. ווען איך זאָל דעמאָלט וויסן, וואָס מיר שטייט פאָר אין עטלעכע יאָר אַרום, וואָלט איך אפשר אין יענעם מאָמענט געענטפערט ברוגזדיק, אַז שיקן מיך, גלײַך נאָכן אַרויסגיין פון תפיסה, אין דער סאַמע געפערלעכסטער געגנט, איז נישט קיין אויסדרוק פון גוטן באַלעבאַטעווען מיט די קאַדערס. איצט האָב איך שוין אַ רעכט געהאַט דאָס צו זאָגן. קיינער האָט מיר נישט געקענט חושד זײַן אין פּחדנות. און קיינער האָט נישט חושד געווען, אַז בעתן טאָן שפּעטער די אַרבעט פון דער צענטראַלער אונטערערדישער פּאַרטיי־רעדאַקציע, האָב איך אָפט געבענקט נאָך מײַן „מעלינע" אינעם סלאָנימער וואַלד. פּאַרטרויט האָב איך זיך בלויז פאַר דעם מיטגליד פון דער צענטראַלער פּאַרטיי־רעדאַקציע, דעם שפּעטער באַוווּסטן ווײַסרוסישן דיכטער וואַלענטין טאַוולאַי, וועלכער האָט אַליין געשטאַמט פון יענע געגנטן. און ער האָט מיר שטאַרק מיטגעפילט און נביאיש פאָרויסגעזאָגט, אַז אַזאַ צײַט קאָן נאָך קומען...

15

ווידער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד

אַ ריי סיגנאַלן האָבן צו וויסן געגעבן דער פּאַרטיי־אָנפֿירונג, אַז די געהיים־פּאָליציי געפֿינט זיך ווידער אויף מײַנע שפּורן. דער באַשלוס איז געפֿאַלן: אָפּפֿירן מיך אין רעזערוו. און דאָס האָט באַטײַט, אַז כ׳וועל אַ היפּשע צײַט זיך דאַרפֿן געפֿינען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. פֿאַר דער צײַט זע־נען דאָרט פֿאָרגעקומען גרינטלעכע ענדערונגען, וועגן וועלכע איך האָב בלויז געלייענט. כּדי אָבער וועגן דעם צו שרײַבן נאָכן צוריקקומען אין פּוילישן אונטערערד — דאַרף מען אַלץ אַליין זען פֿון דער נאָענט, אָנטאַפּן מיט דער האַנט, דערשפּירן עס אויף דער צונג.

נאָכן אָנקומען קיין מינסק, ווען איך האָב עס געזאָגט דעם מיטגליד פֿון פּאָליט־ביוראָ פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּוילן סטעפֿאַן סקולסקי, האָט ער פֿאַרוווּנדערט מיך אָנגעקוקט, פֿרעגנדיק: „נאָך וואָס ביסטו אַהער געקומען, שפּילן די ראָל פֿון אַן אַמעריקאַנער אָבסערוואַטאָר? לייען — וועסטו וויסן”. דער אָנוועזנדיקער בעת דעם דאָזיקן שמועס, דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון צ״ק פֿון ווײַסרוסלאַנד ניקאָלאַי גיקאַלאָ האָט עס נאָך מער „באַקרעפֿטיקט”, זאָגנדיק: „שיין וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען מיר וואָלטן וועגן אַלץ און אַלעמען געדאַרפֿט דירעקט אַליין זיך דערוויסן”...

פֿון דעם דאָזיקן שמועס איז מיר געוואָרן קאָלעמוטנע אויפֿן האַרצן. עס האָט מיר געגעבן דאָס פֿאַרגעפֿיל פֿון אַ נוסח, וואָס איז מיר אין די אַמאָליקע סאָוועטישע יאָרן, פֿאַר מײַן אַרויספֿאָרן קיין פּוילן, געווען אין גאַנצן אומבאַקאַנט. אויף מײַן ביטע אַרויסצופֿאָרן אויף אַ שטיקל צײַט אין אַ קאָלכאָז, איז געקומען דער ענטפֿער: אויף דיר וואַרט דאָ אַ סך אַרבעט.

ווירקלעך. איך האָב געדאַרפֿט גלײַך זיך נעמען צו דער אַרבעט אין דער אויסלענדישער פּאַרטיי־רעדאַקציע, טיילווײַז אויך אין דער פּאַרקאָנ־ספּירירטער הינטער מינסק פּאַרטיישול, ווו עס האָבן זיך געלערנט אַ סך באַקאַנטע אַקטיוויסטן פֿון מערב־ווײַסרוסישע שטעט און דערפֿער. די אַר־בעט האָט מיך פֿולשטענדיק אײַנגעשלונגען. אויך אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז מיר אויסגעקומען צו לעבן אין שטרענגער קאָנספּיראַציע, אויסמײַדן באַקאַנטע. און גראָד האָב איך אין דער שטאָט מינסק, ווו איך האָב דעמאָלט געוווינט, געהאַט זייער אַ סך אַלטע חברים.

ברעכנדיק (ווידער אַ מאָל) די כּללים פֿון קאָנספּיראַציע, האָב איך זיך אָפּט געטראָפֿן מיט יאַשע בראָנשטיינען, וועלכער איז צו יענער צײַט שוין געווען פּראָפֿעסאָר אין מינסקער אוניווערסיטעט און איינער פֿון די אָנגע־זעענסטע ליטעראַטור־פֿאַרשערס און קריטיקערס אין ווײַסרוסלאַנד. פֿון אים טאַקע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז קיין מינסק איז געקומען יוסף אָפּאַטאָשו. ריזיקירנדיק גאָר שטאַרק (ווײַל די אונטערערדישע טוערס זענען צוליב „זיכערקייט" ספּעציעל געהיט געוואָרן...) בין איך אַוועק אין שרײַבער־פֿאַראיין אויף סאָוועטסקע־גאַס.

דער אײַנדרוק פֿון יענעם אָוונט איז אויף לאַנג פֿאַרבליבן אין זכּרון. אייניקע באַקאַנטע שרײַבערס זענען זיכער געווען, אַז איך קום... פֿון מאָסקווע. אַזוי האָט אויך אין אָנהייב געמיינט איזי כאַריק. מיר האָבן זיך נאָך געקענט פֿון די ערשטע סטודענטן־יאָרן, ווען כ׳פֿלעג קומען צו אים, אין דער מאָסקווער צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק. אַזוי האָבן אויך גע־מיינט די דיכטערס און שרײַבערס זעליג אַקסעלראָד און עליע קאַהאַן, משהקע טייף און הענעך שווידיק, וועלכע האָבן מיך געדענקט פֿון די צײַטן, ווען כ׳האָב רעדאַגירט די „יונגע גוואַרדיע" און מיטגעאַרבעט מיטן „יונגוואַלד". כ׳האָב געמוזט צוטראַכטן אַ תּירוץ, אַז כ׳געפֿין זיך... אויף „אַלגעמיינער" אַרבעט („אַבטשי ראַבאָטניק" — אָך און ווי איז צו מיר). האָבן זיי עס מיט באַדויערן גענומען צו קענטעניש און באַלד אין אַלץ פֿאַרגעסן, ווײַל ס׳איז אָנגעקומען דער חשובֿער גאַסט — יוסף אָפּאַטאָשו. באַגלייט האָט אים משה קולבאַק, און וועגן אָפּאַטאָשוס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור האָט גערעדט יאַשע בראָנשטיין. אין גרויס שפּאַנונג

האָט מען אויסגעהערט די פריינדלעכע רייד פונעם גאַסט. גערעדט האָט ער וועגן ליטעראַטור־טראַדיציע, און געגרייכט האָט ער ווייט און מיט גרויס ערודיציע אין די ערשטע אָנהייבן פונעם ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן. דערביי האָט ער עפּעס וואָס אָפּגעפרעגט פון יאַשע בראָנשטיינס „אַריינ־פיר". געטאָן האָט ער עס אָבער אַזוי דיסקרעט, מיט אַזוי פיל טאַקט, אַז קיינער האָט אין דעם נישט געזען קיין סימן פון מענטאָרישקייט, פון אַראָפּ־קוקן צו דעם ניוואָ פונעם עולם. אָפּאַטאָשו האָט זיך געפילט היימיש אין דער סביבה פון דעם גרויסן קאָלעקטיוו מינסקער ייִדישע שרייבערס. ער האָט גוט געקענט דעם ליטעראַרישן פאַרמעגן פון אַ סך און האָט אָפּגע־שאַצט זייער אייגנאַרט.

די דעמאָלטיקע באַגעגעניש מיט איזי כאַריקן איז מיר שפּעטער שטאַרק צו ניץ געקומען. איין מאָל, בעתן פירן מיין סעמינאַר אין דער פּאַרטיישול האָט מיך סטעפאַן סקולסקי געמאָלדן, אַז מען רופט מיך אַרויס קיין מאָסקווע צום פאָרשטייער פון דער פּוילישער פּאַרטיי אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל בראָנקאָווסקי. אויף מיין פראַגע, צי ער אָריענטירט זיך נישט אַ מאָל וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, חושד זייענדיק, אַז כ׳דאַרף שוין צוריק זיך אומקערן קיין פּוילן, האָט סטעפאַן מיר געגעבן אַן אויסמיידנ־דיקן ענטפער: „דו ווילסט נאָך אַלץ אָנטאַפּן די סאָוועטישעווירקלעכקייט מיט די אייגענע פינגער?" כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין אַרויסרוף קיין מאָסקווע האָט אַ שייכות מיט מיין פאַרלאַנג „עפּעס וואָס" צו זען מיט די אייגענע אויגן.

דער דאָזיקער פאַרלאַנג האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט, ווען כ׳האָב באַמערקט די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער האַלטונג פון מיינע נאָענטסטע סאָוועטישע חברים. זייער משונהדיקע אָפּגעהיטקייט נישט צו זאָגן, חלילה, אַן אייגענע מיינונג. דער כמעט רעליגיעזער ריטואַל: אויפשטיין און זעצן זיך אַלע צוזאַמען, ווי איין מענטש, בעתן דערמאָנען בלויז דעם נאָמען פונעם פירער, בעתן ציטירן זיינעם אַ זאַץ. דאָס זענען געווען פאַר מיר — איך האָב פאַרלאָזט דעם ראַטן־פאַרבאַנד אַקוראַט נאָך דעם, ווי אין דער „פּראַוודאַ" האָבן זיך באַוויזן נ. בוכאַרינס דרייסטע „נאָ־טיצן פון אַן עקאָנאָמיסט", אַ וואָרענונג קעגן דער סטאַלינישער פּאָליטיק

צו פאַרקירצן די יאָרן פון „נעפּ״ (נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק) — פול־שטענדיק נײַע, גאַנץ פריקרע דערשײַנונגען. גאָר באַזונדערס, ווען אין אַ ענגער סביבה פון אומלעגאַלע טוערס, נאָך אַן איבעריק גלעזל משקה, האָב איך זיך צערעדט וועגן דעם גײַסט פון די צוואַנציקער יאָרן, וועלכן איך האָב אײַנגעהיט, אילוסטרירנדיק עס מיט אַ ריי בײַשפּילן — איז אַוועק אַ מסירה, אַז פון מיר הערט זיך מיט אָפּאָזיציע... נישט וויניק אומאַנגענעמלעכקייטן האָב איך דערפון געהאַט. מען האָט מיך אַפילו גע־דראָט מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָנסעקווענצן. און וואָס דאָס באַטײַט — האָב איך שוין דאַן געוווּסט. שוין דעמאָלט זענען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן די ווײַסרוסישע דעפּוטאַטן פון פּוילישן סיים און צוזאַמען מיט זיי — דער מיטגליד פון ביוראָ פון צ״ק און אָנפירער פון דער אויסלענ־דישער פאַרטיי־רעדאַקציע „אַנטאַש״ (סטאַליעוויטש). עס האָט זיך ממש נישט געוואָלט גלייבן, אַז פאַר די זעקס יאָר, זינט איך בין אַוועק פון ראַטן־פאַרבאַנד און קוים 10 יאָר נאָך לעניִנס טויט, — איז פאַרגעקומען אַזאַ גרינטלעכע ענדערונג אין אינערלעכן לעבן פון דער פאַרטיי און אין ראַטן־פאַרבאַנד בכלל. כּדי גענויער צו דערגיין, ווי עס זעט אויס די אַל־געמיינעווירקלעכקייט, איז מיר שטאַרק נייטיק געווען זיך אַרויסצורײַסן, כאָטש אויף אַ קורצער צײַט, פון דער סביבה פון אומלעגאַלע טוערס, כּדי זיך טרעפן מיט אַלטע סאָוועטישע באַקאַנטע און בכלל מיט מענטשן פון דער גאַס.

בראָנקאָווסקי האָט מיר איבערגעגעבן דעם סאַמע אומגעריכטן באַ־שלוס: עס שטייט מיר פאַר די לענגסטע אין שטח און צײַט רײַזע — אויפן ווײַטן מיזרח, קיין... ביראָבידזשאַן.

דערזעענדיק אַז זײַנע ווערטער האָבן געמאַכט אויף מיר ממש אַן אויפטרייסלענדיקן אײַנדרוק (צי איז עס אַ מאָל נישט אַ באַנײַונג פון דעם אַלטן באַשלוס צו שיקן מיך אַהין אַרבעטן — האָב איך געטראַכט) — האָט בראָנקאָווסקי מיר גענוי דערקלערט אין וואָס עס גייט דאָ. צו דעם פאַר־שטייענדיקן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן אין דער נאָר וואָס פּראָקלאַ־מירטער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט געזאָלט קומען פון פּוילן אַן

אָפיציעלע דעלעגאַציע פון דער לעגאַל עקסיסטירנדיקער געזעלשאַפט „אַגראָיִד". בראש פון דער דעלעגאַציע האָט געזאָלט שטיין דער פּאַרוואַל־טונגס־מיטגליד פון דער ייִדישער טאָגצײַטונג „מאָמענט" פּערלמאַן. אין דער לעצטער מינוט איז דער דעמאָלטיקער פּוילישער אויסערן־מיניסטער פּאָלקאָווניק בעק, וועלכער איז בשעתו געווען פאַר לעגאַליזירן די געזעל־שאַפט „אַגראָיִד", האָפנדיק אַז אַזוי אַרום וועט זיך אָנהייבן אַ מאַסן־עמי־גראַציע פון פּוילישע ייִדן קיין בירָאָבידזשאַן (נישט אָפזאָגנדיק זיך גלײַכ־צײַטיק פונעם פּלאַן צו קערעווען די ייִדישע עמיגראַציע פון פּוילן קיין... מאַדאַגאַסקאַר, וווהין עס איז געשיקט געוואָרן פּילסודסקיס אַדיוטאַנט מאַיאָר לעפּעצקי), האָט זיך ענדגילטיק איבערצײַגט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. די ווירקלעכע צילן פון „אַגראָיִד" זענען גאָר געווען צו פירן פּראָפּאַגאַנדע לטובת דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד לגבי די ייִדן און צו פּאָפּולאַריזירן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט — אַלס הויכפּונקט פון דער דאָזיקער פּאָליטיק. די געזעלשאַפט איז דעריבער דעלעגאַליזירט געוואָרן. קיין לעגאַלער אַרויספאָר פון דער באַשטימטער דעלעגאַציע האָט שוין אַזוי אַרום נישט געקענט צו שטאַנד קומען.

דער באַשלוס איז דעריבער געווען, אַז איך זאָל רעפּרעזענטירן די צענטראַל־קאָמיטעטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן, פון מערב־אוקראַיִנע און מערב־ווײַסרוסלאַנד אויף דעם ערשטן בירָאָבידזשאַנער ראַטן־צוזאַמענפאָר, צו וועלכן עס קומען אויך דעלעגאַטן פון פראַנקרײַך און פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער אָנזאָג איז געווען, אַז כ׳זאָל זיך נישט דעקאָנספּירירן, ווײַל אויפן ווײַטן מיזרח שווּיבלט און גריבלט מיט יאַפּאַ־נישע אַגענטן און דער יאַפּאַנישער אויסשפּיר אַרבעט אין ענגער פאַר־בינדונג מיטן 2טן אָפּטייל פון פּוילישן גענעראַל־שטאַב. אָפיציעל וועל איך קיין בירָאָבידזשאַן פאָרן אַלס מיטגליד פון דער ווײַסרוסישער רעגי־רונגס־דעלעגאַציע, בראש פון וועלכער עס שטייט דער מיטגליד פון צענ־טראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון דער ווײַסרוסישער סאָוועטן־רעפּובליק... איזי כאַריק. בעתן דערמאָנען דעם דאָזיקן נאָמען האָט בראָנקאָווסקי, ווײַזט אויס, באַמערקט דעם רושם, וואָס דאָס האָט אויף מיר געמאַכט און האָט דעריבער גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם, ווי אַזוי מיט אים זיך צו פאַר־

בינדן. ער האָט בלויז איבערגעגעבן, אַז אַלע נייטיקע „פּאַפּירן" וועל איך פאַרן אָפּפאָרן באַקומען אין צ"ק פון דער פּאַרטיי אין מאָסקווע.

אין צווישנצײַט איז דאָס גאַנצע לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד אויפגע־טרייסלט געוואָרן אַזוי ווי פון אַן ערד־ציטערניש. קיראָוו איז דערמאָרדעט געוואָרן. גראַד דעמאָלט, ווען זײַן פּאָפּולערקייט איז גוואַלדיק געוואַקסן און אין די פּאַרטייקרײַזן האָט מען אין אים געזען דעם מענטשן, וועלכער זאָגט פאָר אַ בעסער לעבן פאַרן פאָלק, נאָך די שרעקלעך שווערע יאָרן פון דעם דערשטיקטן „נעפּ", פון דער קאָלעקטיוויזאַציע. דעמאָלט איז נישט געווען קיין צווייפל אין דער ריכטיקייט פון דער אָפיציעלער ווערסיע, ווער עס זענען די מערדערס און זייערע אינספּיראַטאָרן.

אין יענעם טאָג, ערב מײַן אָפּפאָר קיין ביראָבידזשאַן, בין איך געווען בײַ מײַנעם אַ יוגנט־חבר אין דער רעדאַקציע „פּראַוודאַ", ווו ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענע רעדאַקטאָרן־פּאָזיציע. דאָרט זענען מיר ביידע עדות געווען, ווי באַליידיקנדיק מען האָט געענטפערט דעם געקומענעם אַהין געוועזענעם פאָרזיצער פון קאָמאינטערן גריגאָרי זינאָוויעוו, וועלכער האָט געבעטן אָפּדרוקן אַ מיטגעפיל־אויסדרוק אין דער צײַטונג, אין זײַן און לעוו קאַמעניעווס נאָמען, אין צוזאַמענהאַנג מיטן קיראָוו־מאָרד. די זידלווערטער קעגן זינאָוויעוון האָבן אונדז אין יענעם מאָמענט לחלוטין נישט שאָקירט.

ווען איך בין אָבער אויף צו מאָרגנס אַוועק אין צ"ק אָפּנעמען די „פּאַפּירן" אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רײַזע קיין ביראָבידזשאַן, האָט מען אין דער געבײַדע, ווו מיט יאָרן צוריק האָב איך זיך געפילט שטאַרק היימיש, דורכגעפירט בײַ מיר אַ גרינטלעכע פערזענלעכע רעוויזיע. אויף מײַן פאַרוווּנדערונג און פראַגע: וואָס איז געשען? וואָס אַזוינס זוכט מען בײַ מיר? איז געקומען דער גרינגשעצנדיקער ענטפער, אַז כ'לעב מסתמא אויף דער לבנה און ווייס נישט וואָס אויף דער ערד קומט פאָר...

ווירקלעך האָב איך נישט אַלץ געוווּסט און אַוודאי נישט אַלץ געזען, וואָס עס איז אין יענע טעג פאָרגעקומען אין דעם גרויסן און ברייטן ראַטן־פאַרבאַנד. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז דער קיראָוו־מאָרד איז געווען דער סיגנאַל צו עפענען טיר־און־טויער פאַר דער כוואַליע פון

מאַסן־טעראָר, וואָס האָט זײַן הויכפּונקט דערגרייכט ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. געמיינט האָב איך, אַז אין צוג, אויפן וועג קיין ביראָבידזשאַן, צווישן אייגענע, נאָענטע מענטשן, וועט זיך אײַנגעבן צו באַפרײַען פון דער דערדריקנדיקער אַטמאָספער. האָט אונדז אָבער איזי כאַריק מכבד געווען מיט זײַנס אַ ליד אויף קיראָווס טויט, וואָס האָט זיך שווער געלייגט אויף אונדזער אַלעמענס געמיט. אין מיטן דער סיבירער טײַגע איז אונדזער צוג שטיין געבליבן. אין יענעם מאָמענט האָבן אַלע צוגן און אַרבעטס־אונ־טערנעמונגען פון ראַטן־פאַרבאַנד זיך אָפּגעשטעלט. מענטשן אויף די גאַסן פון אַלע סאָוועטישע שטעט זענען געבליבן שטיין און דער יאָמער פון אַלע פאַבריק־סירענעס האָט באַגלייט קיראָווס לוויה.

אין דעם זעלבן צוג האָבן אַחוץ דער ווײַסרוסישער דעלעגאַציע (איזי כאַריק האָט מיך פאָרגעשטעלט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכן רעגירונגס־טוער און דערבײַ אָנגעגעבן מײַן פאַלשן נאָמען און פאַמיליע: „יוסף ברין") זיך אויך געפונען אַ ריי אַנדערע רעפּובליקאַנישע דעלעגאַציעס, וועלכע זענען געפאָרן באַגריסן די ייִנגסטע סאָוועטישע אויטאָנאָמע געגנט. די מערסטע צײַט פון טאָג פלעגן מיר — איזי כאַריק און איך — פאַרברענגען אין דעם וואַגאָן־אָפּטייל, אין וועלכן עס זענען געפאָרן פּרץ מאַרקיש און שמואל גאָדינער. אַהין פלעגט אויך אַרײַנקומען און אָפּזיצן גאַנצע טעג שמעון דימאַנשטיין, ער האָט געוווסט וועגן מײַן „מיסיע" און איך האָב אים „אָפּגע־דאַנקט" מיט דער ידיעה, אַז איך ווייס וועגן זײַן אָנטייל אין דער דאַנציגער באַראַטונג פון די ייִדישע קאָמוניסטישע טוערס אין פּוילן.

גאָר היימיש זענען מיר געוואָרן, ווען כ'האָב דימאַנשטיינען דערציילט, אַז איך האָב זיך באַטייליקט אין דער אַלפאַרבאַנדישער ייִדישער פּאַרטיי־באַראַטונג אין 1926סטן יאָר, בעת ער איז אַזוי קאַטעגאָריש אַרויסגעטראָטן קעגן נעגירן די עקסיסטענץ פון אַ ייִדישער נאַציע. דימאַנשטיין האָט מיך אָנגעקוקט מיט זײַנע גוטע, וואַרעמע אויגן, אין וועלכע עס איז געווען, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אַ שפּאָר ביסל ייִדישער אומעט. איך האָב אין דעם געוואָלט זען דעם טרויער אין צוזאַמענהאַנג מיטן לענינגראַדער מאָרד און דעם שווידער, וואָס האָט דעמאָלט אַלעמען אַדורכגענומען. ער האָט אויף דער דאָזיקער דערמאָנונג בלויז אַן אומדירעקטן ענטפער געגעבן: „די

פאַרשטייענדיקע דערפֿענונג פֿונעם ראַטן־צוזאַמענפֿאַר אין ביראָבידזשאַן איז דאָך אונדז נישט פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן". ווען כ'בין אָבער צו אים צוגעשטאַנען מיט פֿראַגעס, וואָס האָבן אָנגעבונדן צו זײַן דעמאָלטיקער שטעלונג, האָט ער, ווי וועלנדיק זיי אַלע פֿאַרענטפֿערן מיט איין מאָל, דער־ציילט דאָס פֿאָלגנדיקע:

נאָך דעם ווי די ראַטן־רעגירונג איז אין 1918 אַריבערגעפֿאָרן פֿון פּעטראָגראַד קיין מאָסקווע, איז ער, דער פֿאָלקס־קאָמיסאַר פֿאַר ייִדישע ענינים, שמעון דימאַנשטיין, געווען בײַ לענינען, אין קרעמל. דער פֿירער פֿון דער רעוואָלוציע האָט זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט דער לאַגע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דעם געדאַנק, ווי שטאַרק נייטיק עס איז צו געבן די ייִדן פֿון די אוקראַי־נישע און ווײַסרוסישע שטעטלעך די מעגלעכקייט זיך אײַנצואָרדענען אין דער לאַנדווירטשאַפֿט. און ווי דער שטייגער לענינס איז געווען — אויס־הערן יענעמס מיינונג — האָט ער אין אַ געוויסן מאָמענט זיך געווענדט צו דימאַנשטיינען מיט דער פֿראַגע, וואָס ער טראַכט וועגן דער ייִדן־פּראָבלעם בײַ דער סאָוועטן־מאַכט. ווען שמעון דימאַנשטיין האָט גענומען אים ענטפֿערן, איז אין לענינס קאַבינעט אַרײַנגעקומען סווערדלאָוו. לענין האָט אים געבעטן זיך זעצן: „זייער גוט, יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש, וואָס איר זענט דאָ. כ'וויל טאַקע איר זאָלט אויסהערן וואָס דער חבר דימאַנשטיין האָט אונדז צו זאָגן".

דימאַנשטיין האָט אויסגעדריקט זײַן אײַנשטימיקייט מיט לענינען וואָס שייך דער ערד־אײַנאָרדענונג פֿון ייִדן. ער האָלט אָבער, אַז עס שטייט פֿאַר אונדז די אויפֿגאַבע צו ענדערן די גאַנצע פֿאַרקריפּלטע דורכן צאַ־ריזם עקאָנאָמישע סטרוקטור פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. ער האָט אַרויסגערוקט דעם געדאַנק וועגן שאַפֿן האַנטווערקער־אַרטעלן פֿאַר דער־וואַקסענע ייִדן און פֿאַכשולן פֿאַר דער יוגנט, געבן זיי די פּערספּעקטיוו פֿון אַרבעט אויך אין דער שווער־אינדוסטריע. דעם טראָפּ האָט אָבער דימאַנשטיין געלייגט אין יענעם שמועס אויף די פּאָליטישע פּראָבלעמען בײַ די ייִדישע מאַסן. נאָך דער צאַרישער דיסקרימינאַציע, נאָכן פֿאַר־שפּאַרט זײַן אין תחום־המושב, איז פֿאַרבליבן בײַ ייִדן אַ שטאַרק אײַנגע־

וואָרצלטע רעזערוו־באַציִונג לגבי אַלע מלוכה־אָרגאַנען. אין דער דורות־דיקער געשיכטע פון ייִדישער רעכטלאָזיקייט זענען מלוכה־אָרגאַנען אַלע מאָל געווען איַינגעשטעלט אויף אונטערדריקן ייִדן, באַרויבן זיי פון די עלעמענטאַרסטע נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע רעכט, אין אַרויספּרעסן פון זיי דאָס גאַנצע פאַרמעגן. נישט זעלטן זענען רעגירונגען געווען די דירעקטע אָדער אומדירעקטע אָרגאַניזאַטאָרן פון פּאָגראָמען. אַוודאי האָבן ייִדן אַן אַנדער באַציִונג צו דער ראַטנמאַכט, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט דאָס אָפּשאַפן פון אַלע אַנטי־ייִדישע געזעצן, באַקעמפט די פּאָגראָם־באַנדעס און די וויַיסע גוואַרדיע, ראַטעוועט די ייִדן פון אומקום. אָבער פון דער דאָזיקער צוטרוי־באַציִונג ביז אַקטיוון איַינשליסן זיך אין דער מלוכה־סיסטעם אַלס אייגענע, אַלס דירעקט באַטייליקטע, איז גאָר אַ וויַיטער מהלך. דערצו דאַרף מען צוגעוווינען בהדרגהדיק די ייִדישע מאַסן. ווי אַזוי? דורך שאַפן פּילצאָליקע, ספּעציעל ייִדישע פאַרטיייִשע, מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אין וועלכע די ייִדישע אַרבעטנדיקע זאָלן זען זייער אייגנס. עס וויַיזט זיך אַרויס, אַז דאָס לעבן גופא רוקט אַרויס די דאָזיקע נויטווענדיקייט. אַזוי, למשל, זענען באַקאַנט פאַלן, ווען עס ווערן אין אַ ריי שטעט געשאַפן אַפילו ספּעציעל ייִדישע מיליטערישע אָמטן, וועלכע נעמען אויף פריַיוויליקע צום קאַמף קעגן די באַנדעס. דימאַנשטיין האָט באַקומען אייניקע אויפרופן פון מיליטערישע אָמטן אין דער ייִדישער שפּראַך, וואָס זענען דערשינען אין וויַיסרוסלאַנד און אוקראַיִנע. זייער ברייט האָט ער פאַרגעשטעלט לענינען די ייִדישע קולטור־פּראָבלעם. ער האָט דערציילט וועגן די דערגרייכונגען פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועגן די ייִדישע שריַיבערס, וועגן דער קיִעווער „קולטור־ליגע” און איר פאַרצווייַגטער אַרבעט, וועגן ייִדישע שולן און וועגן דער נייטיקייט צו באַשיצן ייִדישע קינדער, וועלכע זענען געבליבן יתומים נאָך די פּאָגראָמען.

לענין האָט זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט און צייַטנווייַז פאַרצייכנט עפּעס אין זיַין נאָטיצביכל. ווען דימאַנשטיין האָט זיך באַקלאָגט אויף דעם מאַנגל אין ייִדישער אינטעליגענץ, האָט לענין זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער שטעלונג פון די ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, קודם־כּל פון „בונד”, צו די אַלע באַרירטע, ספּעציעל־ייִדישע פראַגעס.

דימאַנשטיין האָט געהאַלטן, אַז דאָס שאַפן אַ ברייטע מלוכהשע ראַם פאַר טעטיקייט פון און צווישן די ייִדישע מאַסן, וועט צואײַלן דעם איבערגאַנג פון גרויסע טיילן פון „בונד", פון די „פועלי־ציון" און „פאַראייניקטע" אויף דער זײַט פון די באָלשעוויקעס.

לענין האָט זיך פאַרטראַכט אַ רגע און זיך געווענדט צו סווערדלאָוון: „וואָס טראַכט איר, יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש, וועגן דעם אַלעמען, וואָס אונדז האָט דאָ פאָרגעלייגט דער חבר דימאַנשטיין?" דערויף האָט סווערדלאָוו כמעט מיט רוגזה אין טאָן געענטפערט: „נישט צוליב דעם באַקעמפן מיר אַלע יאָרן דעם „בונד", כדי דעם בונדיזם אַרײַנצופירן אין אונדזערע רייען. דימאַנשטיינס פאָרשלאָגן זענען נישט אָנצונעמען. פאַראַן אַ ייִדישע טאָג־צײַטונג, פאַראַן אַ טריבונע אויפצוקלערן אונדזער אמת. און דאָס איז גענוג".

אין לענינס קאַבינעט האָט אַ רגע געהערשט אַ שווער־לאַסטנדיקע שטילקייט. איבערגעריסן האָט זי, מיט גאָר שטילע, אָבער ווי געוויינטלעך אָנטשלאָסענע רייד, לענין גופא. געזאָגט האָט ער: „און איך מיין, אַז דער חבר דימאַנשטיין איז פולשטענדיק גערעכט".

איך האָב גוט פאַרגעדענקט דעם אויספיר, וואָס דימאַנשטיין האָט געמאַכט נאָכן איבערדערציילן דעם דאָזיקן שמועס זײַנעם מיט לענינען. „איר פאַרשטייט זיכער דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער דאָזיקער שטעלונג לענינס מיט מײַן אַרויסטרעטונג אויף יענער ייִדישער פּאַרטיי־באַראַטונג און מיט דעם טאָג, וועלכן מיר וועלן צוזאַמען באַגעגענען — דעם טאָג פון דער פּראָקלאַמירטער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אַלס אָנזאָג אויף עפּעס מער..."

שוין בײַם שטעלן די ערשטע טריט אויף דער ביראָבידזשאַנער ערד איז פאַר מיר אויפגעקומען די האַרבע פראַגע: ווי אַזוי בלײַבט מען דאָ אינקאָגניטאָ, ווי באַלד פאַרזיצער פון געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט איז מײַן לערער פון קיִעווער ייִדישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, פּראָפ' ליבער־בערג, און הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער היגער צײַטונג איז מײַן שעף פון דער קיִעווער רעדאַקציע הענעך קאַזאַקעוויטש, און אָנפירער פונעם ייִדישן פאַרלאַג איז מײַן אַלטער חבר פון דעם צענטראַלן ייִדישן יוגנט־ביוראָ

פון קאַמסאָמאָל הערשל בריל... און אַזוי אומעטום, ווו מען גיט זיך אַ קער און אַ ווענד — אַלץ אייגענע פּנימער. די ייִדישלעכע היימישקייט, וואָס מיר האָבן דערפילט דאָ אויף שריט און טריט האָט אָנגעהויבן וועקן ביַי מיר ספקות, צי האָב איך דעמאָלט, מיט יאָרן צוריק, בעתן באַהאַנדלען דעם ביראָבידזשאַן־ענין, נישט צו שנעל אָפּגעפּסקנט, אַז עס וועט דאָ נישט קאָנען אויפקומען קיין פולבלוטיק ייִדיש־מלוכהש, ייִדיש־פאָלקסטימלעך לעבן, לויט דער שטרעבונג פון יענע אַלע, וועלכע האָבן אין דער אַזוי גע־רופענער „ייִדישער אַרבעט" נישט געזען קיין ציַיטוויַיליקע סטאַנציע אויפן וועג צו פולער אַסימילאַציע. זיך איך אַזוי אין קאַבינעט ביַי דעם שטענ־דיק האַרציקן הענעך קאַזאַקעוויטש און ער, אַ באַגיַיסטערטער — נישט אַזוי פונעם דערגרייכטן, ווי פון די פּערספּעקטיוון, וואָס עפענען זיך מיטן פּראָקלאַמירן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט, — טענהט אַריַין אין מיר, אַז „געזיגט האָבן מיר!" מיין איך דאָך, אַז דער „מיר" האָט אַ שייכות צו די אַקטיווע קעגנערס פון דער אַסימילאַטאָרישער ראַפּעס־אַלטשולער־ריכטונג צווישן די ייִדישע טוערס. פאַרטיַיטשט מיר אָבער באַלד הענעך, זיך אָנבייגנדיק איבער מיַין אויער: „כ'מיין, מיר, די טעריטאָריאַליסטן... די ס.ס., די „פאַראייניקטע" (צו וועלכע הענעך קאַזאַקעוויטש האָט גע־הערט ביזן יאָר 1919). כ'בליַיב, וואָס אַן אמת, זיצן אַ געפּלעפּטער. אויפן זינען קומט מיר בעת־מעשׂה אסתּרס פאָרוואורף וועגן אָפּשלוקעכצן...

אין קאַבינעט קומט אַריַין די סעקרעטאַרין און זאָגט עפּעס אין דער שטיל צו קאַזאַקעוויטשן, וועלכער קוקט מיך אָן מיט גרויס פאַרלעגנהייט. ער פרעגט אַן עצה: „וואָס טוט מען? אַהער גייט ראַמדאַש. ער וועט דיך זיכער דערקענען?" איך קען בשום־אופן זיך נישט דערמאָנען אַזאַ נאָמען, ווי ראַמדאַש. הענעך צעלאַכט זיך, דאָס זענען די ראשי תּיבות פון: „רב משה דובר שקרים" — רמד"ש — אַזוי רופן מיר מיכאל לעוויטאַנס ברו־דער משהן, וועלכער איז דאָ דער דירעקטאָר פון טעכניקום פאַר לאַנדווירט־שאַפט־מאַשינען.

יאָ, איך געדענק אים גוט, נאָך פון די כאַרקאָווער ציַיטן. ער איז דאַן אויך געווען אַ דירעקטאָר פון אַ ייִדישן אינדוסטריעלן טעכניקום און גע־ווּסט האָט מען, אַז אַ העלפט פון דעם, וואָס ער פלעגט דערציילן, האָט

מען אַלע מאָל געדאַרפט אַרײַנוואַרפן אין ים אַרײַן. דעם נאָמען רמד״ש האָט ער באַקומען שוין נישט פאַר מײַנע צײַטן. כ׳זאָג הענעכן, אַז אים איז דאָך אַ מיצווה אָפּצונאַרן...

קאַזאַקעוויטש שטעלט מיך פאָר אַלס „גאַסט פון ווײַסרוסלאַנד — חבר יוסף ברין״. איך קוק אים אָן אַזוי, ווי כ׳וואָלט אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט. ווייניק האָט זיך פאַרענדערט אָט דער מגושמדיקער, ברייט־פּלייציקער ייִד, אויף וועלכן עס איז אַזוי קענטיק געווען זײַן דאָרפישער אָפּשטאַם, אין אונטערשייד צו זײַן עלטערן ברודער, דעם אויסגעאיידלטן, פאַרחלומטן און שטילן מיכאל לעוויטאַן, דעם אַקטיוון קעמפער קעגן דער אַסימילאַטאָרישער און נייטראַליסטישער ריכטונג. די משפחה לעוויטאַן (כ׳האָב אויך געקענט זייער שוועסטער, די סטודענטין פון קאַרקאָווער ייִדישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום) האָט זיך פון דור־דורות פאַרנומען מיט לאַנדווירט־שאַפט אין די ייִדישע קאָלאָניעס פון אוקראַיִנע.

משה לעוויטאַן האָט אָנגעפילט מיט זיך דעם גאַנצן צימער. ער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו דערציילן הענעכן און אין מיטן איבערגעריסן. ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט זײַנע צונויפגעזשמורעטע, שמאָלע אויגן און באַלד זיי אָפּגעווענדט אין דער זײַט פון הענעכן, ווי ער וואָלט אים געוואָלט עפּעס נייטיקס פרעגן. און טאַקע אַזוי, ער פרעגט אים באַלד, כאַפּנדיק אַלע ווײַלע אַ קוק אין מײַן זײַט, ווי קאָנפראָנטירנדיק זײַנע רייד מיט דערווירקלעכקייט, וועלכע איך פאַרקערפּער דאָ.

„געדענקסט, הענעך, הערשלען פון דער „יונגער גוואַרדיע״? מען זאָגט, אַז ער יושבט אין וואַרשע... יש אומרים, אַז ער איז גאָר מיאוס אַרײַנגע־פאַלן... עס דראָט אים טויטשטראָף״.

„יאָ — ענטפערט אים הענעך — כ׳האָב אויך עפּעס געהערט״... און פאַרקערעוועט דעם שמועס אויף אַנדערע טעמעס.

אַזעלכע קאָליזיעס צווישן זכרון פון נאָענטע מענטשן און דער נויט־ווענדיקייט צו האַלטן קאָנספּיראַטיוון פּאַסאַן זענען געווען עטלעכע. די פײַנלעכסטע איז געווען אין זאַל פון ביראָבידזשאַנער טעאַטער (דעמאָלט — אַ הילצערנע געבײַדע).

בעת דער פֿײַערלעכער סעסיע פֿונעם ערשטן ראַטן־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט אַרום מיר זיך גענומען דרייען אַ געוועזענער קורסאַנט פֿון דער ווילנער פּאַכשול „הילף דורך אַרבעט", מיט וועלכן כ׳בין עטלעכע חדשים געזעסן אויף איין עטאַזש אין דער לוקישקער תּפֿיסה. יענער האָט, דערזעענדיק מיך, גענומען לויפֿן אַ צעשמייכלטער, מיט אַן אויסגעשטרעקטן ברייטן שלום־עליכם. און איך האָב אײַז־קאַלט געדאַרפֿט אים ענטפֿערן, אַז... „איך געדענק נישט, אַז מיר זאָלן זיך האָבן ערגעץ ווו באַגעגנט. מײַן נאָמען איז..."

כ׳בין איבערצײַגט געווען, אַז מײַן געוועזענער תּפֿיסה־חבר איז אַוועק פֿון מיר פֿול מיט פֿאַרדראָס פֿאַרן פֿראַווען אַזעלכע שטיק, אָבער קיין אַנדער ברירה האָב איך נישט געהאַט.

מיט כאַווקינען, דעם דעמאָלטיקן סעקרעטאַר פֿון ביראָבידזשאַנער געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, איז דער שמועס געווען אַ פֿולשטענדיק אָפֿענער. געווען איז דערבײַ, מסתּמא נישט צופֿעליק, דער געקומענער פֿון כאַבאַראָווסק סעקרעטאַר פֿון דעם ווײַט־מיזרחדיקן לאַנד־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי לאַווערענטיעוו, אַ גרוזין, וועגן וועלכן אַלע האָבן געהאַלטן פֿאַר נייטיק צוצוגעבן: „יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלינס אַ חבר". אים געהערט עס דער שפּרוך, אַז „מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן ייִדן גע־האַט אַ מלוכה אויפֿן נאָענטן מיזרח, און איצט וועלן זיי האָבן אַ רעפּובליק אויפֿן ווײַטן מיזרח".

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט לאַווערענטיעוו זיך אַרײַנגעמישט אין מיטן מײַנע רייד דערקלערנדיק, אַז לויט זײַן מיינונג דאַרף איך נישט אַרויס־טרעטן און נישט באַגריסן דעם צוזאַמענפֿאָר. „פּוילן אויפֿן ווײַטן מערבֿ איז דאָס זעלבע, וואָס יאַפּאַן אויפֿן ווײַטן מיזרח. נישט נייטיק אַרויסצו־רופֿן דעם וואָלף פֿון וואַלד". כאַווקין האָט געהאַלטן, אַז בײַ געוויסע באַ־דינגונגען וועט עס יאָ מעגלעך זײַן. און די באַדינגונגען זענען געווען, אַז איך זאָל ווערן... אַ רואה ואינו נראה.

אַזוי איז געשען: דער פֿאַרזיצער פֿון דער סעסיע פּראָפֿ׳ ליבערבערג האָט אין אַ געוויסן מאָמענט געבעטן דעם גרויסן עולם אין טעאַטער־זאַל צו בלײַבן רויִק אויף די פּלעצער, ווײַל באַלד וועט אויסגעלאָשן ווערן די

עלעקטריע. ווען עס איז געוואָרן שטאָק פינצטער, האָט מען מיך צוגעפירט צו דער רעדנער־טריבונע און איך האָב געהאַלטן די באַגריסונגס־רעדע.

אַ סך שעהען האָבן מיר דעמאָלט פאַרבראַכט, אויסהערנדיק די קלוגע רייד פון דוד בערגעלסאָן, וועלכער איז פריִער פאַר אונדז אָנגעקומען קיין בּיראָבּידזשאַן און האָט שוין באַוויזן דאָרט אַ סך צו זען און צו הערן. אויף אַ ספּעציעלער אויפנאַמע פאַר די געסט איז אַוועק אַ שמועס וועגן די גרויסע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון דער געגנט, וועגן דער נייטיקייט, אַז יידישע שרײַבערס, אַקטיאָרן, קינסטלערס זאָלן קומען און העלפן פאַר־מירן דעם יידישן קולטור־אויסזען פון בּיראָבּידזשאַן מיט אירע גרויסע, מלוכהשע מעגלעכקייטן. אונטער דער ווירקונג פון די דאָזיקע רייד איז נאָך שאַרפער געוואָרן בײַ מיר דער אינערלעכער ויתּרוצו.

בעת איינער אַן עקסקורסיע איבער דער שטאָט האָט מען אונדז אַרײַנ־געפירט אין אַ נײַ־אויפגעשטעלטן אוניווערסאַלן מאַגאַזין. קיינעם פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג האָט מען אָבער אַהין נישט אַרײַנגעלאָזט. אויפ־געקלערט האָט עס מיר שפרה ליפשיץ — די אָפּשטאַמיקע פון זעמבראָווע, וועלכע איז אין 1920סטן יאָר, צוזאַמען מיט מײַן ברודער, אַרעסטירט גע־וואָרן דורך דער פּוילישער זשאַנדאַרמעריע*. זי האָט געענדיקט דעם אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און איז געקומען אַרבעטן אין אַ בּיראָ־בּידזשאַנער מיטלשול. דער מאַגאַזין איז געווען נישט פאַר קיין פּשוטע בשׂר־ודמס, נאָר פאַר פּריווילעגירטע. בעת־מעשׂה האָט זי מיר געבעטן, אַז פאַרן אָפּפאָרן זאָל איך איר איבערלאָזן דאָס וואַרעמע פוטערנע היטל, וואָס איך האָב געקויפט טאַקע אין דעם זעלבן מאַגאַזין...

געשען איז עס שנעלער, ווי איך האָב זיך געריכט. אַנשטאָט צו זײַן עטלעכע וואָכן אין דער געגנט האָט אַ טעלעגראַמע פון מאָסקווע באַפוילן: „תּיכּף, נישט אָפּלייגנדיק, קום צוריק״. אויף מיר האָט געוואַרט אַ באַשלוס וועגן גרייטן זיך צום גנבענען ווידער די סאָוועטיש־פּוילישע גרענעץ.

* שפרה ליפשיץ איז נאָכן אָפּזיצן 10 יאָר אין סאָוועטישע לאַגערן אָנגעקומען לעצטנס קיין ישראל.

איידער אָבער כ׳האָב זיך געלאָזט אין שווערן און געפּערלעכן וועג האָב איך געוואָלט זיך באַגעגענען מיט דער חברטע אסתר. קודם־כּל איר דאַנקען פאַר דער הילף...

אין יענער צײַט, ווען כ׳בין נאָך געזעסן אין דער לוקישקער תּפיסה, האָט אסתר געשטעלט אין גרויס פאַרלעגנהייט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער „רויטער הילף" אין פּוילן מיט איר קאַטעגאָרישער פאָדערונג (אַזוי האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן דער סעקרעטאַריאַט־מיטגליד גרשון דוא־באַגען, וועלכער האָט, בעת אסתר איז דורכגעפאָרן דורך וואַרשע קיין דײַטשלאַנד, מיט איר זיך געטראָפן), אַז די געלט, וואָס זי לאָזט איבער זאָל גיין אויסשליסלעך צו העלפן מיך, איר שילער. אַזאַ פּראַקטיק איז איבערהויפּט בײַ אונדז נישט געווען. די מאָפּר־הילף איז שטענדיק גע־גאַנגען לטובֿת דער גאַנצער קאָמונע פּאָליטישע אַרעסטירטע. אסתר האָט אָבער קאַטעגאָריש פאַרלאַנגט, אַז די גאַנצע סומע זאָל פאַרניצט ווערן בלויז מיר צום העלפן. געווען איז עס, ווי פאַר יענער צײַט, גאַרנישט ווייניק — 70 דאָלער. באַקום איך אין תּפיסה אַ „גריפּס" פון דער אָרטי־קער „רויטער הילף", אַז כ׳מוז תּיכּף צו וויסן געבן אין וואָס איך נייטיק זיך און אַלץ, וואָס כ׳וועל פאַרלאַנגען, וועלן זיי מיר שיקן. נישט גרינג איז געווען צוצוטראַכטן, צוזאַמען מיט די איבעריקע מיטגלידער פון תּפי־סה־קאָמיטעט, וואָס אַלץ זאָל מען מיר קויפן. אַ פּאָר ברילן, אַ פּאָר הויזן, אַ פּאָר שיך מיט גומענע פּאָדעשוועס (אַלס שוץ קעגן רעוומאַטיזם) — און וואָס נאָך ? האָט מען געמוזט צוטראַכטן עפּעס „אַזוינס ווי אַזעלכעס", וואָס זאָל זײַן און זאָל נישט זײַן בלויז פאַר מיר. געבליבן איז, אויסצושרײַבן אויף מײַן נאָמען די גאַר נישט־ביליקע ליטעראַרישע און עקאָנאָמישע פּרעסע, וועלכע חברים־אינטעליגענטן האָבן געלייענט און בעת די שפּאַצירן איבערגעגעבן אַלעמען דעם אינהאַלט.

האָב איך בעת דער דאָזיקער באַגעגעניש קודם־כּל געדאַנקט אסתרן פאַר דער הילף, פאַרן געדענקען אין מיר „נישט געקוקט אויף אַלץ..."

אסתר האָט מיך שטרענג אָנגעקוקט, גענומען בײַ מיר אויספרעגן וועגן דער אַרבעט, וועגן דער לאַגע פון אירע שילערס, וועלכע זיצן אין פאַרשיידענע תּפיסות. איך האָב איר איבערגעגעבן גרוסן פון אייניקע גע־

ווערענע סטודענטן, וועלכע געפינען זיך אויף אָנפירנדיקע פּאָזיציעס. זי האָט טיף אָפּגעזיפצט און שטיל געזאָגט: „אפשר, אפשר וועט אין איינער אַלעמענס זכות זיך איינגעבן אָפּצוראַטעווען..." איך האָב אַ פאַרלוירענער זי אָנגעקוקט און צום ערשטן מאָל דערזען אין די אויגן פון דער דאָזיקער שטאָלצער, שטענדיק קעמפערישער פרוי, טרערן, פּשוטע פרויען־טרערן.

אסתר האָט מיר פאַרטרוילעך דעמאָלט איבערגעגעבן, אַז קעגן אוני־ווערסיטעט ווערט געפירט אַ שטאַרקע העצע, אַז עס זענען פאַראַן פאַר־שלאָגן אים בכלל צו פאַרמאַכן, כּלומרשט אַלס נעסט פון שפּיאָנאַזש און קאָנטער־רעוואָלוציע. מען האָט נישט געקענט מוחל זיין, וואָס אין די צוואַנ־ציקער יאָרן, בעת דעם קאַמף קעגן דער פאַראייניקטער אָפּאָזיציע (טראָצקי —זינאָוויעוו—קאַמעניעוו), האָט אַ גרויסער טייל סטודענטן געשטימט פאַר דער דאָזיקער אָפּאָזיציע. כ'האָב צוגעזאָגט אסתרן צו רעדן וועגן דעם מיט פירנדיקע טוערס פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין פּוילן. כ'האָב ווירקלעך געשמועסט וועגן דעם מיט דעם טעאָרעטיקער און שרייבער יוליאַן ספּיס־ברון, וועלכער איז גראָד געווען אין מאָסקווע, מיטן וועטע־ראַן פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג מאַרטשין גזשעגאָזשעווסקי (גזשעלשטשאַק), וועלכער האָט מיך אָנגעקוקט אַ ביסל פאַרוווּנדערט און אַ ביסל מיט באַדויערונג און אויף אַלע מיינע רייד געענטפערט בלויז: „יאָ, קענטיק, אַז ס'איז שוין ווירקלעך צייט זאָלסט פאָרן אַהיים".

צו אסתרן בין איך שוין מער נישט געגאַנגען. מער האָב איך זי שוין נישט געזען. שפּעטער, אַ סך יאָרן שפּעטער, האָט אירע אַ לאַגער־חברטע מיר דערציילט, ווי אַזוי אסתר איז אין שרעקלעכע יסורים אויסגעגאַנגען אין וויי̆טן סיביר. און נאָך האָט זי מיר דערציילט: „בעת דער „אויספאָר־שונג" האָט די נ.ק.וו.ד. דורכגעפירט אַ קאָנפראָנטאַציע צווישן אסתרן און דעם אַרעסטירטן משה ראַפעס. אויף דער פראַגע פון אויספאָרשער, וואָס ראַפעס ווייס וועגן מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ פרומקינאַס „קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנערער טעטיקייט" האָט ער געענטפערט, אַז אסתר, צוזאַמען מיט אים, האָט געהערט צום אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין ראַטן־פאַרבאַנד. אסתר איז אַ דערשטוינטע צוגעשטאַנען צו אים מיט דער פראַגע: „וואָס רעדט איר גאָר אַזוינס, חבר ראַפעס? וואָס פאַר אַ צענ־

טראַל־קאָמיטעט? וואָס האָט זיך אייך געחלומט?״ דערויף האָט משה ראַפּעס געענטפערט: „מסתמא איז דאָס נייטיק דער פּאַרטיי״. דעמאָלט האָט אסתר זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס און דערלאַנגט אַ פּאַטש משה ראַפּעסן.

ווי געזאָגט, האָט עס מיר דערציילט אסתרס אַ געוועזענע לאַגער־חברטע, וועלכע האָט דירעקט פון איר דאָס געהערט.

16

די לעצטע פאַרזאַמלונג

קיין פערזענלעך לעבן, אַזוי ווי ביַי לײַטן, האָט קיינער פון אונדז נישט געהאַט. די קאָנספּיראַציע־געזעצן זענען באַזונדערס האַרב געווען פאַר צענטראַלע פּאַרטיי־טוערס. אויף צו זען זיך אין דער זעלבער שטאָט מיט מײַן ברודער, דעם פּאַרוואַלטער פון דער צישאַ־שול אין וואַרשע, אויף טוואַרדע 22, האָב איך געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון אַ מיטגליד פון לאַנד־סעקרעטאַריאַט. ער האָט ביַי אַ שפּעטערדיקער געלעגנהייט נישט פאַרמיטן צו פרעגן, ווי אַזוי די „זעונג" איז דורך און גרויס הנאה געהאַט דערפון, וואָס כּמעט 30 מינוט נאָך אַנאַנד האָב איך מײַן ברודער, וועלכער האָט מיך לחלוטין נישט דערקענט, אָפּגעגעבן אַ גרוס און מיט אַלע איינצלהייטן אים דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי עס לעבט אין מאָסקווע זײַן ייִנגערער ברודער, ד"ה טאַקע איך אַליין...

מיט מײַן ייִנגסטער שוועסטער, וועלכע האָט דעמאָלט געלערנט אין פּרילוצקיס גימנאַזיע, האָב איך זיך געטראָפן אָן אַ דערלויבעניש און דאָס האָט זיך געקענט גאָר שלעכט ענדיקן. איך האָב מײַן שוועסטער דער־קלערט, אַז מײַן לאַגע אַלס שטרענג פאַרקאָנספּירירטער דערלויבט מיר נישט צו טרעפן זיך מיט מענטשן, וועלכע טוען אומלעגאַלע אַרבעט. וויסנ־דיק איר פּאָליטישע אײַנשטעלונג, בעט איך, אַז זי זאָל מיר פאַרויס וואָרע־נען, ווען זי וועט זיך אַנגאַזשירן אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער שול־אָרגאַניזאַציע, כּדי מיך נישט צו שטעלן אין געפאַר.

מײַן שוועסטער האָט נישט געהאַלטן וואָרט. איין מאָל, קומענדיק צו איר, האָב איך אויף איר שולפאַרטעך באַמערקט רויטע פאַרב. אָנווײַזנדיק אויף איר אומפאָרזיכטיקייט האָב איך איר געגעבן אַ לעקציע, ווי אַזוי

נישט איבערצולאָזן קיין שפּורן פאַר דער פּאָליציי. פון דעמאָלט אָן האָב איך מער מיט איר זיך נישט געטראָפן.

אין וואַרשע, אין דער קליניק פונעם ד״ר סאָלאָווייטשיק איז געשטאָרבן מײַן טאַטע און מיר איז נישט דערלויבט געווען צו גיין אויף זײַן לוויה. געוואָלט האָט זיך זייער שטאַרק בעטן בײַ אים מחילה פאַר די נישט ווייניק צרות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין צוליב מיר. באַגלייטנדיק אים, אין מײַן געדעכעניש, אויפן וואַרשעווער גענשער בית־עולם האָט זיך מיר דערמאָנט די מערקווערדיקע טרעפונג מיט אים אין דער אָנוועזנהייט פונעם אויספאָרשונגס־ריכטער. געווען איז עס שוין נאָך מײַן ערשטן פּראָצעס, אויף וועלכן איך האָב פיגורירט אונטער אַ פאַלשן נאָמען און פאַמיליע. כּדי זיך צו באַוואָרענען, אַז נאָכן אָפּזיצן דעם אורטייל זאָל איך באַקומען „אײַזערנע״, ד״ה נישט קיין געפעלשטע דאָקומענטן, האָב איך געמאָלדן די געריכטס־אָרגאַנען מײַןווירקלעכן נאָמען און פאַמיליע. אַ צוגאָב באַקוועמלעכקייט איז דערבײַ געווען, וואָס דאָס האָט געגעבן די האָפענונג ווידער זען אַ שטיקל „פרײַ״, בעתן פירן צוליב דעם פון תפיסה אין געריכט. ווירקלעך איז אַזוי געווען. מען האָט מיך געבראַכט צום אויספאָרשונגס־ריכטער. ער האָט מיר איבערגעלייענט אַ דאָקומענט פון דער אָרטיקער פּאָליציי, וועלכע „ווייס געננוי״, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ נאָמען און פאַמיליע איז אין די צוואַנציקער יאָרן אַריבערגעפּעקלט געוואָרן קיין רוסלאַנד אין... אַ וואַגאָן מיט זאַלץ. אויב איך בין דערצו זיך מודה, וועט עס פאַרלײַכטערן די פּראָצעדור פון צוריקגעבן מיר מײַן אמתן פאַמיליע־נאָמען. ווען כ׳האָב עס אָפּגעלייקנט האָט דער ריכטער געגעבן אַ ווונק צום אָנוועזנדיקן פּאָליציאַנט און יענער האָט פון אַ זײַטיקן צימער אַרײַנגעפירט... מײַן טאַטן. ער האָט מיך אָנגעקוקט און גאַנץ גלײַכגילטיק אָפּגעקערט דעם קאָפּ, אַזוי ווי איך וואָלט פאַר אים געווען אַ פולשטענדיק פרעמדער. „צי דען זשע — האָב איך מיר געטראַכט — האָבן מײַנע לײַט אים אַזוי „באַאַרבעט״, אַז ער זאָל בכוח זײַן דאָ צו פּראָווען אַזאַ מין קאָנספּיראַציע און זיך נישט מודה זײַן צו מיר?״ ווען דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט בײַ אים געפרעגט, צי דערקענט ער אין מיר זײַן זון, האָט מײַן טאַטע אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן, מיך גוט

באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און געענטפערט... ניין, איך בין נישט זײַן זון. אויף אַזאַ מין בראָך האָב איך זיך נישט געריכט. כ׳האָב דעמאָלט פאַרלאַנגט פון דעם אויספאָרשונגס־ריכטער, אַז ער זאָל מיר דערלויבן זיך ווענדן צו מײַן טאַטן אויף ייִדיש. ער האָט עס מיר דערלויבט. און דאָ האָב איך שוין מײַן טאַטן נישט דערקענט. דער שטענדיק האַרטער, אַלע מאָל אַנטשלאָסענער, לחלוטין נישט־סענטימענטאַלער ייִד, האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ, אַז איך בין עס זײַן זון, און צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן האָב איך געזען, ווי פון מײַן טאַטנס אויגן האָבן גענומען רינען טרערן.

אַ קעגנזײַטיק פילבאַרע באַציִונג האָט זיך פון דעמאָלט אָן אײַנגעשטעלט צווישן מיר און מײַן טאַטן, דעם שטרענגן ראַציאָנאַליסט, וועלכער האָט מײַן אידעיִש־פּאָליטישע אײַנשטעלונג קוואַליפיצירט ווי אַ אָפּשפּראָץ פון... חסידיזם.

ווי ווייטיקלעך עס איז געווען צו געפינען זיך אין דער קאָנספּיראַטיווער רעדאַקציע־דירה אויף פּראַנטשישקאַנער־גאַס נומ׳ 12, אַזוי נאָענט פון דעם גענשער בית־עולם, אין מאָמענט ווען מ׳האָט דאָרט צו קבורה געבראַכט מײַן געשטאָרבענעם טאַטן. געווען איז עס דער ווייטיק, וועלכן כ׳האָב נישט געהאָט מיט וועמען צו טיילן. אין מײַן אונטערערד איז קיין אָרט נישט געווען פאַר קיין שום אויסדרוק פון פּערזענלעכע איבערלעבונגען. פּאַרזיכטיקייט איז מיר שטאַרק נייטיק געווען. אַלץ האָט צו יענער צײַט עדות געזאָגט, אַז די פּאָליציי געפינט זיך ווידער אויף מײַנע שפּורן. דער מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער זיכערקייט פון די קאַדערס האָט מיר געעצהט זיך אָפּצוטראָגן אויף אַ שטיקל צײַט פון וואַרשע. כ׳בין אַוועק אין דער באַרגיקער געגנט פון זאַקאָפּאַנע, געוווינט ביי אַ ייִדן, וועלכער האָט „געוווּסט“, אַז צוליב אַ קאָנפליקט מיט אַ פרוי דאַרף איך נישט אײַנגעמאָלדן ווערן אין דער פּאָליציי, כּדי מ׳זאָל מיך נישט אויסגעפינען. אַוודאי האָט עס „עפּעס וואָס“ געקאָסט.

ווי גרויס איז אָבער געווען מײַן פאַרווונדערונג, ווען צוריקקומענדיק קיין וואַרשע האָט מען מיר איבערגעגעבן אַ באַשלוס, אַז צוליב דער צו־

גרייטונג צום לאַנדקאָנגרעס פון די אַנטיפאַשיסטישע קולטור־טוערס אין לעמבערג, מוז איך תיכּף זיך לאָזן... קיין ווילנע, ווּ כ׳בין שוין אַ מאָל דורכגעפאַלן. איך האָב געוווּסט, אַז אין סעקרעטאַריאַט פון צ״ק זענען געווען שטימען (אַ שטייגער, פונעם היינטיקן פּוילישן גענעראַל מאַלקאָ) קעגן מיין פאָרן „אין דער מלוכה פון געשטופּלטן״ (אַזוי האָט מען גערופן דעם שעף פון דער ווילנער זיכערהייטס־פּאָליציי בלעסמאַנאָוויטש). די אויפגאַבע איז אָבער געווען אַ דרינגענדיקע, ווייל די קאָנטאַקטן מיט דער פּוילישער אינטעליגענץ, מיט דער דעמבינסקי־יענדריכאָווסקי־גרופּע האָב איך געהאַט. איז קיין ברירה נישט געווען.

פון דאָרט בין איך שוין מער נישט צוריקגעקומען. מיין אויפגאַבע האָב איך באַוויזן דורכצופירן. די רעדע פונעם אידעאָלאָג פון דער ווילנער פּוילישער אינטעליגענטן־גרופּע העינריק דעמבינסקי האָט אויפן קאָנגרעס אין לעמבערג געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. און איך בין ווידער געבראַכט געוואָרן אין דער פּאָליטישער פּאָליציי. דאָס מאָל האָט מען מיט מיר זייער שנעל זיך אָפּגעפּאַרטיקט. זיי האָבן מיר שוין געקאָנט און נישט דערוואַרט פון מיר כ׳זאָל זיך מודה זיין. בעתן אָפּשיקן מיך אין תפיסה האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר בלעסמאַנאָוויטש מיך „געזעגנט״ מיט פאָלגנדיקן אויספיר: „שלעכט, זייער שלעכט האַלט עס מיט איירע פּאַרטיי־קאַדערס, ווי באַלד מען מוז שוין אייך, אַ פולשטענדיק פאַרברענטן אין ווילנע, שיקן אַהער אויף אַרבעט״.

אויך די אַדמיניסטראַציע פון דער לוקישקער תפיסה האָט מיך באַגעגנט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, וואָרענענדיק, אַז „די אַלטע גוטע צייטן זענען שוין אַוועק״. דער רעזשים אין תפיסה איז דאָס מאָל געווען אַן אַן ערך שווערער ווי מיט יאָרן צוריק. כּמעט אַלע רעכט זענען ביי די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אָפּגענומען געוואָרן. די אַדמיניסטראַציע האָט אויף שריט און טריט זיך באַמיט צו פּראָוואָצירן, כּדי צו צעברעכן די קאָמונע. די פאָרמען פון קאַמף האָבן געמוזט זיין אַנדערע ווי אַ מאָל, מער פאַרזיכטיקע. די אויפגאַבעס פון תפיסה־קאָמיטעט — איך בין תיכּף צוקאָאָפּטירט געוואָרן אין זיין באַשטאַנד אַלס סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן — זענען געווען זייער קאָמפּליצירטע און אַחריות־

פולע. די עיקר־אויפגאַבע איז געווען: אידעיִש קרעפטיקן די קאָמונע אין אַנבליק פון אַ ריי פאַלן פון איבערגיין אויפן אַזוי גערופענעם „הינטישן שפּאַציר" צו די אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן זיך אײַנגעבראָכן אין דער פּאָליטישער פּאָליציי, האָבן „פאַרשאָטן" זייערע חברים און צײַטנווײַז נאָך דעם מיטגעאַרבעט מיט דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע.

דאָס שווערסטע האָט אונדז אָבער נאָך דערוואַרט. אין תפיסה האָט מען געבראַכט די אָנפירערס פון דער רעוואָלוציאָנערער פּוילישער אינטע־ליגענץ־גרופּע הענריק דעמבינסקין און סטעפאַן יענדריכאָווסקין. פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ גרויסער טייל פון די אָנפירערס פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אַרעסטירט געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַז די פּאַרטיי לעבט איבער אומגעהײַערע שוועריקייטן. אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן זיי באַשלאָסן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן פירער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מיט ניעדזשאַלקאָוו־סקין, און זענען מיט אים געקומען צו אַ הסכם אַרײַנצוטרעטן קאָלעקטיוו אין פּ.פּ.ס. אײַנהיטנדיק דעם אייגענעם אײנהײַטלעכן, אַנטיפאַשיסטישן כאַראַקטער.

אין איינעם אַ טאָג האָב איך באַקומען אַ „גריפּס", אַז אין תפיסה האָט מען געבראַכט די באַקאַנטע מיר פּאַרטיי־טוערין „רעגאַ" — לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ לעטין, מיט אַ גרויסן סטאַזש פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. זי זוכט אַ זיכערן קאָנטאַקט מיט מיר, כּדי איבערצוגעבן באַזונ־דערס וויכטיקע און דרינגנדיקע ידיעות. דורכן תפיסה־שפּיטאָל האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנצושטעלן אַזאַ מין קאָנטאַקט מיט „רעגאַן", און איך האָב באַקומען דעם „גריפּס" מיט דער ידיעה, אַז דער קאָמאינטערן האָט באַ־שלאָסן פונאַנדערצולאָזן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן. ווער עס וועט זיך נישט אונטערוואַרפן דעם דאָזיקן באַשלוס וועט געשטעמפּלט ווערן אַלס פּראָוואָקאַטאָר. „מײַן פליכט — האָט געשריבן רעגאַ — איז דיר עס צו וויסן געבן, כּדי זאָלסט תיכּף פונאַנדערלאָזן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין תפיסה".

אין משך פון עטלעכע טעג שפּאַנען איבער דער תפיסה־קאַמער האָט אין מוח געעקבערט איין און דער זעלביקער געדאַנק: ווי וועט מען איצט

אויסהאַלטן, ווי באַלד עס פעלט דער עיקרדיקער מאָראַליש־אידעיִשער אָנהאַלט ?! וואָס פאַר אַ זין האָבן שוין איצט די תפיסה־לײַדן ? חברים האָבן באַמערקט בעתן שפאַציר, אַז מיט מיר קומט עפעס פאָר און מען האָט געפרוווט אויף פאַרשיידענע אופנים זיך דערוויסן, וואָס אַזוינס איז געשען. מען האָט אַפילו בײַ טאָג (נישט געקוקט אויף דער געפאַר) געקלאַפט צו מיר אין די ווענט, אין סופיט — און איך האָב בײַ זיך נישט געקענט פועלן, אַז אין אַ סיטואַציע, וואָס פאָדערט אַ באַזונדערס שטאַרקע ווידער־שטאַנד־קראַפט, זאָל איך בײַ עמעצן אָפנעמען די זיכערקייט, אַז אונדזערע לײַדן, אונדזער קאַמף האָט אַ זין, האָט אַ ציל.

בעת אַ שפאַציר האָב איך הינטער זיך דערהערט דאָס פליסטערן פון אַ יונגן דאָרפישן בחור, אַן אַנאַלפאַבעט. מען האָט פון אים אין דער פאָלי־טישער פאָליציי אַ קאַליקע געמאַכט, די לונגען אָפגעשלאָגן און ער, נישט וויסנדיק וועגן דער סיבה פון מײַן אַבסאָלוטער פאַרלוירנקייט האָט חושד געווען, אַז מסתמא גרייט די תפיסה־אַדמיניסטראַציע אַ שטאַרקן קלאַפ קעגן אונדז און איך וויל דערווײַל נאָך נישט זאָגן דעם אמת. ער האָט מיך געטרייסט: „האָב נישט קיין שום צווייפל, מען וועט אונדז נישט אײַנברעכן. מיר וועלן זיך נישט לאָזן״.

דעם זעלבן טאָג, נאָך דער אָוונט־ציילונג (אַפעל), האָב איך אין איין אָטעם אָנגעשריבן אויף פאַפיראָס־פאַפיר אַ בריוו צו אַלע פאָליטישע אַרעס־טאַנטן, מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. אין דעם בריוו האָב איך אָן שום אַרײַנפיר און אָן וועלכע עס איז דערקלערונגען אָדער קאָמענטאַרן איבערגעגעבן דעם אומפאַר־שטענדלעכן באַשלוס פונאַנדערצולאָזן די פאַרטיי און אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. כ׳האָב פאַרענדיקט דעם בריוו מיט דער זיכערקייט, אַז אונדזערע איבערצײַגונגען בלײַבן אומפאַרענדערט און אַז אין דעם דויערנ־דיקן באַפרײַונגס־קאַמף וועלן מיר אַלע מאָל זיך געפינען אויף דער סאַמע פאָדערשטער פאָזיציע.

וואָס שייך די אַרעסטאַנטן פון מײַן אייגענעם „שפאַציר״, האָב איך געזאָלט, אַזוי ווי געוויינטלעך, איבערגעבן פון האַנט צו האַנט דעם בריוו. פונקט איז אָבער אַזוי געשען, אַז מען האָט אונדז געפירט אין באָד אַרײַן

זיך אַרומוואַשן. אַלעמען איז תיכּף איבערגעגעבן געוואָרן, אַז דאָס מאָל וועלן מיר די מינוטן פון צוזאַמענזײַן אויסנוצן אויף „עפּעס אַנדערש”. מיר האָבן זיך ענג צונויפגעדריקט, געמאַכט מיט די הענט, אַזוי ווי מען וואָלט זיך אײַנגעזייפט, און אויסגעהערט די שטילע, צעוויטיקטע רייד פונעם רעפערענט אויף דער לעצטער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג... פּנימער האָבן אויסגעדריקט שרעק, פאַרדראָס, טרויער, פאַרביטערטקייט, געליימטקייט, צאָרן, פאַרלוירנקייט. אַזוי הילפלאָז, ווי אין יענער רגע, בין איך, דאַכט זיך, נאָך קיין מאָל ביז דעמאָלט נישט געווען. דאָס האָט אַן אַלטער פּוילישער אַרבעטער פון אַ גלאָזהוטע איבערגעריסן די שטילקייט: „וואָס איז דאָ פאַר־ ראַן צו זאָגן — לאָמיר בעסער זינגען”. און שטיל, אַזוי ווי אַ תּפילה, האָבן מיר אָנגעהויבן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל”. אין מיטן דער ערשטער סטראָפע האָט דער שומר אויסגעשריגן: „געענדיקט מיט דער באָד!..”

17

די לעצטע תפיסה

איך האָב געמיינט, אַז אַזוי שלעכט, ווי עס איז געווען פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע צווישן די דיקע, טויבע ווענט פון דער מיטל־עלטערלעכער תּפיסה אין גראָדנע, קען שוין אין ערגעץ נישט געמאָלט זיין.

כדי צו צעברעכן די תּפיסה־אָרגאַניזאַציע און אונטערדריקן אין אונדז די ,,ווערדע פון פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, האָט די גראָדנער אַדמיניסטראַציע אָרגאַניזירט אַ פּלוצלונגדיקן איבערפאַל, באַשאָטן מיט קלעפּ, אָפּגענומען אונדזערע אייגענע מלבושים און געצוווּנגען אונדז אָנצוטאָן שמוציקע, פאַר־עיפּושטע שמאַטעס פון די קרימינעלע. זיי האָבן אויך געפּרוּווט צווינגען אונדז צו גיין אַרבעטן. כ׳בין געזעסן צוזאַמען מיטן ווייסרוסישן אינטע־ליגענט פּיאָטר ראַדזיוק, וועלכער איז געווען דער סטאַראָסטע פון דער גראָדנער קאָמונע. ווען מען האָט אים, נאָכן באַלייגן אונדזער אַלעמענס פּראָטעסט קעגן דעם ווילדן טעראָר, צוריקגעבראַכט אין דער קאַמער, איז זיין שיינער, איידעלער פּנים געווען חושך־שוואַרץ, דער גוף — צעביילט, באַדעקט מיט ווונדן. אין דער קאָמונע האָבן זיך געהערט שטימען, אַז מ׳טאָר מער נישט שווייגן, נישטאָ וואָס צו פאַרלירן, מען דאַרף אַרויס אין קאַמף. עס איז אויסגעקומען ביי די שווערסטע באַדינגונגען נאָך אַנאַנד צו איבער־צייגן חברים, אַז אַזאַ טאַט איז דווקא אויף דער האַנט פון די טורמע־סאַ־טראַפּן. פון ,,דער פריי״ קענען מיר דאָך שוין נישט דערוואַרטן קיין שום הילף, ווייל נישט קיין פּאַרטיי, נישט קיין ,,רויטע הילף״ איז דאָרט מער נישטאָ. אויסשטעלן בלויז אויף די אייגענע כּוחות — הייסט פון פאָרויס איינגיין אויף דער מעגלעכקייט פון נאָך גרעסערע רעפּרעסיעס.

שטאַרק געזידלט האָט מיך פאַר אַזאַ שטעלונג, בעתן אָפּטן ,,גע־שפּרעך״ דורך... דעם קלאָזעט־,,טעלעפאָן״, די מיטגלידערין פון תּפיסה־

קאָמיטעט, די שפּעטער באַקאַנטע העלדין פון ווילנער געטאָ סאָניע מאַדייס־קער. זי האָט מיך פּשוט געהאַלטן פאַר אַ פּאַרפאַלענעם אָפּאָרטוניסט, וועלכער פאַרלעצט די געזעצן פון אַנטיפאַשיסטישן ווידערשטאַנד־קאַמף...

ווי שווער עס זענען נישט געווען די גראַדנער תפיסה־באַדינגונגען, האָבן מיר דאָך געפירט אַ ברייטע פּאָליטישע בילדונגס־אַרבעט. אין אונדזער קאָמונע זענען דעמאָלט געווען די ווײַסרוסישע דיכטערס פיליפּ פּיעסטראַק און וואַלענטין טאַוולאַי, דער פעיִקער זשורנאַליסט יאַקוב מיסקאָ, מיט וועלכע מיר פלעגן צוזאַמען, אין די נעכט, פאַרדעקט מיט קאָלדרעס, אַרונטערקריכן אונטער די נאַרעס און בײַ אַ חלבנעם ליכטל שרײַבן רעפעראַטן, גרייטן פּראָגראַמען פאַר ליטעראַרישע „אונטערנעמונגען", טענהן פאַר דיסקוסיעס אויף פילאָסאָפישע, עקאָנאָמישע און היסטאָרישע טעמעס. פון האַנט צו האַנט פלעגן גיין די לידער פון אונדזערע אייגענע דיכטערס, וועלכע מען פלעגט רעציטירן בעת רעוואָלוציאָנערע יום־טובים. די דאָזיקע אַרבעט האָט געשטאַרקט דעם מוט בײַ די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן און האָט צעמענטירט די קאָמונע.

מיר האָבן זיך געגרייט צו באַגעגענען דעם נײַ־יאָר 1939. מיר האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט אַ רעפעראַט מיט אַן אָפּשאַצונג, מיט פּראָגנאָזן, ווי געוויינטלעך — דערמוטיקנדיקע. האָט מען פּלוצלונג, אין דער פרי, אַ טאָג פאַר נײַ־יאָר, מיך געהייסן צונויפּנעמען די זאַכן און — מיטן עטאַפּ. וווהין? קיינער האָט נישט געוווּסט. אין דעם תפיסה־קעמערל פונעם ספּעציעלן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן בין איך געווען צוגעשמידט צום אַלטן רעוואָלוציאָנער טעאָדאָר קאָוואַלעווסקי און צום יונגן דאָרפישן קעמפער גריגאָרי זשוק. האָבן מיר זיך צונויפגערעדט, אַז אין וועלכער תפיסה מ'וועט אונדז נישט ברענגען, זאָלן מיר אין דרײַען זיך באַמיִען אײַנצושטעלן צווישן זיך אַ פאַרבינדונג. לשם קאָנספּיראַציע האָבן מיר באַשלאָסן, אַז טעאָדאָר וועט הייסן „פינף", גרישקע — „צען" און איך „פופצן".

פאַר טאָג זענען מיר געבליבן שטיין אויף אַ גרויסער סטאַנציע. עמעצער האָט, ווײַזט אויס, באַמערקט דעם אויפשריפט „בריסק". באַלד האָט דער וואַגאָן־„טעלעפאָן" עס אַלעמען איבערגעגעבן. אויפן זכרון איז געקומען

די בריסקער פעסטונג, ווּ דער תליון־וואָיעוואָדע קאָסטעק־בּיערנאַצקי האָט אויף דעם דירעקטן באַפעל פון פּילסודסקין געפּייַניקט די דעפּוטאַטן פון פּ.פּ.ס., פון די פּויערים־פּאַרטייען און פון אַנדערע אָפּאָזיציאָנעלע ריכטונ־גען. באַלד האָט מען אונדז אויסגעשטעלט צו דרייַ אין אַ ריי, אַזוי ווי מיר זענען געווען געשמידט איינער צום צווייטן. מיר האָבן געשפּאַנט איבער די פאַרשלאָפענע בריסקער גאַסן (זעלטן האָט זיך באַוויזן אַ דורכגייער), מיט געמאָסטענע טריט, ווי בעת אַ דעמאָנסטראַציע, מיטן ציל אויפצוּוועקן דעם עולם. זאָל מען וויסן וועגן אונדזער אָנקום...

געבראַכט האָט מען אונדז אין אַ נייַער געבייַדע, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין בוי. די הויכע מויערווענט זענען פון דרויסן נישט ענלעך געווען אויף קיין תפיסה. באַדעקט מיט קליינע רויטע ציגעלעך, וואָס האָבן געמילדערט דעם שטרענגן אויסזען פון די פענצטער מיט מאַטן גלאָז און מיט געדיכטע קראַטעס. דער צענטראַלער קאָרידאָר, ווּ מען האָט אונדז אויסגעשטעלט, איז געווען אַ ברייטער און לאַנגער. פון דאַנעט האָט מען, אַזוי ווי אין דער סינג־סינג־תפיסה, געזען די קאַמערן אויף אַלע עטאַזשן.

אין דער באַגלייטונג פון אָפיצירן און געוויינלעכע שומרים האָט זיך באַוויזן אַ קליין נפשל, אַ העל־בלאָנדס, מיט אַ חזיריש־טעמפּער צורה. ער האָט זיך אונדז פאַרגעשטעלט אַלס שעף פון דער תפיסה און געהאַלטן דערבייַ אַ קורצע רעדע: „די געבייַדע איז אַ נייַע, נאָר וואָס אויסגעבויט, לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק. זי איז נאָך אין אַ האַלב־רויען צו־שטאַנד. דאָס וועט איר שוין מיט אייַערע ביינער אויסטריקענען די ווענט. פון דער דאָזיקער תפיסה גייט מען אַרויס — אָדער אַ „פאַררריכטער", „באַ־פרייַט" פון די קאָמוניסטישע געדאַנקען, אָדער אַ מת. פון אייַך אַליין איז אָפּהענגיק דער אויסוואַל. דער רעזשים אין תפיסה איז אַן אַנטשפּרעכנ־דיקער. זומער ווי ווינטער — די פענצטער טאָרן קיין מאָל נישט געעפנט ווערן. נאָענט צו זיי טאָר מען נישט צוגיין. אַלע מוזן זייַן אָנגעטאָן אין תפיסה־קליידער, אַלע מאָל פאַרקנעפּלט. ווען מען הערט עמעצן גיין דורכן קאָרידאָר, מוזן אַלע אַרעסטאַנטן זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט. קיין שום צייַטונגען, ביכער, העפטן. קיין שום עסן פון דער פרייַ. קיין שפּאַציר וועט אויך נישט זייַן. נישטאָ נאָך קיין הויף... פאַר דעם מינדסטן פּרווו

איינצושטעלן צווישן זיך אַ פאַרבינדונג — קאַרצער. און נישט ווי ערגעץ אַנדערש ווו, בלויז אויף 24 שעה, נאָר אויף אַ גאַנצער וואָך און מער...״

מען האָט אונדז פונאַנדערגעזעצט אין פאַרשידענע קאַמערן. דאָרט האָבן מיר שוין געטראָפן אַרעסטאַנטן פון וואַרשעווער תפיסות. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס נייסטע (און לעצטע) ווערק פון סאַנאַציע־פוילן, די ניי־אויפגעבויטע בריסקער תפיסה איז באַשטימט בלויז פאַר פּאָליטישע רעצידיוויסטן. יעדער פון אונדז האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַן אָפּגע־זעסענעם אורטייל. לויט דער דערפאַרונג פון די וועלכע מען האָט אַהער פריִער געבראַכט, איז דער רעזשים דאָ ענלעך געווען צו דער „אָרדענונג״ אין דעם שכנישן קאַרטוז־בערעזער קאָנצענטראַציע־לאַגער.

וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? — קודם־כּל איינשטעלן אַ קאָנטאַקט צווישן זיך. ווי אַזוי, ווי באַלד אויף שפּאַציר לאָזט מען אונדז נישט און דער קלאָזעט, וווהין מען פירט אונדז, איז פאַרגאָסן מיט צעמענט, נישטאָ קיין שפּעלטל ווו אַריינצושטעקן אַ צעטל, און יעדעס מאָל, נאָכן אַרויספירן אונדז אַהין, ווערט דורכגעפירט אַ שטרענגע קאָנטראָל.

כ׳הייב אָן דורכן טורמע־טעלעגראַף זוכן דעם „פינף״ און דעם „צען״ — אויף אונדזער זייט זענען זיי אָבער נישטאָ. אין מיין קאַמער האָבן זיך אויך געפונען דער געוועזענער מיטגליד פון לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון קאָ־מוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד אין פוילן יוזעף קאָפּמאַן און אַ טוער פון דער פויערים־פּאַרטיי. צוזאַמען האָבן מיר באַשלאָסן צו רעקאָמענדירן די נאָ־ענטסטע שכנים, אַז בעת יעדער באַגעגעניש מיט וועמען עס איז פון דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע, זאָל מען מאָנען דאָס רעכט אויף שפּאַציר, אויף שרייבן בריוו, כּדי באַרויִקן אונדזערע משפחות וועלכע ווייסן נישט ווו מיר געפינען זיך, און דאָס רעכט צו באַקומען שפּייז פון דער פריי. די דאָזיקע רעקאָמענדאַציע אונדזערע, ווי מיר האָבן זיך מיט חדשים שפּעטער דערוווּסט, איז דורך פאַרשיידנסטע וועגן דערגאַנגען צו אַלע עטאַזשן, ווי אַ דירעקטיוו. ביי אַלעמען איז אויפגעקומען די זיכערקייט, אַז נישט געקוקט אויף דער שטרענגער איזאָלאַציע איז אין דער נייער תפיסה שוין פאַראַן אַ „טעקאַ״ (טורמע־קאָמיטעט), וועלכער נעמט אָן באַשלוסן און אים דאַרף מען הערן... די תפיסה־אַדמיניסטראַציע האָט אויך באַלד

דערפילט, אַז עס הייבט אָןווירקן די געוויינטלעכע אייניקייט פון די פּאָ־ליטישע אַרעסטאַנטן. זי האָט דעמאָלט גענומען איבער אַ נײַעס פונאַנדער־זעצן אונדז אין פאַרשידענע קאַמערן, כּדי אַזוי אַרום איבערצורײַסן דעם קאָנטאַקט. טייל האָט מען אַוועקגעזעצט אין אַ באַזונדער איזאָלירטן פליגל, ווּ עס זענען געווען אויסשליסלעך איינצל־קאַמערן. דאָרט האָט זיך געפֿו־נען דער פאַראורטיילטער אויף 15 יאָר תּפֿיסה אַלעקסאַנדער זאַוואַדזקי (שפּעטער פאַרזיצער פון מלוכה־ראַט אין פּוילן) און דער דערמאָנטער יוגנט־טוער יוזעף קאַפּמאַן.

אונדז האָט זיך קיין מאָל נישט אײַנגעגעבן צו צעברעכן די דאָזיקע פולשטענדיקע איזאָלאַציע. ממילא איז אויסגעקומען אָנצונעמען באַשלוסן, אַפילו פון פּרינציפּיעלן כאַראַקטער, בלויז אויף אייגענער אַחריות. גע־וויסע פאַרלײַכטערונגען האָבן מיר דאָך זיך דערשלאָגן. פון צײַט צו צײַט האָט מען אונדז אַרויסגעפירט גרופּעסווײַז אויף קורצע שפּאַצירן אויף אַ הויף, וואָס איז געווען פול מיט אָנגעוואָרפענע בוי־מאַטעריאַלן. די אַטראַק־ציע איז אָבער געווען — דאָס שפּאַצירן נישט אין קיין קרײַז, ווי אין אַלע תּפֿיסות, נאָר הין און צוריק און בעת יעדער מאָל זיך אויסקערעווען האָט מען באַוויזן צו זאָגן איינער דעם צווייטן עטלעכע ווערטער.

קיין צײַטונגען האָבן מיר נישט געטאָרט באַקומען און מיר האָבן אַפילו נישט געוווּסט וועגן היטלערישן אָנפאַל אויף פּוילן. דערוווּסט האָבן מיר זיך ערשט דעמאָלט, ווען אין שכנות מיט אונדזער תּפֿיסה, אויף אַ שפּיטאָל, זענען געפאַלן די ערשטע באָמבעס. ווי גרויס עס איז געווען די געפאַר האָבן אונדז געגעבן צו וויסן... די היטלעריסטן גופא. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז האָרט פאַר דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 האָט די פּאָליציי דורכגעפירט אַרעסטן צווישן די אַקטיווע טוערס פון די פּילצאָליקע פּראָ־היטלעריסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן. עטלעכע הונדערט נאַציס האָט מען געבראַכט אין בריסקער תּפֿיסה און זיי האָבן, בעת אַן אָנפאַלי פון דער דײַטשער אַוויאַציע, אויפגעריסן די טורמע־פענצטער און הויך געשריגן: „הײַל היטלער!"

די דיסציפּלין אין תּפֿיסה איז פון טאָג צו טאָג געפאַלן. מיר האָבן זיך מער נישט געשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט, הערנדיק טריט אין קאָ־

רידאַר. בעת יעדן אָנפאַל פון דער היטלעריסטישער אַוויאַציע פלעגן די וועכטערס פאַרשווינדן פון די קאָרידאָרן, כּדי זיך אויסצובאַהאַלטן אין די קעלערס. דעמאָלט האָבן מיר צום ערשטן מאָל זיך דערלויבט אויפצו־עפענען די פענצטער און אַרויסקוקן אויף דעם תּפיסה־הויף. דערזען האָבן מיר אַ סך אויטאָמאָבילן, פעסער מיט בענזין און פיל הויכע באַאַמטע אין גרינע תּפיסה־מונדירן, וועלכע האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די אויטאָס, גרייטנדיק זיך, ווי עס ווייזט אויס, אָפּצופאָרן.

נאָכן באַראָטן זיך מיט אונדזערע נאָענטסטע קאַמער־שכנים פון ביידע זײַטן, ווי אויך מיט די שכנים פון אונטערשטן און אויבערשטן עטאַזש, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצופאָדערן צו זיך דעם תּפיסה־נאַטשאַלניק. גע־דאַרפט האָט עס טאָן דער ביאַליסטאָקער יידישער סטודענט גאָלדבערג, וועלכער איז געזעסן רעכטס פון מײַן קאַמער. נישט לאַנג האָט געדויערט און דער נאַטשאַלניק איז געקומען אין באַגלייטונג פון העכערע תּפיסה־באַאַמטע. דער סטודענט האָט איבערגעגעבן אונדזער באַשלוס אַרײַנצו־טרעטן אין דער פּוילישער אַרמיי, כּדי צו קעמפן צוזאַמען מיט אַלע בירגערס קעגן היטלעריזם. אַלס אויסדרוק פון דער דאָזיקער שטעלונג גיבן מיר אַוועק פאַרן שוצפאָנד דאָס געלט, וואָס יעדער פון אונדז פאַר־מאָגט אין דעם תּפיסה־דעפּאָזיט. דער נאַטשאַלניק, הגם שוין נישט מיט זײַן געוויינטלעכן אַראָגאַנטישן טאָן, האָט תּיכּף אָפּגעוואָרפן אונדזער דע־קלאַראַציע, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז „מ׳וועט זיך אָן אײַך באַגיין" און איז מיט שטילע, קעצישע טריט אַרויס פון דער קאַמער.

אין איינעם אַ פאַרטאָג האָבן מיר פּלוצלונג דערזען, אַז אויף דעם וואַכטורעם שטייט נישט מער קיין תּפיסה־וועכטער, נאָר אַ געוויינלעכער זעלנער און דאָס — נישט גאָר קיין יונגער. מיר האָבן באַשלאָסן אָנהייבן מיט אים פאָרזיכטיק צו רעדן, אויסצופרעגן, וואָס עס הערט זיך. אויף אונדזערע רייד האָט אָבער דער באַוואָפנטער זעלנער בכלל נישט רע־אַגירט, זיך אַפילו אָפּגעדרייט אין אַ זײַט. מיר האָבן באַמערקט אַ פרוי פון יענער זײַט תּפיסה־מויער. האָבן מיר גענומען שרײַען צו איר: „רופט מענטשן, מען זאָל אונדז אַרויסלאָזן! גיט אונדז נישט איבער די היטלע־ריסטן!"

אין יענעם טאָג האָבן מיר שוין קיין מיטאָג בכלל נישט באַקומען. מיר האָבן פּאַר מיטאָג גענומען קלאַפּן אין דער טיר, רופן די וועכטערס. קיינער האָט אָבער נישט געענטפערט. הייסט עס, אַז מיר זענען אַליין, אונדז האָט מען איבערגעלאָזט אויפן באַראָט פון שׂונא. מיר קוקן אַרויס דורכן פענצטער — אויך דער זעלנער איז פאַרשוווּנדן. מיר הייבן אָן שרײַען צו אַלע אַרעסטאַנטן: „חברים, רײַסט אויף די טירן! נישטאָ קיין שום וואַך! די היטלעריסטן זענען נאָענט!" — און באַלד כאַפּן מיר די לאַנגע, שווערע באַנק פון אונדזער קאַמער און נעמען זעצן אין דער טיר. דאָס קלאַפּערײַ אין דער גאַנצער תּפיסה ווערט אַלץ העכער און העכער. אין איינער אַ קאַמער האָט מען שוין באַוויזן אויפצורײַסן די טיר. עמעצער האָט שוין געפונען אַ פּאַק שליסלען און האָט אָנגעהויבן עפענען איין קאַמער נאָך דער צווייטער. פון דריטן שטאָק שרײַט מען מיט אַ באַנומענעם קול: „חברים, ס'איז אַ פּראָוואָקאַציע! מ'וועט אונדז אַלעמען ווי איינעם אויסקוילעגען! בלײַבט אויף די ערטער". מיר ענטפערן אויף דעם: „אַלע פאַרזאַמלען זיך אין תּפיסה־הויף. באַלד וועט קומען אַ באַשלוס פון דער אָנפירונג!"

אין די פּאַרטער־קאַמערן זענען געזעסן קרימינעלע פאַרברעכער־רע־צידיוויסטן. אויך זיי זענען דורך אונדזערע חברים באַפרײַט געוואָרן. ווי גוט דערפאַרענע „זיצערס" האָבן זיי אין צווישנצײַט קודם־כּל זיך געלאָזט צום תּפיסה־דעפּאָזיט, צונויפגענומען די בעסטע מלבושים, צעשלעפּט זייגער־לעך און אַנדערע ווערטזאַכן און גענומען זיך אָפּטראָגן. אויפן תּפיסה־הויף האָבן מיר אין פירן — אַלעקסאַנדער זאַוואַדזקי, יוזעף קאַפּמאַן, טאַציאַי און איך — זיך באַראַטן, וואָס טוט מען ווײַטער? אין מיטן די רייד דער־זעען מיר ווי עס דערנענטערט זיך צו אונדז אַן אַרעסטאַנט, וועלכער ווערט געפירט אונטער די הענט דורך צוויי באַגלייטערס. ער שטעלט זיך אונדז פאַר: באַנדעראַ. ער זעט אויס שטאַרק קראַנק. מיר ווייסן וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דער דאָזיקער פירער פון די אוקראַיִנישע נאַציאָ־נאַליסטישע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס. אויף זײַן פראַגע: וואָס טוען מיר ווײַטער? — ענטפערט אים דער אַלטער אוקראַיִנישער רעוואָלוציאָנער טאַציאַי: „וואָס מיר וועלן טאָן — ווייסן מיר. מיט אײַך אָבער האָבן מיר

אויך איצט נישט קיין געמיינזאַמען וועג״. די גרופּע אוקראַיִנישע טעראָריסטן האָט אָפּגעפירט זייער פירער אין אַ זײַט. ער האָט אָפּגעוואַרט אין בריסק די היטלעריסטן, כדי אָנצוהייבן זײַן בלוטיקן וועג פון צוזאַמענאַרבעט מיט די אָקופּאַנטן אין קאַמף קעגן דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

מיר זענען שנעל געקומען צווישן זיך צו אַ הסכם, אַז מיר אַלע לאָזן זיך תיכף צו דער בריסקער פעסטונג, כדי אַרײַנצוטרעטן אין מיליטער. דעם דאָזיקן באַשלוס האָבן מיר געמאָלדן אַלעמען. מיר האָבן גלײַך זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דער פעסטונג. די גאַסן זענען געווען פולשטענדיק פּוסט. מיר האָבן באַגעגנט עטלעכע מיליטער־לײַט, אַ קאַפּיטאַן אויף אַ פערד. ער האָט אונדז אָפּגעשטעלט און געפרעגט וווהין מיר גייען, נאָך וואָס? פון אונדזער ענטפער איז ער געווען געוואַלדיק פאַרוווּנדערט. אין דער פעסטונג איז שוין קיינער נישטאָ. די היטלעריסטן זענען 20 קילאָמעטער פון בריסק. ער האָט אונדז געראָטן וואָס שנעלער זיך אָפּצוטראָגן.

ווידער האָבן מיר זיך באַראָטן — און פּלוצלונג זענען צווישן אונדז אויפגעקומען חילוקי־דעות. זאַוואַדזקי האָט געהאַלטן (און קאַפּמאַן איז מיט אים מסכּים געווען), אַז מען דאַרף זיך לאָזן צו דער סאָוועטישער גרענעץ. טאַציאַי און איך האָבן געהאַלטן, אַז מען זאָל מיט די שכנותדיקע וועלדער אַוועק אין דער ריכטונג פון „רויטן וואָלין" און דאָרט, „אויף דער באַזע", באַשליסן וואָס מיר טוען ווײַטער. ביידע פאַרשלאָגן האָבן מיר איבערגעגעבן די חברים, וועלכע זענען נאָך געווען אָנגעטאָן אין תּפיסה־קליידער. מיר האָבן זיך צעטיילט. די מערהייט איז אַוועק מיט אונדז. די איבעריקע האָבן אויסגעקליבן די ריכטונג אויף פּינסק.

דרײַ טעג זענען מיר געווען אין די וועלדער. די אַרומיקע פּויערים האָבן אונדז באַזאָרגט מיט עסנוואַרג, טיילווײַז אויך מיט מלבושים. עס האָבן זיך גענומען באַווײַזן געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן פון אַנדערע תּפיסות, פון בערעזער לאַגער. פון ערגעץ ווו האָט מען געבראַכט אַ ראַדיאָ און אַזוי אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דעם 17טן סעפּטעמבער איז די סאָוועטישע אַרמיי אַריבער די אַמאָליקע גרענעץ פון פּוילן. מיר זענען מיט די וועלדער אַוועק אין דער ריכטונג פון קאָוועל.

אין דער דאָזיקער שטאָט האָט מען אונדז זייער פריינדלעך אויפגענו־מען, געגעבן אַן אָרט אין אַ הויז, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, באַזאָרגט מיט עסן און גלייך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט ביים אָרגאַניזירן די נייע מאַכט־אָרגאַנען. לויט דער דער־פאַרונג פון 20סטן יאָר האָבן די אָרטיקע חברים, בראש מיטן געוועזענעם פּאָליטישן אַרעסטאַנט זאַכידני, געשאַפן אַ רעווקאָם. אַלע מיטגלידער האָבן „אַמטירט" אין די תפיסה־קליידער, ביז ס׳איז נישט געקומען דער באַפעל פון די סאָוועטישע אָרגאַנען, אַז קיין שום רעווקאָם, קיין שום אָרטיקע איניציאַטיוו איז נישט נייטיק. ספּעציעלע שליחים פון מיזרח שאַפן אומע־טום צייטווייליקע שטאָט־פאַרוואַלטונגען.

ביי דער גאַנצער פריינדלעכקייט מצד די אָרטיקע איינוווינערס האָב איך אין קאָוועל זיך געפילט פרעמד. געוואָלט האָט זיך וואָס שנעלער זיין אין ווילנע, זיך טרעפן מיט אַלטע חברים און מיט זיי באַשליסן וואָס ווייטער צו טאָן. קומען אָבער קיין ווילנע איז דעמאָלט נישט געווען קיין לייכטע זאַך. מען האָט געדאַרפט פאָרן קיין לוצק און דאָרט, אין דער מיליטע־רישער קאָמענדאַנטור באַקומען אַ דערלויבעניש.

עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז קיין דערלויבעניש זאָל איך נישט באַקומען. אין די אויגן פון לייטענאַנט, וועלכער האָט פאַרצייכנט אַלע מיינע ענטפערס, האָב איך אויסגעזען שטאַרק פאַרדעכטיק. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אַלע מיינע רייד, ווי באַלד קיין פאַרטיי־בילעט האָב איך נישט, קיין פיצל „בומאַזשקע" אויך נישט — היינט גיי, גלייב...

פון אַ צייטיקן צימער איז אַרויסגעקומען אַ בלאָנדער דיקלעכער מאַ־יאָר, וועלכער האָט זיך גענומען צוהערן צו מיינע ענטפערס. פּלוצלונג איז ער מיר אַריינגעפאַלן אין די רייד מיט דער אומדערוואַרטער פראַגע: „זאָג מיר, חבר, דאָס ביסטו, אָדער נישט דו ?" — און רופט מיך אָן מיט מיין נאָמען און פאַמיליע. איך קוק זיך שטאַרק איין אין אים און דערקען מיין אַלטן חבר יעמעליאַן, — מילקע, — ווי מיר פלעגן אים רופן אין קיִעווער גובערניאַלן קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל. ער האָט מיך גלייך אַריינגעפירט צו זיך אין קאַבינעט און ס׳איז אַוועק אַ שמועס וועגן אונדזערע ביידנס וועגן, זינט מיר האָבן איינער דעם צווייטן פאַרלוירן פון אויג אין מיטן די

צוואַנציקער יאָרן. פֿאַרן געזעגענען זיך נעמט מיך מילקע אַרום און רוימט מיר אַרײַן אין אויער דעם שרעקלעכן סוד: „וואָס פֿאַר אַ גליק — האָט ער געזאָגט — וואָס דו ביסט דאָ געזעסן. בײַ אונדז וואָלסטו געלעגן".

18

די ערשטע גרויע האָר

פאַר מײַן צימער אין דער רעדאַקציע פון דער ייִדישער טאָגצײַטונג „ביאַליסטאָקער שטערן" איז קיין סעקרעטאַרין נישט געזעסן. די טיר איז געווען אָפן פאַר אַלעמען. געוויינטלעך פלעגט מען קומען וועגן ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו דער צײַטונג אָדער צום שרײַבער־פאַראיין, ווען סעקרעטאַר איך בין געווען. נישט וועגן דער צײַטונג און נישט וועגן שרײַבער־ענינים איז צו מיר געקומען סאָניע מאַדייסקער, אַט די שטײַפע, האַרטנעקיקע סאָניע פון גראָדנער תפיסה. זי איז געקומען נאָך אַן עצה, וואָס שייך איר פערזענלעכן גורל. איר בחור, אַ געוועזענער צענטראַלער קאָמוניסטישער יוגנט־טוער האָט זיך שלעכט געהאַלטן בעת דער אויספאָרשונג אין דער פּאָליציי. ער האָט זיך אײַנגעבראָכן, געגעבן די „שיטן". געשען איז עס, לויט איר, אונטער דער ווירקונג פונעם גרעסטן קלאַפּ — די פּאַרטיי איז פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן. וואָס זאָל זי, סאָניע מאַדייסקער, טאָן? צי האָט זי אַ רעכט זיך צונויפצוגיין מיט אים? און איך, וואָס בײַ מײַנע 34 יאָר קען זיך אַליין קיין עצה נישט געבן מיט דעם, וואָס מען רופט „פּערזענלעך לעבן" — איך דאַרף עס פּסקענען, וואָס סאָניע זאָל טאָן...

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר. מיט ווייכע טריט, אַרומקוקנדיק זיך, אַזוי ווי זוכנדיק דאָ עמעצן חוץ מיר, איז אין מײַן רעדאַקציע־צימער אַרײַן אַ שטאַלטנער מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אָנגעטאָן זייער עלעגאַנט, ווי פאַר יענער צײַט. לויט דער קליידונג איז אָבער קענטיק, אַז ער איז נישט פון די פּליטים. ער איז אַ מיזרחדיקער. ער קוקט מיך אָן נײַגעריק מיט אַ פּאָר שטאַרק שוואַרצע אויגן. אויף זײַן אינטעליגענטן פּנים באַווײַזט זיך אַן אײַנגעהאַלטענער שמייכל. ער רעדט צו מיר אויף רוסיש.

— מען זאָגט, אַז דאָס ביסטו דאָ, אין דעם דאָזיקן קאַבינעט. אָבער אָסור אויב איך דערקען אין דיר דעם אַמאָליקן „פּאַצאַן״*.

ניין, איך דערקען נישט דעם דאָזיקן מענטשן, אָבער די דערמאָנונג וועגן מײַן אַמאָליקן בײַנאָמען גיט מיר קלאָר צו וויסן, אַז אויב מיר האָבן זיך ערגעץ ווו און ווען נישט איז באַגעגנט, איז עס נאָר אין די צוואַנציקער יאָרן, און דאָס — אויף אוקראַיִנע. דעמאָלט פלעגט מען עס מיר, צוליב מײַן קליינוווּקסיקייט, רופן „פּאַצאַן״. ער לאָזט מיך לאַנג נישט זוכן אין זכרון, זעצט זיך אַוועק לעבן מײַן טיש און גיט מיר אַ סימן, וואָס פירט מיך אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט, מיט אַ סך יאָרן צוריק. ער רופט אָן דעם נאָמען פון סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע, וויסאָטשינענקאָ. שוין, איך געדענק שוין! זאַלבע דריט זענען זיי געווען און מיר — זאַלבע צווייט. אַלע האָבן מיר געוואָלט, אַז מען זאָל אונדז אַרײַנפירן צום סעקרעטאַר פון צ״ק, כדי פאַרשטעלן די ענינים וואָס וואַרטן אויף אַ לייזונג.

איך געדענק זייער גוט — און ער, מײַן גאַסט, שײַנט אַזש פון נחת, ווען איך דערמאָן מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי אַזוי אַלע דרײַ האָבן אויסגעזען. אַלע אין לאַנגע, רויטאַרמייִשע שינעלן, מיט פּיסטאָלעטן בײַ דער זײַט. אַלע דרײַ — פּאָעטן, געקומענע פון יעקאַטערינאָסלאַוו און יעדער פון זיי מיט אַ בינטל לידער, וואָס בעט זיך ממש אָפּגעדרוקט צו ווערן אין אַ גאַנץ ביכל. זייערע נעמען: סוויעטלאַוו, גאָלאָדני און יאַסני. יאָ, איצט דערקען איך שוין. כ׳בין אַ ביסל נישט דרײַסט מיט מײַן אַנטציקונג. פאַר מיר שטייט דער באַוווּסטער דיכטער מיכאַיִל גאָלאָדני. ער שטרעקט ענערגיש אויס די האַנט און דריקט מיך צו זיך. „זע, ווו ס׳איז אונדז באַשערט זיך צו טרעפן״. ער משלט געגעני אָפּ, ווי אַזוי מיטקע מאָגין און איך האָבן דעמאָלט, מיט 18 יאָר צוריק, אויסגעזען. ער געדענקט, אַז מיר ביידע זענען דעמאָלט געקומען מיט אַ פּראָיעקט אַרויסצוגעבן אַ ייִדישע יוגנט־צײַטונג אין קיִעוו. פאַרשטייט זיך, אַז וואָס שייך מײַן גורל האָט ער

---

* אויף אוקראַיִניש — אַ קליין יאַטל.

גאָרנישט געוווּסט, אָבער מיט מאָנינען טרעפט ער זיך ביז היַינט. „אַ גליק איז אים געשען — זאָגט ער — מיטקע איז בעת דער שחיטה געווען אין טשעכאָסלאָוואַקיע אַלס פאַרשטייער פון דער סאָוועטישער טעלעגראַפן־אַגענטור. צי מען האָט אין אים פאַרגעסן, אָדער עפּעס אַנדערש איז אים בײַגעשטאַנען...״

בעת דער שחיטה... שוין פון צווייטן יוגנט־חבר הער איך די זעלבע רייד, וועלכע מיר, אין תּפיסה, האָבן געהאַלטן פאַר אַ בייזער אויסטראַכטעניש פון דער רעאַקציאָנערער פּרעסע, וואָס פלעגט, חוץ אין בריסק, אומעטום דערגיין צו אונדז, הגם מיט שוואַרצע פלעקן פון דער ספּעציעלער צענזור.

איך שטיי צו אים צו, אַפּעליר אין נאָמען פון יענע „וווּנדערלעכע צוואַנציקער יאָרן״, ער זאָל מיר זאָגן דעם גאַנצן, דעם ריינעם אמת. ער קוקט מיך לכתּחילה אָן שטאַרק פאַרוווּנדערט, ווי איך וואָלט פון אים פאַרלאַנגט עפּעס אַזוינס, וואָס איז מחוץ זײַנע מעגלעכקייטן. באַלד אָבער דריקן זיך צונויף בײַ אים די אויגן־לעפלעך, ווי עס וואָלטן זײַנע גרויסע שוואַרצאַפּלען זיך אַראָפּגעלאָזט טיף אין זיך, כּדי פון דאָרט אַרויסקומען מיטן אָפּגלאַנץ פון אַנטשלאָסנקייט: מיר טרעפן זיך אין אָוונט בײַ מיר אין צימער.

ווען האָט דער דאָזיקער אָוונט באַוויזן אַריבערצושפּרײַזן די גרענעץ פון האַלבער נאַכט און נאָך דעם אָנשפּאַרן אין העל־גרויען פרימאָרגן — האָבן מיר ביידע נישט באַמערקט. דאָס פלעשל בראָנפן איז געווען אויסגעטרונקען ביזן דנאָ. קיין טראָפּן איז אויך נישט געבליבן אין די ווײַנפלעשלעך. ביידע זענען מיר אָבער געווען אומפאַרגעבלעך ניכטער.

איך קען נישט געטרײַ זאָגן וואָס מישקע גאַלאָדני האָט געפילט נאָכן איבערגעבן מיר די מוראדיקסטע אין אונדזער גאַנצן לעבן איוביאַדע. אפשר איז אים נאָכן „אַרויסלייגן״ פאַר מיר אַלץ, לײַכטער געוואָרן, אָט אַזוי ווי אַ גלייביקן ווערט לײַכטער נאָכן מתוודה זײַן זיך. און אפשר האָט ער געטראָגן פאַרדראָס אויף מיר פאַרן צושטיין צו אים מיט דער לעצטער פראַגע? בײַ מיר אָבער איז געווען דאָס געפיל, ווי די בלוטן וואָלטן פלוצלונג זיך פאַרהאַלטן און באַלד שנעל, האַסטיק ווידער געטומען פליסן.

מיט יעדן נײַעם נאָמען פון אונדזערעביידנס חברים, נאָענטע, באַקאַנטע, איז אַלץ גרעסער און גערדיכטער געוואָרן דער בית־עולם בײַ מיר אין האַרץ. מיכאל גאַלאַדני ווייס אויך וועגן איזי כאַריקן, וועלכער האָט פאַר־לוירן דעם באַוווּסטזײַן בײַם סאַמע אַרעסטירן אים, וועגן משה קולבאַקן, וועגן יאַשע בראַנשטיינען, וועגן משה ליטוואַקאָון. ער ווייס, אַז איציק פעפער האָט זיך געראַטעוועט אַנטלויפנדיק פון קיִעוו קיין קרים, ווו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן. אויך אין ביראָבידזשאַן האָט מען אַרעסטירט יידי־שע שרײַבערס. און ווידער זענען אַוועק צענדליקער נעמען פון די סאַמע פאַרדינסטפולע, אומדערשראָקענע אַנטייל־נעמער אין אַלע שלאַכטן פון דער רעוואָלוציע, גאָר באַזונדערס וועגן די נאָענטסטע אונדז ביידן — מענטשן פונעם יִחוסדיקן דור „קאָמסאָמאָלצעס פון די צוואַנציקער יאָרן". אַ פול־שטענדיקער חורבן! אַזוי ווי אין אָפּגרונט וואָלט אַרײַנגעשלײַדערט גע־וואָרן אַלץ, וואָס האָט מיט זיך פאַרקערפּערט דעם אָנהייב פון אונדזער נײַער צײַט־רעכענונג. פאַר וואָס? לשם וואָס? ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען? ווער איז שולדיק?!

מישע זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָנגעלענט אויף דער קאַנאַפּע. מײַנע פראַגעס דערגייען אַוודאי נישט צו אים. ער שווײַגט. און ווען כ'מורמל אויס, ווי פאַר זיך אַליין, די טענה: „און אַלע האָבן געשוויגן?!" — גיט זיך מישע אַ ריס פון אָרט, לעשט אויס די עלעקטריע און הייבט אָן שפּרײַזן אין דער פאַרטאָגיקער האַלב־פינצטערניש איבער מײַן צימער.

— האָסט דאָך געלייענט מאַין רידס דערציילונג „דער ריטער אָן אַ קאָפּ", וועלכער טראָגט זיך דורך סטעפּעס און וויסטענישן... און איך, און אַנדערע ווי איך, האָבן נישט געוואָלט בלײַבן קיין ריטערס אָן קעפּ...

כ'האָב נישט געוווּסט וואָס מישען צו ענטפערן. כ'בין געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און דערפילט אויף זיך זײַן האַנט, וואָס האָט געגלעט מײַן גערדיכטע טשופּרינע. כ'האָב דערהערט זײַן שטילן, ווייכן זאָג:

— האָסט זיך שטאַרק געעלטערט, ברודערקע, אַזוי פיל גרויע האָר בײַ דיר.

כ'האָב אים אָנגעקוקט דערשטוינט. קיינער האָט מיר ביז איצט נישט געזאָגט, אַז בײַ מיר זענען גרויע האָר פאַראַן. געענטפערט האָב איך אים

אָבער אַזוי, ווי דאָס וואָלט מיר שוין לאַנג געווען באַוווּסט. „דאָס איז פון יאָרן זיצן" — און באַלד זיך דערמאָנט יעמעליאַן־מילקעס רעפּרען: „ביי אונדז וואָלסטו געלעגן..."

*

דער טאָג האָט, ווי געוויינטלעך, זיך אָנגעהויבן מיט אַן אַ שיעור זאָרגן. אַ וועלט מיט אַרבעט איז געווען, און זי האָט צוגעדושעט און טיילווייז געשטילט דעם ווייטיק, מיט וועלכן מען האָט געדאַרפט, ווי מיטן גרעסטן סוד, זיך אויסהיטן.

פאַר וועמען?

אַנומלט זענען פון מינסק, פונעם שרייבער־פאַראיין, אַראָפּגעקומען דער סעקרעטאַר פון דער דאָרטיקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע מאָדעל, צוזאַמען מיטן יידישן דיכטער זעליק אַקסעלראָד. שמועסן מיר וועגן דאָס און וועגן יענץ און איך פיל פּלוצלונג, ווי זעליק קוועטשט מיר צו אַ פוס. כ'האָב אים גאָרנישט געדאַרפט פרעגן. כ'האָב פאַרשטאַנען דעם זין פון זיין וואָרענונג. אַ צווייטע וואָרענונג איז געקומען אויפן סאַמע אומגעריכטסטן אופן. נישט בסוד, נאָר הויך אויפן קול, שטורמיש, אָט אַזוי ווי נאָר איין פּרץ מאַרקיש האָט עס געקאָנט.

געקומען זענען פון מאָסקווע אַ סך יידישע שרייבערס, אַלע גוט באַקאַנטע. מיר האָבן זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט מיט זיי, צוגעגרייט צוויי ספּעציעלע זייטן אין דער צייטונג מיט אַרטיקלען וועגן יעדן שרייבער, איינגעאָרדנט אַ גרויסן ליטעראַרישן אָוונט אין שטאָטישן טעאַטער, באַגעגענישן מיט יידישע אַרבעטערס אין די פאַבריקן. געווען אויך אַ טרעפונג מיט די יידישע שרייבערס, וועלכע זענען קיין ביאַליסטאָק געקומען פון דער אָקופּירטער דורך די דייטשן וואַרשע. די דאָזיקע טרעפונג איז נאָך דעם שמועס מיט מיכאל גאָלאָדני געווען פאַר מיר באַזונדערס פייַנלעך. איך האָב דאָך גוט געפילט, ווי יעדער איינער פון די מאָסקווער יידישע שרייבערס לאָזט זיך אַליין צען מאָל בודק זיין איידער ער זאָגט אַ וואָרט, גיט אַן ענטפער אויף די פיל פראַגעס, וואָס אינטערעסירן דעם

גרויסן קאָלעקטיוו שרײַבער־פּליטים. אומדערטרעגלעך איז פֿאַר זיי דער קריטישער טאָן בײַ געוויסע היפּער־לינקע בעתן „פֿאַרשטעלן" און אָפּ־שאַצן די ווערק און די פּאָזיציע פֿון אייניקע ייִדישע שרײַבערס פֿון פּוילן. זיי, די סאָוועטישע, ווייסן גוט צו וואָס אַזעלכע „אָפּשאַצונגען" האָבן דער־פֿירט אין מאָסקווע, אין קיִעוו, אין מינסק. מיט אָנצוהערענישן האָט וועגן דעם עפּעס וואָס דערציילט זײַנע צוויי אַמאָליקע סטודענטן — בוקאָוויטשן און מיך — אונדזער אַמאָליקער אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר יצחק נוסינאָוו, וועלכן מיר האָבן צוגענומען פֿון האָטעל צו זיך אַהיים.

...ווי אַ וויכער האָט אין מײַן רעדאַקציע־צימער זיך אַרײַנגעריסן פּרץ מאַרקיש. ער איז צו צו מײַן טיש, זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אין אים, ווי בײַ אַ שטענדער, און האָט מיט צאָרנדיקע אויגן אַרויסגע־לייגט פֿאַר מיר אַזאַ מין אולטימאַטום:

— אויב דער דאָזיקער נפֿש, וואָס זיצט אין יענעם צימער, אויף רעכטס, וועט זײַן דאָ, אין רעדאַקציע, וועט מײַן פֿוס אַהער נישט אַרײַנטרעטן!

כ'האָב בײַ מאַרקישן גאָרנישט געפֿרעגט. כ'האָב געוווּסט, אַז דאָ גייט אַ רייד וועגן דעם נײַעם רעדאַקציע־מיטאַרבעטער, וועלכער האָט קיין ביאַליסטאָק געטראָפֿן אַזש פֿון ביראָבידזשאַן, דעם ייִדישן שרײַבער הירשל ווינאָקור. עפּעס וואָס איז צו מיר דערגאַנגען וועגן דער ראָל פֿון דעם דאָזיקן מענטשן בעת דער שחיטה אויף די דאָרטיקע ייִדישע שרײַבערס. גענוי האָב איך אָבער נישט געוווּסט און מענטשן האָבן זיך געהיט צו רעדן וועגן דעם. צו דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע האָבן מיר אים גערן צוגענומען, ווײַל מיר האָבן זיך שטאַרק גענייטיקט אין אַ מענטשן, וועלכער איז באַקאַנט מיט דער סאָוועטישערווירקלעכקייט. דער גאַנצער רעדאַקציע־קאָלעקטיוו איז באַשטאַנען פֿון וואַרשעווער און ווילנער ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן. געאַרבעט האָבן דעמאָלט אין דער רעדאַקציע בינעם העלער, בערל מאַרק, דוד ספֿרד, פּסח בינעצקי, שמואל דרייער, מאיר פּופּס, שלום זשירמאַן — מענטשן מיט הויכע ליטעראַריש־זשור־נאַליסטישע קוואַליפֿיקאַציעס, אָבער מיט נישט קיין גענוגנדיקער באַהאַוונט־קייט אין דער קאָנקרעטער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. און דאָ קומט אַ מענטש — אַ סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער, אַן אַבסאָלווענט פֿון אָדע־

סער ייִדישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוּט, אוּן לייגט פּאָר זײַן מיטאַרבעט. האָבן מיר אים צוגענוּמען. קיין סימפּאַטיע האָט ער בײַ קיינעם נישט געוועקט. שווער געווען פּאָר אוּנדזערס אַ מענטשן צוּ „פּאַרדײַען" זײַנע אוּנטערלע־קערישע שטיק, זײַן שטענדיקן פּאַטאַקעווען בעתן באַהאַנדלען רעדאַקציאָ־נעלע ענינים. עמעצער האָט געהאַט געוואָרנט, זיך צוּ היטן מיט אַן איבע־ריק וואָרט, מען האָט אים געהאַט געזען אַרײַנגיין אין דער גרויסער גע־בײַדע אויף מיצקעוויטש־גאַס (ווּוּ עס איז געווען די נ.ק.וו.ד.). מחוץ דער רעדאַקציע האָט קיינער מיט אים קיין מגע־ומשׂא נישט געהאַט.

...פּרץ מאַרקיש רײַסט זיך אַפּ פוּנעם טיש, הייבט אָן צוּ שפּרײַזן הין אוּן צוּריק איבערן צימער אוּן שיט פּעך אוּן שוועבל. ווען ער האָט פּלוּצלוּנג זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך שוין געוווּסט, אַז באַלד וועט פּאַלן אַ באָמבע.

— דאָס האָט די דאָזיקע נבֿלה אָוועקגעזעצט אין תּפיסה די ייִדישע שרײַבערס יאָסקע ראַבינען, הירשל דאָבינען אוּן נאָטקע ווײַנהויזן, וועלכע זענען געקוּמען העלפֿן בויען די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט. ס'איז דיר אפשר ווייניק ? טאָ נאָ דיר נאָך...

ווען דער פֿײַערשפּײַענדיקער באַרג האָט אַ ביסל זיך אײַנגעשטילט, האָב איך אין פּרץ מאַרקישעס אויגן דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויס־געדריקט מיטלײַד. ער האָט מיט זײַן „נוּ, ניטשעוואָ" אַזוי ווי געבעטן אַנטשוּלדיקוּנג, צוגעבנדיק אויפֿן קול: „אַזאַ פּאַרכעוואַטע ציג צווישן אַזעלכע גוּטע מענטשן".

בײַ ווינאָקורן האָט די ערד גענוּמען ברענען אוּנטער די פֿיס. פֿון דער רעדאַקציע האָט ער געמוּזט גאָר גיך זיך אָפּטראָגן. איין מאָל האָט ער דערזען, אַז צוּ מיר אין צימער איז אַרײַן דער באַפֿרײַטער פֿון לאַגער, געוועזענער אָנפֿירער פֿון ביראָבידזשאַנער ראַדיאָ, מײַן יוּגנט־חבֿר נאָטקע ווײַנהויז. ווינאָקור איז מיט קעצישע טריט אים נאָכגעגאַנגען. ער איז אַרײַן צוּ מיר אין צימער, דערנענטערט זיך צוּ נאָטקען אוּן מיט אַ פּאַס־קוּדנער רחמנות־גרימאַסע אויף דער צוּרה גענוּמען בײַ אים בעטן: „זײַ מיר מוחל, מען האָט מיך געצווּנגען..."

נאָטקע האָט זיך פון אים אָפּגערוקט. געזאָגט בלויז „פּאַשאָל וואָן, סוואָלאָטש" און האָט שווער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל ביי מיין טיש.

ערשט דעמאָלט האָב איך באַוויזן רעכט אָנצוקוקן נאָטקען, זוכנדיק אויף זיין פּנים די שפּורן פון דעם אַמאָליקן ליבלינג פון מינסקער קינ־דער, דעם פירער פון די יונגע פּיאָנערן און רעדאַקטאָר פון דער יידישער קינדער־צייטונג. זיין געדיכטער קאָפּ האָר איז געווען פולשטענדיק גרוי. אויפן לעבעדיק־באַוועגלעכן פּנים — טיפע קנייטשן. פון אַמאָל איז ביי אים געבליבן בלויז דאָס העל פייערל אין די פעך־שוואַרצע אויגן.

ער האָט מיך באַטראַכט פון אַלע זייטן און שטיל געפרעגט: „וועז, ברודערקע, וועט עס נעמען אַ סוף צו אונדזערע צרות?"

נישט געוווסט האָבן מיר ביידע, אַז די ביז־דעמאָלטיקע ליידן זענען געווען בלויז אַ פאָרשפּיל צו דעם, וואָס אונדז ביידן איז גאָר אין גיכן פאָרגעשטאַנען.

19

אין געטאָ

דער חשבון, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ פאַלשער. ווען מיט צעבלוטיקטע פיס, טויט מיד פונעם לאַנגן וועג, וואָס האָט גע־זאָלט ערגעץ ווו פירן, זענען מיר אויף נאַכט פאַרשפּאַרט געוואָרן אין סלאָנימער בית־מדרש, האָב איך אַזאַ מין פּלאַן אויסגעלייגט פאַר מײַן וואַנדער־חבר, דעם אַלטן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־טוער און שרײַבער דוד ריכטער (מיט וועלכן מיר האָבן צוזאַמען, אינעם ערשטן טאָג פון היטלערס אָנגריף אויפן ראַטן־פאַרבאַנד „געמאַכט" דעם לעצטן נומער פון דער צײַטונג „ביאַליסטאָקער שטערן" און צוזאַמען אים אויסגעקלעפּט אויף די ווענט אין די פּולשטענדיק פּוסטע ביאַליסטאָקער גאַסן): דורך הינטערוועגן, כדי נישט אַרײַנצופאַלן אין היטלערישע הענט, וועלן מיר פּרוּוון דערגיין ביז מינסק. ס'קאָן זײַן, אַז די הויפּטשטאָט פון ווײַסרוסלאַנד איז שוין אויך פאַרנומען דורך די דײַטשן, אָבער דאָרט וועלן מיר האָבן פאַר זיך צוויי מעגלעכקייטן: געניי זיך דערוויסן ווו ס'איז די פראָנט־ליניע, כדי זיך צו לאָזן אַהין און פּרוּוון איר דורכצוגיין, אָדער געפינען אויפן אָרט — פאַרט די הויפּטשטאָט! — פאַרבינדונגען מיט באַקאַנטע, כדי צוזאַמען זוכן אַ וועלכן עס איז אויסוועג. בלײַבן אין סלאָנים האָט, על־כּל־פּנים, קיין שום זין נישט געהאַט.

דוד ריכטער האָט נישט דערווידערט. ער האָט לאַנג געשוויגן. בעת אַן אָנפאַלי פון דער דײַטשער אַוויאַציע, ווען מיר האָבן זיך געפונען נישט ווײַט פון וואָלקאָוויסק האָט ער, אַ שטאַרק קורצזיכטיקער, פאַרלוירן זײַנע ברילן. גאָר אָפט פלעגט ער נעמען פינטלען מיט די אויגן, זיי צונויפזשמורען, כדי עפּעס צו דערזען. איצט איז ער געלעגן אויף דער בית־מדרש־באַנק, דעם פּנים געווענדט צו דער הויכער סטעליע און האָט לאַנג, לאַנג זיך

נישט אָפּגערופן. אַ פולשטענדיק גלײַכגילטיקער האָט ער אַזוי ווי פאַר זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: נישטאָ נאָך וואָס צו גיין... נישטאָ וווהין צו גיין...

ער איז געבליבן אין סלאָנים און גאָר גיך אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די דײַטשן.

לאַנג האָט געדויערט דער וועג קיין מינסק. איידער כ׳האָב דערגרייכט אַהין איז אויסגעקומען צו דערשפּירן דעם טעם פון אַן אימפּראָוויזירטן אויף שנעל דײַטשישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, פון וואַנענט עס האָט זיך אײַנגעגעבן, צוזאַמען מיט מײַן פּוילישן חבר מיעטשיסלאַוו קאָזאַק, צו אַנטלויפן. בײַ סטאָלפּצע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז נישט בלויז מינסק איז שוין פאַרנומען, נאָר די היטלערישע אַרמייען זענען שוין בײַ אָרשע. הייסט עס, אַז פונעם חשבון, וואָס שייך דורכרײַסן זיך דורכן פראָנט, האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן. בלײַבט די צווייטע מעגלעכקייט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך זי האָט נישט קיין שום האָפט. אין מינסק בין איך אָנגעקומען, בעת דאָרט איז שוין אָנגעגאַנגען די גרויסע וואַנדערונג: ייִדן פון אַלע עקן שטאָט האָבן זיך איבערגעטראָגן אין דער געטאָ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בײַ דער ניעמיגע. ווײַסרוסן, רוסן און אַנדערע „אַריער" האָבן פון דער אויסגעטיילטער געטאָ־טעריטאָריע זיך אַרויסגעצויגן אין די פרײַ געוואָרענע ייִדישע דירות.

אַלץ אין דער דאָזיקער שטאָט האָט דערמאָנט אין אַ לעבן, וואָס איז פול געווען מיט אַרבעט און מיט האָפענונג. אויף סאָוועטסקע־גאַס האָט גע־ברענט דאָס שרײַבערהויז. און איך האָב געטראַכט, אַז אפשר וועל איך דאָרט עמעצן טרעפן. באַקאַנטע האָב איך ערשט באַגעגנט בײַ דעם יודענ־ראַט, ווו עס זענען אין רעדלעך געשטאַנען מאַסן מענטשן, געקומענע זיך רעגיסטרירן, אין הסכם מיט דער פאַראָרדענונג פון דער דײַטשישער מאַכט אין באַקאַנטן נוסח, וואָס דראָט, אין קעגנפאַל, מיט טויטשטראָף.

באַקאַנטע האָבן זיך כּלל נישט געחידושט, פאַר וואָס איך האָב נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. זיי זענען דאָך אַלע געווען אין דער זעלבער לאַגע. מען האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות די פריִערדיקע באַלעבאַטים, קודם־כּל דעם ערשטן סעקרעטאַר פון ווײַסרוסישן צענטראַל־קאָמיטעט פּאָנאָ־

מאָרענקאָן. אַלע ווי איינער זענען זיי פּחדנותדיק אַנטלאָפן, איבערלאָזנ־דיק אַ שטאָט מיט מענטשן בײַם גראָבן שוצגריבער. קיין איין וואָרע־נונג איז נישט געווען, קיין איין רוף נישט, מען זאָל זיך עוואַקויִרן. מען האָט אַלעמען, קודם־כּל אַ שטאָט מיט ייִדן, וואָס איז אויסגעשטעלט געווען אויף טויטגעפאַר, ממש איבערגעגעבן אין די הענט פון די דײַטשן.

איך באַגעגן זיך מיט אַלטע, אויסגעפּרוווטע אונטערערדישע טוערס. פון זייערע אויגן קוקט אַרויס אַבסאָלוטע רעזיגנאַציע. מײַן לאַנדסמאַן ל. פישמאַן, וועלכער איז אַזש פון הינטער זעמבראַווע, פון דער דעמאָל־טיקער גרענעץ, דערגאַנגען ביז מינסק, האָט זיך מיט מיר דערפרייט. „עס וועט זײַן — זאָגט ער — מיט וועמען צוריק צו גיין... דאָרט זענען פאַרט דאָ באַקאַנטע...״

אין דעם איבערפולטן געטאָ־צימער, ווו די נאַכט האָט נאָך געהאַט געבראַכט אַ ביסל רו און אַנטשפּאַנונג, נאָך אַ טאָג פול מיט אויסזיכט־לאָזיקייט, מיט פּײַן, האָב איך גענומען זוכן אין דער פאַרגאַנגענהייט אַ וועלכע ס'איז אַנאַלאָגיע צו אונדזער איצטיקער, פולשטענדיק אויסוועג־לאָזער לאַגע. און כ'האָב זי געפונען אין דער דורכגעלעבטער (אין 1927סטן יאָר) צוזאַמען מיט דוד האָפּשטיינען ערד־ציטערניש אין קרים.

פונעם ערשטן שטאַרקן טרייסל איז דעמאָלט אײַנגעפאַלן די וואַנט מיטן באַלקאָן פון מײַן צימער. מײַן שכן, אַ פלאָט־קאַפּיטאַן, האָט מיך אָפּגעשלעפּט פאַרן קאָלנער און אַזוי אַרום געראַטעוועט פון טויט. מענטשן זענען געלאָפן פון איין אָרט אויפן צווייטן, ווי פולשטענדיק דולע. הינטער אונדז האָט די ערד זיך געשפּאָלטן. פון ים האָבן אויסגעשאָסן הויכע וואַ־סערפאַלן, וואָס האָבן געגרייכט פונעם פײַער־שפּײַענדיקן דנאָ. „וואָס טוט מען ?״ — האָט דער גרויסער דיכטער געפרעגט דעמאָלט בײַ מיר און ביידע האָבן מיר געוווסט, אַז קיין שום אויסוועג איז נישטאָ. די גאַנצע קאָמוניקאַציע איז געווען פאַראַליזירט. אַפילו אויפן ים האָבן זיך נישט באַוויזן קיין שיפן. צי דען זשע מוזן מיר אומקומען ?..

בײַ דער געטאָ טרעף איך נאָטקע ווײַנהויז טאַטן. סך־הכּל מיט עטלע־כע חדשים צוריק האָט ער מיך אויפגענומען בײַ זיך אין דער היים אַזוי ברייטהאַרציק, וואַרעם, מכבד געווען פונעם שענסטן און בעסטן. ער, דער

אַלטער בוי־אַרבעטער און געזעלשאַפטלעכער טוער, איז נישט איין מאָל באַשריבן געוואָרן אין דער אָרטיקער פּרעסע. איצט האָט ער געקוקט אויף מיר מיט אַבסאָלוטן גלייַכגילט. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט ענטפערן אויף מייַן פראַגע, וואָס איז מיט נאָטקען. און אַז כ׳בין שוין שטאַרק צו־געשטאַנען צו אים, האָט ער נישט גערן געענטפערט, אַז נאָטקע ליגט אייַנגעפּאַקט אויפן בוידעם.

טאַקע פונעם בוידעם, ווו נאָטקע האָט אויסבאַהאַלטן אַ ראַדיאָ־אַפּאַ־ראַט, האָט ער מיר דערזען גייענדיק צו אים. ער איז אַראָפּ אין שטוב. געגעבן מיר עפּעס וואָס אָפּצועסן. איך האָב שוין דעמאָלט שטאַרק געהונ־גערט. געווען סימנים פון געשווילעכץ. כ׳האָב גאַרנישט פאַרמאָגט אַזוינס, וואָס מען זאָל קענען פאַרהאַנדלען אויף ברויט. געשפּייַזט האָב איך זיך מיט געפונענע מערן און רעטעכלעך אויף שטאָטישע גערטנער. מענטשן זענען אָבער דאָרט שוין געווען פאַר מיר און האָבן קנאַפּ וואָס געלאָזט נאָך זיך. גיין אַרבעטן צו די דייַטשן, כּדי צו באַקומען עפּעס אָפּצועסן, האָב איך נישט געוואָלט. כ׳האָב זיך אויך נישט געטאָרט צו פיל וואַרפן אין די אויגן, כּדי נישט באַגעגענען זיך מיט אומזיכערע פאַרשוינען. און אַזעלכע זענען שוין באַלד בייַם אָנהייב געווען אין דער געטאָ.

אויף מייַן פראַגע: „וואָס טוט מען?״, האָט נאָטקע געענטפערט מיט אַ פולשטענדיק פאַרלוירענעם בליק. ער זיצט אַ באַהאַלטענער, ווייַל צו פיל מענטשן קענען אים. ער הערט נאָך אַנאַנד ראַדיאָ. שווער אַפילו צו זאָגן, אַז פון דאָרט זאָל מען טרייסטן מיטן געווייַנטלעכן, קאַזיאָנעם אָפּטימיזם. איין מפּלה נאָך דער צווייטער — און מען זעט נישט קיין סוף. זיצט ער אויפן בוידעם און שרייַבט... ער פאַרשרייַבט אַלץ וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין משך פון די מגפה־יאָרן, בעתן זייַן אַרעסטירט. אויף מייַן פראַגע, צי איז דען איצט די פּאַסיקע צייַט, עס קען דאָך אַ מאָל אַרייַנפאַלן אין די הענט פון די היטלעריסטן?! — ענטפערט ער, אַז קיין „פּאַסיקע צייַט״ זעט ער שוין בכלל נישט פאַר, און עמעץ מוז דאָך וועגן עס איז דערציילן וועגן דער „עפּאָכע פון גרויסן פאַרברעכן״.

— אפשר זאָל איך דיר איבערלייענען אַ „שטיקל״, כּדי דיך צו דער־מונטערן? — לייגט פאָר נאָטקע.

און ער האָט מיר פֿאַרגעלייענט זײַנע פֿאַרצייכענונגען וועגן לעצטן טאָג פֿון דער אויספֿאָרשונג אין דער בירָאָבידזשאַנער נ.ק.וו.ד. געווען איז עס דער צענטער טאָג פֿון דער נאָך אַנאַנד דויערנדיקער אויספֿאָרשונג „וועגן דער פֿאַרשווערונג אָפּצורײַסן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַטיווער ראַטן־רעפּובליק און זי פֿאַראייניקן צו יאַפּאַן אַלס אַ „יעווגאָ" (לויטן בײַשפּיל פֿון מאַנדזשוריע, וואָס איז דורך די יאַפּאַנער אָפּגעריסן געוואָרן פֿון כינע און אונטערן נאָמען „מאַנדזשוגאָ" פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יאַפּאַנישער קאָלאָניע). גאַנצע מעת־לעתן האָט מען נאָטקען געהאַלטן שטייענדיק, מיט אַן אָנגעשטעלטן אויף אים רעפֿלעקטאָר, נישט לאָזנדיק אים אײַנדרימלען. באַגלייט איז עס געווען מיט אומאויפֿהערלעכע, מיאוסע זידלערײַען. נאָטקע איז דערפֿירט געוואָרן צו אַ צושטאַנד, ווען ער האָט געפֿילט, אַז ער פֿאַרלירט די פֿעיִ־קייט זיך אַליין צו קאָנטראָלירן. איין געדאַנק האָט ווי אַ זייגער־אומרו נאָך אַנאַנד זיך באַוועגט אין זײַן מוח: נישט אונטערשרײַבן! גאָרנישט אונ־טערשרײַבן! אויפֿן צענטן טאָג האָט אָבער אויך דער דאָזיקער געדאַנק געגנומען זיך אויסלעשן. אויף אַ רגע בלויז, אָט אַזוי ווי אין אַן אויסגייענ־דיקן לאָמפּ, האָט עס פֿלוצלונג אַ בליץ געטאָן: ער וועט זיך מודה זײַן!

דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער איז געווען אויסער זיך. געגומען זיך צום פּראָטאָקאָל און דאָרט פֿאַרשריבן: דער באַשולדיקטער אין קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערער טעטיקייט און שפּיאָנאַזש לטובֿת יאַפּאַן, נאָטע ווײַנהויז, איז זיך מודה, אַז בראש פֿון זײַן אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפֿונען איינער מיטן נאָמען בויטרע, וועמענס ווינאָרט, אַלס שטרענג־פֿאַרקאָנספּירירטן, איז דעם באַשולדיקטן נישט באַקאַנט...

אַוועק איז אַ דעפּעשע פֿון בירָאָבידזשאַן קיין כאַבאַראָווסק, פֿון דאָרט — צו אַלע נ.ק.וו.ד.־אָפּטיילן אויפֿן גאַנצן ווײַטן מיזרח מיט אַ קאָפּיע קיין מאָסקווע. דער גאַנצער מוראדיק גרויסער אַפּאַראַט פֿון די זיכערהייטס־אָרגאַנען האָט אַרומגעזוכט דעם נישט געכאַפּטן ביז איצט געפֿערלעכן פֿאַר־ברעכער, דעם יאַפּאַנישן שפּיאָן בויטרע. געזוכט לאַנג לאַנג האָט געדויערט דאָס זוכן, אַזוי לאַנג, אַז פֿאַר דער צײַט האָט אײַנגענומען אַ וויסטן סוף יעזשאָוו און אויף זײַן אָרט איז געקומען בעריאַ, מיט אַ געוויסער מילדערונג אין

דעם מאָסן־טעראָר. צו יענער צײַט האָט זיך געפונען עמעצער אינעם צענ־טראַלן אַפּאַראַט פון נ.ק.וו.ד. אין מאָסקווע, וועלכער האָט אויפגעקלערט די לײַט פון ביראָבידזשאַנער נ.ק.וו.ד., אַז מען האָט זיי פאַרפירט אין באָד, ווײַל בויטרע איז דער העלד פון אַ פּיעסע, וואָס איז גאָר נישט לאַנג גע־שפּילט געוואָרן אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, ביז דער אויטאָר פון דער דאָזיקער דראַמע, משה קולבאַק, איז אַרעסטירט געוואָרן אַלס... פּוילישער שפּיאָן.

אויפן האַרצן איז געווען אַזוי שווער, אַז עס האָט זיך אַפילו אַ לאַך טאָן נישט געוואָלט פון דעם דאָזיקן אַנעקדאָט. בפרט, אַז אין שטוב איז מיט אַ שווערן, מידן טראָט אַרײַנגעקומען נאָטקעס טאַטע. ווען ער האָט דערזען אויפן טיש דעם ליידיקן טעלער נאָך דער זופּ, וואָס איך האָב אויפ־געגעסן, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר דולע אויגן און האָט זיך צעשריגן נישט מיט קיין מענטשלעך קול: „מיר וועלן דאָ אַלע פון הונגער אויסגיין, הערסט, זון מײַנער, פון הונגער וועלן מיר פּגרן, און דו ברענגסט דאָ צו שלעפּן נאָך פּרעסערס... כ׳וועל עס נישט אויסהאַלטן...״ ער איז אין חלשות אַנידערגעפאַלן אויף דער דערבײַיִקער קושעטקע און נאָטקע האָט אים געגומען מינטערן, באַרויִקן. שפּעטער, ווען מיר איז אויסגעקומען אין געטאָ צו זײַן אַ געוויסע צײַט אין דער סביבה פון דאָקטוירים, האָבן זיי געוווּסט צו דערציילן וועגן אַ סך פאַלן פון היסטעריע צוליב מורא אויסצו־גיין פון הונגער. און גראָד פלעגט זיך באַווײַזן די דאָזיקע קרענק בײַ מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט געוויסע זאַפּאַסן שפּײַז.

נאָטקע האָט מיך פאַרבונדן מיטן שעף פון דער געטאָ־פּאָליציי (אַן אייגענער בחור, שפּעטער געהערט צו דער אונטערערדישער קאַמפס־אָרגאַ־ניזאַציע) זיאַמקע סערעבריאַנסקי, וועלכער האָט פאַר מיר געמאַכט אַ געפעלשטן געטאָ־פּאַספּאָרט אויפן נאָמען „יעפים סטאָלאַרעוויטש״. ער האָט אויך פון צײַט צו צײַט געזאָרגט, אַז כ׳זאָל באַקומען אַרבעט אין געטאָ גופא, פאַר אַ שטיקל ברויט און אַ טעלער זופּ פון קאַרענע מעל. די גע־שווילעכץ פון מײַן פּנים און קערפּער האָט גענומען אָפּגיין.

גענומען האָט אויך אָפּגיין די אויסזיכטלאָזיקייט, אַרויסגעשטויסן גע־וואָרן ביסלעכווײַז דורך דער פּערספּעקטיוו צו געפינען מיטלען און וועגן

אַקטיוו זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם שׂונא. צוזאַמען דערמיט זענען אויפגע־קומען סיטואַציעס, פֿאַר וועלכע מען האָט געקענט געפֿינען אַן ענלעכקייט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. אַ שטייגער — דאָס רעכט צו באַשליסן וועגן גוֹרל פֿון הונדערטער און טויזנטער מענטשן, אַפֿילו פֿון דער גאַנצער געטאָ. אַזעלכע רעכט האָט זיך גענומען דער דרײַלינג, אין וועלכן איך בין גע־ווען דער סעקרעטאַר. און מענטשן האָבן פֿאַנאַטיש געגלייבט, אַז אין אונ־דזערע הענט, אַלס אָנפֿירערס פֿונעם געטאָ־אונטערערד, געפֿינט זיך דער שליסל צום קאַמף פֿאַר בלײַבן לעבן.

...אויסגעזען האָט עס, אַז דער פֿאָרזיצער פֿון יודענראַט אליהו מושקין פֿלעגט קומען מיט אַ געוויינטלעכן וויזיט אין געטאָ־שפּיטאָל, כּדי צו באַ־זוכן די קראַנקע, זיך אינטערעסירן מיט דער אַרבעט פֿון די דאָקטוירים, דורכשמועסן זיך מיטן דירעקטאָר ד״ר לייב קוליק און בעת־מעשׂה, דורכ־גייענדיק אַלע אָפּטיילן פֿון שפּיטאָל — אַרײַנקוקן אויך אין דער קיך און בײַם סאַמע סוף — אין קעלער, ווו בײַ די קעסלען האָב איך געאַרבעט אַלס הייצער. דאָרט פֿלעגט ער פֿלוצעם פֿאַרלירן די גאַנצע געזעצטקייט פֿון אַן „עלטעסטן דער יודען״ און געשטאַנען איז ער אַ הילפֿלאָזער, לײַדנ־דיקער ייִד, וועלכער איז געקומען צו מיר זוכן אַן אויסוועג, אַ מעגלעכ־קייט אַרויסצוגיין אין וואַלד. אַנשטאָט דעם האָט ער אָבער באַקומען אַלץ נײַע און נײַע אויפֿגאַבן וויפֿל און פֿאַר וועלכע פֿאַרטיזאַנער־אָפּטיילן ער דאַרף „מאָביליזירן״ מיטלען; וועלכע באַפֿעלן פֿון די היטלעריסטן דאַרף מען סאַבאָטירן, אין וועלכער מאָס און ווי אַזוי. און דאַן — אַ קליינע לעק־ציע פֿון קאָנספּיראַציע, ווי אַזוי זיך צו מאַסקירן, אַפֿילו פֿאַר משפּחה־לײַט. אין דער הינזיכט האָבן זיי, די סאָוועטישע ייִדן, נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג. עמעצער פֿון זיי האָט, ווײַזט אויס, מיך „באַכשפֿיאָנירט״ און אויס־געפֿונען, אַז כ׳האָב אַ פֿאַרבינדונגס־פּונקט אויף אָבוטקאָווע־גאַס, בײַ דער ספּעציעלער פֿאַרבינדלערין מיט דער „אַרישער זײַט״ נינע ליס. זענען זיי אַהין געקומען... און איך האָב צוליב דעם געמוזט פֿון דאָרט זיך אָפּטראָגן. געטאָן האָב איך עס, ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, באַצײַטנס, אין דער סאַמע לעצטער מינוט.

...אין יענער נאַכט און אויף צו מאָרגנס ביז 12 אַ זייגער ביי טאָג איז דער געסטאַפּאָ געגאַנגען אין אויסגעפינען מיך. פאַר דעם הויף, סך־הכל 3 הײַזער ווײַטער פון דעם אָרט, וווּ איך האָב דעמאָלט געוועכטיקט, זענען פאַרפאָרן נאָך האַלבער נאַכט געסטאַפּאָ־אויטאָמאָבילן. דאָס האָבן געהערט אַלע, וועלכע זענען וואַך געווען אין געטאָ. איך בין אַראָפּ אין דער „מאַלינע", וואָס חברים־פּאַכלײַט האָבן דאָ אויסגעבויט. אָבער אויך דאָרט איז דערגאַנגען דער אָפּהילך פון דער נאָכאַנאַנדיקער אויטאָמאַטן־שיסערײַ און פאַרצווייפלטע קולות פון פרויען און קינדער. אַ געוויינטלעכע געטאָ־נאַכט...

אין דער פרי קריך איך אַרויס פון דער „מאַלינע" און לאָז זיך גיין צום סטאָליער־וואַרשטאַט, וווּ עס אַרבעט דער מיטגליד פון אונדזער אַנ־טיפירנדיקן דרײַלינג מישע געבעליעוו, כדי פון אים זיך דערוויסן, וואָס אין דער דאָזיקער נאַכט איז געשען. ווער איך, ווי אַ סך אַנדערע מענער, פאַר־האַלטן דורך דער געטאָ־פּאָליציי און אָפּגעפירט... צו דעם הויז, וווּ גאָר נישט לאַנג איז געווען מײַן טרעפּאָרט — צו ניגעס דירה. מען באַפעלט אונדז אַרויסצוטראָגן די דערשאָסענע און זיי אָפּפירן אויפן בית־עולם.

אַלע אָברים זענען מיר ווי געליימט געוואָרן. כ'האָב קוים די פיס געקענט שלעפּן. פּלוצלונג דערפיל איך אויף זיך אַ האַנט, וואָס שלעפּט מיך אָפּ אין אַ זײַט. כ'דערזע פאַר זיך דעם מיטגליד פון יודענראַט און אָנגעהעריקער צו אונדזער אָרגאַניזאַציע הערש רודיצער. אין דער באַ־גלייטונג פון אַ געטאָ־פּאָליציאַנט האָט ער מיך אַרײַנגעפירט אין אַ נאָ־ענטער שטוב. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז געסטאַפּאָווצעס זענען בײַ נאַכט געקומען נאָך „יעפים סטאָלאַרעוויטשן" און נישט געפינענדיק מיך, האָבן זיי אויסגעהרגעט אַלע שכנים — פרויען, מענער, קינדער, צוזאַמען בײַ 70 מענטשן. צווישן זיי — נינען מיט איר קליין טעכטערל. געסטאַפּאָ האָט דעם יודענראַט געגעבן אַן אולטימאַטום: ביז 12 אַ זייגער בײַ טאָג מוז איך צוגעשטעלט ווערן, אַנדערש — וועט די גאַנצע געטאָ ליקווידירט ווערן...

רודיצער איז געזעסן אַ טויט־בלאַסער. אים איז שווער געווען צו רעדן און איך בין גראָד דעמאָלט געווען רויִק, פולשטענדיק רויִק און לחלוטין

גלײַכגילטיק צום אייגענעם גורל. אַזוי צוגעגרייט צום טויט בין איך, דאַכט זיך, נאָך קיין מאָל נישט געווען. כ׳האָב נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק, אַז כ׳דאַרף זיך צושטעלן אין יודענראַט. כ׳מוז אָבער וועגן מײַן באַשלוס מיטטיילן מישע געבעליעוון און זיאַמע אָקוניען — דעם נײַעם מיטגליד פון אונדזער דרײַלינג, אויפן אָרט פון מאָטיע פּרוסלינען, וועלכער איז אומגעקומען אין אַ פּאַרטיזאַנער־קאַמף. כ׳וויל אָבער, אַפילו אין דער דאָזיקער סיטואַציע, זיי נישט דעקאָנספּירירן פאַר הירש רודיצערן. בעט איך אים בלויז מיר צושיקן אַהער די מעדיצין־סטודענטן סאָלאָמאָניקן און יאַקובאָוויטשן, וועלכע זענען געווען צוגעטיילט צו מיר, בעת מײַן „רעזידענץ״ איז געווען אין דעם קעסל־אָפּטייל פון געטאָ־שפּיטאָל. אָנגעטוענע אין ווײַסע כאַלאַטן האָבן זיי אויף אַ טראָגבעטל מיך אָוועקגעפירט, אַלס אַ טיפוס־קראַנקן, אין שפּיטאָל־אָפּטייל פאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. אַהין, אָנגעטוענע אין דאָקטוירים־כאַלאַטן, האָט ד״ר קוליק אַרײַנגעפירט מישע געבעליעוון און זיאַמע אָקוניען. זיי ווייסן שוין וועגן אַלץ, חוץ וועגן מײַן באַשלוס. דער זייגער איז נאָענט צו 10. אין 2 שעה אַרום דאַרף די געסטאַפּאָ צוטרעטן אויסצופירן איר אורטייל. זיאַמע איז מסכים, אַז איך מוז זיך צושטעלן. „מיר זענען דאָך נישט פון הײַנט דערצויגן געוואָרן אַלס גרייטע צו ברענגען זיך אַלס קרבן פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסן. אין געטאָ זעט אַלץ אויס ברוטאַלער, נאַקעטער. נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג. וועסט גיין זיך צושטעלן. מיר וועלן די אַרבעט פאַרזעצן...״

ניין, מישע איז נישט מסכים. דער פלעגמאַטישער מישע געבעליעוו האָט פּלוצעם זיך גענומען היצן. קודם־כל, כדי צו ברענגען „סקראָמנען״ (מײַן פּסעוודאָנים אין דעם אַלשטאָטישן אונטערערד) פאַר אַ קרבן, דאַרף מען האָבן די סאַנקציע פון שטאָט־קאָמיטעט, פון סעקרעטאַר „סלאָוועק״. אָפּגעבן „סקראָמנען״ דער געסטאַפּאָ הייסט שטעלן אין קאָן אונדזער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך דערוואָרבן גרויס אָנזען בײַ די ייִדן. עס וועלן קומען צום וואָרט יענע, וועלכע וועלן טענהן, אַז צוליב אונדז האָט אַ גאַנצע געטאָ געקאָנט אומגעבראַכט ווערן. מיר וועלן דעמאָלט האָבן אַלץ פאַרשפּילט. און דער עיקר — דאָ האָט מישע אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן און גענומען אַרײַנרעדן אין זיאַמען — „דו דערמאָנסט זיך

ענלעכע סיטואַציעס אין דער געשיכטע? ניין? און איך גערענק. אַוודאי, כ׳וויל דאָ נישט פאַרגלייַכן, אָבער מיר לערנען דאָך פון אים, פון לעניגען. געדענקסט, ווען דער שונא האָט געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך צושטעלן, ערב דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, צום מישפט, וועלכער האָט באַדראָט זייַן לעבן. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ער דאַרף זיך צושטעלן, כדי צו ראַטעווען דעם אָנזען פון דער באַוועגונג. די מערהייט האָט באַשלאָסן אַז ער שטעלט זיך נישט צו. מען גייט נישט אויף הנחות מיטן שונא. מיר מיט דיר, זיאַמע, זענען די מערהייט...״

איבערצייַגט האָט ער זיאַמען מיטן צוזאָג, אַז תיכף וועט ער, מישע, זיך איבערטאָן, כדי אַרויס אויף דער אַרישער זייַט און דאָרט פאַרשטעלן דעם גאַנצן ענין פאַר די מיטגלידערס פונעם שטאָט־קאָמיטעט.

ווען מישע איז צוריקגעקומען פון דער „אַרישער זייַט״, איז אין געטאָ געווען שטיל, שטילער ווי אַלע מאָל. די וואַך פון ס.ס.־לייַט און פאָליציי איז שוין געווען אַראָפּגענומען. דער נייַער פאַרזיצער פון יודענראַט (נאָך דעם ווי אליהו מושקין, זיאַמע סערעבריאַנסקי און אַנדערע זענען אויפגע־האַנגען געוואָרן אין מיטן דער שטאָט) דער ווילנער ייִד יפה האָט, ווייַזט אויס, זיך דערמאָנט אין דער מכירת־יוסף־געשיכטע און האָט זי באַנייַט אין געטאָ אויף פאָלגנדיקן אופן: ער האָט אויסגעשריבן אַ געטאָ־פּאַספּאָרט אויף מייַן פאָלשן נאָמען „יעפים סטאָלאַרעוויטש״. דערמיט איז ער אַוועק אויפן בית־עולם און דעם דאָקומענט אויסגעשמירט אין בלוט פון די דער־הרגעטע בעת דער בייַנאַכטיקער שחיטה. דעם דאָזיקן פּאַספּאָרט האָט ער צוגעשטעלט דעם געסטאַפּאָ־שעף: „דאָס האָט מען געפונען אין קעשענע בייַ איינעם פון די דערשאָסענע. אַ סימן, אַז דער געזוכטער יעפים סטאָלאַ־רעוויטש לעבט נישט...״

בין איך, הייסט עס, ווידער אויפגעשטאַנען תחית־המתים.
שוין צום פינפטן מאָל.

אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע קעגן היטלעריזם אין מינסק און אין מינסקער געטאָ

פון רעכטס אויף לינקס: **מיכאל געבעליעוו** (פּסעוודאָנים „מישע״), פאָרשטייער פון געטאָ-צענטער אין אַלשטאַטישן קאָמיטעט; **איסאַי קאַזיניעץ** (פּסעוודאָנים „סלאַוועק״, „פּאָבעדיט״), סעקרעטאַר פון ערשטן אַלשטאַטישן קאָמיטעט פון דער קאַמפּס - אָרגאַניזאַציע; **הערש סמאָליאַר** (פּסעוודאָנים „יעפים״, „סקראָמני״), סעקרעטאַר פון ווידערשטאַנד-צענטער אין מינסקער געטאָ.

20

לעבעדיק באַגראָבן

אַ סך המצאות האָבן ייִדן באַוויזן בײַם בויען אין געטאָ „מאַלינעס״, אַ מקום־מיקלט זיך צו ראַטעווען פון די היטלעריסטישע אַקציעס. די מאַ־לינע, וואָס אַ בוי־אַרבעטער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט פאַר מיר, איז קיין מאָל נישט אַנטדעקט געוואָרן. היטלעריסטן זענען מיט שפּיר־הינט געוועזן לעבן איר, געזוכט און נישט געפּאַלן אויף מײַנע שפּורן. אַרום דעם אָרט, ווו איך בין געווען פאַרשטעקט, איז געווען אויסגעשאָטן מאַכאָר־קע. דאָס האָט אָפּגעטעמפּט דעם חוש פון די שפּירהינט. די מאַלינע איז געווען אַ לעבעדיקער קבר, ווו כ׳האָב געקאָנט בלויז שטיין אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, העכסטנס — אַ ביסל אײַנגעבויגן די פּיס ווי צום זיצן. דער אײַנפאַל איז באַשטאַנען אין צובויען אַ פּאַראַלעלע וואַנט צום קוימען פון ייִדישן שפּיטאָל. דער געשטעל פון קוימען האָט פאַרנומען אַ ברייטן פּלאַץ אויפן בוידעם און פון דאָרט אַרויסגעשטאַרצט איבערן דאַך. איך האָב געהאַט עטלעכע אָפּענע דאַכלקעס, צום אָטעמען מיט פרישע לופט, און אין באַשטימטע שעהען — צום אָבסערווירן, וואָס עס טוט זיך אין דער נאָענטסטער שכנהשאַפט. עסן און ידיעות פלעגט מיר דערלאַנגען אַ פאַרבינדלערין — אַ קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָט געוווּסט אין וועלכן אָרט מען קאָן אַרויסנעמען עטלעכע ציגל.

די אַקציע האָט אין יענעם הייסן זומערטאָג זיך אָנגעהויבן זייער פרי. כ׳האָב געהערט די קולות. כ׳האָב געהערט די שיסערײַ. די פאַרבינדלערין האָט זיך אַ גאַנצן טאָג נישט באַוויזן. כ׳בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און ביסלעכווײַז אויפגעהערט צו רעאַגירן אויף דער שיסערײַ. כ׳האָב געפילט, ווי טראָפּן נאָך טראָפּן טריפט אויס פון מיר דער ווילן צו לעבן. געקומען איז דער סוף פאַר אַלעמען. כ׳פלעג אויפצאַפּלען ווען

נישט ווען, דערהערנדיק נאָענט דעם אָנגעלויף פון דײַטשע שטיוול און גלײַך נאָך דעם — דעם פאַרצווייפלטן געשריי פון די געכאַפּטע. באַלד אָבער בין איך ווידער אַרײַנגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון פאַרגליווערטקייט, ווען די אויגן־לעפלעך האָבן פון זיך אַליין גענומען אַראָפּפאַלן און כ׳האָב מער נישט געהאַט נישט קיין ווילן און נישט קיין כּוח זיי צו עפענען.

אין אָוונט איז געקומען מײַן פאַרבינדלערין. אין געטאָ איז געבליבן בלויז אַ טייל פון די אַרבעטס־גרופּעס. אַלע — פולשטענדיק פאַריתומטע, אָן פרויען און קינדער, אָן טאַטע־מאַמע. די היטלעריסטישע אייבזאַץ־קאָ־מאַנדאָס האָבן צוגענומען אַלעמען, וועמען עס האָט זיך נאָר אײַנגעגעבן צו כאַפּן, אַרויסצושלעפּן פון די מאַלינעס. געשלעפּט האָט מען אויך פון דער יודענראַט־געבײַדע; דערשאָסן דעם פאַרזיצער יאַפּע. צוגענומען גע־טאָ־פּאָליציאַנטן, און אין אָוונט — כּדי דערגרייכן די אָנגעמערקטע צאָל אויף פאַרניכטונג, — זענען פאַרמישפּט געוואָרן צום אומקום אַ סך פון די פאַכלײַט, וועלכע האָבן ביז איצט אויסגעמיטן אַלע אַקציעס.

גרויס איז געווען דער חורבן אין אונדזער אָרגאַניזאַציע. מען האָט געכאַפּט מײַן נאָענטסטע מיטאַרבעטערין צעשע מאַדייסקער. געשען איז עס גראָד אין מאָמענט, ווען זי האָט געדאַרפט מיט איר קינד אויפן אָרעם אַרויסגיין אויף דער אַרישער זײַט, ווּ אויף איר האָט געוואַרט איר „אַרי־שע" שוועסטער דינה. צעשע האָט אין אירע הענט געהאַט די פאַרבינדונג מיט אונדזערע אָרגאַניזאַציעס אין גאַנצן רעכטן טייל פון געטאָ. אַ מערק־ווערדיק באַהערשטע האָט זי, די וווּנדער־שיינע, לעבעדיקע סטאַטוע, גע־ווירקט באַרויִקנדיק אויף אַלעמען, מיט וועמען זי איז געקומען אין קאָנ־טאַקט. כ׳האָב זיך קיין מאָל נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון דער אויסער־געוויינטלעכער רויִקייט, מיט וועלכער זי פלעגט באַטראַכטן די פאַרשיי־דענע, זייער פּײַנלעכע, זייער ריזיקאַלישע ענינים. מיר איז שווער געווען צו פאַרשטיין, ווי אַזוי קומט עס, וואָס אין משך פון חדשים זינט איר מאַן, דער ווילנער ייִדישער לעדער־אַרבעטער און מײַן תּפיסה־חבר מאיר פעלד־מאַן איז דורך אונדז אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַ פאַרטיזאַנער־אָפּטייל, האָט זי קיין מאָל בײַ מיר נישט געפרעגט, צי האָב איך וועלכע עס איז ידיעות וועגן אים. און פּלוצלונג — כאָטש נעם און ווער אָבערגלויבעריש, כּדי

זיך צו „דערקלערן" ווי אַזוי קומט עס, וואָס פונקט אינעם טאָג, ווען איך האָב דערהאַלטן די ידיעה פונעם פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל, אַז מאיר פעלדמאַן איז געפאַלן מיט אַ העלדנטויט, האָט צעשע צום ערשטן מאָל בײַ מיר געפרעגט, צי האָב איך נישט אַ געלעגנהייט איבערצושיקן עפּעס וואָס פאַר מאירן...

הויז פון מינסקער יודענראַט

די בית־עולם־שטילקייט אין דער געטאָ האָט פאַרטיפט די גלײַכגילטי־קייט בײַ מיר צו אַלץ. דרײַ מיטגלידער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געדאַרפט לויט דער ריי אָפּגעשיקט ווערן אין וואַלד — אברהם שליאַכטאָוויטש, ראובן הייבלום און נחום גאָלדזאַק האָבן מיר צוגעשיקט אין דער מאַלינע אַ בלעכענע כלי מיט פראַנצייזישן רויטן ווײַן, וועלכן זיי האָבן צוגעשלעפּט אין דעם דײַטשישן מאַגאַזין, ווו זיי זענען געווען באַ־שעפטיקט. איך האָב געטרונקען דעם ווײַן און האָב שטאַרק געוואָלט שיכור ווערן. אַזוי פיל ווײַן פאַר איין מאָל האָב איך נאָך אין מײַן לעבן נישט געהאַט אויסגעטרונקען. און כ׳האָב בשום־אופן נישט געקאָנט שיכור ווערן. עס איז נישט פאַרשוווּנדן פון מיר די אַבסאָלוטע אַפּאַטיע, ווען די פאַר־

בינדלערין איז פּלוצלונג געקומען צו מיר בײַ טאָג, און נישט אין דער גע־ווינטלעכער פּאַרנאַכט־צײַט, כּדי אָנצוזאָגן די בשׂורה, אַז אַ רוסישע פּרוי מיטן פּאַראָל פון אַלשטאָטישן קאָמיטעט איז געקומען אין געטאָ, כּדי זיך צו דערוויסן, צי איך לעב, און אויב יאָ — דאַרף זי מיט דער נאָענטסטער געלעגנהייט מיך אַרויספירן פון געטאָ. מאַריאַ גאַראַכאָוואַ (איר אמתער נאָ־מען — מאַיאָראָוואַ) האָט באַקומען אַ געלע לאַטע און איז געבליבן נעכטיקן אין געטאָ, כּדי אין דער פרי, מיט אַן אַרבעטס־גרופּע, אַרויסגיין צוזאַמען מיט מיר אויף דער אַרישער זײַט.

איך שלעף קוים די פיס, וועלכע האָבן זיך אין דער מאַלינע אָפּגעוווינט פון גיין. אין זכּרון קומען אויף די אָנהייב־שורות פון דוד האָפשטיינס אַ פּאָעמע:

„מײַן גלײַכגילט, מײַן גרויסער,
ער גילט דאָ פאַר אײַך נישט, פאַר קיינעם".

אין איינעם אַ טויער אויף דער „אַרישער זײַט" האָבן מיר אַראָפּגע־ריסן די געלע לאַטעס. מאַריע איז געגאַנגען פאָרויס און איך נאָך איר. וואָס נענטער מיר זענען געקומען צום צענטער פון דער שטאָט, אַלץ אומ־רויִקער בין איך געוואָרן. ווער איז זי, די מאַריע, און וווּהין פירט זי מיך? די גלײַכגילטיקייט טרעט אָפּ דאָס אָרט דער קאָנספּיראַטאָרישער פאַר־זיכטיקייט. עס קומט מיר אויפן זינען ווי אַזוי צו האַנדלען, אויב... בפרט ס'איז קיין שום ספק נישט: מאַריע פירט מיך צום פּלאַץ, וואָס איז פון אַלע זײַטן באַשטעלט דורך היטלעריסטן, צום פּאַלאַץ, ווו עס געפינט זיך דער אָקופּאַנטישער הערשער איבער ווײַסרוסלאַנד ווילהעלם קובע (וועל־כער וועט מיט אַ צײַט שפּעטער דערמאָרדעט ווערן דורך אונדזער אַ חברטע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג). ווײַזט אויס, אַז מאַריע האָט דערשפּירט די אומזיכערקייט אין מײַנע טריט, זי האָט אויף אַ ווײַלע קאָקעטיש אויסגעדרייט איר בלאָנדן קאָפּ און מיט אַ דיסקרעטן ווונק צו־געגעבן מיר מוט, כ'זאָל דרײַסט איר נאָכגיין.

זי האָט מיך צוגעפירט צו אַ הויף פּונקט אַנטקעגן ווילהעלם קובעס רעזידענץ און אויף דער פראַגע פון וועכטער וועמען זי פירט צו זיך האָט

זי געענטפערט, אַז כ׳בין אַ שלאָסער, וואָס דאַרף פאַרריכטן די וואַסער־קראַנען. זי האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ צימער אויפן ערשטן שטאָק, פון דאָרט אין אַ האַלב־פינצטער קעמערל, דערקלערנדיק, אַז דאָ וועל איך איבערוואַרטן ביז עס וועלן נישט קומען קיין אָנווײַזונגען וואָס ווײַטער צו טאָן.

און טאָן האָט מען מיר געהייסן אַ דרינגענדיקע אַרבעט. אַזוי ווי אַלס מערבדיקער בין איך דער איינציקער, וועלכער קען די ווײַסרוסישע קלאַ־באַראַנטישע פירערס „פון דער היים" — אַ שטייגער, דעם „פרעזידענט" פון אָקופּירטן ווײַסרוסלאַנד ראַמואַלד אַסטראָווסקין, מיט וועלכן כ׳האָב זיך געהאַט באַגעגנט אויג אויף אויג אין ווילנע בעת דער לאַנד־קאָנפע־רענץ פון דער ווײַסרוסישער שול־אָרגאַניזאַציע; דעם וויצע־פּרעזידענט סאָבאָלעווסקי, וועלכן מען האָט בשעתו, אין דער לוקישקער תפיסה, גע־פירט צוזאַמען מיט מיר קינסטלעך שפּײַזן בעתן צען־טאָגיקן הונגער־שטרײַק; דעם הויפּט־באַפולמעכטיקטן פון רײַכספירער ראָזענבערגס שטאָב, דעם „איינאויגיקן טײַוול" אַקינטשיצן, וועלכער איז בעת מײַן איזאָלאַציע אויפן 1טן פּאַוויליאָן אין לוקישקער תפיסה געזעסן אין אַ שכנותדיקער איינצל־קאַמער; דעם רעדאַקטאָר פון דער ווײַסרוסישער פאַשיסטישער צײַטונג קאָזלאָווסקי (וועלכן מען פלעגט גרינגשעצנדיק רופן „קאָזלאָוו־שטשיק"); דעם שעף פון דער ווײַסרוסישער פּאָליציי, דעם געוועזענעם ווילנער סטודענט סאַקאָוויטש, מיט וועלכן כ׳בין צוויי מאָל געזעסן אויף איין פליגל אין דער זעלבער תפיסה; די באַקאַנטע דיכטערין אַרסעניעוואַ, וועמענס מאַן, אַ מאַיאָר פון דער פּוילישער אַרמיי, איז געווען דער אָרגאַ־ניזאַטאָר פון באַוואָפנטע אָפּטיילן צום קאַמף קעגן דער פּאַרטיזאַנער־באַ־וועגונג. דער שטאַט־קאָמיטעט לייגט מיר דעריבער פאָר, אַז איך זאָל אָנ־שרײַבן אַ פּאַמפלעט, כדי צו דערציילן דעם ברייטן עולם, ווער עס זענען די „נאַציאָנאַלע" דינער פון אָקופּאַנט, פון וואַנען זיי שטאַמען און צו וואָס זיי שטרעבן.

וואָס אָן אמת, איז נאָך אין געטאָ געווען בײַ מיר אַ פאַרלאַנג צו פּרוּוון זיך טרעפן מיט סאָבאָלעווסקין און אים דערמאָנען זײַן דערקלערונג וועגן לאָיאַלקייט לגבי אונדז, וועלכע איך האָב דאָן פון תפיסה אַרויסגעשיקט

אויף דער פרײַ. וועגן סאָקאָוויטשן זענען געווען קלאַנגען, אַז אַלס פּאָליציי־שעף פּלעגט ער באַפרײַען ייִדן, וועלכע פּלעגן אַרײַנפֿאַלן אויף דער אַרישער זײַט. כ׳האָב זיך געטראַכט: ווער ווייס, אפשר וועט זיך אײַנגעבן עמעצן פֿון זיי אויסצוניצן לטובֿת אונדזער ווידערשטאַנד־באַוועגונג? פּרע־צעדענסן זענען אין דער פֿאַרגאַנגענהייט געווען. קיין דערלויבעניש אויף אָנבינדן אַזאַ קאָנטאַקט (אפֿילו מיטן ווײַסרוסיש־סאָוועטישן שרײַבער אילינסקי, וועלכער איז געבליבן אין מינסק), האָב איך נישט באַקומען. פֿאַרקערט, מען האָט זיך שטאַרק געחידושט, ווי קומט עס צו מיר אַזאַ מין נאַיִווקייט? און מיר האָט זיך אין די שווערסטע, ממש פֿאַרצווייפֿלטע באַדינגונגען פֿון געטאָ געוואָלט גלייבן, אַז בײַ עמעצן פֿון די „נעכטיקע" איז געבליבן אַ פֿונק פֿון מענטשלעכקייט און אַז די קאָנפֿראָנטאַציע מיט זייער פֿאַרגאַנגענהייט (אין דעם פֿאַל — דורך אַזאַ לעבעדיקן עדות, ווי איך), וואָלט אפֿשר געבראַכט ממשותדיקע רעזולטאַטן. ווער ווייס? אפֿשר הילף פֿאַר אונדזער אונטערערד. מיט יאָרן שפּעטער, שוין נאָך דער באַ־פֿרײַונג, האָט מײַן אַלטער חבֿר, דער דיכטער וואַלענטין טאַוולאַי, וועלכער איז בעת דער מלחמה אַרײַנגעשיקט געוואָרן אין דער סבֿיבֿה פֿון די ווײַס־רוסישע קאָלאַבאָראַטאָרן, מיר דערציילט, אַז דאָרט איז שוין דעמאָלט אָנ־געגאַנגען אַן אינערלעכער קאַמף צווישן די וואָס האָבן געשטעלט אויף היטלערן און די וואָס האָבן זיך אָריענטירט אויף ענגלאַנד. לויט זײַן מיי־נונג, וואָלט אַ דעמאָלטיקער קאָנטאַקט מיט אונדז פֿאַרטיפֿערט די אינער־לעכע שפּאַלטונג. באַזונדערס נאָך דעם, ווי די צוויי פֿאַרביסענע פּראָ־היט־לעריסטן אָקינטשיץ און קאָזלאָווסקי זענען, לויט אונדזערן אָן אורטייל, דערהרגעט געוואָרן.

די רעדאַקציע־אַרבעט אין מאַריעס פּינצטערן קעמערל, אונטער דער „שוץ" פֿון דער „ס.ס."־וואַך, האָט נישט באַוויזן אָפּצושוואַכן אין דער מינדסטער מאָס דעם אומרו פֿאַרן גורל פֿון די פֿאַרבליבענע אין געטאָ, פֿאַר דער גרופּע אַקטיווע טוערס פֿון אונדזער אונטערערד, וועלכע האָבן אין יענעם מאָמענט געהאַט פֿאַר זיך איין ציל: אַרויספֿירן וואָס מער ייִדן אין די פּאַרטיזאַנער־וועלדער. פֿון צײַט צו צײַט פּלעגט זיך אין מײַן מאַלינע באַווײַזן די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַר די יוגנט־גרופּעס אין געטאָ

עמע ראַדאָווע, און דורך איר פּלעג איך זיך דערוויסן וועגן דער לאַגע אין געטאָ. יעדער מאָל פלעגט זי איר אינפאָרמאַציע אָנהייבן מיט די זעלבע ווערטער: „איצט, ווען מיר האָבן דיך דירעקט אין דעם שטאָט־קאָמיטעט, וואַרטן מיר מיט אומגעדולד אויף נײַע, ברייטערע קאָנטאַקטן מיט פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן, כּדי צו שיקן אַהין וואָס מער מענטשן פון געטאָ״. דערציילן עמען דעם אמת? — שטאַרק באַגרענעצט זענען דעמאָלט גע־ווען די מעגלעכקייטן, קודם־כּל צוליב מאַנגל אין געווער און נישט קיין באַוואָפנטע האָט מען אין 1942 נישט געוואָלט אָננעמען אין פּאַרטי־זאַנער־אָפּטיילן. דאָס געווער, וואָס מען האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אין געטאָ איז שוין לאַנג אַוועק מיט די גרופּעס נאָך פאַר דער גרויסער שחיטה. די מעגלעכקייטן צו שלעפּן פון די דײַטשע וואַרשטאַטן באַזונדערע געווער־טיילן און פון זיי צונויפשטעלן ביקסן, פּיסטאָלעטן, זענען איצט שוין גע־ווען באַגרענעצט, צוליב דער קלענערער צאָל באַשעפטיקטע ייִדן. מען האָט געקענט קויפן געווער, איבערהויפּט בײַ איטאַליענישע זעלנער, אָבער די געטאָ איז נאָך דער שחיטה געווען מוראדיק אָרעם. אין יודענראַט האָבן מיר מער קיין אָנשפּאַר נישט געהאַט.

אויף אייגענער אַחריות האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרלייגן אַן אייגענע, ייִדישע באַזע אין אַ וואַלד. צום גליק איז די דאָזיקע איניציאַטיוו זיך צונויפגעפאַלן מיט אַן ענלעכן באַשלוס מצד דער אָנפירונג פון פּאַרטי־זאַנער־אָפּטייל אונטער דער קאָמאַנדע פון סעמיאָן גאַנזענקאָ, אַ סאָוועטי־שער אָפיציר, וועלכן מיר האָבן געראַטעוועט פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָרט איז אויך געווען דער מיטגליד פון אונדזער געטאָ־אונטערערד — נחום פעלדמאַן. אַלס קאָמאַנדיר פון דער באַזע פאַר פרויען, קינדער און זקנים פון געטאָ איז באַשטימט געוואָרן דער ייִדישער בוי־אַרבעטער שלום זאָרין. פון דעמאָלט אָן זענען די מעגלעכקייטן צו שיקן מענטשן פון געטאָ געוואָרן באַדײַטנדיק גרעסער. אַ געוויסער טייל געקומענע, איבערהויפּט די קאַמפּספּעציקע, פלעגן פון זאָרינס באַזע איבערגעשיקט ווערן אין אַנדערע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן אין דער גרויסער נאַליבאָקער פּושטשע.

נישט איין מאָל איז עמע געקומען מיט דער ביטע מצד פיל אָנפירנ־דיקע טוערס פון געטאָ, איבערהויפּט פרויען, זיי צו געבן די דערלויבע־



נחום פעלדמאַן

אַקטיווער טוער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע אין מינסקער געטאָ און מיטאָרגאַ-ניזאַטאָר פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער-באַזע אין נאַליבאָקער פּושטשע

ניש אָוועקצוגיין אין וואַלד. שווער געווען זיי צו דערציילן, אַז אַליין וואַרט איך שוין אויך וואָכן לאַנג אויף אַזאַ דערלויבעניש און האָב זי נישט באַקומען.

מײַן גאַנץ ביטער האַרץ האָב איך אויסגעגאָסן פאַר דעם סעקרעטאַר פון שטאָט־קאָמיטעט בעתן באַהאַנדלען מיט אים די ווײַטערדיקע פּלענער. כ׳האָב באַקומען פון אים דעם צוזאָג, אַז אַ באַשלוס וועגן מיר וועט אין דער נאָענטסטער צײַט אָנגענומען ווערן. איך זאָל צו יעדער מינוט זײַן גרייט.

...ווען ס׳איז געקומען דער באַשלוס און נאָך עטלעכע וואָכן זיצן אין דער פינצטערער מאַלינע בין איך אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן, האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ. כ׳האָב אָנגעהויבן זיך פאַרהאַלטן אין גאַנג און דער דיסטאַנץ צווישן מיר און מאַריען איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. עס האָט געדראָט, אַז איך זאָל זי פאַרלירן פון אויג. דאָס צוגרייטן זיך אין וועג אַרײַן איז צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, אַז כ׳האָב פאַרגעסן צו פרעגן, וואָס

זאָל איך טאָן, אין פאַל ווען דער קאָנטאַקט מיטן שליח פון פּאַרטיזאַנער־שטאַב וועט נישט צו שטאַנד קומען. און ווירקלעך איז אַזוי געשען. גראָד אין יענעם טאָג איז געווען אַן אָנפאַל פון דער סאָוועטישער אַוויאַציע און די דײַטשישע זעניט־אַרטילעריע האָט זיך אַזוי צעלאָזן, אַז אַלץ אַרום איז פאַרשטעקט געוואָרן. אינעם בײַשטאַטישן וועלדל, צום אָרט ווו דער שליח האָט זיך געדאַרפט באַווײַזן, איז קיינער נישט געקומען. עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל. די פּאָליציי־שעה איז שוין געווען נאָענט. צוריקגיין אַליין צו מאַריען איז געווען אוממעגלעך. די „ס.ס.״־וואַך וועט מיך תיכף פאַר־האַלטן. איך האָב זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון אײַזנבאַן־ראַיאָן. דאָרט האָט געוווינט אַ געוועזענע אוניווערסיטעט־לעקטאָרין, וועלכע פלעגט בײַ מיר אָפּנעמען מאַטעריאַלן פאַר דער אונטערערדישער פּרעסע. כ׳האָב זיך אַרײַנגעשלײַכט צו איר אומבאַמערקט. אויפגענומען האָט זי מיך אַזוי, ווי מײַן קומען וואָלט פאַר איר נישט געווען אומדערוואַרט. וואָס טוט מען אָבער — איין צימערל און שכנים קומען אָפּט אַרײַן עפּעס פרעגן, עפּעס באָרגן?! בלײַבט, אַז כ׳זאָל זיך פאַרשטעקן... אונטערן בעט, לעבן אַ זאַק קאַרטאָפל. דאָרט האָב איך אָפּגערוט, זיך צוגעהערט צו פּשוטע מענטש־לעכע שמועסן, אַזוי ווי קיין מלחמה וואָלט גאָרנישט געווען, ווי אין שכנות וואָלט די געטאָ נישט אויסגעגאַנגען אין די שרעקלעכסטע לײַדן. און וואָס ווײַטער?

ווײַטער איז אויסגעקומען צו ברעכן די עלעמענטאַרסטע כּללים פון קאָנספּיראַציע. די פּרוי האָט מיך אָוועקגעפירט צו איינעם פון די סעקרע־טאַרן פון אַן אונטערערדישן ראַיאָן־קאָמיטעט, וועלכן איך האָב גוט גע־קענט — צו ניקאָלאַי גראַסימענקאָ, אויף דער נעמיגע־גאַס, אין דירעקטער שכנות מיט דער געטאָ. דאָרט פלעגן פון צײַט צו צײַט זיך צונויפקומען די פירנדיקע טוערס פון דעם אונטערערד און קיינעם פון זיי האָט נישט שאָקירט מײַן אָנוועזנהייט צווישן זיי. שטאַרק אומרויִק איז, בעת מײַן קומען, געוואָרן בלויז ניקאָלאַיס פרוי טאַניע. איר פּלאַן איז געווען, אַז איך, צוזאַמען מיט ניקאָלאַיען, דאַרפן, ווי נאָר מיר וועלן בײַ נאַכט דער־הערן טריט אויף די טרעפּ, אַרויסטאַנצן דורכן הינטערשטן פענצטער אויף דעם דעכל פון ערשטן שטאָק און פון דאָרט — ציִען. אונדזער היטערין

און פאַרבינדלערין אין משך פון טאָג איז געווען ניקאָלאַיס עלף־יאָריקע טאָכטער לוסיע.

ווײַזט אויס, אַז די געסטאַפּאָווצעס האָבן אין יענער נאַכט גאָר שטיל זיך דערקליבן צו אונדזער טיר. און אפשר זענען מיר אַלע אַזוי שטאַרק געשלאָפן. די העפטיקע קלאַפּערײַ אין טיר האָט אונדז תיכף אויף די פיס געשטעלט. איך רוף ניקאָלאַיען — דער פענצטער איז שוין אָפן. כ׳זע אים אָבער נישט. אין איינע וועש, אַזוי ווי כ׳בין פון בעט אַרויס, שפּרינג איך פון פענצטער און צי זיך אויס אויפן דעכל. מיט אַ מאָל פאַלט אַ לאַנגער פּאַס ליכט פון אַן עלעקטריש לעמפּל. דער אָפענער פענצטער האָט, ווײַזט אויס, אויסגעזען די געסטאַפּאָווצעס פאַרדעכטיק. מיך האָבן זיי אָבער נישט געזען. איך האָב געהערט די קולות פון שטוב, דאָס רוקן מעבל, וואַרפן פאַרשידענע קעגנשטאַנדן. אין דער דאָזיקער וואַרפעניש האָבן זיי קענטיק פאַרזען מײַן אָנטועכץ, וואָס איז געלעגן אויף אַ בענקל.

כ׳בין אַזוי אָפּגעלעגן — כמעט אַ מת — ביז פאַר טאָג. עס איז געווען אַ געפאַר, אָבער זיך לאָזן, אַפילו בײַ נאַכט, אין איינע וועש איבער דער גאַס, איז דאָך אויך געווען ריזיקאַליש. פאַר טאָג האָב איך פון דעכל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. כ׳האָב געזען ווי פון אַנטקעגן־איבערדיקע פענצטער האָבן מענטשן אַרויסגעקוקט. קיין אַנדער ברירה האָב איך אָבער נישט געהאַט. דורך אַ צווייטן הויף בין איך אַדורך — זיך צוגעשלײַכט ביז די טרעפּ פון ניקאָלאַיס דירה און דערזען דאָרט הענגען אַ שלאָס. אין דעם איז עס מיר געגאַנגען. ס׳איז דאָך קלאָר געווען — קיין וואַך איז אינעווייניק נישט געבליבן. בין איך צוריק אַרויף אויפן דעכל, זיך אַרײַנ־באַקומען דורכן פענצטער אין דער דירה, זיך אָנגעטאָן, באַוויזן אַרויסצו־נעמען פון אַ שפּאַרונע אין וואַנט אייניקע וויכטיקע מאַטעריאַלן פון שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, פירמע־בלאַנקן פון דײַטשישע אינסטי־טוציעס און בין צוריק אַראָפּ אויף דער ערד.

ווּהין גייט מען איצט? איך האָב נישט קיין שום אַדרעס מער אויף דער אַרישער זײַט. איבעריקנס, האָבן דאָך אין דער זעלבער נאַכט גע־קאַנט פאַרקומען אַרעסטן אויך פון אַנדערע טוערס פון אונטערערד (אַזוי איז עס ווירקלעך געווען). דורכגעפאַלן איז אויך דער סעקרעטאַר פון שטאָ־

טישן קאָמיטעט „איוואַן גאַוורילאָוויטש”, וועלכער האָט געגומען „שיטן”).
ווו געפינט מען אַן אָרט, וואָס זאָל מיר געבן שוץ? קיין אַנדער אויסוועג
איז נישט געווען: צוריק אין געטאָ! דאָס קאָן אָבער מעגלעך זײַן ערשט
בײַם סוף טאָג, ווען די אַרבעטערס וועלן צוריקגיין.

בײַ אַ ווײַטן ראָג פון נעמיגע־גאַס, דורך וואַנען עס גייען דורך די
אַרבעטס־גרופעס, איז געווען אַ חרובע געבײַדע. מענטשן האָבן עס פאַר־
וואַנדלט אין אַ קלאָזעט. דאָ האָב איך געזוכט שוץ. פאַר יעדן נײַ־אַרײַנ־
געקומענעם האָב איך געמוזט זיין אַזאַ מין אורח, וואָס איז אַהין געקומען
צוליב די זעלבע נאַטירלעכע באַדערפענישן. און אַזוי אין משך פון לאַנגע,
לאַנגע שעהען. פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ לויפערײַ, אַ פײַפערײַ און
נאָך דעם — אַ שיסערײַ פון אויטאָמאַטן. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס
האָט אַ דירעקטע שייכות צו מיר... פון מענטשן, וואָס זענען אַרײַנגעלאָפן
אין מײַן „אַפּאַרטאַמענט”, כדי דורך די חורבות אַרויסבאַקומען זיך אויף
אַן אַנדער גאַס, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז געסטאַפּאָ האָט אַרומגערינגלט
טאַקע דאָס הויז, פון וואַנען איך בין אַנטלאָפן, געגומען אַרויספירן פון
דאָרט שכנים, זוכנדיק עפּעס אַ וואַזשנעם פּאַרשוין...

לענגער בלײַבן אין דער חורבה האָב איך נישט געטאָרט, אָבער וווּהין
טוט מען זיך אַהין? בין איך דאָרט געבליבן, איבערחזרנדיק כסדר, בײַם
אַרײַנקומען פון יעדן נײַעם באַזוכער, די זעלבע „פּראָצעדור”. איך האָב
זיך צוגעהערט צו יעדער באַוועגונג אויפן גאַס. ס'איז שטיל געוואָרן. די
געסטאַפּאָווצעס זענען אַוועק. ווי דערלעבט מען שוין דעם פאַרנאַכט!

אַלץ איז צוגעגאַנגען ווי צום בעסטן. אַ באַקאַנטער האָט אַראָפּגענומען
פון אונטער זײַן מאַנטל אַ געלע לאַטע, אויף שנעל מיר זי צוגעטשעפּעט
און אַן שום שטערונגען בין איך אַדורך דעם געטאָ־טויער.

וווּהין גייט מען איצט? נאָך בײַ ניקאָלאַיען האָב איך באַקומען די
ידיעה, אַז עמע ראַדאָווע איז געכאַפּט געוואָרן דורך עפּשטיינס געסטאַפּאָ־
גרופּע און געפינט זיך אין תפיסה. נישט ווײַט פון יודענראַט האָט זיך
געפונען מײַן אַמאָליקע דירה מיט אַ צווייִקער הילצערנער וואַנט. דער
באַלעבאָס פון דער דאָזיקער דירה חיים (העניעק) צוקער, איז אַ קאַנדי־
דאַט אויף אַוועקגיין איז וואַלד צוזאַמען מיט זײַן פרוי. דאָס טעכטערל

זייערס האָבן זיי שוין אַרויסגעפירט פון געטאָ. בין איך צו אים אַוועק. מײַן באַוווּסטזײַן זיך האָט אים ממש געפּלעפּט. אַלע זײַנע האָפענונגען האָט ער פאַרבונדן מיט מײַן זײַן אויף דער אַרישער זײַט. זײַן לאַגע איז שטאַרק נישט קיין זיכערע. ער מוז אַוועק פון געטאָ. וואָס טוט מען?

— קודם — זאָג איך אים — געפין מיר אַ מאַלינע. צווייטנס, שטעל מיר צו אויף מאָרגן פאַר טאָג פיר באַוואָפנטע חברים. איך רוף אים אָן די נעמען. צווישן זיי — די 2 חברים פון פוילן, נחום גאָלדזאַק און ראובן הייבלום, ביידע באַוואָפנטע מיט דײַטשיש אויטאָמאַטיש געווער. „העניעק" האָט אין אַ נאָענטער חורבה געהאַט אויסגעגראָבן אַ גרוב, כּדי דאָרט עפּעס צו באַהאַלטן. אַהין האָט ער מיך געפירט, געגעבן מיר אַ מעטאַלענעם טרײַבל אין מויל, אויף צו אָטעמען, און דאַן מיך צוגעדעקט מיט ברעטער און פאַרשאָטן מיט ערד. אַן אמתער קבר. כ'ליג אַ לעבעדיק־באַגראָבענער און צווינג דעם זכרון צו דערמאָנען אַלע ביז־דעמאָלטיקע קאָנטאַקטן מיט פאַרטיזאַנער־אָפּטיילן. עס איז אַזוי געשען, אַז איבערשיקנדיק הונדער־טער מענטשן אין וואַלד — מיט אַ גענויעם מאַרשרוט און פּאַראָל — בין איך אין דער סאַמע קריטישסטער מינוט געבליבן אָן שום פאַרבינדונגען. נישטאָ קיין ברירה. מען מוז זיך לאָזן אין וועג „אויף בלינד", כּדי צו גע־פינען אַ פאַרטיזאַנישע באַזע.

פאַר טאָג האָט מיך „העניעק" אַרויסגענומען פון קבר, אָפּגערייניקט מײַנע מלבושים און צוזאַמען מיט מײַנע באַגלייטערס צוגעפירט צו אַ גרופּע אַרבעטערס, וועלכע איז געווען באַשעפטיקט אין אַ ציגעלניע הינ־טער דער שטאָט. דער יידישער מיליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען בײַם אַרויסגאַנג פון געטאָ, אַן אייגענער מענטש, האָט באַוויזן אײַנצורוימען מיר אין אויער: „פאַרגעסט נישט אין אונדז".

21

אַ ייִד אין וואַלד

דעם ערשטן עקזאַמען האָבן מיר אויסגעהאַלטן. אַזוי האָבן שפּעטער דערקלערט די אָנפירערס פון פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַגעגנט. מיר — אַ גרופּע ייִדן פון געטאָ, וואָס האָט טעג, און דער עיקר — נעכט, געוואַנדערט איבער די געפּערלעכע וועגן און שטעגן פון דער אָקופּירטער ערד, זוכנדיק אַ קאָנטאַקט מיט פּאַרטיזאַנער. פון אַן אינפאָרמאַציע פון שטאָט־קאָמיטעט האָב איך געוווּסט, אַז אויף מערב פון מינסק, אין דער געגנט פון דזשערזשינסק (קוידאַנאָוו) געפינט זיך דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל „פרונזע". איך האָב אויך געוווּסט, אַז בראש פון דעם דאָזיקן אָפּטייל שטייט אַ קאַפּיטאַן, וועלכער טראָגט דעם פּסעוודאָנים סובאָטין (זײַן אמתער פאַמיליע־נאָמען — סערעבריאַקאָוו), און דאָס איז אַלץ. אָבער יעדער פּרוּוו זיך עפּעס צו דערוויסן בײַ פּויערים, בעת אונדזערע בײַנאַכטיקע וויזיטן אין דערפער, פלעגט אָנטרעפן אויף אַ חשד, אַז אפשר זענען מיר גאָר אונטערגעשיקט געוואָרן פון די דײַטשן...

געזוכט האָבן מיר אָריענטירנדיק זיך בלויז לויט די שטערן אין הימל. און דאָס פלעגט אונדז צײַטנווײַז, נאָך לאַנגן וואַנדערן, ברענגען אויפן זעלבן אָרט... דאָס בילן פון הינט פלעגט אונדז צווינגען זיך אָפּצושטעלן, אַוועקלייגן זיך אויף דער ערד און פאַרהאַלטן אַפילו דעם אָטעם. מיר האָבן דאָך שוין פאַרדעם געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון טויטגעפאַר.

...געווען איז עס אין דעם זעלבן פרימאָרגן, ווען מיר זענען אַרויס פון געטאָ. אויפן צוועלפטן קילאָמעטער, גייענדיק מיט אַ שמאָל פעלדוועגל, האָבן מיר פון דער ווײַטנס דערהערט קולות, געשרייען אין דעם טיפּיש־דײַטשן זעלנער־נוסח. נחום, מיט זײַן „אַרישן" אויסזען און „פּאַפּירן", איז אַוועק אין אויסשפּיר, כּדי זיך דערוויסן פון וואַנען עס קומט די געפאַר.

ער האָט אונדז באַלד געבראַכט די שרעקלעכע ידיעה: אַ גאַנצע קייט דײַטשן „קעמט" דורך די געגנט, ווּ מיר געפינען זיך. זיי גייען אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן אַן ערך 2 מעטער. קלאָר, עס קומט אונדזער סוף. דער באַשלוס איז איינער און אַן איינשטימיקער: צופויזען צו אַ שטיקל פּלאַץ נידעריקער פון דעם איבערפלאַך, זיך אויסלייגן מיטן געווער, צולאָזן צו זיך נאָענט דעם שׂונא און בלויז אויף מײַן באַפעל — שיסן! ביז דער לעצטער קויל אײַנשליסלעך, און נעמען גלײַך אין מויל די אַמפּולן ציאַן־קאַלי, מיט וועל־כע עס האָט נאָך בשעתו אונדז באַזאָרגט דער שפּיטאַל־דירעקטאָר ד"ר קוליק. ווי לאַנג מיר זענען אַזוי געלעגן איז שווער געווען צו וויסן, ווײַל די געוויינטלעכע צײַטמאָס גילט נישט בעת טויטגעפאַר. דער מוח האָט „גע־ציילט" נישט קיין צײַט־איינסן, נאָר שטח, וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פון דעם אַנטשיידנדיקן באַפעל: פײַער! מײַנע חברים האָבן מיך פון אויג נישט אַראָפּגעלאָזט און איך האָב זיך באַמיט אויף שטום־לשון, מיט אַ ווונק בלויז, זיי צו דערמוטיקן. דאַכט זיך, אַז מיר האָט זיך אַפילו בעת־מעשׂה אײַנ־געגעבן אַ שמייכל צו טאָן.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אינעם גאַנצן אַרום אַ געשריי, וואָס האָט ווי אַן עכאָ זיך איבערגעקײַקלט פון איין דײַטש צום צווייטן: „מ־אַ־ל־צ־ײַ־ט!". באַלד איז אַזוי שטיל געוואָרן, ווי נאָך אַ פרילינג־דונער, ווען קיין איין טראָפּן פאַלט נישט פונעם שווער אָנגעוואָלקנטן הימל. מיר האָבן בפירוש דערשפּירט, ווי די אַזוי נאָענטע פון אונדז דײַטשע „קייט" הייבט זיך אָן פונאַנדערפאַלן. יאָ, איצט וויסן מיר גענוי די צײַט. עס איז גע־קומען די הייליקע שעה פון מיטאָג — 12 אַ זייגער, און קיין שום אָפּע־ראַציע טאָר נישט שטערן די דײַטשן זיך נעמען צו דער סאַמע וויכטיק־סטער פונקציע — פרעסן. מיר זענען געבליבן ליגן טויט־מידע, פולשטענ־דיק אויסגעשעפּטע, מיט פאַרמאַכטע אויגן, צודריקנדיק נאָך פעסטער צו זיך דאָס געווער.

ווי פאַרזיכטיק מיר זענען נישט געווען אין אונדזער ווײַטערדיקן וואַנדערן און בלאָנדזשען איבער דערפער, וועלדער און וועלדלעך, האָט אונדז נישט אויסגעמיטן נאָך איין „סענסאַציע". געוויינטלעך, ווען מיר פלעגן זיך אויסציִען אָפּצורוען, אַ דרימל טאָן אין אַ זיכערן אָרט, האָט

איינער פון אונדז שטענדיק געוואַכט. ווי אַזוי איז עס געשען, וואָס אין דעם דאָזיקן פאַל האָט אונדזער וועכטער גאָרנישט באַמערקט? ער האָט אַפילו נישט באַוויזן דעם קאָפּ אויסצודרייען, ווי ער און מיר אַלע, האַלב־פאַרשלאָפענע, זענען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ גרופּע באַוואָפנטע מענטשן. מיר האָבן זיך גאָר גיך אָריענטירט, אַז דאָס זענען נישט קיין פּאָליציאַנטן, אָדער אַנדערע אָקופּאַנטישע שוואַרציאַרן. די רויטע בענדלעך אויף די היטלען האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָס זענען פּאַרטיזאַנער. אויף אונדזערע פריידאויסדרוקן, וואָס ענדלעך, ענדלעך זענען מיר צווישן אייגענע, האָבן זיי געענטפערט מיט פולשטענדיקן גלײַכגילט. איינער פון זיי (שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַן אייניקל פון דעם „באַטקאָ" מאַכנאָ, דעם אַנפירער פון באַנדעס בעת דעם בירגערקריג אין אוקראַיִנע) האָט זיך אַפילו געהאַט אַרויסגעכאַפּט, אַז „ווען דער דײַטש זאָל אײַך נישט פּטרן, וואָלט איר צו אונדז נישט געקומען". אַלעמען פון דער דאָזיקער גרופּע האָט קודם־כּל אינטערעסירט אונדזער געווער. זיי האָבן תיכף פאַרגעלייגט זיך צו בײַטן מיטן געווער און דערפאַר וועלן זיי נאָך הײַנט אונדז פאַרבינדן מיט דעם פּרונזע־אָפּטייל, אויף וועלכן כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט. מיר זענען אויף קיין שום געווער־אויסטויש נישט אײַנגעגאַנגען. זיי האָבן געדראָט מיט כּוח, באשר זיי האָבן דאָס רעכט אונדז צו באַפעלן אָפּצוגעבן דאָס געווער. בײַם דראָען איז עס אָבער געבליבן. זיי האָבן אונדז בלויז געהייסן מיטגיין, כּדי זיך באַטייליקן אין אַן „אָפּעראַציע". נאָך האַלבער נאַכט זענען מיר צוזאַמען, לויטן באַפעל פון זייער קאָמאַנדיר, אַנגעפאַלן אויף אַ גרויסן גוט, וועלכער איז איבערגענומען געוואָרן דורך די דײַטשן, און דאָרט האָבן מיר פאַרכאַפּט אַ סך פּראָדוקטן און פערד.

אויף צוריקוועגס האָט מען אונדז אויף נאַכט איבערגעלאָזט אין אַ וועלדל, צו וואַרטן ביז עס וועלן קומען פאַרבינדלערס און אונדז צונעמען פון דאָרט. פאַר טאָג איז ווירקלעך געקומען אַ פאַרבינדלער און האָט אונדז אַרויסגעפירט אויף אַ ברייטן וואַלדשליאַך. מיר האָבן באַמערקט ווי פון דער ווײַטנס גייען אונדז אַנטקעגן 3 פּאַרטיזאַנער, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטן. אויף אַ געוויסן מהלך פון אונדז זענען זיי געבליבן שטיין. ס'איז

קיין ספק נישט געווען: זיי וואַרטן אויף אונדז. איך האָב איבערגעלאָזט מײַנע חברים און בין אַוועק פאָרויס. דאָ האָט איינער פון זיי — אַ נידער־ריקער, קרעפּקער מענטש, נאָענט צו די פערציקער, אין אַ קײַלעכדיקער קובאַנקע, הויך אויסגעשריגן: „וואַרפט צו די פיס דאָס געווער!" כ'בין שטיין געבליבן אַ צעטומלטער, באַלד אָבער זיך אויסגעדרייט אויף אַ רגע צו מײַנע חברים און אַזוי הויך, אַז זיי זאָלן דערהערן, געענטפערט: „דאָס געווער איז נישט צום וואַרפן, נאָר צו קעמפן קעגן די שׂונאים".

דער מאַן אין דער קובאַנקע האָט אַ שמייכל געטאָן, געגעבן אַ קאָמ־פּלימענט: „מאָלאָדצי, אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען!" — און האָט זיך מיט אַלעמען באַגריסט. דאָס איז טאַקע געווען דער קאַפּיטאַן סובאָטין. ער האָט אונדז פאָרגעשטעלט פאַר דעם קאָמיסאַר — וואָוטשוק און דעם שעף פון שטאַב אַנאָכין. מיך האָט ער אָפּגעפירט אין אַ זײַט און אויסגעפרעגט, וואָס איז מיר באַקאַנט וועגן דעם לעצטן גרויסן דורכפאַל אין דער הויפּט־שטאָט. כ'האָב אים דערציילט און נישט געפילט, אַז אייגנטלעך איז עס אַ מין קאָנטראָל, צי מעג ער האָבן צו מיר צוטרוי. די דאָקומענטן, וואָס כ'האָב מיט זיך גענומען אַוועקגייענדיק פון ניקאָלאַיס דירה, האָבן אים שטאַרק אינטערעסירט. ער האָט זיי תיכף איבערגעגעבן דעם קאָמיסאַר און אונדז האָט ער געהייסן בלײַבן אין דעם דאָזיקן וואַלד. ער וועט צו אונדז שיקן אַ קאָמאַנדיר, וועלכער וועט האָבן אַלע פולמאַכטן וואָס ווײַטער צו טאָן.

געקומען איז צו אונדז אַ מיטל־יעריקער פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט זיך מיט אונדז באַגריסט אויף ייִדיש. קיין ייִד איז ער אָבער נישט געווען. ער האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט אַלס שעף פון דער מיליץ אין מינסק, קאָשינסקי האָט ער געהייסן, און האָט געהאַט נאָענטע חברים צווישן ייִדן. זײַן אויפ־גאַבע איז געווען — צוזאַמען מיט אונדז שאַפן אַ נײַעם פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל. צוזאַמען מיטן פרונזע־אָפּטייל וועלן מיר אָרגאַניזירן אַ בריגאַדע. אונדז האָט עס זייער געשמייכלט, הגם מיר האָבן נישט געוווּסט ווו וועלן מיר נעמען גענוג באַוואָפנטע מענטשן פאַר אַ נײַעם אָטריאַד. מיר האָבן פאַר־געלייגט צו שיקן עמעצן אין געטאָ און פון דאָרט ברענגען קאַמפּספּעציקע מענטשן. אונדזער קאָמאַנדיר האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען.

ער איז נישט געבליבן נעכטיקן מיט אונדז. געקומען איז ער פּאַר טאָג מיט עטלעכע לעבלעך גוטן, פּויערישן ברויט און אין באַגלייטונג פון אַ יונגער פּויערטע. „זי וועט גיין אין געטאָ״ — האָט קאַשינסקי געזאָגט און מיר פאַרגעלייגט, אַז כ׳זאָל איר וועגן אַלץ אינפאָרמירן און געבן אַלע נייטיקע געטאָ־קאָנטאַקטן. כ׳בין געוועזן דערשטוינט, ווען די ערשטע ווער־טער, וואָס כ׳האָב פון דער טיפּיש ווײַסרוסישער פּויערטע דערהערט, זענען געווען אויף עכט מינסקער מאַמע־לשון: „וואָס גלאָצסטו אַזוי די אויגן? — האָט זי געזאָגט — כ׳בין אַ ייִדענע און מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן״. ברײַנדל האָט זי געהייסן און גערופן האָט מען זי בראָניע. זי טאַקע, די געוועזענע ייִדישע לערערין, וואָס האָט גערעדט ווײַסרוסיש „ווי אַ וואַסער״, איז פּאַר אונדזערע מענטשן אין געטאָ געוואָרן די אַנזאָגערין פון דער בעס־טער בשורה: דער וועג צום וואַלד איז פּאַר זיי אָפן! פּאַרטיזאַנער פּאַר אונדזער נײַעם אָפּטייל זענען אָבער קודם־כל געקומען פון די אַרומיקע דערפער. און געשען איז עס אויף אַזאַ אופן: יעדן אָוונט פלעגט דער קאָמאַנ־דיר קאַשינסקי גיין מיט מיר צוזאַמען אין אַן אַנדער דאָרף. דאָרט פלעגט מען אין אַ כאַטע צונויפנעמען דאָס גאַנצע יונגוואַרג און עס פלעגט זיך אָנהייבן אַן אַגיטאַציע: „קיינער טאָר נישט בלײַבן אין שטוב בעת אַזאַ מלחמה פאַרן גורל פון לאַנד, פון פאָלק, פון דער ראַטנמאַכט. אַלע דאַרפן גיין זיך שלאָגן. כּל־זמן די רויטע אַרמיי איז דאָ נאָך נישטאָ, זענען מיר, פּאַרטיזאַנער, אויף איר אָרט. רופן מיר דעריבער אַלעמען — קומט אין אונדזערע רייען, כּדי צו שלאָגן דעם אָקופּאַנט״.

דאָרט, ווו דאָס יונגוואַרג פלעגט אַרויסווײַזן ווילן אַזוי צו טאָן, האָבן מיר געגעבן עטלעכע שעה אויף צוצוגרייטן זיך און צוזאַמען מיט זיי זענען מיר, אין דער זעלבער נאַכט, אַוועק צו אונדזער באַזע. דער גרעסטער טייל איז געקומען מיט געווער. דאָרט אָבער ווו קיין חשק האָט מען נישט געזען און דאָס יונגוואַרג פלעגט נעמען אָפּשלעפּן, טענהנדיק, אַז „מ׳עט נאָך זען״, „מ׳וועט נאָך צוּוואַרטן״ — דאָרט האָט קאַשינסקי האַרט, באַפעלעריש גע־מאָלדן: „אין נאָמען פון דער רויטער אַרמיי דערקלערן מיר אײַך אַלעמען אַלס מאָביליזירטע״. און דאַן פלעגן שוין אַלע ווי איינער אָפּגעפירט ווערן אויף אונדזער באַזע. אין וואַלד פלעגן זיי זיך פאַרענטפערן, אַז זיי האָבן

געמוזט אַזוי האַנדלען, כּדי די דײַטשן זאָלן נישט פּטרן זײערע עלטערן. ווי באַלד מ׳האָט זיי „מיט כּוח געצוווּנגען" צו ווערן פּאַרטיזאַנער — קומט נישט די משפּחות זייערע קיין שטראָף...

דער דאָזיקער אופן פון צוואַנגס־מאָביליזאַציע האָט שפּעטער זיך אָפּ־גערופן אויף אַ פאַטאַלן אופן. פון אָנהייב אָן האָבן די אָרטיקע יונגע יאַטן זיך געהאַלטן באַזונדער, באַפעלן אויסגעפירט ריין פאָרמעל און צום גערנ־סטן געזעסן אַרום שײַטער און געזונגען אומעטיקע, בענקנדיקע לידער. קיין ערדהיילן צום וווינען האָבן מיר נאָך נישט געהאַט. בכלל האָט זיך אין אַלץ געפילט אַ מין צײַטווײַליקייט. די נעכט זענען געוואָרן אַלץ קעל־טערע, אַפילו פּראָסטיקע און מיר פלעגן ליגן אַרום דעם פײַער, וואַרעמען איין זײַט פון קערפּער, בעת די צווייטע פלעגט פרירן.

איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר איבער דער קלענסטער איינהייט — איבער אַ גרופּע פון צען מאַן — אַלע פון דער אָרטיקער באַ־פעלקערונג. מיר האָבן צוזאַמען גענומען „בויען" פאַר זיך אַן ערדהייל. געפירט האָב איך זיך נישט ווי קיין אָנפירער פון דער אַרבעט, נאָר האָב אויסגעטיילט דערצו איינעם פון דער יונגער חברה. אַליין האָב איך גע־אַרבעט מיט דער האַק און מיט דער לאָפּעטע, ווי יעדער איינער פון זיי. כ׳האָב כּסדר געדענקט: איך בין אַ ייִד און כ׳טאָר קיינעם נישט געבן די מעגלעכקייט זיך צו חכמהנען אויפן חשבון פון כּלומרשט ייִדישן זוכן פאַר זיך אַ גרינגן לעבן. קיין צוטרוי מצד די אָרטיקע יאַטן צו זיך האָב איך אָבער דערמיט נישט געוווּנען. געקומען איז עס ערשט שפּעטער און אויף אַ גאַנץ צופעליקן אופן.

אין איינעם אַ שפּעטן אָוונט בין איך געווען דיזשורנע אין דער הייל, ווידער אַ מאָל, כּדי נישט געבן קיין מעגלעכקייט צו רעדן וועגן מײַן פּריווילעגירטן שטאַנד (פאַרשטייט זיך, נישט אַלס קאָמאַנדיר, נאָר אַלס ייִד...). ווען אַלע זענען געווען אויף די געלעגערס בין איך געזעסן בײַם אויוועלע, געוואַכט. איך האָב געפּרווט דעמאָלט אַרויסרופן אין מײַן זכּרון פאַרשיידענע געלייענטע ווערק — פּראָזע און פּאָעזיע. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָב איך גענומען פליסטערן אַדאַם מיצקעוויטשעס גרויסע אימ־פּראָוויזאַציע. געקענט האָב איך אַ סך פראַגמענטן פון „דזשאַדי". בעת אַן

איזאָלאַציע אין תפיסה האָב איך זיך עס אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. אין דער הייל־איינזאַמקייט, ווען מיר האָט זיך געדאַכט אַז אַלע שלאָפֿן, איז מיר די דאָזיקע אימפּראָוויזאַציע מיט איר שטימונג שטאַרק נאָענט געווען.

אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז קיינער פֿון מײַנע פּאַרטיזאַנער איז נישט געשלאָפֿן. אומבאַמערקטערהייט זענען זיי איינער נאָכן אַנדערן אַראָפּ־געקראָכן פֿונעם געלעגער, זיך אַרומגעזעצט אַרום מיר און מיט פֿאַרריסענע פּנימער געקוקט מיר אין מויל אַרײַן. איך בין אַ פֿאַרווונדערטער שטיל געבליבן. זיי האָבן מיך אָבער שטאַרק גענומען בעטן: „דערצייל ווײַטער, קאָמאַנדיר, דערצייל. דאָס איז דאָך אַזוי גוט". בפֿירוש, „גוט" (און נישט „שיין") — האָבן זיי געזאָגט.

אויף מײַן פֿראַגע, פֿון וואַנען קענען זיי פּויליש, איז געקומען דער ענטפֿער, אַז זיי אַלע זענען... קאַטאָליקן. מודה זײַן זיך דעמאָלט, אַפֿילו אין וואַלד, אַז זיי זענען פּאָליאַקן, האָבן זיי נישט געוואַגט. אַלע זענען זיי נאָכן 1937סטן יאָר געוואָרן פֿאַרשריבן אַלס ווײַסרוסן. אַלע, אַחוץ זייערע עלטערן. צווישן די אָרטיקע פּאַרטיזאַנער איז זעלטן געווען עמעצער, בײַ וועמען מען האָט בעת דער יעזשאָוו־שחיטה נישט צוגענומען אַ טאַטן, אָדער אַ מאַמען, אונטער דער באַשולדיקונג, אַז זיי זענען פּוילישע שפּיאָנען. בלויז דערפֿאַר, ווײַל זיי האָבן זיך גערעכנט אַלס פּאָליאַקן אין יענער געגנט, וועלכע איז אָפֿיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס „פּוילישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן" אין דער ווײַסרוסישער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק.

דער פֿאַקט, וואָס איך האָב גערעדט צו מײַנע הייל־פּאַרטיזאַנער אויף פּויליש און האָב אָפּט פֿאַר זיי רעציטירט פּוילישע פּאָעזיע, האָט פֿול־שטענדיק צעבראָכן די וואַנט פֿון אומצוטרוי צו מיר. איך האָב באמת גע־האַט אַ גרינג לעבן מיט זיי, ביז דעם טראַגישסטן טאָג אין דער געשיכטע פֿון אונדזער בריגאַדע.

איך האָב וועגן דעם אַלעמען געשמועסט מיטן בריגאַדע־קאָמיסאַר וואַטשוק, וועלכער האָט מיר אויסגעזען צו זײַן אַן אינטעליגענטער מענטש. גערעדט האָב איך וועגן אַ באַזונדערס דעליקאַטן צוגאַנג צו די אַזוי שטאַרק געליטענע יוגנטלעכע. ער האָט מיך אָבער שטרענג אָנגעקוקט און מיט

בפירושן פאָרוואָרף געעצהט, אַז איך זאָל זיך ווייניקער פאַרנעמען מיט „פּסיכאָלאָגיזירן" און בעסער צוגרייטן מײַן גרופּע צו דער נאָענטסטער קאָמפּאַקציע...

די אויפגאַבע איז געווען אַ שווערע. מיר האָבן געדאַרפט פּטרן אַ באַדײַטנדיקע דײַטשע מיליטערישע וואַך, וואָס האָט געהיט אַ וויכטיקע בריק אויפן וועג צום מיזרח-פראָנט און גלײַכצײַטיק אויפרײַסן די בריק. דער פּראָסט איז געווען זייער אַ שטאַרקער. מיר האָבן באַקומען צו האַלבע גלעזער סאַמאַהאָן. מיר האָבן אין איין אָרט געדאַרפט דורכגיין דעם טײַך. דעם קוילנוואַרפער פון מײַן גרופּע האָבן מיר געטראָגן לויט דער ריי. דער שלימזל האָט אָבער געוואָלט, אַז גראָד ווען דעם קוילנוואַרפער האָב איך געטראָגן, האָט זיך אײַנגעבראָכן אויף איין אָרט דאָס אײַז און כ'האָב מיטן געווער זיך גוט „אויסגעבאָדן". חברה איז צוגעלאָפן און מיך אַרויסגע־שלעפּט פון וואַסער. באַלד איז אויך צוגעקומען דער קאָמאַנדיר פון אונ־דזער אָטריאַד און זעענדיק ווי אַלץ אויף מיר הייבט אָן פאַרפרוירן צו ווערן, האָט ער מיר באַפוילן זיך לאָזן אין אַ נאָענטן דאָרף און דאָרט אָפּ־וואַרטן דעם צוריקגאַנג פונעם אָפּטייל נאָכן דורכפירן די קאָמפּס-אויפ־גאַבע. איך האָב בײַם קאָמאַנדיר עקשנותדיק געבעטן, ער זאָל מיר דערלויבן צו בלײַבן, ווײַל איך פיל זיך אויסגעצייכנט, מיר וועט גאָרנישט זײַן. עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז איך זאָל שטיל, דיסקרעט, אַרויסקומען מיט מײַן לעצטן און שטאַרקסטן אַרגומענט: איך בין אַ ייִד און כ'וויל נישט, אַז עמעצער זאָל חושד זײַן, אַז „ייִדן, ווי געווײנטלעך, דרייען זיך אַרויס". עס איז אָבער דערצו נישט דערגאַנגען. דער קאָמאַנדיר האָט באַפוילן מיך אָפּצווווישן מיט וואָס עס לאָזט זיך, דעם פּנים און די הענט אײַנרײַבן מיט שניי. עמעצער האָט מיר דערלאַנגט אַ גלאָז סאַמאַהאָן און מיר זענען אַוועק ווײַטער.

די קאָמפּס-אָפּעראַציע איז ביז גאָר געלונגען. מיר זענען באַפאַלן די דײַטשע פּאָסטנס פון דרײַ זײַטן. זיי האָבן זיך פאַרטיידיקט ביז גאָר כאַאָ־טיש. זיי האָבן באַוויזן צו פאַרוווּנדיקן אונדזער אָפּטייל-קאָמיסאַר און עט־לעכע פּאַרטיזאַנער. אַלס אָנדענק פון דער דאָזיקער אָפּעראַציע האָב איך על־פּי נס אַרויסגעטראָגן בלויז אַ „ברי" און אַן אָפּגעריסן שטיקל הויט בײַם

רעכטן שלייף. און דער גרעסטער נס — נישט געקוקט דערויף וואָס די גאַנצע קליידונג אויף מיר איז געווען שטײַף פון דער פאַרפרוירענער נאַס־קייט, וואָס מײַנע פיס אין די שטיוול זענען באַדעקט געווען מיט שטיקלעך אײַז, בין איך פון דער ווינטערבאָד אַרויס גאַנץ, זיך נישט צוגעקילט, אַפילו קיין קאַטאַר נישט געכאַפּט.

22

דער טויטאורטייל

אונדזער פּרונזע־בריגאַדע, וועלכע האָט שוין געהאַט אין איר באַשטאַנד 3 פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן — אויך אינעם דריטן אָטריאַד זענען אין אַ באַדײַטנדיקער צאָל געווען ייִדן פון מינסקער געטאָ — האָט אין אַ פינצ־טערער נאַכט גענומען פאַרלאָזן איר אַלט־אײַנגעזעסענע באַזע. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס איז דערפאַר, ווײַל עמעצער פון די פּאַרטיזאַנער איז בעת אַן אָפּעראַציע אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ און ס׳איז נישטאָ קיין זיכערקייט, צי די גאַנצע באַזע איז שוין נישט געניי באַקאַנט די היטלע־ריסטן. עס קען אונדז דראָען די געפאַר אַרומגערינגלט צו ווערן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס גייען מיר זיך פאַראייניקן מיט די פּאַרטיזאַנער פון מאַיאָר (שפּעטער גענעראַל) קאַפּוסטאַ, וועלכע געפינען זיך אין קאַפּוליער ראַיאָן (פריִער קוידאַנאָוו, און איצט קאַפּיל אָדער קאַפּוליע — אַלץ אײַנ־געקריצטע אין זכרון ערטער, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די ביאָגראַפיעס פון אַזעלכע שפּעפּערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי מענדעלע מוכר ספרים, אברהם, זלמן און שׂרה רייזען).

דאָס באַוועגן זיך פון עטלעכע הונדערט פּאַרטיזאַנער איבער דאָרפישע וועגן אין מיטן אַ דעצעמבער־נאַכט האָט זיכער נישט געקענט פאַרבײַ־גיין אומבאַמערקט פאַר די אָרטיקע פּויערים, כאָטש קיין שום פּנים, וואָס זאָל אַרויסקוקן פון אַ פענצטער האָבן מיר נישט באַמערקט. דער מאַרש איז צוגעגאַנגען פולשטענדיק אָרגאַניזירט. ווער עס איז געגאַנגען צו פוס און ווער עס איז געפאָרן אויף שליטנס, וואָס האָבן שטיל געסקריפּעט איבערן צוגעפרוירענעם שניי. מיר האָבן אַלעמען געוואָרנט נישט צו דרימ־לען און וואָס אָפּטער אַראָפּטאַנצן פון די שליטנס, כדי נישט אָפּפרירן די פיס. געפאָרן איז מען איינער נאָכן אַנדערן. געגאַנגען — אויך איינער אין

פוס־טראָט פון צווייטן, כדי נישט געבן קיין מעגלעכקייט דעם שׂונא זיך צו אָריענטירן וויפל מיר זענען, וואָס פאַר אַ געווער מיר פאַרמאָגן, ווי גרויס איז אונדזער טראַנספּאָרט אד״גל.

מיר זענען דערפאָרן און דערגאַנגען ביז אַן עק וואַלד. דאָ איז אונדז פאָרגעשטאַנען דער שווערסטער טייל פונעם מאַרשרוט — דורכרײַסן זיך אויף דער צווייטער זײַט פון דער באַן־ליניע. קאָמאַנדירן, קאָמיסאַרן, שטאַבשעפן זענען געלאָפן פון טייל צו טייל, פון גרופּע צו גרופּע און גע־געבן די לעצטע אינסטרוקציעס. די אײַזנבאַן־ליניע איז באַזונדערס שטרענג באַוואַכט געווען דורך די היטלעריסטן. אויפן גאַנצן שטח זענען געווען בונ־קערס. דער שׂונא וועט אָנהייבן עפענען אַ פײַער. עס וועלן מסתמא פליִען ראַקעטעס און פון בײדע זײַטן באַן־ליניע וועלן אײַלן מיט אַלע מעגלעכע טראַנספּאָרט־מיטלען דעם שׂונאס הילפאָפּטיילן, כדי אונדז צו פאַרניכטן. די אויפגאַבע איז געווען — שנעל, וואָס שנעלער אַריבערכאַפּן זיך איבער די באַנרעלסן. כדי לײַכטער צו מאַכן די פערד, זאָל מען שטויסן די שליטנס. קיינער טאָר נישט בלײַבן זיצן. אַלץ אין דער סאַמע גרעסטער שטילקייט. העלפן די שוואַכערע — נעמען זיי פאַר די הענט. נישט איבערלאָזן אין קיין פאַל קיין פאַרוווּנדעטע, קיין טויטע. דער זאַמלפּונקט — אין פאַל פון צע־שפּליטערן זיך — אין אַ וואַלד פון אוזדער ראַיאָן.

אַלץ, פון טעכנישן שטאַנדפּונקט, איז געווען פאַרויסגעזען און אַלץ האָט געקלאַפּט. איין שליטן נאָכן צווייטן איז אין גרויס אײַלעניש אַריבערגע־וואָרפן און אַריבערגעשטויסן געוואָרן דורך די באַנרעלסן. די פּוסגייערס האָבן פון בײדע זײַטן געהאָלפן און די גאַנצע אָפּעראַציע איז דורכגעגאַנגען בליץ־שנעל. אומפאַרשטענדלעך פאַר אונדז אַלעמען איז געווען דאָס פולשטענ־דיקע שווײַגן פון די דײַטשישע וואַכפּונקטן און בונקערס. קיין איין שאָס איז נישט געפאַלן און מיר האָבן אַלע זיך פאַרזאַמלט שנעל אינעם דער־מאָנטן וואַלד, וואָס האָט זיך געפונען שוין אין אוזדער ראַיאָן. מען האָט איבערגעכאַפּט דאָס האַרץ מיט טרוקנס, וואָס יעדער איינער האָט באַקומען בעתן פאַרלאָזן די אַלטע באַזע, און נאָכן אַרויסשטעלן פּאָסטנס אין פאַר־שידענע פּונקטן, האָט דער עולם גענומען זיך צושפּאַרן אויף דער הוילער פאַרפרוירענער ערד.

פֿאַר וואָס עס איז אַזוי געשען האָבן מיר אויך שפּעטער זיך נישט דערוווּסט. פֿאַר טאָג איז אונדזער וואַלד אַרומגערינגלט געוואָרן דורך גרויסע דײַטשישע מיליטער־אָפּטיילן. מיר זענען באַשאָסן געוואָרן פֿון אויטאָמאַטן, קוילנוואַרפֿערס און גראַנאַטן. די אָנפֿירונג פֿון דער בריגאַדע האָט אויף אַ פּאַנישן אופֿן גענומען אָרגאַניזירן אַ קרײַז־פּאַרטיידיקונג, זוכנדיק אַ שוואַכן פּונקט, כּדי זיך אַרויסצורײַסן. די פּאַרטיידיקונג איז אָבער געווען אַ פֿולשטענדיק כאַאָטישע. יעדער פֿאַר זיך האָט געזוכט אַ „לאָך", כּדי זיך אַרויסצובאַקומען פֿון דער באַלאַגערונג. „קום גיך אַהער, העלף!" — דערהער איך פּלוצעם אַ גוט באַקאַנטע שטים. נחום גאָלדזאַק שלעפּט אַ „מאַקסים"־קוילנוואַרפֿער און רופֿט צו פֿאַרהאַלטן אַ שליטן מיט אַ צעבריקעוועטן, ממש ווילד־געוואָרענעם פֿערד. צוזאַמען מיט דודן (אויך פֿון מײַנע געטאָ־באַגלייטערס, אַן אַלטער, דערפֿאַרענער זעלנער) גיט זיך אונדז אײַן צו פֿאַרהאַלטן דאָס פֿערד. נחום איז שוין מיטן קוילנוואַרפֿער אויפֿן שליטן — און ער שיט מיט אַזאַ פֿײַער, אַז מיר דערזעען באַלד פֿאַר זיך אַ וועג צום דורכרײַסן זיך. אַ גראַנאַט, וואָס איז געפֿאַלן נאָענט פֿון אונדז, האָט אונדזער פֿערד אַזוי צעווילדעוועט, אַז ער האָט גענומען פֿליִען גלײַך אויף די ביימער. כ'בין פֿון שליטן אַרויסגעפֿאַלן, געבליבן ליגן. ווען כ'בין אויפֿגעשטאַנען, איז קיינער אין דער נאָענט שוין נישט געווען. כ'האָב מיך געלאָזט גיין מיט די אויסגעטראָטענע שפּורן, כּדי אָנצויאָגן די חברה. אָבער אַזוי ווי אין אַ פֿאַרכּישופֿטן קרײַז — אָפּגייענדיק אַ שטיק וועג בין איך כּסדר געקומען אויפֿן זעלבן אָרט. דאָרט זענען געלעגן טעלעכצע געהרגעטע פּאַרטיזאַנער. דאָס געזעץ וועגן נישט איבערלאָזן קיין אייגענע האָט אויפֿגעהערט צו גילטן.

איינער אַליין — וואָס הייבט מען דאָ אָן צו טאָן, כּדי נישט אַרײַנצופֿאַלן אין די הענט פֿון די דײַטשן? פּלוצלונג — די ישועה קומט דאָך שטענדיק פּלוצלונג — האָב איך אין אַ זײַט פֿונעם פֿאַרכּישופֿטן קרײַז באַמערקט אַ קליין אויסגעטראָטן שטעגל, וואָס האָט איבער אַ פֿעלד געפֿירט אין אַ צווייטן וואַלד. מיט דעם שטעגל בין איך אַוועק און ער האָט מיך געבראַכט צו אַ גרופּע פֿון אַ צוויי צענדליק פּאַרטיזאַנער פֿון פֿאַרשידענע אָטריאַדן. דאָ איז אויך געווען דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר קאַפּיטאַן סובאָטין,

און דער שטאַבשעף פון דער בריגאַדע אַנאַכין. געגאַנגען איז מען איינער הינטערן צווייטן, נישט אויסערגעוויינלעך צווישן זיך קיין וואָרט. געגאַנגען איז מען נישט מיט קיין וועגן, נאָר אין מיטן פונעם טיפן שניי, איינער אין צווייטנס פוסטריט. דערביי האָט מען יעדע עטלעכע מינוט זיך געטוישט מיט די ערטער. דער ערשטער האָט געהאַט די שווערסטע אַרבעט — שטעלן דעם ערשטן טראָט אין טיפן שניי. אים האָט, נאָך עטלעכע מינוט גיין, פאַרביטן דער צווייטער, דער דריטער און אַזוי ביז עס איז ווידער דער־גאַנגען זײַן ריי. ווער עס האָט אַליין נישט אויסגעפּרוווט אַזאַ מין גאַנג אין טיפן, נישט גערירטן פון קיין מענטשלעכן פוס שניי, קען קיין אַנונג נישט האָבן, וואָס פאַר אַן אָנשטרענגונג דאָס פאָדערט. נאָך עטלעכע טעג אַזוי גיין זענען בײַ מיר די קני געשוואָלן געוואָרן. איך האָב זיי מער נישט געקאָנט נישט אײַנבייגן, נישט אַרויסשלעפּן פונעם טיפן שניי. אַ יונגער לייטענאַנט (וועלכער האָט דעם גוטן הומאָר נישט פאַרלוירן אַפילו אין דער דאָזיקער סיטואַציע, ער איז געווען אַ מײַסטער צו דערציילן מעשׂהלעך אין גראַמען און דערביי זאָל יעדער וואָרט זיך אָנהייבן מיט אַן „אָ"...) האָט זיך דערבאַרעמט אויף מיר און פלעגט יעדער מאָל, ווען איך האָב געדאַרפט זײַן דער ערשטער, מיך פאַרבײַטן.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר זיך דערנעענטערט צו אַ דאָרף. דער פּאַרטיזאַן וואָס איז געשיקט געוואָרן אויף אויסשפּיר און צו ברענגען עפּעס עסן איז שנעל צוריקגעקומען. דאָס דאָרף איז געווען פול מיט דײַטשן און פּאָליציי. זענען מיר אַוועק טיפער אין וואַלד, גייענדיק אין דער ריכטונג פון אונדזער אַלטער באַזע. די אויסרעכענונג איז דערביי געווען — און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז זי געווען אַ ריכטיקע — אַז אַהין וועלן צוריקקומען אַלע, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער היטלע־ריסטישער אַרומרינגלונג. און בכלל וועלן מיר דאָרט, צווישן דער באַ־פעלקערונג וואָס קען אונדז, קומען צו זיך. וואָס נענטער מיר זענען צוגע־קומען צו אונדזער ראַיאָן — אויך דאָס מאָל זענען מיר בשלום אַדורך די באַנרעלסן — אַלץ אַלאַרמירנדיקער זענען געוואָרן די ידיעות, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די אָרטיקע פויערים. די גאַנצע געגנט איז געווען באַ־זעצט דורך ספּעציעלע היטלעריסטישע אײַנזאַץ־גרופּעס צום קאַמף קעגן

דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. די אַרטיקע באַפּעלקערונג איז געוואַלדיק טעראָריזירט געוואָרן. מאַסן מענער און פרויען זענען געכאַפּט און אַוועק־געשיקט געוואָרן. וווּהין? קיינער האָט עס נישט געוווּסט.

אין דער דאָזיקער לאַגע איז געבליבן, אַז מיר צעטיילן זיך אויף קליינע גרופּעס, כּדי זיך צו פאַרשטעקן ווו נאָר עס וועט זיך לאָזן און איבערוואַרטן, ביז די היטלעריסטישע עקספּעדיציע וועט אַוועק. מיר זענען געווען זאַלבע זעקסט. אַלע ייִדן. פיר מענער און צוויי פרויען. מיט סאָניען, דער געוועזענער פראָקוראָרין פון מינסק, איז געווען זייער שלעכט. קוים וואָס זי האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס. זי האָט געפיבערט, געשלונגען שטיקער שניי. מיר זענען אַרייַנגעקראָכן אין דער געדיכטעניש פון קליינע ביימלעך און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, אָפּרייניקנדיק זי אַ ביסל פון שניי. ווייַזט אויס, אַז נישט ווייַט איז געווען אַ דאָרף. עס האָט זיך געהערט דאָס בילן פון הינט. אַ סימן, אַז דאָרט זענען געווען פרעמדע. זיכער נישט קיין פּאַרטיזאַנער. מיר פלעגן, געוויינטלעך, בעתן אָנקומען אין אַ דאָרף, קודם־כּל באַפוילן אַרייַנצונעמען די הינט אין די שטיבער, כּדי זיי זאָלן נישט אַרויסגעבן מיט זייער בילן ווו מיר געפינען זיך. אין אַזאַ לאַגע האָט קיין רייד נישט געקענט זייַן וועגן אָנצינדן אַ שייַטער אויף אָנצוואַרעמען אַ ביסל וואַסער. סאָניען איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. זי האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזייַן, גערעדט פון היץ. מען האָט געמוזט פאַרשטעלן איר דאָס מויל. בייַ נאַכט האָבן מיר אַ ביסל איינגעדרימלט. פאַר טאָג האָט שוין סאָניע נישט געלעבט. מיר האָבן זי אָפּגעטראָגן אַ ביסל אין אַ זייַט און פאַרדעקט מיט צווייַגן. אַ קבֿר אויסגראָבן האָבן מיר נישט געקענט. די ערד איז געווען פאַרפרוירן און פון אונדזער פאַרשטעקונג האָבן מיר נישט געטאָרט אַרויסגעבן קיין שום קלאַנגען.

אברהם שליאַכטאָוויטש האָט צעשניטן די שטיוול. די פינגער זענען געווען בייַ אים אָפּגעפרוירן, האָט ער מיט אַ בלעכל אָפּגעשניטן די פאַר־פרוירענע שפּיצן, אַזוי אַרום האָט ער אָפּגעראַטעוועט זייַן לעבן, ווייַל אַנדערש וואָלט די פרירעכץ דערגאַנגען ביזן האַרצן... בייַ נאַכט זענען נחום מיט העניעקן אַוועק זוכן עפּעס צום עסן. נחום איז צוריקגעקומען שלעפּנדיק אויף זייַנע פּלייצעס העניעקן, בייַ וועלכן די רעכטע האַנט איז

געוועזן פאַרוווּנדעט פון אַ דום־דום־קויל. העניעקן מיט זײַן פרוי האָבן מיר בײַ נאַכט אָפּגעפירט טיפער אין אַ וואַלד, אין אַן אַלטער, פאַרלאָזענער הייל, וווּ עס האָט זיך גראָד געפונען אונדזער קאַמפּס־חבר, אויך אַ געקומענער פון מינסקער געטאָ, מאיר רעכטמאַן. די ווייטיקן בײַ העניעקן זענען געווען מוֹראַדיקע. ער פלעגט הויך קרעכצן, צײַטנווײַז נעמען שרײַען. זײַן פרוי פלעגט אים דאַן אויפזינגען דאָס רוסישע ליד:

„אויב דײַן פרײַנד ווערט פאַרוווּנדעט,
וועט זײַן קאַמפּס־חברטע
אײַלן צו אים מיט הילף".

העניעק פלעגט פאַרבײַסן די ליפּן און שטיל, שטיל מיטזינגען...

אין אונדזער לאַגע, וואָס האָט אויסגעזען צו זײַן אויסוועגלאָז, האָט זיך באַוויזן אַ שטראַל פון האָפענונג און דערמוטיקונג. מיר האָבן צופעליק זיך דערוווּסט וועגן ניצחון בײַ סטאַלינגראַד און שוין דעמאָלט באַנומען, אַז דאָס איז אַן איבערבראָך אינעם גאַנג פון דער וועלט־מלחמה. אַפילו אין דעם פאַקט וואָס די ס.־ס.־בלאָקאַדע אין אונדזער געגנט איז אַראָפּגענומען געוואָרן — מיר פלעגן אַלץ אָפטער זיך דערלויבן אַרײַנצוגיין בײַ נאַכט אין דערפער — האָבן מיר געוואָלט זען אַ סימן, אַז דער שׂוֹנא איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן און מוז דעריבער צונויפנעמען זײַנע כּוחות. דערווײַל אָבער איז פאַר אונדז געווען די עיקרדיקע פראַגע — ווי אַזוי נעמט מען צונויף די אייגענע כּוחות. צוגעהאָלפן דערצו האָט אונדז דאָס אַזוי געגאַרטע דורך פאַרטיזאַנער „שוואַרץ וועגל", ד"ה דער וועג אַן שנײ און ממילא אַן איבערגעלאָזטע שפּורן.

פון פאַרשידענע וועלדער האָבן געצויגן צום זאַמלפּונקט גרופּעס און איינצלנע פאַרטיזאַנער פון אַלע אונדזערע אַמאָליקע דרײַ אָטריאַדן. דעמאָלט ערשט האָבן מיר זיך דערוווּסט דאָס שרעקלעכסטע. אַלע מאָביליזירטע און אויך פרײַוויליקע פון דער דאָזיקער געגנט, חוץ איינעם, זענען מער נישט געווען צווישן אונדז. ניין, זיי זענען נישט אומגעקומען בעת אונדזער בריגאַדע איז אַרומגערינגלט געוואָרן אין אוזדער וואַלד. זיי האָבן זיך

פּשוט איבערגעגעבן אין די הענט פון די דײַטשן. פֿאַרבינדלערס האָבן אינ־פֿאָרמירט, אַז מען האָט געזען זיי פֿירן, כּלומרשט צום אָפּשיקן אויף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד. כ'האָב געפּרוּווט רעדן וועגן דעם מיטן בריגאַדע־קאָמאַנ־דיר, מיטן קאָמיסאַר. זיי האָבן אײן ענטפֿער געהאַט: „פֿאַררעטער!" אפֿשר האָבן זיי בײַ זיך אין האַרצן נאָך וועגן עפּעס אַנדערש געטראַכט? מען וועט זיך דאָך סוף־כּל־סוף דערוויסן וועגן דער דאָזיקער מפּלה, וואָס האָט ביז איצט קיין פּרעצעדענס נישט געהאַט אין קיין שום פּאַרטיזאַנער־אײנ־הייט. די העכערע, אַנפֿירנדיקע אינסטאַנצן וועלן זיך דאָך דערוויסן, עס וועט אויסקומען צו ענטפֿערן פֿאַר דער מאַסן־דעזערציע, פֿאַר דעם אַריבערגיין אויף דער זײַט פֿון שׂונא. דערמיט אַוודאי דערקלערט זיך, וואָס די ברי־גאַדע־אַנפֿירונג איז גיך אײַנגעגאַנגען אויף מײַן פֿאָרשלאָג צו רופֿן אַ באַראַטונג פֿון קאָמאַנדירן און פּאָליטישע טוערס פֿון אַלע ראַנגען, כּדי צו אַנאַליזירן די סיבות פֿון דער מפּלה.

די אָפּשאַצונג, וואָס עס האָט בעת דער באַראַטונג געגעבן דער בריגאַ־דע־קאָמיסאַר וואַטשוק (אַן אינזשעניר פֿון פֿאַך, אַלע מאָל האָט ער זיך באַרימט און געגרויסט דערמיט, וואָס אין די צוואַנציקער יאָרן איז ער געווען שטאַרק באַאײַנדרוקט מיט יעסענינען), איז געווען פֿול מיט שטאַרקע פֿראַזן קעגן די היטלעריסטן און זייערע דינערס. בלויז זיי זענען שולדיק אין דעם גרויסן אומגליק, וואָס אונדזער בריגאַדע איז צעקלאַפּט געוואָרן און איז איצט פֿאַרלויפֿיק נישט פֿעיִק צו וועלכער עס איז קאַמפּסאַקציע. וואָס שייך די יוגנטלעכע, וועלכע זענען אַריבער צו די דײַטשן, איז דאָך קלאָר פֿון זייער אָפּשטאַמונג, ווער זיי זענען. און דערבײַ האָט ער איבער־געחזרט אַלע אַרגומענטן פֿון דער יעזשאָוושטשינע וועגן באַהאַלטענע פֿאַר־רעטער, וועגן „עפּעלע, וואָס פֿאַלט נישט ווײַט פֿונעם בוים" און געענדיקט האָט ער מיט אַ רוף צו וואַכזאַמקייט...

בעת־מעשׂה האָב איך געכאַפּט אַ שמועס מיט דעם איינציקן יוגנטלעכן פֿון יענער געגנט, וועלכער איז געבליבן מיט אונדז. ער האָט אין אַנהייב, בעתן שאַפֿן אונדזער אָפּטייל, געהערט צו די צען פֿון מײַן גרופּע און פֿון מײַן ערדהייל. מיר זענען פֿון דעמאָלט אָן געווען באַפֿרײַנדעט. איך האָב אים געפֿרעגט, וואָס טראַכט ער וועגן דער סיבה פֿונעם איבערלויפֿן אויף

דער זײַט פון שונא און דאָס פון אַלע, חוץ אים איינעם. ער האָט זיך אַרויס־געדרייט פון אַן ענטפער. געזאָגט בלויז: „ס'איז דאָ אַ סך צו רעדן". ווען איך האָב אים פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל נאָכן קאָמיסאַר נעמען אַ וואָרט — האָט ער אויף מיר געקוקט ממש מיט שרעק אין די אויגן.

אויף מײַן אַרויסטרעטונג האָט זיך דער עולם נישט געריכט. מען האָט מיך געקאָנט דערפון, וואָס איך רוק זיך נישט פון אויבן, יאָג זיך נישט נאָך קיין שום ראַנג. גערעדט האָב איך זייער קורץ. אייגנטלעך — גע־שטעלט בלויז פראַגעס: ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס דעם שונא האָט זיך אײַנגעגעבן אונדז צו באַפּאַלן אומגעריכט? ווו איז געווען אונדזער אויסשפּיר, וועמענס דירעקטע אויפגאַבע עס איז צו זײַן אין דער גאַנצער געגנט אַרום און וויסן וועגן יעדן קער און ווענד פון די היטלעריסטן? ווער האָט אָרגאַניזירט אַזוי שלימזלדיק די וואַכפּונקטן, אַז קיין איינער האָט באַצײַטנס נישט באַמערקט די אָנקומענדיקע דײַטשישע באַטאַליאָנען? פאַר וואָס האָט דער בריגאַדע־קאָמיסאַר נישט גענומען ערנסט די רייד וועגן די אָרטיקע יונגע פּאַרטיזאַנער, וועגן דער נייטיקייט זיך צו רעכענען מיט זייערע שטימונגען, איבערלעבונגען און כּסדר מיט זיי שמועסן? צי איז נישט נייטיק בכלל זיך אָפּצוזאָגן פון צוואַנג־מאָביליזאַציעס, בעת די פּאַר־טיזאַנער־באַוועגונג איז אויסגערעכנט בלויז אויף פרײַוויליקע?

דער עולם האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט די דאָזיקע „אינטערפּע־לאַציע". אייניקע האָבן אָפּט אָפּגעווענדט זייערע בליקן פון מיר, אָבסער־ווירנדיק די רעאַקציע פון דער בריגאַדע־אָנפירונג. דער קאַפּיטאַן סובאָטין איז געזעסן אַן אָנגעברוגזטער, צײַטנווײַז האָט ער געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ דערשראָקענעם. דער בריגאַדע־קאָמיסאַר האָט בעת מײַן רעדן דע־מאָנסטראַטיוו אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זײַט, די אויגן געווענדט צו דער ערד, פונקט ווי דער גאַנצער ענין וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען. לאַנגע מינוטן האָט קיינער קיין וואָרט נישט געבעטן. די אָנפירערס פון דער בריגאַדע האָבן גענומען זיך עפּעס פאַרשטענדיקן צווישן זיך אין דער שטיל, מסתמא — וואָס צו זאָגן בעתן שליסן די באַראַטונג. דאָ איז פּלוצלונג אויפגעשטאַנען דער אַלטער אַרבעטער־טוער פון פּוילן אברהם שליאַכטאָ־וויטש, אַ שוסטער פון פאַך, וועלכער האָט „אָוועקגעלייגט" אַ פּראָקוראָ־

רישע רעדע. נישט געקוקט אויף זייַן שלעכטן רוסיש האָבן אַלע אים אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם. די פּאַרטיזאַנער האָבן ליב געהאַט אַב־רהמען פֿאַר זייַן אמתער פּאַטערלעכער זאָרג, פֿאַר זייַן גוטסקייט און שטענדיקער גרייטקייט צו העלפֿן בעת יעדער געלעגנהייט. אים איז אַ באַזונדערס גרויסער אומגליק געשען בעת דעם דייַטשישן אָנגריף אויף אונדזער בריגאַדע. ער האָט געהאַט מיט בראַניעס הילף אַראָפּגעבראַכט פֿון געטאָ אַ פֿרוי, אַן אָפּשטאַמיקע פֿון זייַנע מקומות, צוזאַמען מיט איר זון. געקומען זענען זיי אין וואַלד פּונקט דעמאָלט, ווען מיר זענען צעקלאַפּט געוואָרן. די פֿרוי איז צוזאַמען מיט איר זון אַרייַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די רוצחים. מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז מען האָט זיי גע־בראַכט אין מינסקער געסטאַפּאָ, ווו מען האָט די פֿרוי זייער לאַנג געפּייַ־ניקט. אין דער זעלבער צייַט איז אין די דייַטשישע הענט אויך אַרייַנגע־פֿאַלן, בעתן אָפּרוען אין אַ פּויערישער כאַטע, אַברהמס לאַנדסמאַן, דער פּאַרטיזאַן ראובן הייבלום, וועלכער איז מיט מיר צוזאַמען געקומען אין וואַלד. אַברהמס רעדע אויף דער קאָמאַנדיר־באַראַטונג איז געווען דורכ־געדרונגען מיט ווייטיק און צאָרן. ער האָט געפֿאָדערט, אַז די שולדיקע זאָלן ענטפֿערן פֿאַר אַלץ, לויט די געזעצן פֿון מלחמה־צייַט.

לאַנג האָט דער קאָמיסאַר וואָוטשוק אין זייַן שלוסוואָרט געפּלאָנ־טערט מיט דער צונג, באַמיִענדיק זיך אָפּצושוואַכן דעם אייַנדרוק פֿון אונ־דזערע ביידנס אַרויסטרעטונגען. זייַן עיקר־אַרגומענט איז געווען, אַז באַגיין פֿעלערן איז אַ מענטשלעכע זאַך און אַז „אויף פֿעלערן לערנט מען זיך". די מלחמה איז נאָך נישט געענדיקט, עס שטייען אונדז פֿאַר שווערע קאַמפֿן. לאָמיר אויסניצן אין דער צוקונפֿט די גוטע דערפֿאַרונג און אויסמייַדן איבערצוחזרן די שלעכטע. ער האָט געענדיקט מיטן צוזאָג, אַז די בריגאַדע־אָנפֿירונג וועט מאַכן אַלע נייטיקע אויספֿירן.

דער איינציקער אויספֿיר איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ באַפֿעל אויסצוטיילן אַלע יִדישע פּאַרטיזאַנער אין אַ באַזונדערן אָפּטייל, אַלס פֿערטן אָטריאַד אין דער בריגאַדע. אויף צו פֿאַרצוקערן דעם דאָזיקן אייַנ־דייַטיקן באַשלוס האָט מען דעם נייַעם אָפּטייל געגעבן דעם נאָמען פֿון העלדישן פּאַרטיזאַנער אין דער צייַט פֿון בירגערקריג, וועלכן די יאָפּאַנער

האָבן לעבעדיקערהייט פאַרברענט — סערגיי לאַזאָ. אַלס קאָמאַנדיר איז באַשטימט געוואָרן אַ העלדישער פּאַרטיזאַן, בעליאַקאָוו, אַן אַפּשטאַמיקער פון סיביר, וועלכן מיר אַלע האָבן ליב געהאַט. אַלס קאָמיסאַר פונעם אָפּ־טייל — און דאָס איז געווען די סענסאַציע — בין איך באַשטימט געוואָרן.

דער אויטאָר — אַלס קאָמיסאַר פון יידישן פּאַרטיזאַנער-אָפּטייל א. נ. פון ס. לאַזאָ

צווישן זיך האָבן מיר, ייִדישע פּאַרטיזאַנער, ווי געהעריק פאַרשטאַנען וואָס עס באַטײַט אין יענעם מאָמענט דאָס אַרויסנעמען די ייִדן פון אַלע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן און זיי קאָנצענטרירן אין אַ באַזונדערן אָטריאַד. מיר האָבן געזען די געפאַר פון מעגלעכע אַנטיסעמיטישע פּראָוואָקאַציעס, פון וועלכן באַווײַזן אַז „ייִדן זענען נאָר פעיִק צו עסן הינער", אָבער נישט צו קעמפן. מיר האָבן קודם־כל זיך באַוואָרנט פון אינעווייניק, איינשטעלנדיק צווישן זיך אַ שטרענגע דיסציפּלין. מיטן קאָמאַנדיר האָבן מיר געלעבט בשלום און ער איז אונדז שטאַרק צו ניץ געקומען מיט זײַנע מיליטערישע קענטענישן און גוטער אָריענטאַציע אין שטח (ליידער האָבן אונדזערע ייִדן נישט געזינדיקט דערמיט). געווען איז ער אַ גאַנץ פרימיטיוועր בחור און

פֿאַר דערציילן אים „אַ גוטע מעשׂה” איז ער גרייט געווען צו גיין אין פֿײַער און וואַסער. איך פֿלעג אים אין פֿרײַע שעהען דערציילן דעם אינ־האַלט פֿון אַ געזעענעם פֿילם, קיצור פֿון אַ גרויסן ראָמאַן, פֿון אַ נאָוועלע אָדער אַפֿילו פֿון אַ פּאָעמע און ער איז געווען גליקלעך. ער פֿלעגט מיר חבריש קלאַפּן איבער דער פּלייצע און הויך דערקלערן פֿאַר אַלעמען: „אַט דאָס איז אַן אמתער קאָמיסאַר!” קיין מבֿין אויף דער ספּעציעלער פּאָליטיק לגבי אונדז מצד דער בריגאַדע־אָנפֿירערשאַפֿט איז ער נישט געווען, און ווען איך פֿלעג אים אַפֿילו אָנווײַזן אויף שרײַענדיקע עוולות, אויף גרינג־שעצנדיקע אָפּשאַצונגען פֿון אונדזערע קאַמפּס־אָפּעראַציעס, פֿלעגט ער מיט אַ נאַיִוו פּנים מיך אָנקוקן און ענטפֿערן: „די נאַטשאַלסטוואָ ווייס בעסער וואָס זי טוט”.

די לאַגע האָט זיך פֿולשטענדיק געענדערט, ווען אַלס קאָמאַנדיר פֿון אונדזער אָפּטייל איז באַשטימט געוואָרן דער לייטענאַנט גאַליצעוו. אַ שטאַרק אַמביציעזער און זעלבשטענדיקער, האָט ער פֿון דער ערשטער מינוט אָן אָפּגעשאַצט אונדזער לאַגע און דערקלערט, אַז „ביַי אים” וועט עס אַזוי נישט גיין. איך האָב נישט געוווּסט צו וואָס פֿאַר אַ נאַציאָנאַליטעט גאַליצעוו געהערט — דאַכט זיך, אַז ער איז געווען אַ טאָטער — אַלנפֿאַלס איז ער נישט מסכּים געווען מיט קיין שום אופֿן פֿון טיילן פּאַרטיזאַנער לויט זייער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט. ער האָט אָפֿט געהאַט קאָנפֿליקטן מיט דער בריגאַדע־אָנפֿירונג און איז עקשנותדיק באַשטאַנען אויף דאָס זײַניקע, הן בנוגע דעם אָנטייל פֿון אונדזער אָפּטייל־אָנפֿירונג אין אויסאַרבעטן גע־מיינזאַמע פּלענער פֿון קאַמפּס־אָפּעראַציעס און הן בנוגע אינערלעכע ענינים. ווען ער איז געווען שטאַרק אויפֿגערעגט פֿלעגט ער, אָנווײַזנדיק אויף זײַן אויטאָמאַט־פּיסטאָליעט איבערחזרן די באַקאַנטע לאָזונג: „די מאַכט איז דאָ, אויפֿן אָרט”.

צו מיר אין דעם ערדשטיבל איז ער איין מאָל געקומען אַ שטאַרק דענערווירטער. „ווײַטער וועט עס אַזוי נישט גיין!” — האָט ער קאַטעגאָ־ריש דערקלערט און האָט אָנגעהויבן שיטן פֿעך און שוועבל אויף דעם בריגאַדע־קאָמאַנדיר און בריגאַדע־קאָמיסאַר, וועלכע פּוסטע־פּאַסעווען, זויפֿן און פֿרעסן, און טראַכטן נישט וועגן פֿירן דעם קאַמף קעגן די דײַטשן.

„ווײַטער וועט עס אַזוי נישט גיין!" — האָט ער איבערגעחזרט און האָט פּאַר מיר אויסגעלייגט זײַן פּלאַן: שיקן אַ דערקלערונג אין געגנטלעכן צענטער פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, אַז מיר קענען לענגער נישט בלײַבן אין באַשטאַנד פון דער פּרונזע־בריגאַדע, מאָטיווירנדיק עס מיט דער דיסקרימינאַציע פון אונדזער אָפּטייל צוליב זײַן יידישן באַשטאַנד און מיט דער פּאָליטיק פון „אָפּוואַרטן", פון זיצן אין וואַלד און גאָרנישט טאָן. גלײַכצײַטיק וועלן מיר צוגרייטן דעם איבערגאַנג פון אונדזער אָפּטייל אויף אַ נײַער באַזע, ווו ביז אַ באַפעל פון געגנט־צענטער וועלן מיר בלײַבן אויסער יעדער בריגאַדע, אַלס זעלבשטענדיקער אָפּטייל.

אין דרײַען, צוזאַמען מיטן שעף פון שטאַב, האָבן מיר אויסגעאַרבעט גענוי דעם פּלאַן, ווי אַזוי אַרויסצופירן אונדזער אָפּטייל פון דעם וואַלד, ווו עס האָט זיך געפונען די פּרונזע־בריגאַדע. ווי אַזוי דער דאָזיקער פּלאַן איז באַקאַנט געוואָרן דער בריגאַדע־אָנפירונג איז נישט באַוווסט, אָבער אין מיטן מאַרש פון אונדזער אָפּטייל זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן פון פּאַרטיזאַנער־גרופּעס פון די אַנדערע דרײַ אָפּטיילן, מיט וועלכע עס האָט אָנגעפירט דער שטאָב פון דער בריגאַדע. זיי האָבן אָנגעשטעלט אויף אונדז דאָס געווער און מיר האָבן דערהערט אַן אויסגעשריי־באַפעל: „גיט זיך תיכף אונטער!" גאַליצעוו האָט מיך אָנגעקוקט אין יענער רגע אַ פאַר־לוירענער. איך האָב פון קעשענע אַרויסגענומען דעם טעקסט פון אונדזער מעלדונג צו דעם געגנט־צענטער פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און האָב זיך געווענדט צו אַלע פּאַרטיזאַנער מיט עטלעכע הייסע ווערטער, אַז ס'איז אַ פאַרברעכן צו ווענדן דאָס געווער, מיט וועלכן מען דאַרף קעמפן אויס־שליסלעך קעגן די היטלעריסטן, אין דער זײַט פון פּאַרטיזאַנער. מיר דע־זערטירן נישט. מיר זענען גרייט אויסצופירן יעדן קאַמפּסבאַפעל, אָבער מיר ווילן נישט דערנידעריקט ווערן דורך די, וועלכע האָבן שוין איין מאָל אונדז דערפירט צו דער שענדלעכסטער מפלה. ווען כ'האָב גענומען לייענען דעם טעקסט פון אונדזער ווענדונג צום געגנט־צענטער פון דער פּאַרטיזאַ־נער־באַוועגונג, האָב איך געפילט, אַז די געפאַר איז אַריבער, אַז קיין באַפעל צו שיסן אין אונדז וועט קיינער פון דעם בריגאַדע־שטאָב נישט וואַגן צו געבן. און דאָך איז געפאַלן איין שאָס, און געטראָפן האָט די קויל אין דעם

אַקסל פֿון קאָמאַנדיר גאָליצעוו. און דאָס האָט געענדערט די גאַנצע לאַגע. פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געהערט געשרייען: „ס'איז אַ פּראָוואָקאַציע!", „דערשיסן דעם מערדער!" וואָס טוט מען ווײַטער? מען האָט אין יענעם מאָמענט געקאָנט מיט דער פֿולער זיכערקייט זיך לאָזן ווײַטער אין וועג און פֿאַרזעצן אונדזער מאַרשרוט. קיינער וואָלט אונדז מער נישט גע־שטערט. וואָס טוט מען אָבער מיטן פֿאַרוווּנדיקטן קאָמאַנדיר? אַ דאָקטער איז פֿאַראַן בלויז אין דער בריגאַדע. מיר האָבן בלויז איין קראַנקן־שוועס־טער. צי האָבן מיר — דער שעף פֿון שטאַב און איך — דאָס רעכט צו שטעלן אין געפֿאַר דאָס לעבן פֿון אונדזער קאָמאַנדיר? מיר האָבן זאַלבע פֿערט גענומען גאָליצעוון און אומגעקערט זיך מיט אים צוריק אויף דער באַזע, וועלכע מיר האָבן געהאַט פֿאַרלאָזן.

די אָנפֿירונג פֿון בריגאַדע־שטאַב האָט מיט אומדערוואַרטער פֿיל־באַרקייט זיך באַצויגן צו אונדזער קאָמאַנדיר. דער דאָקטער איז פֿון אים נישט אָפּגעטראָטן. פֿאַרבינדלערס האָבן געבראַכט מעדיקאַמענטן אַזש פֿון מינסק און די וווּנד האָט זיך בײַ אים גענומען פֿאַרהיילן.

גאָר אַנדערש איז עס געווען מיט מיר. אין איינעם אַ טאָג איז צו מיר צוגעלאָפֿן זייער אַ דענערווירטער דער פֿריִער דערמאָנטער יוגנטלעכער, דער איינציקער פֿון די אָרטיקע, וואָס איז געבליבן מיט אונדז און איז צו יענער צײַט געווען דער געהילף פֿון בריגאַדע־קאָמיסאַר פֿאַר אַרבעט צווישן דער יוגנט. ער האָט שנעל צו מיר אַ זאָג געטאָן: „מוזסט תיכף אַנטלויפֿן!" איך קוק אים אָן פֿאַרוווּנדערט. „וואָס הייסט אַנטלויפֿן? וווּהין? וואָס איז געשען?" און ער גיט מיר אײַליק איבער, אַז עס דויערט נאָך אַ באַראַטונג פֿון בריגאַדע־שטאַב. דער קאָמיסאַר וואָטשוק האָט רעדנדיק וועגן מיר דערקלערט: „כּל־זמן דער דאָזיקער זשיד וועט לעבן — וועלן מיר קיין לעבן נישט האָבן" (אויף רוסיש האָט עס געקלונגען ממש ווי אַ „פּאָעטישע" שורה: „פּאָקאַ עטאָט זשיד בודיעט זשיט' — נאַם זשיזני ניע בודיעט"). דער יוגנט־טוער האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז ס'איז שוין פֿאַראַן אַ געניויער פּלאַן, ווי אַזוי אויסצופֿירן אויף מיר דעם טויטאורטייל. איך וועל געשיקט ווערן אין אַ באַשטימטער ריכטונג אָנצופֿירן מיט אַ קאָמפּס־אָפּעראַציע קעגן אַ כּלומרשטן פּאָליציי־אָפּטייל. אין דער זעלבער

צײַט וועט פון אַן אַנדער זײַט אָנקומען אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון אַ צווייטן אָפּטייל, וועלכע וועט דאַרפן שיסן אין אונדז, מיט דער זיכערקייט, אַז... מיר זענען עס גאָר די פּאָליציאַנטן. בעת דער קעגנזײַטיקער שיסערײַ, וועלכע וועט קאָסטן קרבנות, דאַרף איך דערהרגעט ווערן. די דירעקטיוו, וואָס דער אָנפירער פון דער צווייטער גרופּע האָט באַקומען, איז געווען: קיין „געפאַנגענע" נישט נעמען...

די לאַגע איז פאַר מיר געווען קלאָר. דאָס איז שוין דער סוף. דער טויטאורטייל וועט זיכער אויסגעפירט ווערן אין הסכם מיט דעם קאָמיסאַרס טײַוולפּלאַן. איך וועל זיך דאָך נישט אָפּזאָגן אויסצופירן דעם באַפעל צו באַקעמפן די פּאָליציי...

כ'האָב לחלוטין גאָרנישט געהאַט פון פּאַרויס צוגעטראַכט, אָבער ווען איך האָב דערזען דעם בריגאַדע־קאָמיסאַר וואָטשוק אַרויסגייענדיק פון דער שטאַבהייל, בין איך האַסטיק־שנעל צו אים צוגעלאָפן און אים געזאָגט: „קאָמיסאַר, כ'וויל אײַך מעלדן אַז וועגן טויטאורטייל, וועלכן איר האָט אויף מיר אַרויסגעגעבן, ווייס שוין דער גענעראַל פּלאַטאָן (פּסעוודאָנים פון העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, באַפולמעכטיקטער פון צ"ק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווײַסרוסלאַנד — וואַסילי יעפימאָוויטש טשערנישאָוו). דער קאָמיסאַר איז טויט־בלאַס געוואָרן. כ'האָב ממש דערזען ווי זײַן הויכע, שלאַנקע פיגור הייבט אָן זיך אײַנצוקאָרטשען. פון זײַנע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ שאַרפע דערשראָקנקייט. אין דעם צושטאַנד איז ער נישט פעיִק געווען אויף אַ רגע אַ טראַכט צו טאָן, אַז ס'איז בכלל נישט מעגלעך געווען עס זאָל אין אַזאַ קורצער צײַט דערגיין צו דעם גענעראַל פּלאַטאָן, וועלכער איז פון אונדז ווײַט געווען בײַ אַ 40־50 קילאָמעטער. דער באַשלוס צו פּטרן מיך. איך ווייס אַפילו נישט, צי האָט ער שפּעטער זיך אויף אַזוי פיל באַרויִקט, כדי צו דערזען מײַן „שאַנטאַזש". קומענדיק צו זיך פון איבערראַשונג, האָט ער מיך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און אָפּגעפירט אין אַ זײַט. און ער האָט גענומען צו מיר רעדן אין אַזאַ האַרציקן טאָן, אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען לאַנג־יאָריקע גוטע פרײַנד.

— וואָס פעלט דיר אײַן? — האָט ער געזאָגט — ווי אַזוי קענסטו גאָר טראַכטן, אַז איך, אַז מיר זאָלן וועלן באַגיין אַזאַ מין פאַרברעכן?!

וואָס טראַכסטו זיך, מיר האָבן שוין גאָר קיין געוויסן נישט ? יאָ, מיר האָבן גערעדט וועגן דיר, אָבער פונקט פאַרקערט, מיר ווילן דיך נעמען אין שטאָב פון דער בריגאַדע. מיר האָבן פלענער... — און אַזוי ווײַטער, אין דעם זעלבן נוסח.

אַ גליק איז מיר געשען. דעם זעלביקן טאָג איז אויפן וועג צו דעם געגנט-צענטער דורכגעריטן דער שעף פון באַזונדערן אָפּטייל פון סטויב־צער צווישן־ראַיאָנעם צענטער פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג. איך האָב אים געבעטן דרינגנדיק איבערגעבן מײַן בריוול דעם גענעראַל פלאַטאָן. אויף צו מאָרגנס פאַר טאָג איז געקומען דאָס קוויטל, וואָס האָט מיך פאַר־מישפּט... צום לעבן!


Г. Смоляр!
Прошу срочно
прибыть в облцентр
Платон

דאָס קוויטל, וואָס האָט מיך געראַטעוועט . . .

פון דעם אָנפירער פון געגנטשטאָב פון דער פאַרטיזנער-באַוועגונג גענעראַל-מאַיאָר פלאַטאָן (פּסעוודאָנים פונעם העלד פון סאָוועטן-פאַרבאַנד וואַסילי יעפימאָוויטש טשערנישאָוו) לייענט זיך, אין יידישער איבערזעצונג, אַזוי:
„ח' סמאָליאַר! איך בעט דרינגענדיק קומען אין געגנט-צענטער. פלאַטאָן"

אַנשטאָט מײַן אַרטילעריע־פערד (כ׳דערמאָן אים צום גוטן, ער האָט געהאַט די גרעסטע מעלה: ער האָט געקאָנט הונגערן... אַז ס׳איז נישט געווען קיין היי, פלעגט ער קײַען שטעכלקעס פון סאָסנע־ביימער. באַהיט האָט מען אָבער באַדאַרפט זײַן, זיך צו געפינען מיט אים אין אַ געפּאַר. ער האָט זיך קיין מאָל נישט געאײַלט. צוליב זײַן ווײַסן קאָליר פלעגן ייִדישע פּאַרטיזאַנער מיך אָפט באַגעגענען מיטן אויסרוף: „עס רײַט שוין משיח אויפן ווײַסן פערד...") האָט מען מיר פון בריגאַדע־שטאָב באַזאָרגט מיט אַ גוטן קאַוואַלעריע־פערד, מיט אַזאַ זאָטל, וואָס כ׳האָב קוים געקענט טרוימען ווען עס איז צו האָבן אַזעלכן. אַלס באַגלייטער האָט מען מיר צוגעגעבן 2 פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געדאַרפט ברענגען צוריק אַ באַ־שטעטיקונג, אַז כ׳בין בשלום אָנגעקומען אין געגנטשטאָב.

דער גענעראַל פּלאַטאָן־טשערנישאָוו האָט מיך זייער פרײַנדלעך אויפ־גענומען. ער האָט מיך אײַנגעלאַדן צו באַטייליקן זיך אין אַ באַראַטונג פון בריגאַדע־קאָמאַנדירן. נאָך דער באַראַטונג זענען מיר אַלע אַוועק זיך אויס־באָדן אין אַן עכט רוסישער באָד, מיט אָנגעגליטע שטיינער און פּאַרע, מיט לויפן באַקעטערהייט איבערן וואַלד און צוריק אין באָד זיך פּאַרען. צום ערשטן מאָל אין וואַלד האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט אַזוי גרינטלעך זיך אָרומצווואַשן.

און צום ערשטן מאָל אין אַזאַ מין סביבה איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון אײנעם, וואָס איז צוריקגעקומען פון דער „גרויסער ערד", פון מאָסקווע, אַז... „ענדלעך איז מען פון זיי פּטור געוואָרן... קיין ייִדן זענען אין באַשטאַנד פון דער ווײַסרוסישער רעגירונג שוין מער נישטאָ"...

די גאַנצע הנאה פון דער עכט רוסישער באָד איז ווי מיט דער האַנט אָפּגענומען געוואָרן.

אויף צו מאָרגנס איז געקומען דער באַפעל, אַז כ׳ווער געשיקט אין שטאָב פון סטויפּצער צווישן־ראַיאָנעם צענטער פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

גלײַכצײַטיק איז געקומען דער באַפעל אָפּצורופן דעם גאַנצן שטאָב פון דער פרונזע־בריגאַדע. די בריגאַדע וועלכע מיר, ייִדן פון געטאָ, האָבן געהאָלפן שאַפן האָט באַקומען אַ נײַע אָנפירונג.

23

אָן דער שווערד

פון דעם דרום־טייל אין דער גרויסער נאַליבאָקער פּושטשע, ווו גענע־ראַל פּלאַטאָן האָט מיך געשיקט, ביז צו די באַזעס פון די צוויי ייִדישע פּאַרטיזאַנער־מחנות — צו שלום זאָרינס אָפּטייל נומער 106, וועלכער האָט געציילט ביי 600 ייִדן, דער עיקר פון מינסקער געטאָ, און צו טוביה ביעלסקיס אָפּטייל (אויפן נאָמען פון מ. קאַלינין), אין וועלכן עס זענען געווען העכער 1200 ייִדישע מענער, פרויען און קינדער פון נאָוואָגרודקער, לידער און אַנדערע געטאָס — איז געווען היפּשלעך ווײַט. קיין מעגלעכ־קייט גאָר אָפּט קומען צו זיי האָב איך שוין נישט געהאַט. געצויגן האָט מיך אָבער אַהין, ווי עס ציט צו דער סאַמע נאָענטסטער, אייגענער משפּחה.

בײַ זאָרינען זענען געווען אַ סך פון די וועלכע האָבן אין מינסקער געטאָ געהערט צו אונדזער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, מענטשן אויס־געפּרוווטע, דיסציפּלינירטע, קאָמפּעטענטע. מיר פלעגן אָפּט צוזאַמען זיך באַראַטן, וואָס און ווי אַזוי צו טאָן, כּדי וואָס מער געטאָ־ייִדן ברענגען אין וואַלד. אין דעם אָפּטייל האָבן מיר געהאַט אייניקע דערפאַרענע פּאַר־בינדלערס, דער עיקר קינדער, וועלכע פלעגן פון צײַט צו צײַט, מיט ספּעציעלע אויפגאַבן אָפּגעשיקט ווערן אין געטאָ.

בײַ ביעלסקין האָב איך צײַטנווײַז געפילט, ווי עס וואָלטן זיך אומ־געקערט מײַנע שטעטלשע יוגנט־יאָרן. דאָ איז אַלץ געווען אַזוי היימיש־ייִדיש, און ווי מערקווערדיק דאָס זאָל נישט זײַן — אַזוי אײַנגעפונדעוועט, פּונקט ווי אַ גאַנץ שטעטל וואָלט מיט אַלץ און אַלעמען, אַזוי ווי עס שטייט און גייט, זיך אַריבערגעטראָגן אין וואַלד. און דערבײַ איז דאָס געווען אַן אַבסאָלוט האַרעפּאַשנע שטעטל. אַלע האָבן געאַרבעט, יעדער האָט מיט עפּעס וואָס בײַגעטראָגן לטובת דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. עס דערמאָנט

זיך אַ פֿאַל, ווען זיצנדיק בײַם קאָמאַנדיר טוביה ביעלסקי אין דער הייל און עסנדיק צוזאַמען אַן אמתן טשאָלנט, וואָס זײַן פֿרוי האָט געמאַכט (געווען איז עס שבת), האָט ער מיר דערציילט וועגן באַזוך פֿון גענעראַל פּלאַטאָן אין זײַן אָפּטייל. דער קאָמאַנדיר איבער אַלע פּאַרטיזאַנער פֿון דער געגנט האָט מיט די אייגענע אויגן געזען אָט דעםווירקלעכן אַרבעטס־קאָמבינאַט אין וואַלד, ווו קינד און קייט האָט געטרײַ געהאָרעוועט, שוין אָפּגערעדט פֿון די עטלעכע הונדערט באַוואָפֿנטע, וועלכע האָבן אויסגעפֿירט נאָרמאַלע פּאַרטיזאַנישע קאַמפּס־אויפֿגאַבן. טוביה האָט אַרומגעפֿירט דעם אָנפֿירער פֿון דער געגנטלעכער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איבער זײַן גאַנצער באַזע. ווען זיי זענען צוגעקומען צום אָרט, ווו עס זענען געשטאַנען גרויסע פֿעסער מיט אײַנגעווייקטע פֿעלן צום גאַרבן, האָט דער גענעראַל דערזען ווי עס שטייט אַ גרופּע ייִדן און שאָקלט זיך... פֿרעגט ער בײַם קאָמאַנדיר פֿונעם אָפּטייל, וואָס אַזוינס טוען די דאָזיקע פּאַרטיזאַנער? ענטפֿערט טוביה ביעלסקי, אַז... זיי לערנען דעם פֿערטן קאַפּיטל פֿון „קורצן קורס געשיכטע פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)"[1]. פּלאַטאָן האָט זיך האַרציק צעלאַכט, פֿאַרשטייענדיק ערשט רעכט וואָס אַזוינס עס טוען די ייִדן.

צו די דאָזיקע צוויי אָפּטיילן פֿלעג איך צײַטנווײַז קומען, מיטברענגענדיק מיט זיך די סאַמע נײַסטע ידיעות. איצט, געפֿינענדיק זיך אינעם שטאַב פֿון סטויבצער צווישנראַיאָן־צענטער פֿון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, האָב איך געהאַט אַן אַן ערך מער אינפֿאָרמאַציעס סײַ וועגן דער לאַגע אויף די פֿראָנטן, און סײַ וועגן דער סיטואַציע אינעם אָקופּירטן הינטערלאַנד. דער באַפֿולמעכטיקטער פֿון צענטראַלן שטאַב פֿון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און אָנפֿירער פֿונעם סטויבצער צווישנראַיאָן־שטאַב איז געווען דער אַמאָליקער פּאָליטישער אַרעסטאַנט, וועלכער איז אין פּוילן געווען פֿאַרמישפּט אויף אייביקער תּפֿיסה (פֿאַר דערמאָרדן אַ פּראָוואָקאַטאָר)

[1] דער פֿערטער קאַפּיטל איז געווען סטאַלינס „אַרבעט" וועגן היסטאָרישן און דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, וועלכן מען האָט פֿאַרגעשטעלט אַלס וויכטיקסטן און טיפֿסטן...

וולאַדימיר צאַריוק. די געמיינזאַמע פּאָליטישע פּאַרגאַנגענהייט האָט אונדז ביידן שטאַרק דערנענטערט. ער פלעגט זיך מיט מיר טיילן מיט די באַקומענע ידיעות פון דעם צענטראַלן פּאַרטיזאַנער־שטאַב, פון אונדזער אייגענער ראַדיאָ־סטאַנציע (וועלכע עס האָט באַדינט די לאַנגפיסיקע ליודע), פון דעם אויסשפּיר פון אַלע בריגאַדעס אין דער געגנט און פון די פּילצאָליקע פאַרבינדלערס אין די אַרומיקע שטעט און דערפער. די ידיעות פלעג איך אויסניצן פאַר דער פּאַרטיזאַנישער פרעסע (מיר האָבן שוין צו יענער צייַט אַרויסגעגעבן עטלעכע מיניאַטור־צייַטונגען אין אַן אייגענער וואַלד־דרוקערייַ, אין וועלכער עס האָבן געאַרבעט די צוויי יִדישע זעצערס — מייַרים פון שטעטל מיִר און ליזע פון מינסק).

בעת כ׳פלעג קומען צו זאַרינען און ביעלסקין פלעג איך ברענגען אַ סך ידיעות, וועלכע דער עולם האָט אויפגענומען מיט גרויס אינטערעס, וועלנדיק קודם־כל אַרויסדרינגען, ווען דער היטלעריסטישער שׂונא וועט סוף־כל־סוף שוין ברעכן האַלדז און נאַקן, און ווי ווייַט איז נאָך דער פראָנט פון אונדז.

מייַן פערד, וועלכער איז לויטן כאַראַקטער געווען אַ גאַנץ געלאַסענער און פלעגט בעתן כאַפּן שמיץ אָפּענטפערן אויף צוריק מיטן עק, האָט אין יענעם פרימאָרגן דערפילט, ווייַזט אויס, מייַן נערוועזן צושטאַנד. מיר איז געגאַנגען אין דעם, אַז איך זאָל וואָס פריִער זייַן אין זאַרינס אָפּטייל. מייַן פערד האָט גענומען פאַרשנעלערן זייַן טראַט, איבערגייענדיק אַפילו ערטערווייַז אין גאַלאָפּ.

אין דער שטאָבהייל האָב איך געטראָפן אַלעמען — דעם קאָמאַנדיר שלום זאָרין, דעם קאָמיסאַר חיים פייגעלמאַן, דעם שעף פון שטאָב אַנאַטאָל ווערטהיים. שוין פון סאַמע אויסדרוק אויף זייערע פּנימער האָב איך אַרויסגעלייענט, אַז געשען איז אַ גרויס אומגליק. געקומען בין איך דאָס מאָל כּדי זיך צו באַגעגענען מיט אַ יונגער פאַרבינדלערין, אַ טאָכטער פון אַ מינסקער דאָקטער. זי האָט געזאָלט דעם טאָג צוריקקומען פון געטאָ. דאָס מיידל האָט אַלע מאָל פּינקטלעך און מיט גרויס דערפאַרונג אויסגעפירט די אויפגאַבן. לויט דער שטימונג אין שטאָב האָב איך אין דער ערשטער מינוט געמיינט, אַז די קליינע איז דורכגעפאַלן. אָבער אין אַ רגע אַרום איז די פאַרבינד־

פּאַרטיזאַנער-קאָמאַנדירן, געקומענע פון מינסקער געטאָ

ערשטע ריי (פון רעכטס): הערש סמאָליאַר, שלום זאָרין און באָריס באַימאָוויטש.
צווייטע ריי (פון רעכטס): נחום פעלדמאַן, וואָלאָדיע קראַווטשינסקי, ח. פייגעלמאַן.

לערין אַרייַנגעקומען אין דער הייל און כ׳האָב נישט דערקענט דאָס מיידל, אויף וועמענס יונגן, אַלע מאָל ליכטיקן פּנים האָט זיך פּלוצעם אויסגע־שפּרייט די זיקנה. זי האָט איבערגעחזרט דאָס וואָס דער שטאָב פון זאָרינס אָפּטייל האָט שוין געוווּסט: נישטאָ מער קיין געטאָ! נישטאָ מער קיין ייִדן אין מינסק. נישטאָ מער צו וועמען און נאָך וואָס צו גיין. די גאַסן פון דער געטאָ זענען פּוסט. טיר און טויער — הפקרדיק אָפן. אַלץ אַרום איז טויט...

געווען איז עס אונדזער אַלעמענס געפיל אין יענעם טאָג — מיר זענען געבליבן אַ קליין ייִדיש אינדזל אין דער טויטסטרעפּע, ווו עס איז אומ־געקומען דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק. בפירוש, אַזוי האָבן מיר זיך פאַרגע־שטעלט — דאָס גאַנצע פאָלק! דער אומענדלעכער ווייטיק, דאָס געפיל פון אַבסאָלוטער פאַריתומטקייט האָט פּלוצעם אָפּגענומען ביי אונדז דעם חוש פאַר דערווירקלעכקייט מחוץ פון אונדזער שטיק וואַלד.

לאַנג האָבן מיר געשוויגן. אויסגעזען האָט עס ווי דער מת וואָלט דאָ, לעבן אונדז, געלעגן. די פראַגע, וואָס טוט מען? — איז געווען אויסגע־

הוילט פון יעדן רעאַלן זין. וואָס קאָן מען דען טאָן? דורכוואַרפנדיק צווישן זיך האַלבע, אָפּגעהאַקטע פראַזן, זענען מיר אַזוי אַרום געקומען צום באַ־שלוס, אַז מען דאַרף צו וויסן געבן דעם עולם פּאַרטיזאַנער וועגן ענדגיל־טיקן חורבן פון יידישן מינסק.

אין די רייען האָבן זיך דאָס מאָל אויסגעשטעלט אַלע, אַפילו דאָס קליינוואַרג. ווי נישט ווי האָט זיך געהערט אַ געוויין — נאָך דער לעצטער פּאַרלוירענער האָפענונג. מענטשן זענען געשטאַנען מיט פאַרשטשעמעטע ציין, מיט פּיין אין די אויגן, קוקנדיק אויף אונדז, דערוואַרטנדיק פון אונדז דעם ענטפער: וואָס וועט זיין ווייטער? דעמאָלט איז געקומען די שבועה: וועלן מיר, וועלן די קינדערלעך דאָ מיט אונדז, זיין דאָס פאָלק!

ווייַזט אויס, אַז גראָד דעם קליינוואַרג איז שווער געווען אויסצוטראָגן די לאַסט פון אַלגעמיינעם פּיין. דער קלייניקער שוואַרץ־חנעוודיקער פעליקס ליפּסקי (היינט אַ מעדיצין־דאָקטער אין מינסק), דער זון פון ראָזען, דער פירנדיקער טועריין פון מינסקער געטאָ־אונטערערד, האָט זיך שטיל אַרויפגעדראַפּעט און גענומען מיך שלעפּן פאַרן פּוס.

— פּעטערל, פּעטערל — האָט ער זיך געבעטן ביי מיר — געגוג שוין צו רעדן. לאָמיר בעסער זינגען. — און מיר האָבן געזונגען. שטיל. געווען איז עס אַ מין תפילה בלחש. געזונגען האָבן מיר דאָס ליד פון קאַמף און פון האָפענונג...

גראָד אין יענער צייַט איז געשען די געשיכטע מיט האַנסן און מיט קאַטיען.

מיט צוויי באַגלייטערס בין איך אַרויס פון וואַלד, כּדי עפּעס צו דער־לייזיקן אין שכנותדיקן דאָרף. פּלוצלונג באַמערקן מיר, ווי עס לויפן אונדז אַנטקעגן עטלעכע דאָרפישע יינגלעך. שוין פון דער ווייַטנס האָבן זיי גענומען הויך שרייַען צו אונדז: „פּעטערלעך, פּעטערלעך, פאַרהאַלט זיך!" מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן. איינער פון די יינגלעך איז צו אונדז צוגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער און האָט אויסגעשריגן: „דייטשן!" די ידיעה איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז מיר האָבן בעת־מעשה זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־

וחשבון, ווי אומוואַרשײַנלעך זי קאָן זײַן. די גאַנצע זאָנע, אויף אַ שטח פון 20־30 קילאָמעטער איז „באַזעצט" געווען דורך אונדזערע אויסשפּי־רערס. דײַטשן זענען דאָך נישט קיין פייגל, וואָס קענען אומבאַמערקט אַנפּליִען. באַלד איז אָבער אויפן זכרון געקומען די טרויעריקע געשיכטע מיט אונדזער מפּלה אין אוזדער וואַלד. כ׳פרעג דעם יאַטל: „ווו זענען זיי?" ענטפערט ער מיר, אַז אין דער סאַמע לעצטער כאַטע. „וויפל זענען זיי?", פרעג איך ווײַטער און עס קומט די סאַמע אומגעריכטע תשובה: „איינער". הײַנט אַז דער איינער, ווי עס האָבן געמאָלדן די יאַטלעך, האָט זיך אין מיטן העלן טאָג אָוועקגעלייגט שלאָפן, האָבן מיר זיך שוין קוים אײַנגע־האַלטן, און דאָס צוליב די ייִנגלעך, וועלכע זענען געקומען אונדז וואָרע־נען, כּדי זיך נישט צעלאַכן.

אין דער כאַטע האָבן מירווירקלעך געטראָפן אַ יונגן דײַטשישן ווער־מאַכט־זעלנער, וועלכער איז געשמאַק געשלאָפן. מיר האָבן קודם־כּל צוגע־נומען זײַן געווער. נאָך אַן ענערגישן טרייסל האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פאַרשלאָפענע אויגן און געפרעגט אַן אומצופרידענער: „וואָס איזט לאָז?" כ׳זאָג אים, אַז אייגנטלעך דאַרף ער מיר ענטפערן: — ווער ביסטו און נאָך וואָס ביסטו אַהער געקומען?! ער האָט זיך תּיכף אָריענטירט ווער מיר זענען און האָט געענטפערט: „טאַקע צו אײַך בין איך געקומען". און גלײַך אויפן אָרט האָט ער דערציילט אַזאַ מין געשיכטע: ער איז גע־פאָרן פון אַ צוויי־וואָכיקן אורלויב פון בערלין אויפן מיזרח־פראָנט. זײַן פאָטער, אַן אַלטער אַרבעטער־טוער, האָט אים אָנגעזאָגט: „אָדער דו גיסט זיך איבער אין סאָוועטישער געפאַנגענשאַפט, אָדער דו גייסט אַריבער צו די פּאַרטיזאַנער". אַליין האָט ער, ביזן מאָביליזירן אים אין דער ווערמאַכט, געהערט צו אַ געהיימער אַנטי־היטלערישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „די ווײַסע רויז". בעתן פאָרן מיט דער באַן צום פראָנט האָט ער באַמערקט די וואָרע־נענדיקע אויפשריפט: „אַכטונג, באַנדיטן־זאָנע!" איז ער דאָ טאַקע אַראָפּ פון צוג. און דאָס איז אַלץ.

מיר האָבן אים געבראַכט אין דער נאָענטער פּאַרטיזאַנישער זשוקאָוו־בריגאַדע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט אונדזער אַלטער גוטער פרײַנד נאָך פון דער ערשטער פּאַרטיזאַנער־צײַט, דער מאַיאָר (שפּעטער פּאָלקאָוו־

ניק) וואַסילעוויטש. אין דעם באַזונדער־אָפּטייל פוּן דער דאָזיקער בריגאַדע האָט זיך געפוּנען אוּנדזער אַננאַ (ניוּרע) מאַטשיז פוּן מינסקער געטאָ, פאַר דער מלחמה — אַן אָנגעזעענע יוּריסטין. איר האָט דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר איבערגעגעבן געגנוי אויסצופאָרשן האַנסן (אַזוי האָט ער געהייסן, דער דײַטש) און זיך באַמיִען פעסטצושטעלן, אויף וויפל עס איז אמת דאָס אַלץ, וואָס ער דערציילט.

וויפל מאָל איך פלעג קוּמען אין דער דאָזיקער בריגאַדע, פלעג איך בײַ ניוּרען זיך נאָכפרעגן, ווי גייט עס מיט האַנסן. אויף יעדן פאַל האָט מען אים געשיקט אַרבעטן אין דער קיך. דאָרט איז געווען קאַטיע. דעם סוֹד, אַז קאַטיע איז אַ ייִדיש מיידל האָבן געוווּסט בלויז ניוּרע און איך. זי האָט געהאַט געלעבט אויף „אַרישע" פּאַפּירן און האָט אויך אין וואַלד געוואָלט בלײַבן נישט דערקענט. דערציילט האָט מען שפּעטער, אַז האַנס „דרייט" זיך אַרוּם קאַטיען. אויף מײַן גאַנץ קאָנקרעטער פראַגע, ווי דאָס מיידל געפעלט אים, האָט ער געענטפערט מיט אַנטציקוּנג: „זי איזט טאַדל־לאוס".

האַנסן האָט מען שפּעטער מיטגענוּמען אויף קאַמפּס־אָפּעראַציעס און ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שרעקלאָזיקייט און איניציאַטיוו. באַזונדערס בעת איינער אַן אָפּעראַציע אינעם שטעטל מיִר, ווּ מיט זײַן דײַטשישן לשון, אַן אָנגעטוענער אין אַ דײַטשישן אָפיצירן־מוּנדיר, האָט מען אַן איין שאָס אַראָפּגענוּמען די גאַנצע דאָרטיקע וואַך.

ווידער איז אַ צײַט אַדורך און ווידער בין איך געקוּמען אין שטאַב פוּן דער זשוּקאָוו־בריגאַדע. כ'האָב באַגעגנט האַנסן — אַ פוּלשטענדיק אַקלימאַטיזירטן פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט שוין אַפילו באַוויזן זיך אויסצוּלערנען עטלעכע „שטאַרקע" רוּסישע פראַזן. ער האָט זיך מיט מיר באַגריסט ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן און דערציילט וועגן זײַנע אויפטוּען בײַם אַראָפּלאָזן פוּן די רעלסן עטלעכע גרויסע עשעלאָנען. האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, ווי גייט עס מיט קאַטיען? ער האָט זיך פּלוּצלוּנג פאַרהאַלטן, ווי צוּריקציִענדיק זיך פוּנעם פאַרלאַנג זיך דוּרכצוּגיין אַ ביסל מיט מיר. ער האָט מיט באַשײַמפּערלעכן פאַרדאַכט

מיך אָנגעקוקט און אַזוי ווי פֿאַר זיך אַליין אַ זאָג געטאָן מיט פּולער פֿאַר־אַכטונג: „אַך, שייַסע, זי איזט דאָך איינע יודין...״

געטראַכט האָב איך אַ לענגערע צײַט, וואָס אַזוינס צו טאָן, כּדי צו ברענגען כאָטש אַ שטיקל טרייסט מײַנע חברים פֿון זאַרינס פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל. נאָך דער מעשׂה מיט האַנסן און קאָטיען האָב איך קיין מוט נישט געהאַט זיך דאָרט צו באַווײַזן. כ׳האָב די מעשׂה דערציילט דעם באַפֿולמעכ־טיקטן פֿון צענטראַלן שטאַב וואָלאָדימיר צאַריוקן, האָט ער מיר דערויף געענטפֿערט, אַז איך בין... צו פֿילבאַר. ס׳איז מלחמה־צײַט און מען דאַרף אַ סך זאַכן פֿאַרשרײַבן אויפֿן חשבון פֿון די באַדינגונגען. כ׳האָב צאַריוקן איין מאָל פֿאַרבעטן צו פֿאָרן מיט מיר צו ביעלסקין. ער האָט מיט געוואַל־דיקער ליבשאַפֿט גענומען אויף די הענט די ייִדישע קינדערלעך, גערעדט מיט מיר וועגן דורכפֿירן ספּעציעלע „באָמביאַזשקעס״ (שפּײַז־רעקוויזי־ציעס) פֿאַר זיי. און ווען מיר זענען צוזאַמען געווען אויף אַ באַראַטונג אין שטאַב פֿון דער קאָמסאָמאָלישער בריגאַדע האָט ער, רעדנדיק וועגן ביעל־סקיס אָפּטייל, זיך אויסגעדריקט מיט גרינגשעצונג: „דאָס איז אַן אמתער קאַהאַל״. דערהערנדיק מײַן שאַרפֿע רעאַקציע, האָט ער זיך גענומען פֿאַר־ענטפֿערן, אַז כ׳פֿאַרשטיי אים שלעכט, אַז איבערהויפּט בין איך צו פֿילבאַר...

די אָנצוהערעניש האָט געהאַט אַ שײַכות נישט בלויז צו דעם דאָזיקן פֿאַל. אין יענער צײַט איז אויפֿן ראַנד פֿון וואַלד, נישט ווײַט פֿונעם שטעטל נאַליבאָקי, דורכגעפֿירט געוואָרן אַ שחיטה אויף אַ גרופּע פֿון 12 ייִדישע פּאַרטיזאַנער פֿון זאָרינס אָפּטייל. אָנגעפֿאַלן אויף זיי איז דער רײַטער־אָפּטייל פֿון דער בריגאַדע פֿון דער פּוילישער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ בראָש מיט דעם כאָראָנזשי נאַרקעוויטש *.

* דער זעלביקער נאַרקעוויטש איז געכאַפּט געוואָרן נאָך דער מלחמה אין פּוילן, ווו ער האָט באַוויזן צו ווערן אַ... סעקרעטאַר פֿון אַ שטאָטישן קאָמיטעט פֿון דער פּוילישער פֿאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי. ער איז דורכן געריכט, פֿאַר וועלכן עס זענען אַלס הויפּט־עדות אויפֿגעטראָטן דער געוועזענער שטאַבשעף פֿון די זאַרינצעס, אַנאַטאָל ווערטהיים און דער לעבן־געבליבענער פּאַרטיזאַן ליאָווע טשערניאַק, פֿאַרמישפּט געוואָרן צו לעבנס־לענגלעכער תּפֿיסה.

די דאָזיקע בריגאַדע האָט זיך געפֿונען מיט אונדז אין דעם זעלביקן וואַלד, און געדאַכט האָט זיך, אַז די קעגנזײַטיקע באַציִונגען זײַנען פּונקט אַזעלכע, ווי צווישן אַלע אַנדערע בריגאַדעס. צוזאַמען האָבן מיר דורכ־געפֿירט זייער אַ געלונגענע שלאַכט און פֿאַרנומען דאָס שטעטל איוועניעץ. דער קאָמאַנדיר פֿון דער דאָזיקער בריגאַדע פּאָרוטשניק מילאַשעווסקי האָט מיך געהאַט אַפֿילו אײַנגעלאַדן גיין צוזאַמען אויף אַ פּוילישער חתונה. און דאָ — אַזאַ מין שחיטה! בלויז 2 פּאַרטיזאַנער פֿון דער גרופּע זײַנען געבליבן לעבן, איינער איז אַנטלאָפֿן און דער צווייטער, מיט אַ צעהאַקטן קאָפּ, איז געלעגן אונטער די טויטע און האָט פֿאַר טאָג צוגעפּויזעט ביז אַ פּאַרטיזאַנישן וואַכפּאָסטן. דער דאָזיקער מאָרד האָט אויפֿגעשטורעמט די פּאַרטיזאַנער פֿון אונדזער וואַלד. מיר האָבן באַקומען די אויפֿגאַבע: אַרעס־טירן דעם גאַנצן שטאַב, פֿונאַנדערלאָזן די בריגאַדע און אַלע פּוילישע פּאַר־טיזאַנער, אָפּשטאַמיקע פֿון די דאָרטיקע מקומות, פֿונאַנדערטיילן צווישן אַנדערע בריגאַדעס, אַ טייל, דער עיקר פּרויען, אָפּשיקן אַהיים. דאָס אַלץ איז דורכגעפֿירט געוואָרן פּינקטלעך, שנעל, אָן שום עקסצעסן. דער אַרעס־טירטער שטאַב האָט געדאַרפֿט מיטן ערשטן עראָפּלאַן, וואָס וועט לאַנדן אויף אונדזער וואַלד־אַעראָדראָם, אָפּגעשיקט ווערן אין סאָוועטישן הינטער־לאַנד.

דאָס מאָל האָט שוין וואָלאָדיאַ צאַריוק מיך נישט באַשולדיקט אין היפּער־פּילבאַרקייט. קענטיק, אַז וועלנדיק מיך אָפּרײַסן פֿון דעם געשעענעם האָט ער גראָד מיך באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פֿון אַ גרופּע, וואָס האָט גע־דאַרפֿט וואַכן אויפֿן פּאַרטיזאַנישן פֿליפֿעלד, כּדי אין פֿאַל ווען עס וועט זיך באַווײַזן אין די באַשטימטע נעכט אַן עראָפּלאַן — געבן די געהעריקע סימנים ווּ צו לאַנדן.

אין איינעם אַן אָוונט, גראָד בעת דעם דיזשור פֿון אונדזער גרופּע, האָט זיך באַוויזן אַן עראָפּלאַן. מיר האָבן שנעל אָנגעצונדן דעם צוגעגרייטן שײַטער, אויסגעלייגט ווי אַ לאַטייניש T און געגעבן דעם באַשטימטן סיגנאַל — אַ גרינע ראַקעטע. באַלד איז פֿון אויבן געקומען דער ענטפֿער־סיגנאַל — אַ רויטע ראַקעטע, און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן אויפֿצו־

נעמען דעם עראָפּלאַן. אַלץ איז בעת דער לאַנדונג דורך אין דער בעסטער אָרדענונג. עס האָט זיך געעפנט די טיר פון דעם עראָפּלאַן. אין דער פינצ־טערניש איז נישט קאָנטיק געווען, ווער עס גייט אַרויס. אָבער איך דערהער פּלוצלונג אַ געשריי אין פּויליש און אַלץ ווערט אין מיר אַזוי ווי פאַר־גליווערט: „הערשעק, דו, דו ביסט דאָ?!״ — און עס וואַרפט זיך מיר אויפן האַלדז אַן אַנגעטועטער אין אַ פּוילישן אָפיצירן־מונדיר. כ׳האָב אים דערקענט. מיכאַל, אַן אַלטער פּוילישער רעוואָלוציאָנער און דערצו שיִער נישט מיינער אַ לאַנדסמאַן — ער איז דער מאַן פון אַן אַרבעטער־טוערין פון מיין שטעטל. כ׳באַקען זיך מיט אַ צווייטן אָפיציר, דזשעוויעצקי, וועלכער פרעגט ביי מיר, צי וויס איך עפּעס וועגן זיין עלטסטן ברודער, מיט וועלכן כ׳בין געווען צוזאַמען אין די יאָרן 1939־1941 אין ביאַליסטאָק. מיכאַל איז אַ היציקער און נאָך איידער וואָס־ווען, שרייט ער שוין אויפן קול, אַז איך מוז גיין מיט אים... וווהין? דאָס איז אַ מיליטערישער סוד. דערווייל אָבער שלעפּט ער פון די קעשענעס די בעסטע מתנה — די סאַמע פרישסטע צייטונגען. איך קען זיך נישט אָפּהאַלטן פון אַריינקוקן אין אַ פרישן נומער „פּראַוודאַ״. אין דעם גאַנצן גערודער, בעתן אויסלאָדן דעם עראָפּלאַן, בין איך אַוועק צום נאָך ברענענדיקן שייטער און האָב שוין די אויגן נישט געקענט אָפּרייסן פון דעם געדרוקטן דאָרט בריוו פונעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. איך לייען — און די אויגן ווערן אַזש פאַרגלייזט. איך לייען נאָך אַ מאָל דעם אָנהייב, וואָס דערציילט, אַז „ווען די יידן האָבן באַקומען די תורה, איז אין איר געווען איינגעוויקלט אַ שווערד״. כ׳רייס זיך קוים אָפּ פון דעם דאָזיקן שטעל, כאַפּ אַ קוק אויף די אונטערשריפטן אונטער דעם בריוו — אַזוי פיל באַקאַנטע נעמען, אַזוי פיל לייבלעך־אייגענע...

דער ערשטער געדאַנק איז געווען: פאָרן צו זאַרינען אין אָפּטייל, פאָרן צו ביעלסקין מיט דער בשורה: מיר לעבן! עס לעבט דאָס פאָלק!..

מיך רופט הויך, איבערן גאַנצן וואַלד, מיכאַל. ער לייגט מיר פאַר צוריקשיקן מיט די פליִערס אַ בריוול קיין מאָסקווע. „גיב צו וויסן דיינע לייט, אַז דו לעבסט״. איך האָב קיין מאָל נישט געשריבן פון וואַלד, הגם כ׳האָב שוין געהאַט אַ געלעגנהייט. כ׳האָב זיך געטראַכט: בעתן שרייבן

לעב איך טאָקע, אָבער ביזן אָנקומען פון בריוו קען איך דאָך שוין זײַן אַ מת. מ׳לעבט דאָך אין כּסדרדיקן קאַמף. צו וואָס צערודערן די געמיטער?

איצט אָבער האָב איך זיך גענומען שרײַבן, אויפן אַדרעס פון מאָסקווער שרײַבער־פאַרבאַנד, צו פּרץ מאַרקישן: „איר, אַלס באַרימטער אין גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד דיכטער, מוזט גיין אין צענטראַלן שטאַב פון דער פּאַר־טיזאַנער־באַוועגונג און בעטן מיט אַלע כּוחות, אַז בעת זיי וועלן שיקן גע־ווער אין אונדזער געגנט, זאָלן דאָרט אויך זײַן 2 פּעק מיט ביקסן, אויטאָ־מאַטן און אַמוניציע ספּעציעל פאַר טוביה ביעלסקיס אָטריאַד און פאַר שלום זאָרינס אָטריאַד. צום מערסטן נייטיקן זיך ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין געווער. חוץ דעם וועט דורך אַזעלכע פּעק געווער זיך שטאַרק הייבן דער אָנזען פון די ביידע ייִדישע אָפּטיילן, אויף וועלכע שלעכטע לײַט וואַרפן זייער בייזע בליקן. טוט עס, טײַערער מאַרקיש. דאָס איז הײַנט דאָס וויכטיקסטע!״

מיט דער בשורה וואָס איז אַרויסגעדרונגען פונעם בריוו פון דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט בין איך אויף מײַן ווײַסן פערד געקו־מען צו רײַטן צו די ייִדישע פּאַרטיזאַנער. נאָכן חורבן פון געטאָ מינסק, נאָך דער שחיטה איבער די ייִדישע פּאַרטיזאַנער איז עס געווען אַ גרויסע טרייסט. מען האָט זיך דערפילט באַהעפט מיט ברידער און שוועסטער פון יענער זײַט פראָנט, וועלכע ווייסן וועגן אונדזער פּײַן און אונדזער קאַמף.

אָבער די שווערד, וועגן וועלכער עס האָט דערמאָנט דער ייִדישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט, דאָס געווער, וועגן וועלכן ס׳איז געווען אַ רייד אינעם בריוו צו פּרץ מאַרקישן, איז קיין מאָל נישט געקומען.

✶

שוין נאָכן אַרויסקומען פון וואַלד האָב איך זיך געטראָפן מיט פּרץ מאַרקישן בײַ אים אין דער היים. כ׳האָב מיט אָנטציקונג געהערט זײַנע באַגײַסטערטע רייד צום וועלט־באַרימטן מוזיקער יעקב זאַק [1] וועמען ער

[1] על־פּי טעות איז אין די אויסגאַבעס אויף עברית און שפּאַניש אָנגעגעבן, אַז דאָס איז געווען דוד אויסטראַך. איך דאַנק אסתּר מאַרקיש, וועלכע האָט מיר אָנגעוויזן אויף דעם טעות.

האָט פאַרטײַטשט יצחק לייבוש פּרצעס דעפיניציע (אין „מקובלים”) וואָס אַזוינס איז מוזיק. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער האַסטיק איבערגעריסן, מיטן גאַנצן אימפּעט מיך אַ נעם געטאָן בײַם אַקסל און אויסגעשריִען: „כ׳האָב אַלץ געטאָן, וואָס נאָר עס איז אין מײַנע כּוחות געווען. כ׳האָב אַפּעלירט צו זייער געוויסן, זיי איבערגעלייענט אײַער בריוו צו מיר. זיי האָבן אָבער אָפּגעזאָגט. מען קען נישט, האָבן זיי געזאָגט, מאַכן פאַר קיינעם קיין אויסנאַם. דער געגנטשטאַב באַקומט געווער און פאַרטיילט לויט זײַן אײַנזען”.

24

די געשיכטע פון מיין קראַנקייט

אַזוי איז עס אַלע מאָל, ווען ס׳קומט אויס זיך צו לייגן אין שפּיטאָל: עס באַווייַזט זיך לעבן דיר אַ יונגער דאָקטער און הייבט אָן אויספרעגן וועגן אַלע מינים מחלות, וואָס באַגלייטן דיך געוויינטלעך פון די קינדער־יאָרן אָן. געפּאָקט? געמאָזלט? — און אַלץ ווערט פאַרשריבן אין דעם פּאַפּיר־בויגן, וואָס הייסט אויפן דאָקטערישן לשון „די געשיכטע פון דער קרענק״. געוויינטלעך מאַכט מען עס בקיצור. יאָ, כ׳האָב אויך געקרענקט אויף טיפוס, אויף רעצידיוו־טיפוס, פיר מאָל. געהאַט אונטערן הויט פּער־דישע לייַז...

ער קוקט מיך אָן, דער יונגער דאָקטער, ער ווייס נישט וואָס דאָס איז. גיי דערצייל אים, אַז בעתן הונגער אויף דער וואָלגע אין 1921, ווען עס זענען אַפילו געווען פאַלן פון קאַניבאַליזם, בין איך געווען צווישן די מאָביליזירטע אַפּצונעמען געבראַכטע מיט ספּעציעלע צוגן קינדער מיט געשוואָלענע פּנימער פון הונגער, מיט אויפגעבלאָזענע בייַכלעך. טייל זענען שוין געווען טויט, אַנדערע האָבן קוים געאָטעמט. אַ סך האָט זיך אייַנגע־געבן אָפּצוראַטעווען, פאַרטיילנדיק זיי צווישן קינדער־היימען, צווישן פּויע־רים אין די דערפער, צווישן אַרבעטסמענטשן אין די שטעט. בעתן טראָגן די קינדער האָב איך זיך אָנגעשטעקט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס מען האָט גערופן „פּערדישע לייַז״. ס׳איז נישט געווען אויסצוהאַלטן פון דער בייַסע־ניש, אָן אַן ערך שרעקלעכער, ווי אין וואַלד, ווו די לייַז האָט מען געזען פון אויבן און מען פלעגט קעגן זיי „קעמפן״ דורך אַרויסלייגן די מלבושים אויפן פראָסט, דורך באַגראָבן דאָס העמד אין דער ערד און פאַרשיטן מיט זאַמד, אָדער דורך „בראָטן״ די וועש איבערן שייַטער. צו די פּערדישע לייַז איז קיין שום עצה נישט געווען. מען האָט זיי פון אויבן בכלל נישט

געזען. נאָר ווען מען פלעגט אָפּקראַצן אַ שטיקל הויט, פלעגן זיי בעמען פויזען... אין יענער צײַט פון גרויסן הונגער האָט אַ סך הילף געגעבן דער „דזשאָינט", וועלכער האָט זײַן אַרבעט אין אוקראַיִנע געפירט דורכן אָרטיקן „יִידגעזקאָם" (יִידישער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט). דער דאָזיקער קאָמי־טעט האָט באַקומען פון אַמעריקע גאָר זעלטענע אין יענער צײַט אַפּאַראַטן, צווישן זיי אויך אַ רענטגען־אַפּאַראַט. מיט זייער הילף בין איך באַפרײַט געוואָרן פון דער שרעקלעכער מכּה. נאָך דעם איז געקומען דער רעצידיוו־טיפוס — פיר מאָל נאָך אַנאַנד האָט ער מיך אַנידערגעלייגט און געבליבן איז פון מיר הויט און ביינער. אַ גליק — פונקט דעמאָלט האָט מײַן ברודער פון וואַרשע אַרײַנגעשיקט אַ פּעקל עסן: מעל, צוקער, פעטס — און כ'בין שנעל צו די כּוחות געקומען. אָבער גיי דערצייל עס אַלץ דעם דאָקטער...

כ'האָב אים דערציילט, אַז בעת דער אָקופּאַציע זענען צוליב מאַנגל אין וויטאַמינען מיר אַרויסגעפאַלן די ציין. און ער פאַרשרײַבט עס שנעל, שנעל. און — זאָל שוין זײַן געזונט...

די עיקר־געשיכטע פון מײַן קרענק האָב איך אים אָבער נישט דער־ציילט.

...געווען זענען מיר אַלע אין וואַלד געזונט ווי אַ מויער. אַ מאָל האָט מען צו פיל געגעסן (אַ שטייגער, 10 רויע אייער מיט איין מאָל, מיט וועלכע אַ פריצטע האָט מיר מכבד געווען אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַרן רעדן צו איר אויף פויליש) און אַ מאָל — גאָרנישט, טאַקע גאָרנישט, אָדער אַ ביסל הייס וואַסער מיט עטלעכע קאַרטאָפל. אונדזער קוכער האָט עס גערופן „בוליאָן". אויף מײַן פראַגע — פאַר וואָס עפּעס „בוליאָן"? — האָט ער געענטפערט: ס'איז דאָך פון בולבעס... די באַציִונג צו אונדז מצד דער אָרטיקער פּויערישער ווײַסרוסישער באַפעלקערונג איז געווען אַ פרײַנדלעכע. איך דערמאָן זיך נישט, אַז ווען עס איז זאָל מען אין די דערפער האָבן געמאַכט אַן אונטערשייד אין דער באַציִונג צו פּאַרטיזאַנער־רוסן, ווײַסרוסן און פּאַרטיזאַנער־יִידן. אויף דעם איינציקן פאַל, אין משך פון אַלע וואַלדיאָרן, פון אַרויסגעבן אַ באַהאַלטענעם יִידן, האָט אונדז אָנ־געוויזן די אָרטיקע באַפעלקערונג גופא און האָט זיך אַליין צערעכנט מיטן פּראָוואָקאַטאָר. אויף טריט און שריט פלעגן מיר טרעפן בײַ פּויערים באַ־

האַלטענע ייִדן. טייל פון זיי פלעגן אַוועק מיט אונדז אין וואַלד און פלעגן אונטערהאַלטן די בעסטע באַציִונגען מיט זייערע ווײַסרוסישע רעטערס. שווער ביזן הײַנטיקן טאָג צו זאָגן, פאַר וואָס ס׳איז אַזוי געשען: מיר, אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, צווישן וועלכע איך בין געווען דער איינציקער ייִד, זענען אַרײַן אין אַ כאַטע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זײַט פון אַ דאָרף. מיר האָבן דאָרט געטראָפן בלויז אַ פרוי מיט עטלעכע קליינע קינדער, וועלכע זענען געלעגן אויפן אויוון. מיר האָבן בײַ דער פרוי געפרעגט, אפשר האָט זי עפּעס עסן פאַר אונדז? זי האָט געענטפערט, אַראָפּקריכנ־דיק פון אויוון, אַז זי האָט גאָרנישט. גייען מיר אַרויס. אָבער פאַר וואָס האָט זי גראָד מיר, מיט מײַן בולט־ייִדישן פּנים, אַרײַנגערוקט הינטנאָרום אין האַנט אַ שטיקל ברויט — ווייס איך נישט. כ׳האָב זיך פאַרנייגט פאַר איר און אויפן גאַנצן לעבן אײַנגעהיט אין זכרון איר גוטן, מוטערלעכן פּנים.

אין זכרון איז אויך געבליבן דער פּאַרטיזאַן, מיט וועלכן עס איז פאַרבונדן די געשיכטע פון מײַן קראַנקהייט. געווען איז עס בעת אַן אָרדנט־לעכער דײַטשישער בלאָקאַדע אויף אונדזערע וועלדער. וואָס אַלץ האָבן די היטלעריסטן נישט געטאָן, כּדי צו פּטרן „די 17טע סאָוועטישע רעפּו־בליק״, ווי מען האָט גערופן די נאַליבאָקער פּאַרטיזאַנער־פּושטשע. זיי האָבן געפּרוווט... פאַרברענען דעם וואַלד. גיי פאַרברען אַ ווילדעניש, וואָס ציט זיך אָן אַ שיִער, אויף הונדערטער קוואַדראַט־קילאָמעטערס! זיי האָבן פאַרברענט אַלע דערפער און שטעטלעך, וועלכע זענען געלעגן אינעם ראַדיוס פון 20־25 קילאָמעטערס, כּדי מיר זאָלן נישט קאָנען באַקומען קיין עסנוואַרג און נישט האָבן קיין אינפאָרמאַציע מצד דער אַרומיקער באַ־פעלקערונג. האָט עס אַלץ נישט געהאָלפן. פון יאָר צו יאָר איז די פּאַרטי־זאַנער־באַוועגונג געוואַקסן. די דײַטשן פלעגן צוויי מאָל אַ יאָר אַראָפּ־ברענגען פון פראָנט עטלעכע דיוויזיעס סאָלדאַטן, כּדי צו בלאָקירן אונ־דזער פּושטשע. די לאַגע פלעגט דעמאָלט ווערן זייער קריטיש. מיר פלעגן מוזן פאַרלאָזן אונדזערע אײַנגעזעסענע באַזעס, וועלכע די דײַטשן פלעגן באַשיסן סײַ פון דער לופטן און סײַ מיט האַרמאַטן און קוילן־וואַרפערס. מיר פלעגן זײַן אין כּסדרדיקער באַוועגונג, זוכן „שמאָלע העלדזער״, כּדי

דורכצוריַיסן זיך דורך דער דיַיטשישער געדיכטער קייט. שלעכט, גאָר שלעכט איז געווען מיט די קראַנקע און פאַרוווּנדעטע. די שווער קראַנקע, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט רירן, האָט מען „פאַרמאַלינעוועט" אונטער דער ערד, אין אַן אימפּראָוויזירטן שפּיטאָל. האָבן עס דעם שונאס שפּיר־הינט אויפגעדעקט און אַלע ווי איינער, צוזאַמען מיט דער קראַנקן־שוועס־טער, זענען דערמאָרדעט געוואָרן. פון אונדזערע באַהעלטענישן האָבן מיר געזען, ווי די היטלעריסטן האָבן זיך „געשפּילט" מיט אַ קרבן — אַ פּאַר־טיזאַן, וועלכער איז אַרויפגעקראָכן אויפן שפּיץ פון אַ הויכער סאָסנע און האָט געהאַט בדעה דאָרט איבערצוּוואַרטן. זיי האָבן אים סוף־כּל־סוף אַראָפּ־געשאָסן און אויף דעם ווילדסטן אופן זיך איזדיעקעוועט איבער זיַין קערפּער.

אויפנעמען אַ קאַמף בעת אַזאַ בלאָקאַדע מיט די איבערוועגנדיקע כּוחות פון פיַינט, האָט נישט נאָר קיין שאַנסן נישט געגעבן, נאָר האָט נאָך דערצו געקענט אַנטפּלעקן, ווו מיר געפינען זיך. ווו דער שונא געפינט זיך — האָבן מיר געוווּסט. די היטלעריסטן זענען, אין גרונט גענומען, געווען גרויסע פּחדנים. כּדי צו דערשטיקן אין זיך די שרעק פאַר אַ קויל פון אַ באַהאַלטענעם פּאַרטיזאַן, פלעגן זיי מאַכן מוראדיקע געוואַלדן. זיי האָבן הויך אונטערגעיאָגט איינער דעם צווייטן און אונדז געזידלט מיט די געמיינסטע ווערטער. מיר זענען זיי דערפאַר שטאַרק דאַנקבאַר געווען. מיר האָבן אַזוי אַרום געוווּסט אין וועלכער ריכטונג מיר דאַרפן נישט גיין.

בעת די בלאָקאַדעס האָבן מיר באַזונדערס שטאַרק געליטן פון הונ־גער. אין וואַלד האָט מען אין יענער ציַיט גאָרנישט געקענט געפינען און דער מאָגערער „אומבאַרירלעכער רעזערוו", וואָס יעדער פּאַרטיזאַן האָט געהאַט, איז שוין לאַנג געווען אויפגעגעסן. אין די שעהען, ווען דער גע־יעג קעגן אונדז פלעגט שוואַכער ווערן — און דאָס פלעגט אַלס כּלל טרעפן, ווען די היטלעריסטן פלעגן גיין צו דער פעלדקיך מיטאָג עסן — פלעגן מיר זיך אַפילו דערלויבן פונאַנדערצולייגן אַ קליין פיַיערל, כּדי אויפצו־קאָכן אַ ביסל ברוינעם, בלאָטיקן וואַסער. באַזונדערס האָט אונדז גע־מאַטערט דער מאַנגל אין זאַלץ, כּדי אין דעם ביסל וואַסער דערפילן דעם טעם פון אַ געקעכטס.

אין איינעם אַ רויִקן טאָג האָט אַ פּאַרטיזאַן זיך אָפּגערופן צום עולם, אַז היינט וועט ער פאַר אַלעמען מאַכן אַ זופּ, וואָס וועט זיין געזאַלצן — „די פינגער צו לעקן”. ער האָט געהאַלטן וואָרט. מיר האָבן זיך אַלע ממש מחיה געווען. דאָס געקעכטס איז געווען געדיכטער ווי שטענדיק און בפירוש געזאַלצן. מער נישט — אַ סך צווישן אונדז, און איך בתוכם, האָבן נאָך דעם דערפילט ווייטיקן אין מאָגן.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער יאַט האָט צעשניטן אויף לאָקשן אַ פּאָר לעדערנע שטיוול־כאַליעוועס, דורכגעפּרעסענע פון כעמיקאַלן, פון דזשע־געכץ, און דאָס האָט ער פאַר אונדז אָפּגעקאָכט...

חדשים זענען דורך און געגעסן האָט מען וואָס עס האָט זיך געמאַכט — אַ מאָל אַ סך, אַ מאָל גאָרנישט. און נישט צום פאַרזינדיקן. ווען דער קאָמאַנדיר פונעם סוואָראָוו־אָפּטייל (פון דער זשוקאָוו־בריגאַדע) קורבאַנאָוו האָט בעת אַ באַראַטונג אין צווישנראַיאָן־שטאַב פּלוצעם באַמערקט, ווי איך כאַפּ זיך פאַרן בויך, האָט ער מיך פאַרבעטן צו זיך. מיט אַ טאָג פריִער האָבן זיינע פאַרטיזאַנער צעקלאַפּט אַ דייטשישן צוג מיט שפּייז־אַרטיקלען. וואָס אַלץ איז ביי אים נישט געווען! דער עיקר אָבער האָבן מיר זיך צוגעכאַפּט צום צוקער. שוין דאָס פערטע יאָר נישט געפילט דעם טעם פון זיסקייט. נעמט קורבאַנאָוו און אין יעדער גלאָז טיי שיט ער מיר אָן אַ האַלבע גלאָז צוקער. „דאָס איז געזונט. דאָס וועט דיר העלפן” — האָט ער געטענהט און אויף זיין מאָנגאָלישן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ גוט־ווינטשנדיקער שמייכל. און ס'האָט געהאָלפן. ביז אַ געוויסן מאָמענט.

געווען איז עס שוין ביים סאַמע סוף. די דייטשן זענען ווי פאַרווונ־דיקטע חיות געלאָפן איבער אונדזערע וועלדער און מיר פלעגן זיך יאָגן נאָך זיי, נישט לאָזן נעלם ווערן. איינער אַ געכאַפּטער יונגער היטלעריסט, אַ סטודענט פון בערלין, האָט רק געוואָלט זיך דערוויסן, ווי ווייט ס'איז נאָך צום טייך בוג. אויף מיין פראַגע, פאַר וואָס אינטערעסירט אים אַזוי דער בוג, האָט ער עזותדיק געענטפערט: דאָרט וועט איי̄ער אָפּענסיווע אָפּגעשטעלט ווערן...

מיר האָבן אַלעמען געוואָרנט גוט אַכטונג צו געבן. דער שׂונא איז ווילד. מען טאָר זיך נישט זאַמלען אין רעדלעך, אָבער אויך נישט גיין איינער אַליין.

געשען איז אונדז ווידער אַ גרויס אומגליק. אַ גרופּע ס.ס.־לײַט האָט זיך געוואָלט דורכרײַסן דורך אונדזער וואַלד. זאַרינס ייִדישער פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל האָט אַרויסגעשטעלט אַ קאַמפּסגרופּע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַרמעלע שלאַכט. אַ קויל האָט געטראָפן דעם קאָמאַנדיר שלום זאָרין און מען האָט אים געמוזט אַמפּוטירן אַ פוס. עטלעכע ייִדישע פּאַרטיזאַנער זענען דערהרגעט געוואָרן און צווישן זיי מײַנע זעמבראָווער לאַנדסלײַט, דער דענטיסט פּאַכוצקי און זײַן פרוי. דער ווייטיק איז געווען מוראדיק גרויס. אומקומען, פאַרווונדיקט ווערן פּונקט אויפן שוועל פון דער באַ־פרײַונג — וואָס קען נאָך זײַן שרעקלעכער!

ס׳איז געקומען אַ באַפעל פונעם געגנטשטאַב, אַז אונדזערע בריגאַדעס טאָרן נישט פאַרלאָזן זייערע באַזעס, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די סאָוועטישע אַרמיי האָט אונדז שוין אַריבערגעיאָגט. די וואַנדערנדיקע היטלעריסטישע גרופּעס האָבן געמוזט אויסגעראָטן ווערן. דאָס האָט דע־מאָלט באַטײַט, אַז אונדזערע בריגאַדעס וועלן זיך נישט באַטייליקן אין דעם פּאַראַד פון דער גאַנצער ווײַסרוסישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף סוף יולי, אין דער באַפרײַטער אָבער חרובער הויפּטשטאָט מינסק. כּדי צו רעפּרעזענטירן אונדזער פּאַרטיזאַנישע דרום־זאָנע איז קיין מינסק געשיקט געוואָרן בלויז אַ דעלעגאַציע פון צוויי פּער־זאָן: דער יונגער ווײַסרוסישער שרײַבער (הײַנט — איינער פון די באַ־רימטסטע פּראָזאַיִקער) יאַנקאַ בריל, און איך. אונדז האָט מען געגעבן אַן אָרט אויף דער ערן־טריבונע און כ׳האָב ממילא געהאַט די מעגלעכ־קייט צו זען יעדן פאַרבײַמאַרשירנדיקן אָפּטייל. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך פאַרלוירן די פעיִקייט זיך צו באַהערשן, ווען אין דער ערשטער ריי פון די קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן דעם גרויסן מאַרש, האָב איך דערזען דעם מיטגליד פון אונדזער מינסקער געטאָ־אונטערערד, דעם גראַדנער רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־טוער אַלעקסאַנדראָוויטשן. „חיים!״ — האָב איך זיך צעשריגן פון דער טריבונע, און דער גאַנצער עולם, צו־זאַמען מיטן שעף פון צענטראַלן פּאַרטיזאַנער־שטאַב גענעראַל־לייטענאַנט פּאָנאָמאַרענקאָ האָבן זיך אַ קער געטאָן אין מײַן זײַט, אַנקוקנדיק מיך ווי עפּעס אַ בייז ווונדער. שוין, מער האָב איך שוין נישט געשריגן, הגם געזען

האָב איך אַ סך, אַ סך באַקאַנטע פּנימער, מענטשן פון געטאָ. זיי זענען צוריקגעקומען אין די הונדערטער. אין די טויזנטער. פון אַלע ווײַסרוסישע וועלדער.

אין אָוונט איז געווען אַן אויפנאַמע פאַר די בריגאַדע־קאָמאַנדירן און דעלעגאַטן. מכבד געווען האָט מען אונדז מיט אַזעלכע מאכלים, וועלכע זענען אין משך פון די אַלע אָקופּאַציע־יאָרן מיר אַפילו נישט געקומען צו חלום. ווען כ׳האָב אָבער צום ערשטן מאָל אויפגעגעסן אַ שטיקל ווײַס ברויט האָב איך דערפילט מוראדיקע ווייטיקן.

אָט איז די גאַנצע געשיכטע פון מײַן קראַנקהייט. גיי דערצייל עס דעם יונגן דאָקטער, וועלכער זיצט בײַ מײַן בעט און פאַרשרײַבט יעדעס וואָרט. ווער האָט געדולד דערצו ? און צי וועט ער עס דען אַלץ פאַרשטיין ?..

25

פאַר וואָס האָט מען אונדז פיינט?

לשם פּינקטלעכקייט זאָל געזאָגט ווערן, אַז די פראַגע וואָס איז געווען געווענדט צו מיר, האָט אַ ביסל אַנדערש געקלונגען. געווען איז עס שוין אייגנטלעך נישט קיין פראַגע, נאָר אַן ענטפער אויף אַלץ וואָס איך האָב געהאַט פאָרגעשטעלט דעם סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) פון ווײַסרוסלאַנד וו. אי. זאַקור־דאַיעוו. און פאָרגעשטעלט האָב איך אים די ממש פאַרצווייפלטע לאַגע פון די טויזנטער ייִדן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילן אין זייער היימשטאָט מינסק.

סאָוועטישע פירנדיקע טוערס האָבן געוויינטלעך נישט ליב ווען מען רעדט צו זיי נישט אין אייגענעם נאָמען, נישט פאַר זיך, נאָר אין נאָמען פון אַ גרעסערן קאָלעקטיוו, שוין אָפּגערעדט — אין נאָמען פון טויזנטער. און דאָס — מענטשן אָנגעהעריקע צו איין און דער זעלבער נאַציאָנאַליטעט, און דערצו נאָך — ייִדן... אין דעם פאַל האָט מען אָבער צו מיר קיין טענות נישט געהאַט. געקומען זענען זיי ערשט שפּעטער.

אָנקומען צו אַ פירנדיקער פּאַרטייִשער אָדער מלוכהשער פּערזענ־לעכקייט האָט נישט געהערט צו די לײַכטע זאַכן. אומפאַרשטענדלעך פאַר זיך אַליין, איז אָבער מיר דאָס אָנגעקומען גאָר לײַכט. כ׳בין צום אָנהייב אויפגענומען געוואָרן דורך דעם דערמאָנטן סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט זאַקורדאַיעוו, דערנאָך געווען בײַם פּראָפּאַגאַנדע־סעקרעטאַר גאָרבונאָוו, שפּעטער אויפגענומען געוואָרן דורכן סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט מאַלין און צום סוף — דורכן ערשטן סעקרעטאַר און פּרעמיער־מיניסטער פון ווײַסרוסלאַנד פּאָנאָמאַרענקאָ.

דער באַשלוס, אַז איך זאָל זיך באַמיִען אויפגענומען צו ווערן דורך אַ פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַ באַראַטונג פון די געוועזענע טוערס פון געטאָ־אונטערערד און פּאַרטיזאַנער־קעמפערס נחום פעלדמאַן און חיים אַלעקסאַנדראָוויטש נאָך דעם, ווי מיר זענען געווען כּמעט אין אַלע פּאַרטיזאַנער־בריגאַדעס, אָפּטיילן און ספּעציעלע גרופּעס, וועלכע האָבן זיך דיסלאָצירט אויף די פעלדער אַרום מינסק, קודם־כּל — אין דער נאָענט פון דער געגנט, ווּ עס האָט צו יענער צײַט זיך געפונען דער ווײַסרוסישער שטאָב פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. מיר האָבן מיט דער הילף פון געוועזענע געטאָ־קעמפערס זיך פאַרנומען מיט ציילן — וויפל ייִדן פון מינסקער געטאָ, וועלכע זענען אַרויס אין די וועלדער מערסטן טייל אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, געשיקט דורך די באַפולמעכטיקטע פון אונדזער אונטערערד, זענען נאָך יאָרן פּאַרטיזאַנישן קאַמף צוריקגעקומען. נאָך דעם האָבן מיר געפּרוּווט זיך דערוויסן וויפל מענטשן האָבן שאַנסן צו פאַרנעמען זייערע אַלטע דירות, אויב זיי זענען גאַנץ געבליבן (אין געטאָ זענען געבליבן אַ סך הײַזער), און וויפל האָבן נישט קיין שום אויסזיכטן אויף אַ דאַך איבערן קאָפּ. אויפגעקומען איז אויך די פראַגע וועגן אופן פון דערוויסן זיך וועגן גורל פון משפחות אינעם הינטערלאַנד, און די עיקר־פראַגע — פּרנסה? צו וואָס נעמט מען זיך? געטראַכט האָבן מיר אויך וועגן אָרגאַניזירן אַ געוויסן ייִדישן געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן.

לויט אונדזער פּראָוויזאָרישן חשבון זענען צוריקגעקומען אין זייער היימשטאָט כּמעט אַ העלפט פון די קרוב צען טויזנט ייִדישע מענער, פרויען און קינדער פון מינסקער געטאָ, וואָס זענען אויף אַן אָרגאַניזירטן, אָדער אינדיווידועלן אופן אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. גאָר ווייניק האָבן געהאַט שאַנסן צו פאַרנעמען זייערע אַלטע דירות. דער חורבן אין דער שטאָט, וואָס איז צוויי מאָל פאַרברענט געוואָרן, איז געווען אַזוי גרויס, אַז יעדער מעטער „אונטער אַ דאַך" איז געווען באַזעצט אין דער גרעסטער ענגשאַפט. די מערהייט ייִדן איז גרייט געווען זיך תיכּף נעמען צו אַן אַרבעט, כּדי האָבן פון וואָנעט צו לעבן. ווּ נעמט מען אָבער אַרבעט? מיט די אַלע ענינים האָט מען געדאַרפט זיך ווענדן צו די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן,



מאַסן-קבר פון טויזנטער מינסקער יידן, דערמאָרדעטע דורך די היטלעריסטן
אין דעם טאָג פון פורים 1942

פאַרשטעלנדיק זיי די ווירקלעכע לאַגע פון די ייִדן, וועלכע פאַרמאָגן בישט אַפילו קיין העמד צו טוישן, זענען אין גרעסטן טייל אָן משפּחות און די איינציקע הילף דערוואַרטן זיי פון דער מלוכה.

אין איינעם פון די גערוימע קאַבינעטן פון צענטראַל־קאָמיטעט האָב איך באַלד פון אָנהייב זיך דערפילט שטאַרק אומהיימלעך. אַנשטאָט מיך צו פרעגן, ווי דער שטייגער איז אין אַזעלכע פאַלן, מיט וואָס פאַר אַ ענינים קום איך, האָט אָבער דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט גע־נומען אַליין רעדן, און דאָס גאָר וועגן אַן אַנדער ענין. אים האָט אויס־שליסלעך אינטערעסירט אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער אַנט־שטייונג, טעטיקייט און דורכפאַלן פון דער מינסקער שטאָטישער אונטער־ערדישער אָרגאַניזאַציע, וועגן די מענטשן פונעם ערשטן, און נאָכן דורכ־פאַל — פונעם צווייטן באַשטאַנד פון שטאָטישן קאָמיטעט, פון מיליטער־רישן ראַט, וועגן דער אונטערערדישער פּרעסע, וועגן די פאַרבינדונגען צווישן דער שטאָט און דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

בעתן ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן האָב איך זיך ערשט געכאַפּט, אַז אײגנטלעך בין איך דאָך דער ערשטער און אײנציקער לעבן־געבליבע־נער פון דער אָנפירונג פון „מינסקער אונטערערד" (אונטער דעם דאָזיקן נאָמען איז אונדזער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אַרײַן אין דער סאָוועט־טישער ליטעראַטור), וועלכער קען באַשטעטיקן אָדער אָפּפרעגן זײערע, אין גרונט גענומען פראַגמענטאַרישע ידיעות וועגן דעם, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די קאַמפּס־באַוועגונג קעגן היטלער־אָקופּאַנט אין מינסק. איך האָב זײער גענוי דערצײלט וועגן דעם געטאָ־אונטערערד, וועלכער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן זײַן טעטיקײט שוין אין חודש אויגוסט 1941, וועגן אונדזער שטרײַט מיט דעם שפּעטערדיקן אָנפירער פון דער אַלשטאָטישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „סלאַוועקן" (אָדער פאַ־ביעדיט" — פּסעוודאָנימען פון איסאַי קאַזיניעץ, וועלכער האָט נאָכן טויט באַקומען דעם העכסטן ערנטיטל: „העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד"), וועגן זײַנע וואַקלונגען בעת אונדזער ערשטער טרעפונג מחוץ דער געטאָ, צי מעג מען אָן אַ באַשלוס פון „אויבן" אַלײן שאַפן אַן אָנפירנדיקן קאַמפּס־צענטער?

בעתן רעדן וועגן דעם געטאָ־ווידערשטאַנד האָב איך בפירוש דער־פילט, ווי זאַקורדאַיעווס אויפמערקזאַמקײט ווערט שטאַרק אָפּגעשוואַכט. עפּעס האָט ער זיך פאַרצײכנט און אַ צעשטרײַטער ווײַטער געהערט. גרויס פאַרווונדערונג האָט ער אויסגעדריקט, בעת כ'בין צוגעקומען צו דער אײגנטלעכער פראַגע, וואָס האָט מיך צו אים געבראַכט — וועגן די ייִדן, צוריקגעקומענע פון די וועלדער. נאָך אַ נערוועזן אויסהערן מיך האָט ער אין אַ געוויסן מאָמענט איבערגעהאַקט מײַנע רייד און ווי פאַרזעצנדיק אַ געדאַנק, וואָס האָט זיך ממש געריסן תיכף אַרויסגעזאָגט צו ווערן, האָט ער מיט אַ געדעמפּטער שטים בײַ מיר געפרעגט: „זאָגט מיר, כ'בעט אײַך, מיט וואָס דערקלערט זיך עס: בײַ אונדז אין לאַנד זענען דאָ צענ־דליקער, הונדערטער פעלקער, פעלקערשאַפטן, שבטים אַפילו מיטן סאַמע פּרימיטיוווסטן לעבנס־שטײגער. אַלע — מיט זײערע געוווינהײטן, מיט זײער שפּראַך. קײנעם אָבער האָט מען בײַ אונדז אַזוי נישט פײַנט, ווי די ייִדן?!..."

דערזעענדיק וואָס פאַר אַ דערשטוינונג זיינע רייד האָבן ביי מיר אַרויסגערופן און וועלנדיק אויסמיידן די רייד, וואָס האָבן זיך געזאָלט אָפּרייסן פון מיינע ליפּן, האָט ער פאַרכאַפּט מיט אַ קורצן באַפעלערישן אָנזאָג: „שרייבט אָן!" „נאַפּישיטיע!"

געהייסן האָט עס, אַז כ'זאָל וועגן דער פאַרגעשטעלטער לאַגע פון די יידן־פּאַרטיזאַנער צושטעלן אַן אַזוי געררופענע „דינסטלעכע נאָטיץ" („דאָקלאַדנאַיאַ זאַפּיסקאַ"), וועלכע דאַרף אויך האָבן אַלע אונדזערע קאָנקרעטע פאָרשלאָגן.

דערציילנדיק נחום פעלדמאַנען און חיים אַלעקסאַנדראָוויטשן וועגן גאַנצן שמועס, האָט דער לעצטער דערויף רעאַגירט מיטן יידישן גלייכווערטל: „ביסט געגאַנגען נאָך ירושה־געלט, און מוזסט באַצאָלן קבורה־געלט". און נחום, דער גוטער, געטרייער נחום, האָט עטלעכע מאָל מיך איבערגעפרעגט: „אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט?! אונדז, הייסט עס, האָט מען צום מערסטן פיינט? זענען דאָך, אויב אַזוי, די דייטשן גערעכט געווען..."

מיט אַ שווער האַרץ בין איך שפּעטער געגאַנגען צו דער צווייטער אויפנאַמע אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד. ווי דערשטוינט בין איך געווען, ווען כמעט די זעלבע פראַגעס האָבן זיך איבערגעחזרט אינעם שמועס מיטן סעקרעטאַר פון צ"ק מאַלין. אויך אים האָט קודם־כל אינטערעסירט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו דעם „מינסקער אונטערערד". פון זיינע פראַגעס האָב איך אָבער גאָר קלאָר אַרויסגעפילט די טענדענץ זיך צו דערוויסן אַלץ וואָס איז געווען שלעכט, פעלערהאַפט, וואָס איך שאַץ אָפּ קריטיש אין דער אַרבעט פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך ממש איינגעגעסן אין מיר מיט זיינע אויגן, ווען כ'האָב אים דערציילט וועגן די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן מיר און „סלאַוועקן" אין דער אָפּשאַצונג פון יודענראַט, וועגן מיין קעגנערשאַפט לגבי דער אַנטשטייונג פון אַ פּאַראַלעלן מיליטערישן ראַט, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען אַ גרופּע העכערע אָפיצירן (האַלטנדיק, אַז אין די באַדינגונגען פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע דאַרף די גאַנצע ווידערשטאַנד־באַוועגונג זיין איינגעשטעלט אויף אַנ־

װענדן מיליטערישע קאַמפּס־מיטלען צוזאַמען מיט פּאָליטישן און מיט װירט־שאַפטלעכן סאַבאָטאַזש). מײַן אינפאָרמאַציע אָבער װעגן דער אויסברײ־טערונג פון דער באַװעגונג אין יאָר 1942, װעגן די פאַרשידענע פאָרמען פון סאַבאָטאַזש און אַנדערע אויסדרוקן פון ממשותדיקן װידערשטאַנד האָט מאַלין אויסגעהערט מיט קענטיקן אומגעדולד.

װידער האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע סיטואַציע װי בײַ זאַקור־דאַיעװן, בעתן דערציילן װעגן געטאָ־װידערשטאַנד און װעגן די עטלעכע טויזנט צוריקגעקומענע ייִדישע פּאַרטיזאַנער, װעלכע האָבן נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ און װייסן נישט װאָס מאָרגן צו טאָן. כ׳האָב נאָר געװאָרט אויף דער פראַגע: „פאַר װאָס האָט מען אײַך אַזוי פּײַנט?״ זי איז אָבער נישט געקומען. דער שלוסאַקאָרד איז געװען דער זעלבער: „נאַפּישיטיע״ (שרײַבט אָן).

כ׳האָב אָנגעשריבן. װעגןביידע טרעפונגען האָב איך אינפאָרמירט דעם סעקרעטאַר פון דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט שכנא עפּשטיין און איציק פעפערן. זייער ביידנס עצה איז געװען, אַז איך זאָל אומבאַדינגט שרײַבן צו די העכסטע אינסטאַנצן און װאָס ברייטער, װײַל אויך זיי גרייטן זיך צושטעלן דער צענטראַלער אָנפירונג אין מאָסקװע אַלע פראַגן, װאָס שייך דער לאַגע פון די ייִדן בעת און בײַם סוף פון דער 2טער װעלט־מלחמה.

צװיי דאָקומענטן זענען דורך מיר איינצײַטיק איבערגעגעבן געװאָרן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון װײַסרוס־לאַנד. אין דעם ערשטן דאָקומענט איז געװען אַן אויספירלעכע כאַראַק־טעריסטיק װעגן דער לאַגע פון די ייִדן פון מינסקער געטאָ, װעלכע זענען צוריקגעקומען סײַ פון די זיבן פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילן, װעלכע זענען מיט אונדזער דירעקטער הילף געשאַפן געװאָרן, און סײַ פון אַנדערע פּאַרטי־זאַנישע בריגאַדעס און אָפּטיילן פון מערב און פון מיזרח. אין דעם דאָזיקן דאָקומענט איז באַזונדערס אונטערגעשטראָכן געװאָרן די נייטיקייט צו דערמוטיקן די פולשטענדיק פּאַריתומטע ייִדן דורך שאַפן אַלע מעגלעכ־קייטן זיך אויסצולעבן קולטורעל אין דער ייִדישער שפּראַך, דורך באַזײַטיקן די סיבות פון דער טאָטאַלער היטלעריסטישער פאַרניכטונג פון דער

ייִדישער באַפעלקערונג און דורך אַנווענדן אַלע נייטיקע מיטלען אומצו־קערן צו אַ נאָרמאַל לעבן די אָפּגעראַטעוועטע פון טויט.

דער צווייטער דאָקומענט האָט געהאַט אַ שייכות צו דער ווידער־שטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין מינסקער געטאָ און צו אים איז בייגעלייגט גע־וואָרן אַ צעטל מיט נעמען פון קרוב 150 אַקטיווע טוערס, פאַראַנטוואָרט־לעכע פאַר געטאָ־זאָנעס, פאַר „צענטלעך", פאַרבינדלערס און וואַלד־שלי־חים. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר נאָך קיין אַנונג נישט געהאַט, וואָס פאַר אַ געפאַר אַזאַ מין צעטל האָט געשאַפן פאַר אַלע, וועלכע האָבן אויף אים פיגורירט. ערשט שפּעטער האָט מיר אַן אָנפירנדיקער ווײַסרוסישער טוער בסוד דערקלערט, פון וואַנען עס האָט געשטאַמט דער גרויסער אינ־טערעס ביי ביידע סעקרעטאַרן פון צ"ק צו דעם „מינסקער אונטערערד" און דערביי דער איינזײַטיקער אינטערעס צו אַלץ, וואָס האָט געקאָנט נעגאַטיוו אָפּגעשאַצט ווערן. געשטאַמט האָט עס דערפון, וואָס בעתן רעדן מיט מיר, האָבן זיי שוין געהאַט די אָפּשאַצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט און פון ווײַסרוסישן שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וועלכע האָט דעם גאַנצן „מינסקער אונטערערד" באַטראַכט אַלס... פּראָוואָקאַטאָרישע אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך פײַנטלעכע עלעמענטן. אַ סימן — די האַלטונג פון צוויי מיטגלידער פון „מיליטערישן ראַט", וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן עטלעכע צענדליק אָפּיצירן און פון „איוואַן גאַוורילאָוויטשן", דעם סעקרעטאַר פונעם צווייטן באַשטאַנד פון שטאָטישן קאָמיטעט, וועל־כער האָט זיך אין געסטאַפּאָ איינגעבראָכן.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אין די דאָזיקע דורכפאַלן איז עס געגאַנגען, נאָר אין דעם, וואָס דער אויפקום און די עקסיסטענץ פון „מינסקער אונ־טערערד" איז געווען אַ רעזולטאַט בלויז פון אונדזער אייגענער איניציאַטיוו, אָפּנעמענדיק אַזוי אַרום די מעגלעכקייט פאַרצושטעלן די פירנדיקע ראָל פון די צענטראַלע פאַרטייִשע, מלוכהשע און פאַרטיזאַנער־אינסטאַנצן בײַם שאַפן די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין דער הויפּטשטאָט פון דער רעפּו־בליק. דער אופן, ווי אַזוי דער „מינסקער אונטערערד" איז אַנטשטאַנען איז געווען אַ בולטער באַווייז פון דער פולשטענדיקער פאַרלוירנקייט, פון דער פּאַניק, וואָס האָט באַהערשט די גאַנצע צענטראַלע אָנפירונג פון

ווײַסרוסלאַנד, וועלכע איז אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אַ שטאָט מיט מענטשן, אַ גאַנצע פּילטויזנט־קעפּיקע פּאַר־טיי־אָרגאַניזאַציע אויפן בּאַראָט פון שונא. די פּאַניק איז דערבײַ געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אַפילו נישט באַשטימט קיין איינצלנע מענטשן, וועלכע זאָלן בלײַבן אויפן אָרט, כדי צו אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד. ערשט שפּעטער, אין האָמעל, זענען די אַנפירערס צו זיך געקומען און פון דאָרט האָט מען געגומען פונאַנדערשיקן אין די אָקופּירטע ראַיאָנען אַ ריי פירנ־דיקע טוערס מיט דער אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען און אַנטיפאַשיסטישע גרופּעס. צו דער הויפּטשטאָט אָבער איז מען פון דער אַנפירונג נישט דערגאַנגען. דאָרט האָבן מיר אַליין, מיט די אייגענע כוחות, מיט מענטשן, וועלכע זענען לחלוטין נישט געווען צוגעגרייט צו פירן אַן אונטערערדישע אַרבעט, אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן אָקופּאַנט אין זײַן סאַמע פילבאַרסטן אָרט.

דער שפּעטער אָרגאַניזירטער מינסקער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט זיך אַלע מאָל געפונען מחוץ דער הויפּטשטאָט, אין דער פּאַרטיזאַ־נער־זאָנע. זײַן אַרבעט האָט זיך געשטיצט נישט אויף קיין מאַסן־באַוועגונג אין די שטעט, נאָר אויף באַגרענעצטע, צו באַשטימטע אויפגאָבן צוגעטייל־טע אָפּעראַטיווע גרופּעס. ממילא האָט מען געדאַרפט דיסקרעדיטירן דעם „מינסקער אונטערערד", באַצייכענען אים צוזאַמען מיט זײַנע מיטגלידער — די אומגעקומענע אין דער געסטאַפּאָ, אויף די תליות אין מינס־קער גאַסן און אין דירעקטן העלדישן פּאַרטיזאַנער־קאַמף, ווי אויך די לעבן־געבליבענע, צוריקגעקומענע פון די וועלדער — אַלס פּראָוואָקאַטאָרן, כדי אַזוי אַרום פּטור ווערן פון אַלץ און אַלעמען, וואָס האָט געדינט אַלס באַשײַמפּערלעכע באַשולדיקונג קעגן די, וועלכע האָבן נישט דערפילט זייער ערשטן און וויכטיקסטן חוב לגבי דער באַפעלקערונג פון דער אָקופּירטער הויפּטשטאָט, לגבי די פּאַראורטיילטע צום אומקום מינסקער ייִדן, לגבי דער אויפגעקומענער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

ווי אַזוי איז עס געשען, וואָס קיינער פון די לעבן־געבליבענע ווײַס־רוסישע, רוסישע און ייִדישע אונטערערד־קעמפערס פון מינסק איז דע־מאָלט, לויטן באַקאַנטן בעריאַ־נוסח, נישט אַרעסטירט און געפּטרט גע־

וואָרן — איז פּאַר מיר אַ רעטעניש. מיט יאָרן שפּעטער (אין חודש יוני 1960) איז ערשט געקומען די „רעהאַביליטאַציע" אין אַ ספּעציעלן דאָקו־מענט, ווו דער „מינסקער אונטערערד" (צוזאַמען מיט דער געטאָ־אָרגאַ־ניזאַציע) און זײַנע אָנפירערס (צוזאַמען מיט אַ ריי טוערס פון געטאָ) זענען אַרויסגעהויבן און באַצייכנט געוואָרן אַלס מוטיקע קעמפערס קעגן אָקופּאַנט. היסטאָריקערס האָבן דעמאָלט זיך גענומען צו פאָרשן די גע־שיכטע און טעטיקייט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. עס זענען וועגן דעם היסטאָרישן קאַפּיטל אויך דערשינען אַ ריי געשיכטלעכע מאָנאָגראַפיעס אין מינסק און אין מאָסקווע. דערשינען זענען אויך אייניקע בעלעטריסטי־שע ווערק אין דער ווײַסרוסישער און רוסישער שפּראַך, ווו עס ווערט אַרויסגעבראַכט אויך דער קאַמף פון די יידישע ווידערשטענדלערס פון מינסקער געטאָ.

אין אַלע פאַלן האָט די אויטאָרן געדינט יענער דאָקומענט, וועלכער איז בשעתו דורך אונדז צוגעשטעלט געוואָרן דעם צענטראַל־קאָמיטעט צוזאַמען מיטן צעטל אַקטיווע, אָנפירנדיקע טוער"ס פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין מינסקער געטאָ.

גאָר אַן אַנדער גורל האָט געהאַט דער ערשטער דאָקומענט, וועלכער איז פאָרמעל געווען געווידמעט דער לאַגע פון די צוריקגעקומענע יידישע פּאַרטיזאַנער, פּאַקטיש אָבער האָט ער געשטעלט די גאַנצע יידן־פּראָבלעם, אַזוי ווי מיר האָבן זי געזען נאָכן צוריקקומען אין דער באַפרײַטער הויפּט־שטאָט. דער דאָזיקער דאָקומענט איז נישט געבליבן בלויז אין רשות פונעם ווײַסרוסישן צענטראַל־קאָמיטעט. ווי איציק פעפער האָט מיר שפּעטער מיט גרויס צופרידנקייט איבערגעגעבן, איז מײַן ווענדונג אין גאַנצן איבערגע־דרוקט געוואָרן אין אַן אינערלעכן בולעטין פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נישט ער און אַוודאי נישט איך האָבן דעמאָלט געאַנט וועגן די רעזולטאַטן פון אונדזער ווענדונג און פאָרשלאָגן. אַ באַשטימטן פּאַראַגראַף האָב איך אָבער שוין געהאַט נאָך דער אויפנאַמע בײַם ערשטן סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווײַסרוסלאַנד און פרעמיער־מיניסטער פון דער ווײַסרוסישער סאָציאַליס־טישער ראַטן־רעפּובליק פּאַנטעלײמאָן קאָנדראַטיעוויטש פּאָנאָמאַרענקאָ.

פאַר דעם איז נאָך פאָרגעקומען די באַגעגעניש מיטן פּראָפּאַגאַנדע־סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט ט. ס. גאָרבונאָוו.

אײַנגעלאַדן האָט מיך אויף דער דאָזיקער באַגעגעניש דער פאָרזיצער פון ווײַסרוסישן שרײַבער־פאַרבאַנד, וועלכער האָט בעת־מעשׂה געגעבן מיר אָנצוהערן אַז איך וועל, מעגלעך, קענען דאָרט שטעלן „מײַנע" פראַגעס. אין גאַנג פון דער באַגעגעניש האָט זיך מיר אָבער שוין אָפּגעוואָלט צו שטעלן וועלכע עס איז פראַגעס. מיר איז פּשוט שווער געווען אויסצוזיצן און הערן די רייד פון דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר די קולטור־און פּראָפּאַגאַנדע־ענינים אין דעם לאַנד וואָס איז נאָר וואָס באַפרײַט געוואָרן פון היטלערישן ראַסיזם, ווי אויך צוזען די מיטגעפיל־אויסדרוקן אויף די פּני־מער פון אייניקע מײַנע ווײַסרוסישע פרײַנד. קיין איינער פון די צוריק־געקומענע אין מינסק ייִדישע שרײַבערס איז צו דער דאָזיקער טרעפונג נישט אײַנגעלאַדן געוואָרן. וואָס פאַר אַ „זכות" איז גראָד מיר בײַגעשטאַ־נען? — שווער צו זאָגן.

נאָכן אינפאָרמירן וועגן אייניקע פּרעסע־ענינים, וועגן פאַרלעגערישע פּלענער, וועגן דעם צושטאַנד פון דער פּאָליגראַפישער באַזע, איז גאָרבו־נאָוו איבערגעגאַנגען גאָר פּלוצלונג צו אַן ענין, וואָס האָט קיין שום צוזאַ־מענהאַנג, ווי ס'האָט זיך געקענט דאַכטן, מיט די באַרירטע פראַגעס נישט געהאַט. און דאָך האָט עס בײַ דער מערהייט פאַרזאַמלטע, אורטיילנדיק לויטן אויסדרוק פון זייערע פּנימער, נישט אַרויסגערופן קיין שום חידוש. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אינעם הינטערלאַנד, פון וואַנעט עס איז געקומען די מערהייט שרײַבערס, זענען די רייד אויף אַזעלכע און ענלעכע טעמעס געווען אויפן סדר־היום.

ווידער אַ מאָל איז געווען אַ רייד וועגן די, וועלכע „מען האָט אַזוי פּײַנט", דאָס מאָל אָבער אין אַ „היסטאָרישער באַלײַכטונג" (דער זעלבער טימאָפּיי גאָרבונאָוו איז שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער ווײַסרו־סישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, אַלס היסטאָריקער). אָנשטעלנדיק דירעקט אויף מיר זײַנע גרויסע וואַסערדיקע אויגן האָט דער דאָזיקער צענטראַלער פּאַרטיי־טוער גענומען זיך פאַרכלינען מיט רייד פול מיט שׂינאה צו ייִדן. דאָס פּלעגן זיי, די ייִדן, אויסטראַכטן בילבולים און פאַרשוואַרצן דאָס פּנים

פונעם ווײַסרוסישן פאָלק. אַלס בײַשפּיל האָט ער געבראַכט דעם פאַל מיט דער ייִדישער אַרבעטערין באַרשיי, וועלכע איז אין די צוואַנציקער יאָרן אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן דורך אַנטיסעמיטן אינעם ברענענדיקן אויוון פון דער באָברויסקער גלאָזפאַבריק. די ייִדישע פּרוי איז אַזוי אַרום לעבע־דיקערהייט פאַרברענט געוואָרן. די דאָזיקע מערדערס האָט עס, אין אַנבליק פון די נאָר וואָס אויסגעלאָשענע אויוונס פון מײַדאַנעק, אַשוויענטשים און טרעבלינקע, אין דער אָנוועזנהייט פון די אָנגעזעענסטע פאַרשטייערס פון דער ווײַסרוסישער ליטעראַטור, זיך גענומען רעהאַביליטירן דער סעקרע־טאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווײַס־רוסלאַנד טימאָפיי סאַזאָנאָוויטש גאָרבונאָוו דערקלערנדיק, אַז דאָס האָבן די ייִדן אַליין אויסגעטראַכט אַ בילבול...

די ייִדן אַליין! דערמאָנט האָט זיך דער פאַל אין מאָסקווע נאָך מיט אַ יאָר 18 פאַר דעם. געווען איז עס אין דער צײַט פון פאַרשאַרפטן פראַק־ציאָנעלן קאַמף אין די רייען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. קעגן סטאַלינען איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטן די פאַראייניקטע אָפּאָזיציע פון טראָצקי־זינאָוויעוו־קאַמעניעוו. כ׳בין דאַן געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַקטיווע טוערס פון דער מאָסקווער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. וויאַטשעסלאַוו מיכאַילאָוויטש מאָלאָטאָוו האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט. נאָך דעם זענען געווען דעבאַטן. אַרויסגעטראָטן זענען אָפּאָנענטן מצד דער אָפּאָזיציע. אין זכרון איז אָבער פאַרבליבן די אַרויסטרעטונג פון אַ סטאַלין־אָנהענגער, וועלכער האָט געוווּנדערט די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרזאַמלטע אויף דעם פאַקט, וואָס אין דער אייניציקער מאָסקווער פאַבריק, ווו די אָפּאָזיציע האָט באַקומען אַ מערהייט, „אַרבעטן דאָך נישט אונדזערע". אין זאַל האָט בעת־מעשׂה געהערשט אַ פולשטענדיקע שטילקייט. דערפאַר האָט מען אַזוי קלאָר געהערט איינעמס ממש אַ היסטערישן אויסגעשריי: „זעט, זעט, ווּהין זיי האָבן זיך דערקײַקלט!"

אַלע האָבן מיר דעמאָלט געוווּסט, אַז די אָפּאָזיציע האָט באַקומען אַן אַבסאָלוטע מערהייט אין דער קליידער־פאַבריק, ווו עס האָבן געאַרבעט דער עיקר ייִדישע שנײַדערס. געווען זענען עס ייִדישע אַרבעטערס פון אַמעריקע, וועלכע האָבן אַלס אויסדרוק פון סימפּאַטיע צו דער סאָוועטן־

רעפּובליק איַינגעקויפט מאַשינען, מיט וועלכע זיי זענען געקומען קיין מאָסקווע אַרבעטן. זיי זענען עס באַצייכנט געוואָרן אַלס „נישט אונדזערע".

גאָרבונאָוס „די ייִדן אַליין" האָט זיך בולט איבערגערופן מיט יענער רעפּליק אין דעם גרויסן זאַל פון מאָסקווער פּאַראַיינען־הויז און קיין שום פאַרלייַכטערונג איז דערביַי נישט געקומען פון דער דערמאָנונג, ווי שאַרף עס האָט דעמאָלט רעאַגירט מאַלאַטאָוו אויף דעם ראַסיסטישן אופן פון טיילן אַרבעטערס אויף „אונדזערע" און „נישט־אונדזערע". פאַר גאָרבונאָוון אָבער איז אַזאַ טיילונג געווען שוין אַ געזעצלעך באַשטעטיקטע און פּראַקטיש אָנגעווענדטע, צווישן אַנדערע אויך דורך מאָלאָטאָוון גופא. ווי אַזוי איז דערצו דערגאַנגען און ווען איז דער דאָזיקער מין ראַסיזם געוואָרן אַ פאַרפליכטנדיקער געזעץ, האָב איך זיך דערוווּסט אַ סך שפּעטער.

די דערמאָנונג וועגן גורל פון דער ייִדישער אַרבעטערין באַרשיי האָט פּלוצלונג ווי מיט אַ שפּיז אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן און שאַרף אַרויס־געבראַכט פאַר די אויגן דאָס געשעענע סך־הכּל מיט אַ יאָר צוריק.

...דעם גאַלאָפּ פון רייַטער האָב איך דערהערט אַ סך פריִער איידער ער האָט שאַרף און האַסטיק זיך פאַרהאַלטן לעבן מיַין הייל. כ'בין זיכער געווען, אַז געקומען איז מיט עפּעס וויכטיקס אַ שליח פון געגנטשטאַב. דערזען האָב איך אָבער אַ צעפלאַמטן, מיט בלאָנדזשענדיק־דערשראָקענע אויגן, דעם אַדיוטאַנט פון קאָמאַנדיר פון דער זשוקאָוו־בריגאַדע, דעם „ראַבין" ווי מ'האָט אים גערופן (טעוול, דער אויסגעצייכנטער קאַוואַלע־ריסט, האָט ווירקלעך געהאַט סמיכות אויף רבנות).

— וואָס איז געשען ?

טעוול באַוויַיזט בלויז אַרויסצוהעשען :

— נעמט דעם פערד... קומט... באַלד... — און איידער וואָס־ווען האָט ער אַליין צוגעפּירט מיַין פערד און זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ פאַרויס. אויף אַ רגע בלויז האָט ער זיך פאַרהאַלטן און מיט אַ פאַרשטיקטן קול גע־פּרוווט עפּעס מיר זאָגן. „באַנדיטן... זיי קוילען... ס'איז אונדזער בלוט..."

מיר זענען צוגעריטן ביזן ברעג פון ניעמאַן און דאָרט דערזען :

איינע לעבן דער אַנדערער זענען געלעגן דערשאָסענע פרויען. דאָס בלוט איז שוין געווען פאַרשטאַרט. דער יידישער אויסזען פון די דער־מאָרדעטע איז קענטיק געווען אַפילו בײַ די פרויען מיט בלאָנדע האָר.

ווער עס האָט זיי דערשאָסן איז קיין ספק נישט געווען. אויף אונדזער ברעג פון דעם ניעמאַן זענען געווען בלויז פאַרטיזאַנער. אָבער פאַר וואָס? פאַר וואָס האָט מען זיי, אַנטלאָפענע פון שונא, בײַם שוועל פון אונדזער וואַלד דערמאָרדעט? מיר זענען לאַנג געשטאַנען, נישט אָפּרײַסנדיק די אויגן פון זייערע דערשראָקענע, פאַרשטיינערטע בליקן. כ׳האָב דערהערט טעוולס פליסטערן, זײַן נאָכאַנאַנדיקן איבערחזרן: „וואָס טוט מען — וואָס טוט מען?״...

— זאָג, טעוול, קדיש — האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם מויל פון אַן אַלטן קאָמוניסט, וועלכער האָט אין דער דאָזיקער רגע קיין שום אַנדער ענטפער נישט געפונען. און טעוול האָט גענומען זיך שאָקלען און שטיל מורמלען די ווערטער פון דורות יתומים.

אויף מײַן צושטיין צום באַפולמעכטיקטן פון צענטראַלן פאַרטיזאַנער־שטאַב וואָלאָדימיר צאַריוק, ער זאָל מיר זאָגן ווער עס האָט דערמאָרדעט די יידישע פרויען און וואָס רעכנט ער צו טאָן מיט די מערדערס, האָט ער מיר אונטערגערוקט אַ פּאַפּיר: „נאָ, לייען״. געווען איז עס אַ פאַר־טרוילעכע אינפאָרמאַציע פון באַזונדער־אָפּטייל פון געגנטשטאַב, אַז די געס־טאַפּאָ האָט אַרויסגעשיקט אויסגעשולטע יידישע פרויען, כדי צו פאַרסמען דאָס פאַרטיזאַנישע עסן...

— און דו, וואָלאָדיע, גלייבסט אין דעם?

— ס׳איז מלחמה — האָט צאַריוק שטאַרק פאַרהיקענדיק זיך געענט־פערט, אָפּווענדנדיק זײַן בליק פון מיר.

✶

פון ווײַסרוסישן שרײַבער־פאַראיין האָט מען מיר איבערגעגעבן גענוי די צײַט פון דער אויפנאַמע בײַ דעם ערשטן סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און פאַרזיצער פון ווײַסרוסישן מיניסטאָרן־ראַט פּאַנטעלײמאָן קאָנדראַטיעוויטש פּאָנאָמאַרענקאָ.

די ווענדונג צום „אַנטשיידנדיקן פֿאַקטאָר" אין דער רעפּובליק וועגן אַן אויפֿנאַמע האָב איך געמאַכט דורך אייניקע אָנגעזעענע ווײַסרוסישע שרײַבערס, מיט וועלכע איך בין יאָרן לאַנג געווען זייער באַפֿרײַנדעט. געטאָן האָב איך עס אויף אַזאַ אופֿן, ווײַל צווישן זיך האָבן מיר געהאַט באַשלאָסן, אַז דער געשפּרעך מיט פּאָנאָמאַרענקאָן דאַרף זײַן אויסשליסלעך געווענדט אויף דעם צוריקאויפֿבוי פֿון ייִדישן קולטור־לעבן אין דער שטאָט מיט גרויסע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־טראַדיציעס. אין דער ווענדונג וועגן אַן אויפֿנאַמע איז געווען איבערגעגעבן, אַז עס גייט וועגן אַ דעלעגאַציע, וועלכע וועט באַשטיין פֿון דרײַ מיטגלידער פֿון שרײַבער־פֿאַראיין — די צוריקגעקומענע צו יענער צײַט צוויי ייִדישע דיכטערס אײַזיק פּלאַטנער, הירש קאַמעניעצקי און איך.

ווי דער שטייגער איז געווען בײַ סאָוועטישע אָנפֿירערס פֿון יענער צײַט, איז אַן אויפֿנאַמע באַשטימט געוואָרן אויף נאָך האַלבער נאַכט. שטאָק־פֿינצטערניש האָט געהערשט איבער די טויטע, חרובֿע גאַסן פֿון מינסק, בעת מיר זענען אַרום האַלב־איינס בײַ נאַכט געגאַנגען אין דער ריכטונג פֿון דעם פּילשטאָקיקן „רעגירונג־הויז", וועלכן די אָפּטרעטנדיקע היטלעריסטישע אַרמיי האָט פֿאַרמינירט, אָבער נישט באַוויזן אויפֿצורײַסן. איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער אַמאָליקער צענטראַלער סאָוועטסקע־גאַס האָט קיין מינדסט פֿײַערל זיך נישט געמיניעט. בלויז סטאַרטשענדיקע קוימענס — אַ זכר פֿון אַמאָליקן לעבן — האָבן אונדז באַגלייט דעם גאַנצן וועג. איינצלנע פֿענצטערלעכער האָבן בלינד געווענדט זייערע בליקן, לויטן אָפּהילך פֿון אונדזערע טריט, נאָכקוקנדיק פֿאַרוווּנדערט, וואָס עס טוען אין אַזאַ שעה אויף דעם דאָזיקן אומענדלעכן בית־עלמין לעבעדיקע מענטשן, דערצו נאָך ייִדן.

ווי אַן אָאַזיס אין דער אַרומיקער וויסטעניש האָט אויסגעזען דאָס גרויסע „רעגירונג־הויז". דאָ זענען די פֿענצטער פֿון אַלע עטאַזשן געווען העל באַלויכטן. אונטן, ווו עס איז אַ מאָל געשטאַנען דער לענין־דענקמאָל זענען געווען אויסגעשטעלט אַ סך אויטאָמאָבילן, מערסטן טייל מיליטע־רישע.

די וואַך האָט פאַרווונדערט אָנגעקוקט די דריַי אָפּגעריסענע און אָפּגע־שליסענע ייִדן, וועלכע האָבן געטענהט, אַז פאַר זיי זענען צוגעגרייט דורכ־לאָז־שײַנען, כּדי אָנצוקומען צום פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראָט.

מיר לאָזן זיך גיין צו די הויכע שטאָקן. אין זכּרון קומט אויף אַזאַ מין גאַנג איבער די זעלבע טרעפּ אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען... געכאַפּט האָט מען מיך אין געטאָ צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדן און געבראַכט אַהער, צום „האָכהאַוז", ווי די דײַטשן האָבן אים גערופן, אויף צוואַנגסאַרבעט. אַ גאַנצן טאָג, אָן אַ ביסן אין מויל, זענען מיר געגאַנגען פון 12טן שטאָק אַראָפּ, מיט קאַסטנס פּאַפּירן, וואָס די מיניסטעריומס פון ווײַסרוסלאַנד האָבן אין אײַלעניש נישט באַוויזן צו פאַרברענען. אַפילו מיט ליידיקן איז דאָס גיין צוריק אויף די הויכע שטאָקן געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער, און פלעגט זיך עמעצער אָפּשטעלן אין וועג, כּדי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, האָט אים באַלד דערגרייכט דער ווילדער געשריי פון די מיליטערישע אויפזעערס. פאַר נאַכט, אויף צוריקוועגס, האָט זיך געדאַכט, אַז אַ ליאַדע רגע וועט מען פאַלן אין וועג, נישט דערגייענדיק צו דער געטאָ.

...אין וואַרטצימער האָט אונדז אויפגענומען דער סעקרעטאַר פון פּרע־מיער פּיאָטר אַבראַסימאָוו (שפּעטער אַמבאַסאַדאָר פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין פּוילן, מיזרח־דײַטשלאַנד און פראַנקרײַך). אַ גרינגשעצנדיק שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף זײַנע ליפּן בעת ער האָט אונדז באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט אַוודאי פון פאָרויס געוווּסט, ווי אַזוי די אויפנאַמע אונדזערע וועט אויסזען...

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט מיר געלאָזט זיך אויסרעדן, וואַרפנדיק בלויז פון צײַט צו צײַט אַ פאַרשערישן בליק אויף אונדז אַלע דרײַ. בשעת כ'האָב איבערגעגעבן אונדזערע פאַרלאַנגען האָט ער נישט נאָטירט, אַזוי ווי אַלץ וואָלט אים שוין פון פריִער געווען באַוווּסט (זיכער איז אים אַ סך פון דעם, וואָס מיר האָבן פאָרגעלייגט, באַזונדערס וואָס שייך דער ייִדישער ליטע־ראַטור און פּרעסע, דעם פאַרלאַג־וועזן, שוין פון פריִער געווען באַקאַנט. די דאָזיקע ענינים זענען דורך אונדז געשטעלט געוואָרן פאַר דער פאַר־וואַלטונג פון שרײַבער־פאַראיין), אַזוי ווי זײַן זכּרון וואָלט זיך נישט גע־נייטיקט אין קיין שום דערמאָנונג. אויסגעהערט געדולדיק ביזן סוף, האָט

ער נאָך דעם געפרעגט ביַי איַיזיק פּלאַטנערן און הירש קאַמענעצקין, צי זיי ווילן עפּעס וואָס צוגעבן צו מיַינע רייד, און ווען מיַינע חברים האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען מיט אַלץ מסכּים, האָט ער ערשט אָנגעהויבן צו רעדן. נישט קיין רייד, נאָר פּעך און שוועבל האָט זיך געגאָסן שיטן פון זיַין מויל, און צאָרן פון זיַינע שמאָלע, שפּיציקע אויגן:

„איר (וויַיזנדיק מיטן פינגער אויף מיר) זענט שולדיק אין פונאַנדער־געפּעפּטעטן ייִדישן נאַציאָנאַליזם, מיט וועלכן מיר (צונויפקוועטשנדיק זיַין פויסט) וועלן זיך אַן עצה געבן. ווי דען אַנדערש זאָל מען באַצייכענען איַיער פּראָגראַם? (געמיינט דעם דאָקומענט, וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן און איבערגעשיקט אין צענטראַל־קאָמיטעט) און איַיערע פאַרזאַמלונגען! און איַיערע באַנדעס, וועלכע שלאָגן אַלעמען אויף רעכטס און אויף לינקס!״

יאָ, מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט דאָ פּאָנאָמאַרענקאָן.

געהאַנדלט האָט זיך עס אין דעם ערשטן ייִדישן ליטעראַרישן פרײ־מאָרגן נאָך דעם חורבן, וועלכן מיר האָבן איַינגעאָרדנט אין מינסק. אָ זאָל האָט אונדז געגעבן דער דירעקטאָר פון דער גאָרקי־ביבליאָטעק, אַ הויך קולטורעלער מענטש, אַ גרויסער ערודיט און ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. געקומען איז אַ גרויסער עולם, בעיקר מיליטער־ליַיט און געוועזענע פּאַרטיזאַנער. איך האָב געהאַלטן דעם רעפעראַט וועגן דער ייִדישער דיכטונג אין וויַיסרוסלאַנד און די פּאָעטן משה טייף, וועל־כער איז געקומען פון פראָנט, איַיזיק פּלאַטנער און הירש קאַמעניעצקי האָבן געלייענט זייערע לידער, הויפּטזעכלעך וועגן ייִדישן אומקום און ייִדישן קאַמף.

שוין ביַים סאַמע סוף האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ הויכע באַסשטימע פונעם עולם: „איך בעט אַ וואָרט״. מיר קוקן זיך אָן פאַרחידושט און באַ־וויַיזן נישט צו ענטפערן, ווי ביַי אונדזער טישל שטייט אַ מאַיאָר — אַ פּליִער, וועלכער הייבט אָן זיַינע רייד, פּלאָנטערנדיק אַ ביסל אין רוסיש, אַ ביסל אין ייִדיש. יאָ, די לידער געפעלן אים. „שריַיבט, חברים־פּאָעטן, און מיר וועלן איַיך לייענען. אָבער איר זעט! — און ער הייבט אויף אַ האַלב־פּוסטן אָרבל — אַ קאַליקע בין איך. דאַכט זיך, צו וואָס טויג איך? אָבער אויב דאָרט, אין ייִדנלאַנד, וועט מען מיך דאַרפן, פּאַלעסטינע מיין

איך, — בין איך ווידער אַ פּליטער!" — און לאָזט זיך אַוועק צוריק צו זײַן אָרט, ביי אַן אַבסאָלוטער קאָנסטערנאַציע אינעם זאַל.

וועגן דעם האָט מען גלײַך דערטראָגן צו פּאָנאָמאַרענקאָ און דערפאַר באַשולדיקט ער אונדז אין פונאַנדערפעגטעט ייִדישן נאַציאָנאַליזם. און נאָך האָט ער געוווסט: אין מינסק באַווײַזן זיך אומעטום, ווו ס'קומען אַ סך מענטשן, גרופּעס מלחמה־אינוואַלידן, וועלכע טעראָריזירן די באַפעלקע־רונג, נעמען צו ביי די הענדלערס אויפן מאַרק זייער סחורה, שלאָגן מיט זייערע קוליעס, דערלויבן זיך אויף אַנטיסעמיטישע שטיק, באַליידיקן ייִדי־שע פּאַרטיזאַנער, אַז מסתמא האָבן זיי די מעדאַלן באַקומען אין טאַשקענט (די דאָזיקע שטאָט איז געווען דער סינאָנים פון זיצן פאַרשטעקט אינעם הינטערלאַנד). האָט זיך אין מינסק געשאַפן אַ צווייטן גרופּע, אויסשליס־לעך פון ייִדישע מלחמה־אינוואַלידן, וועלכע האָט גענומען געבן קלעפּ פאַר יעדער באַליידיקונג, פאַר יעדן אַנטיסעמיטישן אויסגעשריי. אונדז האָט עס פּאָנאָמאַרענקאָ געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך אויך פאַר די דאָזיקע ייִדישע מענטשן, וועלכע האָבן געשאַפן אַ טראַדיציאָנעל ייִדישע זעלבשוץ.

יאָ, עס איז אויך אויסגעקומען פון אים צו הערן, הגם אין אַן אַנדער ווערסיע, די פראַגע, פאַר וואָס מען האָט אונדז פײַנט. געפרעגט האָט ער אַן ערך אַזוי: פאַר וואָס, ווען מען באַליידיקט איוואַנען — פילט זיך גע־טראָפן בלויז איוואַן; ווען מען באַליידיקט אָבער אַ ייִדן — פילט זיך באַליידיקט דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק.

ווען כ'האָב אָנגעהויבן צו ענטפערן, אַז היטלער האָט זײַן אורטייל אַרויסגעטראָגן אויפן גאַנצן ייִדישן פאָלק און אַז אַזוי איז עס אַלע מאָל אויך געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט — האָט ער מיך שנעל איבערגעריסן, עצהנדיק, אַז מיר זאָלן זיך וואָס שנעלער אײַנשליסן אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער בויונג...

איך האָב אים צום סוף נאָך געזאָגט, אַז כ'האָב אַ פּערזענלעכע ביטע. ער האָט תיכף געענדערט דעם טאָן און פרײַנדלעך מיך געבעטן בלײַבן. מײַנע חברים זענען אַרויסגעגאַנגען. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בעט אויפצוזוכן מײַנע פּאַרטייִשע עווידענץ־דאָקומענטן, וועלכע האָבן געזאָלט אָפּגעהיט ווערן אין צענטראַל־קאָמיטעט נאָך פון פאַר דער מלח־

מה, האָט ער אין דער ערשטער רגע אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט גרויסע אַנטוישונג. כ׳האָב זיך גע־כאַפּט פאַר וואָס. מײַנע קלאָגן פון שרײַבער־פאַראיין האָבן מיר גע־זאָגט, אַז פּאָנאָמאַרענקאָ האָט זייער ליב צו זײַן גרויסמוטיק און נאָכקומען מענטשן זייערע ביטעס, וואָס שייך שטייגער־ענינים. די אַנטוישונג זײַנע איז געווען אַזוי גרויס, אַז נאָך דעם ווי ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן אַנט־שפּרעכנדיקן אָפּטייל פון צ״ק און פאַראָרדנט אויפצוזוכן אויף צו מאָרגנס מײַנע דאָקומענטן, האָט ער בײַ מיר געפרעגט, מיט פיל זאָרג, אַזוי ווי פאַר דעם וואָלט גאָר קיין אָרט נישט געהאַט דער בייז דראָענדיקער שמועס — ווי האַלט עס בײַ מיר מיט אַ דירה?

ווײַזט אויס, אַז די זעלבע קלאָגן מײַנע האָבן אים איבערגעגעבן, אַז איך וווין מיט 2 קליינע קינדער אין אַ הילצערנעם, צעלעכערטן באַראַק, ווּ די טיר גייט אַרויס גלײַך אויף דער גאַס און ווען עס פאַלט אַ רעגן אָדער אַ שניי — גיסט און שיט עס אַרײַן אין דער דאָזיקער דירה. די קעלט איז געווען אַזוי גרויס, אַז בעתן שרײַבן מײַן ביכל וועגן מינסקער געטאָ איז אויסגעקומען צו זיצן די גאַנצע צײַט בײַם קוים געהייצטן אײַזערנעם אייוועלע. מיר האָבן זיך אָבער דערויף נישט געקלאָגט, ווײַל נאָך די וואַלד־באַדינגונגען איז שוין דאָס געווען ממש אַ לוקסוס־דירה.

איך האָב פּאָנאָמאַרענקאָן געענטפערט, אַז אַלץ איז בײַ מיר אין בעס־טער אָרדענונג. חברים זענען גערעכט געווען באַמערקנדיק, אַז כ׳האָב זיך דערמיט אײַנגעקויפט אַ שטאַרקן שונא. פּאָנאָמאַרענקאָ איז געוווינט גע־ווען, אַז מען זאָל בײַ אים בעטן.

ווען מיר זענען אַרום 2 נאָך האַלבער נאַכט צוריק אַרויס אויף דער גאַס, איז די פינצטערניש געווען נאָך מער געדיכט און אויפן האַרצן איז געווען שווער, זייער שווער. מיר האָבן לאַנג געשוויגן. בלויז אײַזיק פּלאַטנער האָט, אַזוי ווי צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן: „אויף אונדז איז דאָ היינט גע־פאַלן אַ טויטאורטייל״. כ׳בין שטיין געבליבן אין מיטן דער גאַס, נישט געקענט זיך רירן פון אָרט. כ׳האָב אײַזיקן באַוואָרפן מיט אַלע מינים עפּי־טעטן: „פּאַניק־מאַכער״, „קלאָגמוטער״ אד״גל. הירש קאָמעניעצקי, דער שטענדיקער שווײַגער, האָט אויף מײַן היצן זיך קאַלט געזאָגט: „אײַזיק

איז געראַכט". יאָ, ער איז ווירקלעך געראַכט געווען. כ'האָב גאָר גיך באַ־קומען די מעגלעכקייט זיך צו איבערצייַגן אין דעם.

אין איינעם אַ טאָג, זיצנדיק בייַ דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דער ווייַסרוסישער ליטעראַרישער צייַטשריפט „ליטעראַטוראַ אי מאַסטאַצ־טוואַ", וווּ איך בין צו יענער צייַט געווען רעדאַקטאָר פון אַן אָפּטייל, האָט אַן אַרייַנגעקומענער שרייַבער, אַ גוטער פרייַנד, מיר איבערגעגעבן אין דער שטיל, אַז עמעצער וויל זיך מיט מיר זען. ער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס. ווער עס איז דער „עמעצער" האָט ער נישט געוואָלט זאָגן. ער האָט בלויז צוגעגעבן, אַז כ'וועל זיך זייער דערפרייען צו זען אַ גאָר ווילן מענטשן.

אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס האָט מיר די טיר געעפנט אַ פרוי. ווען זי האָט דערהערט מייַן נאָמען — האָט זי געעפנט אַ טיר אין אַ פול־שטענדיק פינצטערן צימער. כ'האָב גאָרנישט געזען, אָבער די שטימע פון אינעווייניק, וואָס האָט מיך אייַנגעלאַדן אַרייַנצוגיין, האָב איך באַלד דער־קענט. כ'האָב שטיל זיך אָפּגערופן: „גרישע, דו?!" כ'האָב שוין אָפילו דעם ענטפער נישט דערהערט. מיר האָבן זיך אַרומגענומען און בייַ מיר האָט עס אַזוי ווי דאָס לשון אָפּגענומען...

דער באַוווּסטער ליטעראַטור־קריטיקער און פאָרשער, דער גרינט־לעכער קענער פון דער ווייַסרוסישער און יידישער ליטעראַטור גריגאָרי בעריאָזקין איז פאַר דער מלחמה געווען נאָך זייער יונג. מיר האָבן אים שטאַרק געשעצט אַלס ערודיט און אַלס טיף פילנדיקן קריטיקער, וואָס האָט באמת ליב געהאַט די שרייַבערס, וועגן וועמענס ווערק ער האָט גע־שריבן. ער איז געווען אַ האַרציקער אַפּוטראָפּוס איבער טאַלאַנטפולע דע־ביוטאַנטן. מיר איז ער באַזונדערס נאָענט געווען, ווען ער פלעגט נעמען לייענען פון זכרון משה לייב האַלפּערינס פּאָעזיע, מיט וואָס פאַר אַ פאַר־ליבטקייט און אַנטציקונג ער האָט גערעדט וועגן משה לייבן!

האַרט פאַרן אָנפאַל פון היטלערס אַרמייען אויפן ראַטן־פאַרבאַנד האָט צו מיר געקלונגען פון מינסק דורכן טעלעפאָן בעריאָזקינס ברודער, אַ באַקאַנטער אַקטיאָר פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין מינסק, און האָט מיט אומרו בייַ מיר געפרעגט, צי גרישע איז אַ מאָל נישט אין ביאַליסטאָק.

שוין עטלעכע טעג ווי ער איז נישטאָ. די בראָך איז געווען זייער גרויס, ווײַל נעלם געוואָרן איז נישט נאָר בעריאָזקין, נאָר אויך דער האַרציקער מענטש און טאַלאַנטפולער דיכטער זעליק אַקסעלראָד.ביידע זענען אַרעס־טירט געוואָרן. פאַר וואָס ? פאַר ווען ? געפילט האָבן מיר דעמאָלט, אַז „עס הייבט זיך ווידער אָן״, אָדער עס איז אַ פאָרזעצונג פון דער מגפה, וואָס האָט בײַ אונדז צוגענומען איזי כאַריקן, משה קולבאַקן, יאַשע בראָנ־שטיינען און פיל אַנדערע יִידישע שרײַבערס. אַ סך שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז ווירקלעך געווען אַ פּלאַן צו ליקווידירן די יִדישע אינטעליגענץ. דער ערשטער האָט אין אַ שמועס מיר געוואָרנט פּרץ מאַר־קיש, וועלכער איז פאַר זײַן קומען קיין ביאַליסטאָק געווען אין מינסק און איז אויפגענומען געוואָרן דורך פּאָנאָמאַרענקאָן. פון דעם שמועס האָט ער שוין דעמאָלט אַרויסגעדרונגען, אַז קיין שום גוטס קאָן מען נישט דער־וואַרטן.

זעליק אַקסעלראָד, גרישע בעריאָזקין און אַנדערע זענען בעתן אויס־ברוך פון דער מלחמה קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, דעם 22סטן יוני 1941, געזעסן אין דער מינסקער תּפיסה. אַלע אַרעסטאַנטן האָט מען דאָן גענומען אַרויספירן פון דער דאָזיקער תּפיסה, כּדי זיי אַריבערצופירן אין אַ צוויי־טער. ס׳זענען אָבער אָנגעפלויגן דײַטשישע עראָפּלאַנען און האָבן גענומען באָמבאַרדירן. אין יענעם מאָמענט האָבן די אַרעסטאַנטן אָנגעהויבן זיך צעלויפן. די וואַך האָט מיט קוילנוואָרפערס געשאָסן אויף רעכטס און לינקס. זעליק אַקסעלראָד איז אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן. געזאָגט האָט מען, אַז דעמאָלט זענען אויך דערשאָסן געוואָרן זלמן רייזען און דער אַדוואָקאָט יוסף טשערניכאָוו. גרישע בעריאָזקינען האָט זיך אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן.

ווּהין קאָן מען דען לויפן אין אַ צײַט, ווען דער היטלעריסטישער שׂונא גרײַפט כּסדר אָן ? איז גרישע אַרײַנגעטראָטן אין דער סאָוועטישער אַרמיי. גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז דער קאָמיסאַר פון דעם פּאָלק, אין וועלכן בעריאָזקין האָט געקעמפט, איז געווען אַ באַוווּסטער סאָוועטישער זשורנאַליסט, אַ מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע „פּראַוודאַ״. גרישע האָט אים דערציילט אַלץ וואָס עס איז מיט אים געשען. דער פּאָלק־קאָמיסאַר

האָט דערויף געענטפערט, אַז אים גייט נישט אָן דאָס אַלץ, ער האָט צו אים דעם פּולסטן צוטרוי, אַז ער וועט ווי אַ שלאַכטמאַן אויספירן זײַן חוב. ערשט נאָך פּילצאַליקע שלאַכטן האָט גרישע, דער אינטעלעקטואַליסט, דער מענטש מיט הויכער בילדונג, זיך דערדינט צום ראַנג פון אַ לייטענאַנט.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט און גרישע בעריאָזקין איז צוריקגעקומען אין זײַן היימשטאָט מינסק, ווו די ווײַסרוסישע שרײַבערס האָבן זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט. צוויי פון די אָנגעזעענסטע שרײַבערס זענען ספּעציעל וועגן אים געגאַנגען צו פּאָנאָמאַרענקאָן, וועלכער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז די אַלטע ענינים זענען פאַרגעסן געוואָרן. „די מלחמה האָט אַלץ איבערגעשטראָכן”. גרישע מעג רויִק זיך נעמען צו זײַן אַרבעט.

אין דער זעלבער נאַכט איז מען אָבער פון מ.ג.ב. געקומען אין דער דירה, ווו גרישע האָט געזאָלט זײַן, כּדי אים צו אַרעסטירן...

אָן אויסבאַהאַלטענער אינעם פינצטערן צימער, דערציילט מיר גרישע וועגן דעם אַלעמען, כּדי זיך אָן עצה האַלטן, ווי מיט אָן אַלטן אונטערערדמענטשן, ווי אַזוי זיך אַרויסבאַקומען פון מינסק...

יאָ, איַיזיק פּלאַטנער איז געווען גערעכט.

כ׳האָב באַשלאָסן פאָרן קיין מאָסקווע, כּדי זיך צו באַראָטן מיט די דאָרטיקע ייִדישע טוערס, מיט חברים און פרײַנד, וואָס ווײַטער צו טאָן.

פאַר דעם בין איך אַוועק אין צענטראַל־קאָמיטעט זיך דערוויסן וועגן מײַנע פּאַרטיי־דאָקומענטן. אויפן טיש האָב איך דערקענט די טעקע פון די צוואַנציקער יאָרן, ווו חוץ דער אַנקעטע, די רעקאָמענדאַציעס מצד הענעך קאַזאַקעוויטש און לייב אַבראַם און אַ כאַראַקטעריסטיק פון אומאַנער קרײַז־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל, האָט מער גאָרנישט געדאַרפט זײַן. געווען איז אָבער נאָך עפּעס... דאָס האָב איך אַרויסגעדרונגען פון דעם אופן, ווי אַזוי דער טוער פון צ״ק האָט פאַר זיך געלייענט און באַלד געכאַפּט אַ קוק אויף מיר, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצײַגן, צי איך בין דאָס טאַקע דער, וועגן וועמען עס גייט אַ רייד. אויף מײַן ביטע ער זאָל מיר ווײַזן וואָס אייגנטלעך איז פאַראַן אין מײַן עווידענץ־טעקע מחוץ די דערמאָנטע דאָקומענטן, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אָפּגעפּסקנט: „דאָס זענען זאַכן, וואָס געהערן שוין דער פאַרגאַנגענהייט”.

זאָג איך אים, אינעם נוסח פון יענעם ליטוואַק בײַ שלום־עליכמען: „אויב אַזוי, מעג איך דאָך אַוודאי וויסן מיט וואָס אַזוינס איז באַרײַכערט געוואָרן מײַן טעקע". נישט־גערן האָט ער מיר דערלאַנגט אַ דעפּעשע, דאַטירט פון 1937סטן יאָר. דער טעקסט איז געווען: „צום צענטראַל־קאָמיטעט פון מאָפּר. (מאָפּר — אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע צו העלפן רעוואָלוציאָנערן). מינסק. עס ווערט געזוכט דער באַוווּסטער פּוילישער שפּיאָן הערש סמאָליאַר. גיט צו וויסן ווּ ער געפינט זיך".

איך האָב אַ סך געוווּסט, קודם־כּל פון דעם דיכטער מיכאַיִל גאָלאָדני, פון מײַן חבר נאָטקע ווײַנהויז, וואָס אַזוינס עס איז געשען אין יענעם פאַרשאָלטענעם, שענדלעכן פּאָגראָם־יאָר 1937. און דאָך, ווען פון דער טעלעגראַמע האָט דירעקט אויף מיר אַ ווייע געטאָן מיט טויט, האָב איך עס דערפילט נישט ווי עפּעס, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו פריִערדיקע יאָרן. כ'האָב עס דירעקט פאַרבונדן מיט אײַזיק פלאַטנערס נביאות.

„אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ — האָט זיך אָפּגערופן דער צ״ק־טוערזעענדיק, ווײַזט אויס, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק די דעפּעשע האָט אויף מיר געמאַכט — נאָט, לייענט אַ צווייטע דעפּעשע". דער אַדרעסאַט — מ.ג.ב. אין מאָסקווע. דער אינהאַלט: „לויט אונדזערע ידיעות געפינט זיך בײַם הײַנטיקן טאָג דער געזוכטער הערש סמאָליאַר אין אַ פּוילישער תּפיסה מיט אַן אורטייל פון זעקס יאָר". אונטערגעשריבן: „צ״ק פון מאָפּר".

קיין מאָסקווע בין איך אַוועקגעפאָרן מיטן פעסטן באַשלוס מער קיין מאָל נישט אָנצוקוקן מײַנע פּאַרטייִשע עווידענץ־דאָקומענטן (אויף רוסיש: „ליטשנאָיע דיעלאָ"), כאָטש גראָד בין איך געבעטן געוואָרן דורך אַ גרופּע אַלטע חברים, אַמאָליקע אונטערערדישע טוערס, צו אינטערוועניר אין צענטראַל־קאָמיטעט אין מאָסקווע וועגן זייערע ענינים, וועגן זייער ווײַטערדיקן גורל.

26

צי האָט דער אָפּגרונט אַ דנאָ?

„אַ, אָפּגרונט,
אויב דאָס איז דער גרעסטער,
וואָס קען שוין דאָ קליין זיין?"

דוד האָפּשטיין

אין ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט זענען אַלע געווען פֿאַרנומען מיט באַזאָרגן די פּרעסע פֿון דער וועלט מיט מאַטעריאַלן וועגן דעם ייִדישן חורבן בעת דער מלחמה (וועלכע האָט נאָך געדויערט און איז געפֿירט געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פֿון דײַטשלאַנד) און וועגן ייִדישער גבורה — סײַ אויף די פּילצאָליקע פֿראָנטן און סײַ אינעם שׂונאס הינטערלאַנד. אויף מײַן פֿראַגע: „וואָס וועט זײַן ווײַטער?" — האָט שכנא עפּשטיין דורכדרינגלעך מיך אָנגעקוקט און געשוויגן. שלמה מיכאָעלס האָט לאַנג און אויספֿירלעך גערעדט וועגן די טיפֿע אידעאָ־פּסיכישע ענדערונגען, וואָס די מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט בײַ אַלע ייִדן, אויך בײַ די וועלכע זענען ווײַט געווען פֿון דער ייִדישער סביבה און פּראָבלעמאַטיק. ער האָט פֿאָרויסגעזען, אַז אין ראַטן־פֿאַרבאַנד וועלן אָנהייבן ווירקן נײַע ייִדישע צענטערן, אויפֿגעקומענע, אַ שטייגער, אויף אוראַל בעת דער מלחמה. מען דאַרף, ווי אַ סייסמאָגראַף, פֿילבאַר זיך צוהערן צו די נײַע פּראָצעסן און אויפֿנעמען די נײַע דערשײַנונגען. יאָ, דאָס איז געווען זייער אינטעַ־רעסאַנט צו הערן, ווי ס'איז גאָר אינטערעסאַנט געווען מיכאָעלסעס שיִער נישט מיסטישע קאָנצעפּציע וועגן י. ל. פּרצעס פֿאָרגעפֿיל פֿון דעם אָנקו־מענדיקן חורבן פֿון ייִדישן לעבן.

אין דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט

עס שטייען (פון לינקס): ערשטער — אומבאַקאַנט. דער צווייטער — לייב סטראָגין — דירעקטאָר פון פאַרלאַג „עמעס"; איציק פעפער, חזן משה קוסאָוויצקי, שרייבער לייזער קאַצאָוויטש. עס זיצן (פון רעכטס): לייב קוויטקאָ, גענעראַל יעקב קרייזער, הערש סמאָליאַר, פּראָפ. ד"ר שימעלעוויטש, גובעלמאַן, שלמה מיכאָעלס, בן ציון גאָלדבערג, דוד בערגעלסאָן, יחזקאל דאָברושין, ג. זשיץ — רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „אייניקייט"

קיין ענטפער אויף מײַן מאָנענדיקן „וואָס ווײַטער" — אין ליכט פון דער קורצער, אָבער גאַנץ האָפענונגסלאָזער דערפאַרונג אינעם נאָר וואָס באַפרײַטן ווײַסרוסלאַנד — איז נישט געקומען. איציק פעפער האָט, וואָס אַן אמת, אַנגעטײַט, אויפן סמך פון זײַנע שמועסן מיט ל. מ. קאַגאַנאָוויטשן, וועגן „עפּעס נײַעס", וואָס דאַרף קומען. ווען כ'האָב אָבער וועגן דעם דערציילט מײַן אַמאָליקן אוניווערסיטעט־חבר זשיץ — דעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „אייניקייט", אָרגאַן פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמי־טעט (וועמענס קאָרעספּאָנדענט פון ווײַסרוסלאַנד איך בין געווען), האָט ער מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, באַגלייטנדיק די דאָזיקע באַוועגונג מיטן זאָג: „ווייס איך וואָס!..." זשיץ איז אַ קורצע צײַט פאַר דעם געקומען פון דער אַרמיי. ער איז נאָך געווען מיליטעריש אָנגעטאָן. זײַן פּעסימיזם האָט מיך טיף אויפגעטרייסלט. ער איז אָבער אַלע מאָל גע־ווען אַ שווײַגער. וואָס בײַ אים אין האַרצן האָט זיך דעמאָלט געטאָן, האָב איך זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט.

דעמאָלט האָב איך זיך אויך דערוווּסט וועגן גאָר אַ שאַרפֿן קאָנפֿליקט צווישן איליאַ ערענבורגן און די אָנפֿירערס פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט. אין וואָס עס איז געגאַנגען, האָט מיר קיינער קלאָר נישט געזאָגט. זשיץ האָט אויף זײַן שטייגער קורץ אָפּגעשניטן: „ערענבורג איז געדרעכט״. דאָס זעלבע האָט געזאָגט פּרץ מאַרקיש. וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט, האָב איך זיך דערוווּסט פֿון איליאַ ערענבורגן גופא.

אַ גאַנצן פֿרימאָרגן ביז מיטאָגצײַט בין איך אָפּגעזעסן בײַ ערענבורגן אין דער היים. ער האָט אַ טיף פֿאַרזאָרגטער, אַ פֿאַרקוקטער אין זיך, אויסגעהערט מײַנע רייד וועגן אונדזער לאַגע אין ווײַסרוסלאַנד. כ׳האָב דערוואַרט צו הערן פֿון אים, דעם פּאָפּולערסטן צו יענער צײַט פּענמענטש פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, אַ טרייסטוואָרט. און דערהערט האָב איך רייד, וואָס האָבן מיט זייער לאַסט, מיט זייער ווייטיק, מיט זייער אויסוועגלאָזיקייט דערדריקט. „ווײַסרוסלאַנד... וואָס ווייסט איר? נעמט אוקראַיִנע...״ און עס זענען אַוועק רייד וועגן אַן אָנגעגליטער מיט יִידן־שׂינאה אַטמאָספֿער, וועגן אָפֿענעם כוליגאַנישן אַנטיסעמיטיזם און נישט בלויז מצד די איבערגעבליבענע בעת דער אָקופּאַציע, וועלכע מען פֿאַרענטפֿערט געווײנטלעך מיט דער ווירקונג פֿונעם היטלעריזם.

— אָבער נישט נאָר אין אוקראַיִנע — זעט דאָס אַלץ, וואָס ליגט אויף לינקס פֿון אײַך.

כ׳האָב זיך אויסגעדרייט און דערזען אויסגעלייגטע אין אַ באַשטימטן סדר פּאַפּירן, וועלכע האָבן פֿון דיל געגרייכט אויף אַ האַלבן מעטער אָדער מער די הויך אין דער גאַנצער ברייט פֿון די ביכער־פּאָליצעס.

— דאָס זענען בריוו. פֿון אַלע עקן ראַטן־פֿאַרבאַנד. אויך פֿון דער אַרמיי. פֿון פֿאַרשידענע פֿראָנטן. וועגן וואָס שרײַבט מען אין די דאָזיקע בריוו? — נאַט, לייענט...

צופֿעליק אַרויסגענומענע בריוו פֿון פֿאַרשידענע ערטער האָבן אויף פֿאַרשידענע אופֿנים גערעדט וועגן איינס און דאָס זעלבע — וועגן זאָאָלאָגישער יִידן־שׂינאה. געשריבן האָבן וועגן דעם קודם־כּל ייִדישע מענער און פֿרויען פֿון הינטערלאַנד, אָבער אויך ייִדישע שלאַכטלײַט, אָפֿיצירן פֿון פֿאַרשידענע ראַנגען, מענטשן וועלכע זענען געשטאַנען אין דירעקטן

בלוטיקן קאַמף מיטן שונא. נישט איין בריוו איז אפשר געווען אַ לעצטער שפּור פון אַ פּילנדיק און פּראָטעסטירנדיק האַרץ, וואָס איז שפּעטער איינ־געשטילט געוואָרן מיט אַ קויל פון די ברוינע מערדערס. פון אַלע בריוו האָט אַרויסגעשריגן דער ווײ און פּראָטעסט פון זין און טעכטער פון אַ פאָלק, וואָס איז אויף טריט און שריט באַליידיקט געוואָרן. זײַן גרעסטן בלוט־קרבן האָט מען אויסגעלאָכט, באַשולדיקט אין די ערגסטע פאַר־ברעכנס, אין אַרויסדרייען זיך פון גיין אויפן פראָנט, אין שפּעקולירן און אָפּנעמען דאָס ברויט פון מויל בײַ הונגעריקע רוסישע קינדער.

צי וועט עס נעמען אַ סוף? כ׳הייב אָן פילן, ווי פאַר מיר וואָלט זיך געעפנט אַ תהום — און יעדער נײַער בריוו איז אַ נײַער שלײַדער אין זײַן אומענדלעכער טיף. און ער, ערענבורג, וועמענס נאָמען איז אויף די ליפּן פון מיליאָנען, וועלכע זעען אין אים דעם בעסטן אויסדריקער פון זייערע געפילן און געדאַנקען בעת דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע אין דער מענטשלעכער געשיכטע — ער לייענט די אײַנגעלייגטע אין כאַראַקטע־ריסטישע „דרײַעקן״ בריוועלעך — און זאָל כאָטש עפּעס וואָס אויסדריקן זײַן שטילע, איינטאָניקע שטים. איין מאָל בלויז האָט ער אַזוי ווי מיט איין אויג געכאַפּט אַ בליק אויף מיר און האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַוועק־געלייגט צוריק די אַרויסגענומענע בריוו און פון אַ צווייטן עק אַרויסגע־שלעפּט אַנדערע.

— לאָמיר נאָך דאָס אַ לייען טאָן.

און דער „דאָס״ האָט ווי מיט אַ נאָדל זיך אײַנגעגעסן אין די געהירן. געווען איז עס אַ בריוו פון אַ יידישן פאָלקאָווניק פון מערב־פראָנט. ער האָט געשריבן: „שטעלט אײַך פאָר, חשובער איליאַ גריגאָריעוויטש, מיר אַלע ליגן אין די שוצגרובנס, באַלד דאַרף איך געבן דעם באַפעל: „צום אָנגריף קעגן שונא — פאָרויס!״ און דאָ פליען אָן די טײַוולאָנים מיט די שוואַרצע קרייצן, איינער נאָך דעם אַנדערן — ווי די היישעריקן. מיר גראָבן זיך אײַן אין דער ערד און וואַרטן: באַלד וועלן נעמען פליִען באָמ־בעס און דאָ וועט ווערן די אמתע קאַשע... יאָ, עס פליִען טאַקע, אָבער נישט קיין באָמבעס — פּאַפּירלעך, אַ וועלט מיט פּאַפּירלעך. עטלעכע זענען אַרײַנגעפלויגן צו מיר אין שוצגרובן. געווען זענען דאָרט בלויז

עטלעכע ווערטער. אַ ווענדונג: „קוק זיך אַרום, סאָלדאַט, צי לעבן דיר דאָרט זענען פאַראַן אַ סך אַבראַמס, אַ סך איזראַעלס?!" און דאָס איז אַלץ. און דאָס איז גענוג געווען, כדי זעלנערס זאָלן זיך אַרומקוקן און נישט וויסנדיק ווער עס איז דאָ אַ ייִד — קומען צום פאַרסמטן אויספיר: „קיין ייִדן זענען אויף דער ערשטער פראָנט-ליניע נישטאָ".

איליאַ ערענבורג (לינקס) און הערש סמאָליאַר

אין ערענבורגס צימער, ווו אַלע ווענט זענען געווען באַשטעלט מיט ביכער האָב איך דערפילט, ווי פון אַלע זייַטן, פון אויבן און פון אונטן, יאָגט אַ פראָסטיקער ווינט. פון אויבן — דער ברויִנער מערדער, וואָס האָט גאַנץ אייראָפּע געמאַכט יודענריין. פון אונטן — פון דער פאָדערשטער פראָנטליניע ביזן טיפן הינטערלאַנד — שׂינאה צו ייִדן, אומגעצוימטע שׂינאה אַפילו מצד יענע, וואָס שטייען אין סאַמע אויבנאָן.

ווי אַזוי איז עס געשען? ווי אַזוי איז עס מעגלעך געוואָרן? און דער עיקר — וואָס טוט מען?.. ס'איז מיר שוין אַפילו נישט אייַנגעפאַלן צו

פרעגן בײַ איליאַ ערענבורגן וועגן דער סיבה פון זײַן קריגערײַ מיט דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. ער אָבער, אַזוי ווי אַרויסלייענענדיק פון מײַנע אויגן די פראַגע — האָט אַזאַ מין אומגעריכטן ענטפער געגעבן:

— און איר, מסתּמא גייט איר פון דאַנען אויף קראָפּאָטיקן־גאַס? (דאָרט האָט זיך געפונען דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט). נישטאָ נאָך וואָס צו גיין. נישטאָ ווער ס׳זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן. איך גיי נישט מער אַהין...

ער האָט דערציילט: צוזאַמען האָט מען אָנגענומען דעם באַשלוס צו שאַפן דעם „שוואַרצן בוך" פון ייִדישן אומקום, פון היטלעריסטישער אויסראָטונגס־רציחה. ער, ערענבורג, האָט אַ סך פון זײַנע מאַטעריאַלן גע־געבן, געהאָלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך. ער האָט געהאַלטן: דאָס בוך דאַרף דערשײַנען קודם־כּל אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא, כּדי דאָס זאָל ווערן אַ געווער קעגן הערשנדיקן אַנטיסעמיטיזם, כּדי אַלע פעלקער זאָלן דערזען וואָס די היטלעריסטן האָבן אָפּגעטאָן מיטן ייִדישן פאָלק. האָט מען אָבער דעם מאַטעריאַל צעטרענצלט, פונאַנדערגעשיקט אים ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל פאַר די אויסלאַנדס. גאָרנישט האָבן זיי דאָרט געטאָן, כּדי זיך אַנטקעגנשטעלן דער אַלץ וואַקסנדיקער אַנטי־ייִדישער מגפה. און טאָן מוז מען!

צום ערשטן מאָל אין משך פון דעם שעהען־לאַנגן געשפּרעך האָט איליאַ ערענבורג אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר צאָרנדיקע אויגן און אין זײַנע, ביז אַהער שטילע, כּמעט אײַנטאָניקע רייד האָט זיך דערהערט אַנטשלאָסנקייט.

„און טאָן מוז מען!.." אָבער וואָס? ווי אַזוי? מיט וועמען האַלטן זיך אַן עצה?

עטלעכע טעג פאַר דעם האָט מײַנער אַן אַלטער רוסישער חבר, צו יענער צײַט אַן אָנגעזעענער צענטראַלער סאָוועטישער טוער, באַשטעלט פאַר מיר אַן אויפנאַמע בײַם פאָרזיצער פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע בײַם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניס־טישער פאַרטיי, מ. פ. שקיריאַטאָוו. ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, האָבן אײַניקע אַלטע אונטערערדישע טוערס, וועלכע האָבן זיך אָריענטירט אויף

בלײַבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, מיך געבעטן דערוויסן זיך לויט וואָס פֿאַר אַ מאָדוס וועלן זיי אָנגענומען ווערן — אַלס פֿריִער אָנגעהעריקע צו דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — אין די רייען פֿון דער אַלפֿאַרבאַנ־דישער פּאַרטיי. געדאַרפֿט האָב איך זיך דערוויסן, צי די פּראַקטיק פֿון פֿאַר דער מלחמה, ווען אַלעמען איז פֿאַררעכנט געוואָרן דער אונטערער־דישער סטאַזש, וועט ווײַטער גילטן. שקיריאַטאָוו, אַלס מיטגליד פֿון צ״ק און פֿאָרזיצער פֿון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע, האָט מיר דער־קלערט קורץ און בינדיק, אַז די פֿאַר־מלחמהדיקע פּראַקטיק גילט נישט מער.

איך האָב אויסגעניצט די געלעגנהייט און דערמאָנט שקיריאַטאָוון, אַז איך בין געוועזן בײַ איליאַ ערענבורגן. ער איז פֿלוצלונג זייער באַריידעוו־דיק געוואָרן, שטאַרק גערימט ערענבורגן און פֿאַר מיר ציטירט קאַלינינס אַ זאָג, אַז „איליאַס אַן אַרטיקל האָט די קראַפֿט פֿון אַ גאַנצער דיוויזיע זעלנערס״.

בעת כ׳האָב שקיריאַטאָוון איבערגעגעבן וועגן דער שוידערלעכער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט בײַ איליאַ ערענבורגן, האָט ער צענומען די הענט און געזאָגט מיר בוכשטעבלעך אַזוי: „וואָס זאָל מען טאָן? ווי באַלד דער חבר סטאַלין זאָגט, אַז די ייִדישע קאַדערס האָבן זיך נישט באַרעכטיקט, זאָגט דער סעקרעטאַר פֿון ראַיאָן־קאָמיטעט: „בעי זשידאָוו — ספּאַסאַי ראָסיו („שלאָג די זשידעס — ראַטעווע רוסלאַנד״, פּאַראָל פֿון דער רוסישער „שוואַרצער מאה״, וועלכע האָט געמאַכט פּאָגראָ־מען אויף די ייִדן פֿון באַלטע, קישיניעוו, ביאַליסטאָק, האָמעל און פֿיל אַנדערע שטעט פֿון דער צאַרישער אימפּעריע).

צום ערשטן מאָל האָב איך פֿון אַזאַ אויטאָריטעטער פּערזאָן געהערט, אַז די אַנטי־ייִדישע אינספּיראַציע קומט פֿון סאַמע „אויבן״, און די פּראַק־טישע אויסטײַטשונג פֿון סטאַלינס פֿילאָגנדיקן שפּרוך איז בכלל נישט קיין צופֿעליקע. אַזאַ, הייסט עס, איז דער נאָרמאַלער וועג פֿון אַ לאָזונג ביז זײַן רעאַליזירונג. איך דערמאָן זיך די קאָמאַנדירן־באַראַטונג בײַם גענעראַל „פּלאַטאָן״ און די שוואַרצע ידיעה, אַז אין דער ווײַסרוסישער רעגירונג זענען ענדלעך נישטאָ מער קיין ייִדן; די פֿראַגע פֿון סעקרע־

טאַר פון צ״ק זאַקורדאַיעוו, פאַר וואָס מ׳האָט אונדז, ייִדן, אַזוי פייַנט ; פאָנאָמאַרענקאָס „טענה״, אַז ווי באַלד מען באַליידיקט איין ייִדן — פילט זיך געטראָפן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק ; די פילצאָליקע בריוו צו איליאַ ערענבורגן, וואָס מאָנען, רופן, פאָדערן צו טאָן עפּעס, צו רעאַגירן, אָט אַזוי ווי ייִדן פלעגן זיך פירן אין אַלע צייַטן.

אין אַלע צייַטן ?!

וואָס אַזוינס איז אָבער מעגלעך צו טאָן אין אונדזערע צייַטן און אין אונדזערע אומשטענדן ? צו ווענדן, אויב אַזוי, זיך ווענדן, ווי באַלד די עלעמענטאַרסטע פאַרלאַנגען פון ייִדן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אַלע געטאָ־לייַדן און האָבן זיך לעבעדיק אומגעקערט פון דער פאַרטיזאַנער־שלאַכט, ווערן באַצייכנט אַלס נאַציאָנאַליסטישע ! וואָס, אויב אַזוי, טוט מען ? ווער קען אַן עצה געבן ? און טאָן מוז מען, אַנישט פאַרלירט דאָס לעבן יעדן זין, אַנישט בלייַבט בלויז זיך צו וואַרפן מיטן קאָפּ אַראָפּ אין טיפסטן אָפּגרונט, וועלכער האָט זיך פאַר אונדז געעפנט...

ווי אַלע מאָל הערט אויס מייַן חבר זשיץ אין פולשטענדיקן שטיל־שווייַגן דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב זיך דערוווּסט. נישט קענטיק, אַז דאָס זאָל אויף אים מאַכן דעם מינדסטן אייַנדרוק. און ווען כ׳שטיי צו צו אים, נאָכן איבערדערציילן שקיריאַטאָווס רייד, ענטפערט ער מיר, ווי עס ווייַזט זיך מיר אויס, אין אַן איראָנישן טאָן : „וואָס זשע דען האָסטו געמיינט ?״ גע־קאָנט האָט עס הייסן, אַז ער באַטראַכט מיך ווי אַ נאַיִוון קינד, וואָס האָט נאָך געהאַט אילוזיעס בנוגע אַן ענין, וועלכער איז אים, דעם צוריקגע־קומענעם פון פראָנט און רעדאַקטאָר פון דער איינציקער ייִדישער צייַטונג, שוין באַוווּסט פון „לאַנגע לאַנגאָנען״.

אַ פולשטענדיק רעזיגנירטער האָב איך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט, אַז פון אים איז נישטאָ וואָס צו דערוואַרטן. כ׳טרעף זיך מאָרגן מיט עמען — מיט אים וועל איך רעדן. פון אים וועל איך זיכער אַן ענטפער באַקומען.

אומדערוואַרט, גאָרנישט אין זייַן געוויינטלעכן גלייַכגילטיקן טאָן, האָט זשיץ זיך אָפּגערופן, אַז אויב כ׳האָב גאָרנישט קעגן, וויל ער אויך קומען אין שרייַבער־פאַראיין, כּדי בייַצוזייַן בעת אונדזער שמועס. כ׳האָב

אים געפרעגט, צי וועט ער ביז דעמאָלט זיך נישט איבערלייגן און אפשר
געפינען אַ וועלכן נישט איז ענטפער אויף דער פּײַנלעכסטער פראַגע?
דאָ האָט ער שוין, ווי שטענדיק, זײַן ענטפער קוים אַרויסגעפּליסטערט:
אפשר, ווער ווייס?..

27

ווען דער נסתר האָט פֿאַרטריבן דעם טויט

געווען איז עס מיט יאָרן שפּעטער, אין דער נײַ־אויפֿגעבויטער פּויליישער הויפּטשטאָט וואַרשע. בעת אַ ווערטער־געפֿעכט מיטן באַקאַנטן רוסיש־סאָוועטישן פּאָעט יעווגעני דאָלמאַטאָווסקי מכּוח דער לאַגע פֿון ייִדן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, האָט ער, ווי מיט אַ שאַרפֿן מעסער, אָפּגעשניטן דעם וויכּוח, פֿרעגנדיק:

— וואָס, אייגנטלעך, פֿאַרלאַנגט איר?

— מען זאָל די ייִדן אויפֿהערן צו דיסקרימינירן אין אַלע היִנזיכטן.

ווען ער האָט מיך שאַרף און בייז אָנגעקוקט, האָב איך אים געבעטן געדולדיק אויסהערן די געשיכטע, וואָס איך וועל אים דערציילן, די געשיכטע פֿון איינעם אַ באַליידיקטן ייִדן.

...שוין אויף יענער זײַט פֿון דעם טײַך אָדער, טיף אויף דער טעריטאָריע פֿון דײַטשלאַנד האָט דער שטאַב פֿון איינער אַ דיוויזיע, וואָס האָט נאָך כּסדרדיקע שאַרפֿע אָנגריפֿן באַקומען אַ קליינעם אָפּרו, געקראָגן פֿון דער אַרמיי־אָנפֿירונג אַ באַפֿעל צוצושטעלן אַ קאַנדידאַט פֿון צווישן די העכערע אָפֿיצירן אויף צו שיקן אין אַ ספּעציעלער מיליטעריש־דיפּלאָמאַטישער שול, צו ספּעציאַליזירן אים אַלס מיליטערישן אַטאַשע.

געפֿאָדערט האָט זיך, אַז דער קאַנדידאַט זאָל האָבן אַ צען־יאָריקן פּאַרטייסטאַזש, העכערע בילדונג און קענען מינימום איין אויסלענדישע שפּראַך. איינשטימיק איז געפֿאַלן דער באַשלוס פֿון שטאַב, אַז קיין מער פּאַסיקע אין אַלע היִנזיכטן קאַנדידאַטור, ווי דער שעף פֿונעם דיוויזיע־אויסשפּיר איז נישטאָ. אין דער פּאַרטיי איז ער געקומען פֿון קאָמסאָמאָל, ער איז אַ זון פֿון אַן אַלטן פּאַרטיי־טוער, געענדיקט אַ טעכניקום און אַן אוניווערסיטעט און דערצו נאָך אַ מענטש מיט גאָר גרויסער ערודיציע,

אָן אמתער אינטעלעקטואַליסט. און אויסלענדישע שפּראַכן קען ער עטלעכע — פּערפעקט דייַטש, אויך ענגליש און פראַנצייזיש.

דער שעף פונעם אויסשפּיר האָט קיין מאָל נישט געגרוט, איז אַלע מאָל געווען צוזאַמען מיט זייַנע אויסשפּירערס בעתן אַריַינדרינגען אינעם שׂונאס הינטערלאַנד, האָט צוגעטראַכט די אָריגינעלסטע קונצשטיק, כּדי צו ברענגען וואָס מער נייטיקע ידיעות וועגן דער באַוועגונג פון די היטלע־ריסטישע אַרמייען, וועגן זייערע כּוחות און פּלענער. דעם שעף פונעם אויסשפּיר האָבן זייַנע אָפיצירן און סאָלדאַטן ליב געהאַט קודם־כּל פאַר זייַן פערזענלעכער געוואַגטקייט, פאַר זייַן קריכן אין פייַער, פאַרן היטן דאָס לעבן פון זייַנע שלאַכטלייַט, אָבער אויך פאַר זייַן מערקווערדיקער אינטעליגענץ.

דער שליח פון שטאַב האָט דעם שעף פון אויסשפּיר געפונען, ווי גע־ווייַנטלעך, צווישן זייַנע סאָלדאַטן. דער שעף פון דער דיוויזיע האָט אים איבערגעגעבן דעם באַשלוס וועגן רעקאָמענדירן אים אַלס קומענדיקן מיליטערישן אַטאַשע. זעענדיק, אַז דער דאָזיקער באַשלוס מאַכט נישט אויפן קאַנדידאַט קיין באַזונדערן אייַנדרוק, האָט דער דיוויזיע־שעף צוגע־געבן, אַז דעם באַפעל וועט ער באַקומען נאָכן באַשטעטיקן זייַן קאַנדידאַ־טור דורך דעם שטאַב פון דער אַרמיי.

הגם דער שעף פונעם אויסשפּיר איז טאַקע נישט געווען אַנטציקט פון דער פּערספּעקטיוו צו לאָזן זיך אין הינטערלאַנד גראַד אין מאָמענט ווען עס דערנענטערט זיך די לעצטע שלאַכט, האָט ער אָבער זיך גע־טראַכט, אַז עס וועט גאַרנישט שלעכט זייַן, פון שטאַנדפּונקט פון זייַנע ווייַטערדיקע פּלענער, צו געפינען זיך אויף אַ רויִקער אַרבעט ערגעץ מחוץ די גרענעצן פונעם לאַנד. זייַנע ווייַטערדיקע פּלענער זענען געווען ריין ליטעראַרישע. אין דער צייַט פון זייַן ביז גאָר ריזיקאַלישער אַרבעט אַלס שעף פונעם אויסשפּיר האָט ער אויסגעטראָגן אין זיך זייַנע קומענדיקע ליטעראַרישע ווערק...

דער שעף פונעם אויסשפּיר האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט ער זיך דאַרפן געזעגענען מיט זייַנע אָפי־צירן און סאָלדאַטן, מיט וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען דעם גרויסן און

שווערן שלאָכטוועג ביז די טויערן פון בערלין. דער דאָזיקער טאָג איז אָבער נישט געקומען. עס איז דורך דער טערמין, ווען ער האָט שוין גע־זאָלט זיך צושטעלן אין מאָסקווע, אָבער קיין שום באַפעל איז נישט געווען.

סוף־כּל־סוף איז ער צוגעשטאַנען צום שעף פון דער דיוויזיע, זײַן גוטן, געטרײַען קאַמפּס־חבר, מיט דער פראַגע: וואָס איז געשען? און יענער האָט מיט ווייטיק אים געענטפערט: „דו וועסט נישט פאָרן. דײַן נאַציאָנאַליטעט איז אַ שטער".

יעווגעני דאָלמאַטאָווסקי איז אומרויִק געוואָרן, נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו ענדיקן מײַן מעשׂה האָט ער זיך שטיל אָפּגערופן:

— איר מיינט עמקען?

— יאָ — האָב איך באַשטעטיקט — דאָס איז געשען מיט עמקען. דערויף האָט זיך אונדזער דעמאָלטיקער שמועס געענדיקט. אין צימער איז אַרײַנגעקומען דער גענעראַל דוד דראַגונסקי.

עמקע — אַזוי האָבן מיר גערופן דעם דאָרן ייִנגל מיטן שפּיציקלעכן נאָז, ווען ער האָט נאָך געלערנט אין דער קיִעווער מיטלשול. און אַזוי האָבן מיר אים גערופן ווען ער האָט די ערשטע טריט געשטעלט אין דער ליטע־ראַטור און געהערט צו אונדזער כאַרקאָווער ייִדישער ליטעראַרישער יוגנט־גרופּע „בויקלאַנג", וועלכע האָט זיך גרופּירט אַרום דער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע" און האָט אַרויסגעגעבן אַן אייגענע ליטעראַרישע בײַלאַגע. אַזוי האָבן מיר אים גערופן אויך דעמאָלט, ווען כ'האָב נאָך לאַנגע יאָרן צע־שיידונג אים געטראָפן אין מאָסקווע אַלס מאַיאָר פון דער סאָוועטישער אַרמיי. „עמקע" — אַזוי האָט בײַ אונדז געהייסן דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער סאָוועטישער שרײַבער עמנואל קאַזאַקעוויטש *.

מײַן פרײַנדשאַפט מיט אים האָט זיך געצויגן נאָך פון יענע יאָרן, ווען צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן און שוועסטער האָבן זיי געוווינט אין קיִעוו, אין דעם הויז פאַר פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטייִשע און מלוכהשע

---

* די פּרעסע האָט אינפאָרמירט, אַז זעקס דאָקטאָראַט-אַרבעטן זענען פאַרטיידיקט געוואָרן אין סאָוועטישע הויכשולן וועגן עמנואל קאַזאַקעוויטשעס ליטעראַרישן שאַפן במשך פון יאָר 1973.

טוערס. אַ מאָדנער ייִנגל איז ער געווען, דער דאָזיקער עמקע. מיר מיט זײַן טאַטן הענעך (אָדער גענריך, ווי רוסן און אוקראַיִנער האָבן אים גערופֿן) פֿלעגן אין אַ רוטאָג פֿאַרברענגען, זינגען ייִדישע רעוואָלוציאָנערע און פֿאָלקסלידער. דער טאַטע זײַנער פֿלעגט צושפּילן אויף אַ קליינער ענגלישער קאָנצערטינע און איך פֿלעג זינגען סאָלאָ. און עמקע — אַזוי ווי צו אים וואָלטן די קלאַנגען פֿון אונדזערע לידער בכלל נישט דער־גאַנגען. ער איז געזעסן אײַנגעגראָבן מיט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן אין ביכער און רק געלייענט, געלייענט אָן אַ סוף. זײַן בלאַסער פּנים האָט גע־וועקט אומרו בײַ טאַטע־מאַמע. כ׳פֿלעג פּרוּוון מיט כּוח אים אַרויסשלעפּן אין גאַס, אין שכנותדיקן קאָמסאָמאָלישן קלוב פֿון פּעטשערער ראַיאָן — פֿלעגט ער אָפּילו דאָרט באַווײַזן צו געפֿינען עפּעס צום לייענען. ס׳האָט געמעגט זײַן אַ פּלאַקאַט אויף דער וואַנט, סתּם מודעות. קיין שום שפּילן האָבן אים נישט צוגעצויגן.

געווען אַ פֿאַל, ווען צו הענעך קאַזאַקעוויטשן זענען געקומען צו גאַסט דער הויכער, שטאַלטנער, מיט דער פּרעכטיקער ברוינער באָרד אויף זײַן שיינעם ענערגישן פּנים — יאַן גאַמאַרניק, דער פֿאָרזיצער פֿון קיִעווער גובערניאַלן אויספּיר־קאָמיטעט, און דער פּראָפּאַגאַנדע־סעקרעטאַר פֿון קיִעווער גובערניאַלן פּאַרטיי־קאָמיטעט, דער ברייטפּלייציקער, דיקער וואַרכאָטורסקי. גערעדט האָט מען וועגן פֿאַרשידענע נישט־געשטויגענע, נישט־געפֿלויגענע זאַכן. דערציילט האָט מען זיך אַקטועלע אַנעקדאָטן, וועלכע האָבן חוזק געמאַכט פֿון אַלץ און אַלעמען (דעמאָלט האָבן נאָך קיין אַנעקדאָטן־דערציילערס נישט געבויט דעם קאַנאַל בײַם ווײַסן ים...). מיט איין וואָרט, מען האָט זיך פֿאַרווײַלט, אָפּגערוט פֿון די טאָג־טעגלעכע דאגות, וועלכע האָבן אין יענער צײַט, פֿון סוף בירגערקריג — אָנהייב נעפּ, נישט געפֿעלט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן די דאָזיקע לײַט, וועלכע האָבן מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די העכסטע מאַכט אין דער גובערניע, אָנגעהויבן אויספּרוּוון ווער ס׳איז שטאַרקער — ווער וועמען עס וועט אַוועקלייגן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַרעניש, אַז מיר האָבן שיִער נישט געפּלאַצט פֿון געלעכטער — דאָס גאַנצע הויז האָט זיך ממש געטרייסלט. און ער, עמקע — אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פֿאַרגעקומען אַרום אים. ער האָט

אַ ווײַלע אַרויסגעקוקט פֿונעם ביכל, מיט ביטול אַ קוק געטאָן, ווי אַזוי ס'אַלטוואַרג מאַכט זיך נאַריש — און ווײַטער געלייענט.

אין כאַרקאָוו, ווען כ'האָב געאַרבעט אין דער צײַטונג „יונגע גוואַר־דיע", פֿלעגט עמקע אָפֿט צו מיר אַרײַנקומען און אָן שום אָנפֿאַנגערישער שעמעוודיקייט מיר לייענען זײַנע לידער. פּונקט בײַם צוגרייטן עמקעס אַ ליד צום דרוקן איז אין דער רעדאַקציע, וועלכע האָט זיך געפֿונען אין אין צימער (נומער 123, אינעם גרויסן כאַרקאָווער „אַרבעטס־פּאַלאַץ") געקומען אונדז באַזוכן משה נאַדיר. איך האָב געגעבן נאַדירן איבערצולייע־נען עמקעס ליד. און כ'האָב דאַן געהערט פֿון דעם באַרימטן ייִדישן שרײַ־בער פֿון אַמעריקע אַ נביאישע פֿאָרויסזאָגונג: „איר וועט זען, אַז פֿון דעם בלאָסן קאַזאַקעוויטשל וועט אויסוואַקסן אַ פֿולבלוטיקער שרײַבער". משה נאַדיר האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט גרינטלעך צו דערקענען דעם יונגיטשקן עמנואל קאַזאַקעוויטש. דער גרויסער גאַסט האָט בעת זײַן ווײַלן אין כאַרקאָוו געוווינט בײַ הענעך קאַזאַקעוויטשן און ער האָט נאָך לאַנגע שמועסן מיט עמקען באַוווּנדערט זײַנע גרינטלעכע קענטענישן אין דער וועלט־ליטעראַטור, זײַן פּרעכטיק ייִדיש לשון, זײַן שיינעם סטיל און טיפֿע שפּירונג. דער גרויסער סאַטיריקער, וועלכן כ'האָב פֿון ווײַטן זיך פֿאָר־געשטעלט אַלס געפֿערלעכן, ממש אומברחמנותדיקן אויסלאַכער, דעמאַס־קירער און ווער־ווייס־וואָס, האָט זיך פֿון דער נאָענט אַרויסגעוויזן פֿאַר זייער אַ ליבן מענטשן, וועלכער האָט זײַן שטים הויך נישט אויפֿגעהויבן, אַפֿילו ווען ער האָט געהאַט גרויס פֿאַרדראָס, למשל, אויף מיר, פֿאַרן דורכלאָזן אין דער „יונגער גוואַרדיע" רוסיציזמען (פּונקט האָט ער גע־כאַפּט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון ניקאָלאַיעוו דאָס וואָרט „סודאָסטראָי־טיעלני זאַוואָד" — און האָט מיך געמוסרט דערפֿאַר. ער האָט מיר אַלס בײַשפּיל געגעבן די ציכטיקייט פֿון עמנואל קאַזאַקעוויטשעס ייִדיש).

מיט עמקען האָב איך זיך אַ סך יאָרן נישט געזען, אַפֿילו בעתן זײַן אין ביראָבידזשאַן, אויפֿן ערשטן ראַטן־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער געגנט האָב איך אים נישט באַגעגנט. געוווּסט האָב איך, אַז ער געהערט שוין צום שרײַבער־פֿאַרבאַנד. זײַן ערשטן ביכל ייִדישע לידער האָב איך ערשט שפּעטער געלייענט.

פון די ייִדישע שרײַבערס, װעלכע זענען געקומען קיין ביאַליסטאָק אין 1940 האָב איך זיך דערוווּסט, אַז הענעך קאַזאַקעוויטש איז געשטאָרבן אין יאָר 1936, אַז אין ביראָבידזשאַן האָט מען אַ גאַס אָנגערופן אויפן נאָמען פון דעם גרויסן ענטוזיאַסט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. אָבער שוין מיט אַ יאָר שפּעטער זענען די מעטאַלענע שילדלעך מיטן אויפשריפט „הענעך קאַזאַקעוויטש־גאַס" אַראָפּגעריסן געוואָרן און אין דער אָרטיקער פּרעסע האָט מען אים נאָכן טויט באַצייכנט אַלס געפערלעכן ייִדישן נאַציאָנאַליסט. דער דיכטער עמנואל קאַזאַקעוויטש איז באַצײַטנס אַנטלאָפן פון ביראָבידזשאַן, זיך אויסבאַהאַלטן אין מאָסקווע און אַזוי אַרום זיך אַרויסגעריסן פון די טויטלאַפּעס פון דער יעזשאָווששינע.

זייער רירנדיק איז געווען אונדזער באַגעגעניש אין אָנהייב 1945 אין מאָסקווע. ער האָט פון מיר ממש אויסגעפּאָמפּעט אַלץ װאָס איך האָב געוווּסט װעגן דעם אָקופּאַציע־גיהנום, װעגן גורל פון די ייִדן, װעגן געטאָ־אונטערערד און װעגן פּאַרטיזאַנער־קאַמף. װעגן זיך האָט ער ווייניק דערציילט. אַפילו די געשיכטע פון זײַן באַליידיקטער ייִדישער ווערדע האָב איך זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט, בײַ אַ זײַטיקן טיש אינעם מאָסקווער שרײַבערהויז, ווו מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין דרײַען — עמע, זשיק און איך.

טעג זענען אַדורך און דער ווייטיק איז נאָך אַלץ געווען אַזוי שאַרף, ווי נאָכן פּאַרלאָזן איליאַ ערענבורגס קאַבינעט, ווי נאָכן אויסהערן דעם אויספיר פון דעם מיטגליד פון צ"ק פון דער אַלפּאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דעם אַלטן באַלשעוויק שקיריאַטאָוו. עמנואל קאַזאַקעוויטש האָט בעת מײַן דערציילן אויף קיין רגע נישט אָפּגעווענדט פון מיר זײַנע אויגן, וועלכע ער האָט פון צײַט צו צײַט צוגעזשמורעט, אַזוי ווי אים וואָלט פּלוצלונג אַ ווייטיק אָנגעכאַפּט. דאָס מערקווערדיקסטע פאַר מיר איז אָבער געווען דער אופן, ווי זשיק האָט זיך צו מיר צוגעהערט. ער האָט דאָך שוין דאָס אַלץ געהערט פון מיר פריִער און מיט זײַן „וואָס זשע דען האָסטו געמיינט" אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס אַלץ איז פאַר אים קיין שום נײַס נישט — און איצט זיצט ער און הערט זיך אויפמערקזאַם צו און פרעגט נאָך איבער: „אַזוי האָט ער געזאָגט?"

די פּראַגע איז געווען אַ קלאָרע און דרינגענדיקע: וואָס טוט מען? אַלס ענטפער דערויף האָט עמנואל קאַזאַקעוויטש דערציילט די געשיכטע מיט דעם „קראָמיע יעווּרעיעוו", וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן לגבי אים, דעם אָפיציר פון דער ערשטער פראָנטליניע.

אויף דער קלאָרער, דרינגענדיקער פראַגע האָט ער געענטפערט מיט אַריינלאָזן זיך אין ווייטע היסטאָרישע באַטראַכטונגען, וואָס האָבן — גע־דאַכט האָט זיך — אָפּגעפירט פון דעם ענין, צוליב וועלכן מיר זענען זיך דאָ צונויפגעקומען. זיין אויספיר איז געווען: „מען דאַרף אויף אַ נייעם אופן באַזינען אונדזער געשיכטע. איך טראַכט און טרוים וועגן דעם, אַז כ'זאָל בכוח זיין אָנצושרייבן אַ נײַ גרעץ־ווערק, אויף אַ נייעם אופן באַ־לייכטן אונדזער געשיכטלעכן גורל".

מיט דער איבערפראַזירונג פון געדאַנק — „איידער עס וועט קומען די היסטאָרישע נחמה, וועט אַרויס פון אונדז די היינט לעבעדיקע נשמה", האָב איך פאָרגעלייגט זיך צו באַמיִען דורך אַלע מעגלעכע קאַנאַלן, אַז מיר, דריי יידישע מענטשן, געקומענע פון פאַרשידענע פראָנטן, מיט פאַר־שידענע ראַנגען (דעם קלענסטן האָב איך געהאַט — אַ קאַפּיטאַן), זאָלן אויפגענומען ווערן דורך דעם באַלעבאָס פון צענטראַל־קאָמיטעט, דורך מאַלענקאָוון, און דאָרטן, אומאָפּהענגיק פון אַלע מעגלעכע קאָנסעקווענצן אַרויסלייגן די גאַנצע קאָלעקטיווע טענה פון די באַעוולטע און פאַרפאָלגטע דורך דעם צעווילדעוועטן אַנטיסעמיטיזם און פאַרלאַנגען אָפענע דערקלע־רונגען, וואָס זאָלן, אַזוי ווי לעניִן בשעתו, פאַראורטיילן ווי צום שאַרפסטן יעדן סימן פון יידן־שינאה, פון דיסקרימינירן אויף וועלכן עס איז אופן די יידישע באַפעלקערונג.

עמקע קאַזאַקעוויטש האָט ווידער שאַרף געקוקט אויף מיר, הגם איך האָב מיינע אויגן געווענדט צו זשיצן, וועלכער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ און זיך געשפּילט מיט זיינע לאַנגע, דאַרע פינגער. כ'וואָלט געקענט שווערן, אַז באַלד וועלן מיר פון זשיצן דערהערן אַ ביטול־וואָרט לגבי אונדזערעביידנס פּראָיעקטן.

ניין, נישט קיין ביטול־וואָרט האָבן מיר פון אים דערהערט. אַ פאַר־וווּנדערטער האָב איך אויפגענומען זיַין משונהדיקע פראַגע מכּוח מײַן דײַטשישן פּיסטאָלעט, וואָס איז מיר געהאַנגען ביַי דער זײַט:

— וואָס איז עס פאַר אַ כּלי און מיט וואָס פאַר אַ קוילן שיסט עס?

איך האָב נישט־געקרן געענטפערט, אַז מיט אַזעלכע „כּלים" זענען גע־וווען באַוואָפנט די דײַטשישע פּליִערס, וועלכע מיר האָבן „אָראָפּגעשלעפּט" בעתן „באַטראַכטן" אונדז נישט פון קיין גרויסער הויך. צו עמנואלן האָט ער געזאָגט, אַז מסתּמא האָט ער אַ „טעטקע" (פּיסטאָלעט „ט.ט."). אַ מינוט האָט ער געשוויגן. אויסגעריבן די אויגן און זיי האַרט, אַנטשלאָסן אָנגע־שטעלט אויף אונדז ביידן.

— איך לייג פאָר אַוועקצוגיין צו דער געבײַדע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, אויפהענגען אויף זיך אַ קלאָר פאָרמולירטן פּראָטעסט קעגן דער אומדערטרעגלעכער לאַגע פון די ייִדן און אַזוי ווי לויט אַ מיליטערישער קאָמאַנדע — גיבן מיר זיך, יעדער מיט זײַן געווער, אַ קויל אין קאָפּ... קלאָר?!

מיר זענען געבליבן זיצן, אָן איין וואָרט אַרויסצוזאָגן. ווי לאַנג עס האָט געדויערט דאָס דאָזיקע שווײַגן און וואָס אונדזערע פּנימער האָבן דעמאָלט אויסגעדריקט — ווייס איך נישט. מיר האָבן בלויז דערזען פאַר זיך, נישט הערנדיק פריִער קיין שום טריט — די טיף שוואַרצע, מיט גוטסקייט און לײַדן אָנגעפילטע אויגן פון דעם גרויסן שרײַבער דער נסתּר.

— וואָס איז מיט אײַך, קינדערלעך, געשען? — האָט ער ווייך, מיט־פילנדיק און גלײַכצײַטיק מיט אומרו געפרעגט — וואָס איז עס ווײַטער פאַר אַן אומגליק? באַהאַלט נישט פאַר מיר, איך בעט אײַך...

עמקע איז אויפגעשטאַנען, אָפּגעטראָטן דעם נסתּר זײַן שטול און איז אַוועק ברענגען נאָך אַ בענקל.

דער נסתּר האָט מיט אַ מאָדנער גרימאַסע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שמייכל ערב צעוויינען זיך, געקוקט אויף יעדן פון אונדז באַזונדער און זײַנע אויגן האָבן זיך געבעטן — פאַרבאַהאַלט נישט פון מיר, ברידער־לעך, אײַער צרה. דערציילט...

עמנואל קאַזאַקעוויטש האָט אָנגעהויבן דערציילן. אַזוי האָט ער מסתּמא געדעדט צו זײַנע אָפֿיצירן און סאָלדאַטן ערב אַ וויכטיקער אָפּעראַטיוווער אויספּיר־אויפֿגאַבע, בעת וועלכער מען האָט געדאַרפֿט זײַן גרייט אויף אַלץ. ער האָט דעם נסתּר דערציילט אַז מיר אַלע דרײַ האָבן באַשלאָסן — אַזוי האָט ער געזאָגט: באַשלאָסן! — אויסצודריקן דעם ייִדישן פּראָטעסט קעגן די עוולות, וואָס ווערן לגבי אונדז באַגאַנגען, דורך...

אפשר האָט זיך עס מיר בלויז געדאַכט, אָבער אין זכּרון איז פֿאַרבליבן יענע רגע, ווען אונטער דער ווירקונג פֿון עמנואלס לעצטע ווערטער האָט דער נסתּר, ווי אַ פֿאַרצאַפּלטער, צונויפֿגעקוועטשט די אויגן, זיי באַלד פֿול־שטענדיק פֿאַרשלאָסן און פֿון זיי האָט אַ טרער זיך אַרויסגעגליטשט.

— ווער זשע, אויב אַזוי, וועט בלײַבן? — האָט ער שטיל, קוים צו הערן, אַרויסגעפּליסטערט — מיט וועמען וועלן מיר בלײַבן? ס׳וועט דאָך שוין באַלד נישט זײַן ווער ס׳זאָל מאָנען?..

ווידער זענען מיר אַלע — פֿאַרדרונגען אינעם אייגענעם פּילן און טראַכטן — געבליבן זיצן פֿאַרשטומטע. ביז דעם נסתּרס רייד האָבן אָן אַנדערן טאָן באַקומען:

— יאָ, ס׳איז בפירוש אין דער ייִדישער טראַדיציע... אָבער נישט איצט... גראָד נאָכן בראָך! נישט איצט! פֿאַראַן אַ האָפֿענונג... נישט איצט. טוט עס נישט, קינדערלעך, טוט עס נישט, זאָג איך אײַך!..

ווען דער נסתּר און מיר אַלע וואָלטן דעמאָלט געוווּסט, וואָס עס איז פֿאַר אונדז צוגעגרייט געוואָרן אין דעם האָפֿענונגספֿולן 1944סטן יאָר — וואָלטן צו אונדזער דעספּעראַטן־באַשלוס צוגעשטאַנען אַ סך פֿון די שפּעטערדיקע הרוגי־מלכות, און צווישן זיי אויך ער, איינער פֿון די גרעסטע מיטשאַפֿערס פֿון אונדזער פֿאָלקסקולטור, דער נסתּר. דער זעלבער, וועלכער האָט די דערלייזערישע קויל אָפּגעווענדט פֿון אונדזערע פֿרײַוויליק אונטערגעשטעלטע שלייפֿן און אַליין האָט ער שפּעטער צוגעאײַלט דעם אייגענעם פּראָטעסט־טויט.

קיינער פון אונדז האָט אָבער דעמאָלט נאָך גאָרנישט געוווּסט, נישט וועגן דער באַראַטונג בײַ סטאַלינען, וואָס האָט געחתמעט דעם גורל פון די לעבן-געבליבענע סאָוועטישע ייִדן, און נישט וועגן די פּראַקטישע אויס־פירן פון יענער באַראַטונג, וועלכע זענען ערשט שפּעטער באַקאַנט געוואָרן.

28

ווידער אַ מאָל „קראָמיע יעווריעוו"

דאָס מאָל איז עס שוין נישט געווען קיין „באַפליגלט ווערטל" (אין רוסיש: „קרילאַטאָיע סלאָוועטשקאָ") פון דעם באַלעבאָס, וואָס האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן, אַז אַלץ וואָס ער וועט וועט זאָגן וועט ווי געהעריק אויסגע־טײַטשט ווערן — ווי אין דעם פאַל מיטן אורטייל, אַז „די ייִדישע קאַדערס האָבן זיך נישט באַרעכטיקט". דערגאַנגען איז צו אונדז — ערשט נאָכן 20סטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ראַטן־פאַרבאַנד — די זיכערע ידיעה, אַז אין האַרבסט 1944 איז בײַ סטאַלינען פאָרגע־קומען אַן אויסגעברייטערטע באַראַטונג, וואָס איז געווען געווידמעט אויס־שליסלעך דער ייִדן־פּראָבלעם. נישט אין זין פון העלפן אויפריכטן דאָס ייִדישע לעבן דאָרט, וווּ עס זענען געבליבן בלויז די חורבות פון מינסקער געטאָ, דאָס אַש פון די פאַרברענטע אין טראָסטיניעץ און דער מאַסן־קבר פון באַבי־יאַר. נײן, נישט וועגן דעם איז געווען אַ רייד אויף דער באַראַטונג בײַ סטאַלינען, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די מיטגלידער פון דעם פּאָליט־ביוראָ, די מיטגלידער פון סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל־קאָמי־טעט, די ערשטע סעקרעטאַרן פון די רעפּובליקאַנישע קאָמוניסטישע פּאַר־טייען, פאָרשטייערס פון די פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן פאַר פאַרטיידיקונג, שווער־אינדוסטריע, מלוכה־זיכערקייט (נ.ק.ג.ב.) און אויסערן־ענינים.

אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט האָט סטאַלין צווישן אַנדערן געזאָגט:

העכער 70 מיליאָן סאָוועטישע בירגערס האָבן אין משך פון 3 יאָר זיך געפונען אונטער דער דײַטשיש־פאַשיסטישער אָקופּאַציע. במשך פון דער צײַט זענען די דאָזיקע בירגערס באַווירקט געוואָרן דורך דער היטלע־ריסטישער ראַסיסטישער אידעאָלאָגיע. די דאָזיקע ווירקונג האָט געלאָזט באַדײַטנדיקע שפּורן. דערמיט דאַרף מען זיך רעכענען.

דער אויספיר פון דער דאָזיקער קאָנסטאַטירונג איז געווען... פאַרזיכ־טיק זײַן מיט שטעלן ייִדן אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס.

פאַר די באַטייליקטע אין אַזאַ מין באַראַטונג האָט מען נישט געדאַרפט צעקײַען, אַז דער ענין האָט אַ שייכות נישט אַזוי צום שטעלן ייִדן אויף פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט, ווי מיט אַראָפּנעמען ייִדן פון די פּאָסטנס, וועלכע זיי פאַרנעמען שוין. דאָס איז אויך קלאָר געוואָרן פון דער פראַגע, וועלכע עס האָט נאָך סטאַלינס אַרײַנפיר־וואָרט געשטעלט דער דעמאָלטי־קער שעף פון דער פּאָליטישער פאַרוואַלטונג פון דער רויטער אַרמיי שטשערבאַקאָוו (אַגב — באַקאַנט אַלס שונא־ישׂראל). ער האָט געפרעגט: „דאָס אַלץ האָט מסתמא נישט קיין שייכות צו דער רויטער אַרמיי?״ דע־רויף איז געקומען סטאַלינס ענטפער: „פאַרקערט, דאָס האָט קודם־כל אַ שייכות צו דער רויטער אַרמיי...״ אויסגעברייטערט דעם ענטפער פונעם פירער און באַזונדערס קלאָר „באַוויזן״ ווי נייטיק עס איז צו זײַן פאַרזיכ־טיק לגבי ייִדישע קאַדערס, האָט דער דעמאָלטיקער פאַקטישער ערשטער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניס־טישער פאַרטיי, סטאַלינס פאַרטרויונגס־מאַן — געאָרגי מאַלענקאָוו. ער האָט עס אַרגומענטירט דערמיט, וואָס אַכציק פראָצענט פון די בריוו פון קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד, וואָס זענען לעצטנס אָנגעקומען צו אײַנ־וווינערס פון לענינגראַד זענען אַדרעסירט צו ייִדן. אַזוי אַרום זענען די פעדעם, וואָס פאַרבינדן סאָוועטישע ייִדן מיטן קאַפּיטאַליסטישן מערב, באַזונדערס מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, זייער ענגע און ממילא געפער־לעכע פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד. דערפון — דער אויספיר: זײַן וואַכזאַם לגבי די ייִדן...

מער איז מיר נישט באַקאַנט וועגן דער דאָזיקער באַראַטונג, אין רעזולטאַט פון וועלכער עס זענען געקומען אַלע באַלדיקע און שפּעטער־דיקע אַנטי־ייִדישע פאַראָרדענונגען — ביזן סטאַלינישן באַפעל צו דער־מאָרדן די גרעסטע שעפערס פון דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד, אָנהייבנדיק פון דעם פאָרזיצער פון ייִדישן אַנטיפאַשיס־טישן קאָמיטעט, דעם גרויסן ייִדישן בינע־קינסטלער שלמה מיכאָעלס.

די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער באַראַטונג האָבן זיך תּיכף געלאָזט אָפּפילן אין דער פּאַרטיייִשער און מלוכהשער פּראַקטיק פון גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד. די פּאַרטיי־קאָמיטעטן פון אַלע שטאַפּלען — איינשליסנדיק אַפילו די דאָרפישע ראַיאָן־קאָמיטעטן, האָבן צו יענער צייט באַקומען דעם אַזוי גערופענעם מאַלענקאָוו־צירקולאַר, וואָס איז געווען געווידמעט דעם פּאַרנעם און אופן פון איינפירן דעם נייעם „קראַמיע יעוורעיעוו" — וועגן די געביטן פון פּאַרטייִשן, קאָמסאָמאָלישן, מלוכהשן,ווירטשאַפטלעכן און קולטור־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, ווו ייִדן טאָרן נישט פאַרנעמען קיין פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן, אָדער טאָרן דאָרט בכלל נישט זיין, וועגן דעם אופן פון באַגרענעצן דאָס אָננעמען ייִדן אין הויכשולן, וועגן נישט דערלאָזן קיין ייִדן בכלל אין געוויסע אַרבעטס־געביטן און הויכשולן (דער פאַל מיטן באַרימטן סאָוועטישן שרייבער עמנואל קאַזאַקעוויטש). **צוליב פאַרזיכטי־קייט האָבן ייִדן, וועלכע זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס, אָדער נישט צוגענומען געוואָרן צו קיין באַשטימטער אַרבעט, און ייִדישע יוגנטלעכע וועלכע מען האָט, נישט געקוקט אויף די בעסטע עקזאַמינער־מיינונגען, אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אין די הויכשולן, דערקלערט די סיבה מיט איין וואָרט: „צוליבן פּאַראַגראַף נומער 5" (וועלכער באַצייכנט די נאַציאָנאַליטעט אין אַלע אַנקעטעס און אין די פּאַספּאָרטן).**

עס דערמאָנט זיך: בעת דעם טויטמאַרש פון די היטלעריסטישע אַרמייען אויף דער סאָוועטישער ערד, האָט די ברוינע פעלד־זשאַנדאַר־מעריע, פאַרהאַלטנדיק ציווילע מענער, זיך אינטערעסירט קודם־כּל מיט 2 זאַכן: מיט די האָר אויפן קאָפּ פון דעם געכאַפּטן און מיטן 5טן פּאַראַ־גראַף אין זיין פּאַספּאָרט. ווי באַלד אַ מענטש איז געווען פולשטענדיק אָפּגעשוירן איז פאַר זיי קלאָר געווען, אַז דאָס איז אַן איבערגעטאָנענער רויט־אַרמייער. אין די טויזנטער האָט מען אַזעלכע דערשאָסן אויפן אָרט. דער פּאַראַגראַף נומער 5 אין דעם סאָוועטישן פּאַספּאָרט האָט אין די הענט פון די מערדערס אַרויסגעגעבן ייִדן.

לויט דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף, צוליב וועלכן טויזנטער, טויזנטער ייִדן זענען אומגעקומען, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט אויסצובאַהאַלטן פון די נאַציס זייער נאַציאָנאַליטעט, האָט מען אין סאָוועטישע אינסטיטוציעס

אָנגעהויבן צו טיילן די בירגערס. ווי באַלד אין דעם פּאַספּאָרט (און אין די פּילפּאַכע אַנקעטעס) איז געווען אָנגעגעבן, אַז דער געגעבענער בירגער איז אַ ייִד, האָבן זיך פֿאַר אים פֿאַרמאַכט טיר און טויער אין אַלע אינסטיטוציעס און לערן־אַנשטאַלטן, וועגן וועלכע עס איז געווען אַ רייד אין דעם מאַלענקאָוו־צירקולאַר.

און ווידער אַ מאָל איז גראַד דעמאָלט — הגם אויף אַ גאַנץ קורצער צײַט — אויפֿגעקומען דער ענין ביראָבידזשאַן. אויפֿן האַרצן איז געווען זייער שווער און ביטער. כ׳בין געקומען צו איציק פֿעפֿערן רעדן וועגן זייער אַ פּײַנלעכן ענין. אין מאָסקווע איז צוליב אַ מסירה פֿון אַ רוסישן פּאַרטיי־זאַן אַרעסטירט געוואָרן איינע פֿון די פֿיר גרעגעצלאָז העלדישע ייִדישע מיידלעך, וועלכע האָבן באַוויזן וווּנדער אין ביאַליסטאָקער אונטערערדישן ווידערשטאַנד־קאַמף. די דאָזיקע מיידלעך, וועלכע זענען געווען אויף דער „אַרישער זײַט" און פֿלעגן אָפֿט קומען אין דער געטאָ מיט כּסדרדיקער הילף, האָבן אויך געהאַט גרויסע פֿאַרדינסטן בײַם אָריענטירן די אָנגרײַפֿנדיקע סאָוועטישע מיליטער־טיילן וואָס שייך דעם געביט און די כּוחות פֿון לויערנדיקן שׂונא. איציק פֿעפֿער האָט מיר צוגעזאָגט תּיכּף צו טאָן אַלץ וואָס מעגלעך. טאַקע דעמאָלט האָט ער מיר דערציילט, אַז קיין מאָסקווע איז געקומען דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון ביראָבידזשאַנער געגנט־קאָמיטעט באַכמוטסקי, וועלכער איז דעם זעלבן טאָג אויפֿגענומען געוואָרן דורך מאַלענקאָוון. נאָך דער אויפֿנאַמע איז באַכמוטסקי געקומען אַ צעשטראַלטער אין אַנטי־פֿאַשיסטן קאָמיטעט, כּדי איבערצוגעבן די ידיעה, אַז עס הייבט זיך שוין ווידער אָן... מאַלענקאָוו האָט געשטעלט אַלס דרינגענדיקע די פֿראַגע וועגן אָרגאַניזירן די ייִדן, וועלכע האָבן נישט נאָך וואָס זיך אומצוקערן פֿון טיף רוסלאַנד אין זייערע אַמאָליקע וווינערטער, זיי זאָלן איבערוואַנדערן קיין ביראָבידזשאַן. מאַלענקאָוו האָט דערבײַ צוגעזאָגט די מאַקסימאַלסטע הילף. גאָר באַזונדערס איז געווען אַ רייד וועגן ברייטע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען די ייִדישע קולטור. מאַלענקאָוו האָט אַפֿילו צוגעזאָגט צו שאַפֿן דאָרט אַ ייִדישן אוניווערסיטעט. אין זכּרון איז פֿאַרבליבן די בוכשטעבלעכע פֿראַזע, אַזוי ווי זי האָט געזאָלט קלינגען אין

מאַלענקאָווס מויל: „ביראָבידזשאַן דאַרף ווערן אונדזער סאָוועטישע טשי־קאַגאָ(?!). באַזעצט דאָס לאַנד. אויב נישט איר, וועלן עס טאָן אַנדערע".

צוזעענדיק מײַן פולשטענדיקן גלײַכגילט צו דער דאָזיקער ידיעה האָט איציק פעפער ענערגיש גענומען מיך איבערצײַגן, אַז דאָ גייט אין העלפן די פאַריתומטע יידישע משפּחות קומען צו זיך, אַז מען דאַרף דעם ענין זען אַנדערש ווי אַ מאָל. און צוליב וואָס טאַקע דאַרפן עס ייִדן צוריקגיין אין שטעטלעך, וואָס דערמאָנען בלויז וועגן אומקום פון די נאָענטסטע, וועגן דעם חורבן פון אַן אַ מאָל אײַנגעפונדעוועט, אָבער איצט צעשטערט לעבן!

מעגלעך, אַז נישט איציק פעפער און נישט שכנא עפּשטיין און אַוודאי נישט מיכאָעלס האָבן דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז די פּלוצעמדיקע באַנײַונג פון ביראָבידזשאַן־ענין האָט געשטאַמט פון די ענערגישע פאָדערונגען מצד ניקיטאַ כרושטשאָוו פון אוקראַיִנע און פּאַנטעלײמאָן פּאָנאָמאַרענקאָ פון ווײַסרוסלאַנד אַז די יידן, עוואַקויִרטע בעת דער מלחמה, זאָלן פון טיף רוסלאַנד, פון סיביר, אוראַל און מיטל־אַזיע זיך נישט אומקערן אין זייערע אַלטע ווױנערטער. שוין דעמאָלט זענען געווען שאַרפע אַנטיסעמיטישע עקסצעסן אין קיִעוו. אַוודאי און אַוודאי האָט נאָך דעמאָלט קיינער נישט געוווּסט, אַז דער ענין ביראָבידזשאַן איז ווידער אויפגעקומען אין צוזאַמענ־האַנג מיט די ווײַטערדיקע „מאַסמיטלען" קעגן ייִדן, וואָס זענען זיכער באַטראַכט און באַשלאָסן געוואָרן אויף יענער האַרבסט־באַראַטונג בײַ סטאַלינען — „מאַסמיטלען", וועגן וועלכע ייִדן האָבן זיך טײלווײַז דער־וווּסט און האָבן זיך צו דער נײַסטער און שרעקלעכסטער גזירה געגרייט באַצײַטנס...

29

דאָס געשפּענסט פון „תחום־המושב"

געווען איז עס מיט אַ צײַט שפּעטער, אָבער געשטאַמט האָט עס זיכער פון דער אַלגעמיינער אײַנשטעלונג לגבי ייִדן, אַזוי ווי זי איז אַרויסגע־דרונגען פון דער דערמאָנטער האַרבסט־באַראַטונג בײַ סטאַלינען. די ידיעות וועגן דעם זענען דערגאַנגען אין דער ברייטער וועלט, אָבער ווי אַזוי איז עס דערגאַנגען דערצו, אַז די שרעקלעכע גזירה, וואָס וואָלט די סאָוועטישע ייִדן צוריקגעשלײַדערט צו די צײַטן פון צאַרישער רעכט־לאָזיקייט, איז נישט דורכגעפירט געוואָרן — וועגן דעם האָב איך זיך געגנוי דערוווּסט ערשט אין יאָר 1961, ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע נאָך דעם ווי איך בין 15 יאָר דאָרט נישט געווען.

דערוווּסט האָב איך זיך אַלץ פון איליאַ ערענבורגן.

דאָס מאָל האָט ער מיך אויפגענומען שוין ווי אַן אַלטן באַקאַנטן (איך האָב זיך געהאַט געטראָפן מיט אים אויך אין וװראָצלאַוו און אין וואַרשע). דער צימער ווו מיר זענען געזעסן איז געווען באַהאַנגען מיט בילדער, דער עיקר פון פראַנצייזישע קינסטלערס. אויף מײַנע טענות צו אים, פאַר וואָס ענטפערט ער נישט אויף די פאַרשידענע קלאַנגען און ידיעות, וואָס באַווײַזן זיך אין ייִדישע צײַטונגען וועגן זײַן דעזאינפאָרמירן בשעתו די עפנטלעכע וועלטמיינונג וואָס שייך די פאַרשוווּנדענע ייִדישע שרײַבערס, האָט ער אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר טרויעריקע ייִדישע אויגן און שטיל געענטפערט: „מאַלע וואָס מען זאָגט אַלץ אויף מיר". און אַלס בײַשפּיל געבראַכט — נישט קיין אויסלענדישע קלאַנגען, נאָר אַרטיקעס, סאָוועטישע, פאַרשפּרייט דורך רוסישע שרײַבערס, וועלכע זענען באַקאַנט מיט זייער שׂינאה צו ייִדן.

געדאַכט האָט זיך, אַז אוּנדזער שמוּעס פאַרענדיקט זיך. איליאַ ערענ־בוּרג איז געזעסן אַן אויסגעלאָשענער, ווי דער גאַנצער ענין וואָלט אים איבערהויפּט נישט אָנגעגאַנגען. ווען כ׳האָב אָבער גענוּמען זיך אויפשטעלן, האָט ער מיר געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז כ׳זאָל בלייַבן זיצן. ער האָט זיך, ווי דער שטייגער זייַנער איז געווען, אָפּגערוּפן זייער פאַמעלעך, אַזוי ווי ציילנדיק די ווערטער. ער האָט געזאָגט:

— איך וויל אייַך עפּעס וואָס דערציילן, פאַרגעדענקט אָבער, אַז מייַנע רייד זענען געווענדעט צו אייַך — דעם מינסקער פּאַרטיזאַן, דעם וואַרשע־ווער געזעלשאַפטלעכן טוער, אָבער נישט דעם זשורנאַליסט. איך וויל, אַז איר זאָלט עס וויסן. אפשר וועט כּדאַי זייַן, ווען עס וועט קוּמען די צייַט — צוּ דערציילן.

און איליאַ ערענבוּרג האָט דערציילט:

אין איינעם אַ פאַרמיטאָג רוּפט אים צוּם טעלעפאָן דער דעמאָלטיקער שעף־רעדאַקטאָר פוּן צענטראַלן פאַרטיי־אָרגאַן „פּראַוודאַ״ פּ. פּאָספּיעלאָוו און לאַדט אים אייַן צוּ קוּמען אין דער רעדאַקציע וועגן זייער אַ וויכטיקן און דרינגנדיקן ענין. אין דער „פּראַוודאַ״ פלעגט ערענבוּרגן אויסקוּמען צוּ זייַן נישט זעלטן, אָבער קיין דירעקטן שמוּעס מיט פּאָספּיעלאָוון האָט ער ביז דעמאָלט כּמעט נישט געפירט.

אין רעדאַקציע־קאַבינעט האָט פּאָספּיעלאָוו געגעבן איליאַ ערענבוּרגן אַ דאָקוּמענט — אַ דערקלערוּנג פוּן באַוווּסטע פערזענלעכקייטן פוּן ייִדישן אָפּשטאַם וועלכע האַלטן, אַז די קאָנצענטראַציע פוּן ייִדן אין אַזעלכע גרויסע שטעט ווי מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו, כאַרקאָוו א״אַ פאַרקריפּלט די סאָציאַלע סטרוּקטוּר פוּן דער ייִדישער באַפעלקערוּנג, ברענגט דערצוּ, אַז צוּם ווייניקסטן וואַקסט די צאָל ייִדן באַשעפטיקטע דירעקט אין דער אינדוּסטריע, דאַקעגן וואַקסט נישט־פּראָפּאָרציאָנעל די צאָל ייִדן אין דעם מלוכה־אַפּאַראַט, און אין דעם האַנדלס־אַפּאַראַט אַלס אָנגעשטעלטע. די קאָנצענטראַציע פוּן דער ייִדישער באַפעלקערוּנג אין די גרויסע שטעט גיט אויך נישט קיין מעגלעכקייט צוּ באַפרידיקן זייערע ספּעציעלע קוּל־טוּר־באַדערפענישן, דאַקעגן רוּפט עס אַרויס פאַרשידענע קעגנערישע רע־אַקציעס מצד דער איבעריקער באַפעלקערוּנג.

נעמענדיק דאָס אין אַכט לייגן פאַר די אונטערגעשריבענע, אַז אויף אַ פּלאַנמעסיקן אופן זאָלן די ייִדן פון די גרויסע שטעט זיך באַזעצן אין קלענערע, געבנדיק זיי די נייטיקע מעגלעכקייטן זיך איינצואָרדענען. אונ־טער דעם דאָזיקן דאָקומענט זענען שוין געווען די אונטערשריפטן פון אַזעלכע סאָוועטישע פּערזענלעכקייטן ווי דער דעמאָלטיקער מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, דער מיטגליד פון דער רעדאַקציע „פּראַוודאַ" דוד זאַסלאַווסקי. אויך דער העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — גענעראַל דוד דראַגונסקי.

פּאָספּיעלאָוו האָט איינגעלאַדן צו זיך איליאַ ערענבורגן, כדי אויך ער זאָל לייגן זיין אונטערשריפט אונטער דער דאָזיקער „פּעטיציע". ערענבורג האָט דערויף געענטפערט, אַז ער שטעלט אַ באַדינג, אַז דער בריוו, וועלכן ער, איליאַ ערענבורג, וועט דאָ אויפן אָרט אָנשרייבן זאָל תיכף איבער־געשיקט ווערן צו סטאַלינען. פון דעם מאַכט ער אָפּהענגיק זיין באַשלוס וועגן דעם דאָזיקן דאָקומענט.

פּאָספּיעלאָוו האָט אין אָנהייב געפּרוּווט אים אָפּרעדן דערפון, נישט זייענדיק בכוח צו גאַראַנטירן, אַז ערענבורגס בריוו וועט תיכף דערגיין צו סטאַלינען. ווען ערענבורג איז אָבער פון זיין פאָדערונג נישט אָפּגע־טראָטן, איז פּאָספּיעלאָוו אַרויס פון צימער, כדי צו פּרוּוון, ווי ער האָט געזאָגט, עפּעס וואָס טאָן.

ס׳האָט געדויערט ביז דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער „פּראַוודאַ" איז צוריקגעקומען אין זיין קאַבינעט. ער האָט ערענבורגן גאַראַנטירט, אַז זיין בריוו וועט שנעל דערגיין צו סטאַלינען.

איליאַ ערענבורג האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אין זיין בריוו צו סטאַ־לינען האָט ער אויסגעדריקט זיין קעגנערשאַפט צום פאַרשלאַג אַרויסצו־שיקן די ייִדן פון די גרויסע סאָוועטישע שטעט און דאָס צוליב דריי טעמים: 1) די ייִדן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד וועלן עס באַטראַכטן ווי אַ צוריקקער צו דער צאַרישער פּאָליטיק פון איינשטעלן אַ „טשערטאַ אָסיעד־לאָסטי" (תחום־המושב); 2) פאַר די אַנטיסעמיטן, איבערהויפּט אין אוקראַי־נע, וועט עס זיין אַ סיגנאַל, אַז לגבי ייִדן איז אַלץ דערלויבט און עס וועט אויפקומען די געפאַר פון פּאָגראָמען; 3) אין דער דעמאָקראַטישער געזעל־

שאָפּטלעכקייט פון דער גאַנצער וועלט וועט עס אַרויסרופן אַ גרויסע צע־רודערונג און אומרו, וואָס וועט ברענגען שאָדן די אינטערעסן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דעריבער עצהט ער, ערענבורג, אַז דער פאַרגעלייגטער דאָקו־מענט זאָל זיך בכלל נישט באַווײַזן.

איליאַ ערענבורג האָט קיין זאַך נישט געוווּסט וועגן דעם גורל פון זײַן בריוו. ער ווייס אויך נישט — האָט ער געזאָגט — צי מעג ער האַלטן, אַז די שפּעטערדיקע רעזולטאַטן זענען אין אַ וועלכער עס איז מאָס פאַר־בונדן מיט זײַן בריוו צו סטאַלינען. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז דער דאָקו־מענט מיט די אונטערשריפטן פון ייִדן, וועלכע לייגן פאַר זיך צוריק אומ־קערן צו דער צאַרישער פּאָליטיק פון תּחום־המושב, און דאָס אין דער עפּאָכע נאָך די געשאָפּענע און פאַרניכטעטע דורך די היטלעריסטן געטאָס — דער דאָזיקער דאָקומענט האָט זיך קיין מאָל נישט באַוויזן אין דער עפנטלעכקייט. דער באַשלוס צו פאַרטרײַבן די ייִדן פון די גרויסע שטעט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נישט דורכגעפירט געוואָרן.

לאַנג האָב איך געקוקט אויף דעם אײַנגעעקשנטן אַלטן מאַן און האָב בעת־מעשה געטראַכט וועגן דער עוולה, וואָס איז אים געטאָן געוואָרן דורך געוויסע ייִדישע זשורנאַליסטן. ווי שטעלט מען זיך אָבער אַנטקעגן די רכילות־טרײַבערס, ווי באַלד אויך אין 1961 איז אונדז נישט מעגלעך גע־ווען אַרויסצוקומען מיטן אמת? פון דעסטוועגן האָב איך געבעטן בײַ ערענבורגן ער זאָל מיר כאָטש דערלויבן איבערצודערציילן דאָס געהערטע איינעם פון מײַנע נאָענטסטע חברים אין מאָסקווע, וועלכער פאַרדינט דעם פולן צוטרוי. מיר זענען שוין נישט קיין יונגע מענטשן און סוף־כּל־סוף וועט דאָך עמעצער מוזן וויסן עס איז דערציילן. ערענבורג האָט לאַנג נישט געענטפערט. בײַם אַרויסבאַגלייטן מיך צו דער טיר האָב איך דערהערט זײַנע כמעט גלײַכגילטיקע רייד: „טוט ווי איר פאַרשטייט”.

מײַן חבר, אַן אַלטער פּאַרטיי־טוער, האָט אין יענער צײַט געוווּסט זייער אַ סך וועגן דער „צווייטער כוואַליע” פון סטאַלינישן טעראָר און פאַרניכטונג. ער איז אַליין אָפּגעזעסן ביז סטאַלינס טויט אין תּפיסות און לאַגערן. רעדנדיק מיט אים האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט זיך אַליין קאָנטראָלירט יעדעס וואָרט. צײַטנווײַז האָט ער בכלל געשוויגן, נישט

געענטפערט אויף מײַנע פראַגעס. איך האָב צו אים דערפאַר קיין טענות נישט געהאַט. אין יענעם מאָמענט בין איך פאָרט געווען פאַר אים אַן אויסלענדער.

ווען איך האָב אים דערציילט וועגן דעם, וואָס כ׳האָב געהערט פון איליאַ ערענבורגן, האָט ער עס רויִק אויסגעהערט. בײַם סוף פון מײַנע רייד האָט ער בלויז געזאָגט, אַז דאָס איז נאָך נישט אַלץ, אַז ער האָט נאָך וואָס צוצוגעבן:

באַוווּסט איז אויך, אַז נאָך דעם ווי דער העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד דוד דראַגונסקי האָט אונטערגעשריבן דעם דאָזיקן דאָקומענט, האָט ער דעם זעלבן טאָג אײַנגעאָרדנט בײַ זיך אין דער היים אַן אויפנאַמע פאַר אַלע זײַנע משפחה־מענטשן, מעלדנדיק דערבײַ, אַז צו זיי אַלעמען וועט די פאַראָרדענונג קיין שייכות נישט האָבן. זיי בלײַבן אין מאָסקווע...

30

ווען כ׳האָב סידראָוון נישט געפונען...

די געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט. געשען איז עס אָבער אַ ביסל אַנדערש ווי אין די צוואַנציקער יאָרן. איצט האָט קיינער מיך נישט גערופן, קיינער האָט מיך נישט באַפוילן. געווען איז עס מייַן אייגענער באַשלוס: צוריק אַהיים! הגם קיין היים איז שוין נישט געווען...

אין יענעם טאָג, ווען דער דאָזיקער באַשלוס מייַנער איז געפאַלן, בין איך שוין געווען איבערצייַגט (נישט וויסנדיק לחלוטין וועגן דעם אַלעמען, וואָס איז מיר באַקאַנט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן), אַז אײַזיק פלאַטנערס נביאות וועגן טויטאורטייל אויף אונדז, די מינסקער, האָט אַלע שאַנסן זיך אויסצוברייטערן אויך אויף די מאָסקווער. די דאָזיקע איבערצייַגונג איז געקומען נאָך אַ סצענע, וואָס איך בין בייַגעווען גאַנץ צופעליק בייַ שכנא עפשטיינען אין קאַבינעט.

כ׳האָב צו אים אָנגעקלאַפּט און קיינער האָט מיר נישט געענטפערט, כאָטש געהערט האָב איך עמעצנס שטים פון אינעווייניק. כ׳האָב געעפנט די טיר און דערזען איציק פעפערן שפּאַנענדיק איבערן צימער זייער אַן אויפגערעגטן. ווען איך האָב זיך געוואָלט צוריקציִען, אַנטשולדיקנדיק זיך, האָט ער מיך שטרענג אָנגעקוקט מיט זייַנע גרויסע אַרויסשטאַרטשענדיקע שוואַרצאַפּלען און האָט גאָרנישט געזאָגט. שכנא עפשטיין האָט דעמאַלט אַרויסגעפּליסטערט: „קום אַרייַן". אַ רגע האָט געהערשט אַ שווערע. ממש דערדריקנדיקע שטילקייט. איציק פעפער האָט פּלוצלונג זיך פאַרהאַלטן לעבן מיר, באַלד איז ער אָבער אָפּגעטראָטן, האָט זיך אָפּגעשטעלט בייַ שכנא עפשטיינס שרייַבטיש און פאָרזעצנדיק די איבערגעריסענע רייד ענערגיש אין אים אַרייַנגעטענהט: „מיר מוזן דערמיט אַ סוף מאַכן ...לאָמיר זיך ווענדן תיכף וועגן אַן אויפנאַמע אין צ״ק..."

כ׳האָב זיך דערפילט זייער אומבאַקוועם, גענומען זיך אויפשטעלן, ווי גרייטנדיק זיך אַוועקצוגיין. און דאָ האָט ווידער אָנגעשטעלט אויף מיר

זײַנע גרױסע אױגן איציק פּעפּער און פֿון זײַנע רייד איז מיר עפּעס קלאָר געװאָרן. אין דעם סאָװעטישן אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ, מיט װעלכן עס האָט אָנגעפֿירט דער װיצע־אױסערן־מיניסטער לאָזאָװסקי, איז דעם פֿאַריקן אָונט פֿאָרגעקומען אַ פּאַרטײ־פֿאַרזאַמלונג, אָדער באַראַטונג, װעלכע האָט זיך פֿאַרװאַנדלט אין אַ שרעקלעכער קריגערײַ צװישן איציק פּעפּערן און פּרץ מאַרקישן. אָפּגעשפּילט האָט זיך עס אין דער אָנװעזנהייט פֿון אַ פֿאַר־שידנאַרטיקן עולם, צװישן װעלכן עס זענען זיכער געװען „אױגן און אױערן", װאָס זענען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט געװען אין אַזאַ מין „װאָשן דאָס שמוציקע װעש" פֿון דער „שטאַרק פֿאַרדעכטיקטער" ייִדישער סביבה.

איך האָב זיך מיט קיין איין װאָרט נישט אָפּגערופֿן. דער דערפֿאַרענער פּאָליטיקער איציק פּעפּער האָט גוט געװוסט צו װאָס אַזאַ מין עפֿנטלעכע קריגערײַ קען ברענגען.

געװען איז עס מײַן לעצטער באַזוך אין דעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט.

*

„דער פֿאַרבלאָנדזשעטער זון האָט זיך אָפּגעפֿונען!" — מיט די דאָזיקע װערטער האָט מיך פֿײַערלעך באַגעגנט מײַנער אַן אַלטער באַקאַנטער אין דעם מאָסקװער ביוראָ פֿון די פּױלישע קאָמוניסטן, װאָס איז צו יענער צײַט שױן פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּױלישער אַרבעטער־פּאַרטײ אױף דער טעריטאָריע פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד.

כ'האָב זיך פֿאַר אים מודה געװען, אַז נאָך מיט אייניקע חדשים צוריק בין איך געװען אַנטשלאָסן צו בלײַבן אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד. כ'האָב אַלץ געהאָפֿט, אַז נאָך אַזאַ שחיטה איבער אונדזער פֿאָלק װעט קומען אַ פֿאַר־גיטיקונג, װעט קומען די היילונג. מײַנע האָפֿענונגען זענען אָבער אױסגע־רונען...

מײַן באַקאַנטער האָט מיר צוגעגעבן מוט: „מיר, אין פּױלן, הייבן אָן פֿון אָנהײב — האָט ער געזאָגט — מיר װעלן עס מאַכן אַנדערש".

„מיר וועלן עס מאַכן אַנדערש" — די דאָזיקע ווערטער האָבן אין מײַן זכרון אַרויסגעבראַכט די געשטאַלט, וואָס האָט אין מײַן לעבן אָפּגעשפּילט אַ באַזונדערס גרויסע ראָל, דעם וועטעראַן פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכער האָט דער ערשטער, מיט זײַן ספּעציעלן ווערק, אויפגענומען דעם קאַמף קעגן זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן — יוליאַן מאַרכלעווסקי. געגרייכט האָט דאָס מאָל מײַן זכרון צו אַ פריִערדיקער צײַט, נאָך איידער איך האָב אים געזען אין ביאַליסטאָק אין יאָר 1920 אַלס פאָרזיצער פון צײַטווײַליקן אַלפּוילישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט; און איידער ער האָט אין יאָר 1923 מיר געהאָלפן אָנקומען אין אוניווערסיטעט, ווו ער איז געווען רעקטאָר, — אויפן זכרון איז געקומען אַ דאָקומענט פון ערשטן רעוואָלוציע־יאָר אין פּעטראָגראַד. דאָרט ווערט דערציילט: בעת לעבינס אַ רעדע וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט יוליאַן מאַרכלעווסקי, דער נאָענטער חבר און מיטאַרבעטער פון ראָזאַ לוקסעמבורג, געמאַכט אַזאַ צווישנרוף:

— מיר, אין פּוילן, וועלן עס אַנדערש מאַכן...

— און אַ סך בעסער! — האָט דערויף געענטפערט לענין.

צי איז עס ווירקלעך מעגלעך געווען אין 1945סטן יאָר, אין דעם לאַנד וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם גרעסטן קבר פון ייִדישן פאָלק, ווו עס איז אָפּגעמעקט געוואָרן יעדער זכר פון אונדזער דורותדיק אײַנגעוואָרצלט לעבן?

געוואָלט האָט זיך שטאַרק, זייער שטאַרק אין דעם גלייבן!

און נאָך האָט זיך געוואָלט: אין דירעקטער שכנות מיט די מיליאָנען ייִדן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אויפשטעלן אַ ייִדיש לעבן, וואָס זאָל מיט זײַן עקסיסטענץ גופא ווערן אַ פאָרבילד פאַר די באַרויבטע פון זייערע נאַציאָנאַלע רעכט, אַ לעבעדיקער מאָנער און דערמוטיקער פאַר יענע, אויף וועלכע עס האָט אַלץ מער דערדריקנדיק זיך אַראָפּגעלאָזט די פאַרניכטנדיקע האַנט פון די שענדערס פון סאָציאַליזם.

געדענקט האָב איך דערבײַ די שבועה, וואָס כ'האָב זיך אַליין געגעבן יענעם טאָג, ווען אין זאַרינס פאַרטיזאַנער־אָפּטייל איז אָנגעקומען די שוואַרצסטע בשׂורה, — נישטאָ מער קיין ייִדן אין מינסקער געטאָ.

אויף צוריקוועגס צום שטאָב, איבערגעבנדיק זיך אין גאַנצן דער „פּירונג״ פון מײַן ווײַסן פלעגמאַטישן פערד, האָב איך איבערגעחזרט די שבועה:

אויב איך וועל לעבן בלײַבן וועל איך מער קיין מאָל, אין קיין שום פאַל און אין דער מינדסטער מאָס נישט אָפּטרעטן פון מײַן יידישער פאָלקס־סביבה, אָפּגעבן מײַן יידיש פאָלק אַלע מײַנע כּוחות.

געשווירן האָב איך עס אײנעם לאַנד, וווהין כ׳בין געקומען פון פּוילן, אַ 14־יאָריק ייִנגל, זוכנדיק דעם חבר סידאָראָוו, כּדי אויפצומאָנען בײַ אים זײַן צוזאָג. איצט, פאַרלאָזנדיק דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָב איך סידאָראָוון אַפילו קיין „זײַ געזונט״ נישט געקענט זאָגן. כ׳האָב אים אין ערגעץ נישט געפונען...

אינהאַלט

1 מיט וואָס שמעקט די ערד 7
2 תחית-המתים צום צווייטן מאָל 15
3 אַ יידיש בריוול צו לענינען 23
4 תחית-המתים צום דריטן מאָל 30
5 און קיינעם האָט מען דעמאָלט נישט איינגעזעצט . . 35
6 די שבועה ביים ברונעם 44
7 יעווסעקעס 50
8 דאָס ביסעלע מזל 63
9 דער אומגעריכטער סוף 73
10 ווער זענען מיר? 77
11 צוריק אַהיים 85
12 אונטער דער ערד און אויף דער ערד 93
13 אין שכנות מיט פאַרמישפטע צום טויט 109
14 „רעד צו אונדז וועגן דער רעוואָלוציע" 118
15 ווידער אין ראַטן-פאַרבאַנד 123
16 די לעצטע פאַרזאַמלונג 140
17 די לעצטע תפיסה 147
18 די ערשטע גרויע האָר 157
19 אין געטאָ 165
20 לעבעדיק באַגראָבן 176
21 אַ ייד אין וואַלד 188
22 דער טויטאורטייל 197
23 אָן דער שווערד 213
24 די געשיכטע פון מיין קראַנקייט 225
25 פאַר וואָס האָט מען אונדז פיינט 232
26 צי האָט דער אָפּגרונט אַ דנאָ? 254
27 ווען דער נסתר האָט פאַרטריבן דעם טויט 263
28 ווידער אַ מאָל „קראַמיע יעווריעוו" 273
29 דאָס געשפענסט פון „תחום-המושב" 278
30 ווען כ'האָב סידראַוון נישט געפונען... 283